STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07030

EREV NAKHT

B. Demblin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. דעמבלין

ערב נאכט

פארלאג "דעת"
תל אביב - ניו יארק 1954

ב. דעמבלין
דמדומי לילה

B. DEMBLIN

EREV NACHT

COPYRIGHT 1954
by
BENJAMIN TEITELBAUM
NEW-YORK, N. Y.

כל הזכויות שמורות

הילע געצייכנט פון שלמה לערנער

נדפס בדפוס „הכרמל"
תל־אביב, רח' לוינסקי 54

PRINTED IN ISRAEL



דעם הייליקן אָנדענק פון מיינע ברידער מיט זייערע משפחות:

שמואל לייב

אברהם זישע

זעלדע

הינדע

איצעלע

לייבל

יצחק און בנימין

אלע אומגעקומען דורך די היטלער־רוצחים על קדוש השם ועל קדוש העם.

קאַפּיטל איינס

דער וועג פון ריקע קיין מאָדזשיץ איז געווען נאס און בלאָטיק און פאַרלייגט מיט פערד און וועגן. פויערים, אין ברוינע, האָריקע סוקמאַנעס, אין רויט־שאָפּענע פעלצן מיט הויכע, שמוישענע היטלען; פויערטעס אין העל־קאָלירענע, געשטרייפטע פעלערינעס מיט פאַרביקע טיכלעך ווי טורבאַנען אויף די קעפּ, זענען געזעסן אין די וועגענער, אין ווייכן היי און געפּאָכעט מיט די בייטשן איבער די אויסגערוטע פערדלעך: „וויאָ! העטאָ, ווישטאָ!"

זיי האָבן געאיילט פון יאַריד, די פויערים, איידער די שפּעט־כסלו־נאַכט פאַלט־צו. פון גרויס איילעניש, פון ווען איבעריאָגן איינער דעם אַנדערן, האָבן די וועגענער זיך פאַרטשעפּעט אין די רעדער און אינגאַנצן פאַרשטעלט דעם וועג. אָרעמע פויערים, וואָס האָבן זיך געשלעפּט פון יאַריד צופוס, ווער מיט אַ נישט פאַרקויפט חזיר, אָן אָנגעבונדענעם מיט אַ שטריקל אָן הינטערשטן פיסל, ווער מיט עטלעכע געבליבענע עופות אין אַ קויש, האָבן, צוליבן פֿאַרשטעלן זיי דעם וועג, זיך געזידלט, געשפּיגן און נאָכגעשאָלטן די איילנדיקע פויערים מיט זייערע אויסגעכאָליעטע פערד און וועגן.

אין מיטן דעם געדרענג, לענג־אויס דעם שאָסיי, האָבן זיך געפּלאָנטערט צעשאָטענע בהמות, רויטע, שוואַרצע, געלע און ווייס־געפּלעקטע, נאָר אַלע פאַרבלאָטיקט ביז איבער די הערנער.

נאָך זיי, מיט אַ בייטשל אין האַנט, איז געלאָפן יערמע דוד, אַ ייִד מיט אַ רויטער, שפּיציקער באָרד, אין אַ ברוין, פּליושן ווינטער־היטל איבער די אויערן און צוויי פאַרהויבענע, פאַרבלאָטיקטע פּאָלעס, איבערגעבונדן מיט אַ שטריק אַרום גאַרטל.

ווייט הינטער אים איז געגאַנגען פּאַוואָליע דער שותף זייַנער, חיימקע, אַ זאַיִקער ייִד, אין פּונקט אַזאַ פּליושן היטל מיט פּונקט אַזעלכע פאַרהויבענע פּאָלעס, און געטריבן די עטלעכע רואיקע בהמות, וואָס זענען געגאַנגען ביים ברעג פון שאָסיי, איינע הינטער דער אַנדערער אין אַ גלייַכער ריי. און פּונקט ווי די בהמות אַזוי איז ער אַליין, חיימקע, געווען רואיק, עס זאָל אים דאָס אָנהייבן צו אַרן וואָס יערמע דוד יאָגט זיך דאָרטן אַזוי אָן אויפהער נאָך די ווילד געוואָרענע „שטיקלעך".

יערמע דוד איז געווען פאַרשוויצט פון לויפן און רויט פון כעס. ער האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות סיי דעם שותף זייַנעם, דעם זאַיִקע, וואָס גאַרנישט אַרט אים, סיי די מאָדזשיצער קצבים, וואָס האָבן אים נישט געלאָזט

פריער ארויסרירן מיט די פּאָר „שטיקלעך". נאָר מער פון אלעמען האָט ער געשאָלטן די פויערים, וואָס זיצן זיך ווי „כראַביעס" אין די וועגן אויפן ווייכן היי, טרייבן די אויסגעכאַליעטע פערד און צעיאָגן אים בכיוון מיט די בייטשן די סטאַדע בהמות.

יערמע דוד איז איצט אין כעס געווען אויף דער גאנצער וועלט. גראָד היינט, ווייל ער איילט זיך וואָס פריער צו זיין אינדערהיים, גייט אים אזוי שלימזלדיק! קאָן ער אלץ נישט צונויפטרייבן דאָס ביסל בהמות אויפן פרייען וועג־ארויס. און גראָד היינט האָט יערמע דוד א סיבה זיך צו איילן.

באגין, איידער ער איז אוועק אויפן יאריד, איז חנה לאה געווען אין הויכע ווייען. וואָס אן אמת, ער האָט אויך גיך אָפּגעטאָן אלץ, וואָס א מאנצביל קאָן אין אזא צייט טאָן. קודם האָט ער צונויפגעשלעפּט יעדעס שפּענדל האָלץ, וואָס ער האָט געהאַט אין קעמערל. אין אזא צייט באדארף מען זען ס'זאָל זיין ווארעם אין שטוב. ער האָט אויך אָנגעטראָגן א פולע פאס מיט וואסער און צעשטעלט פולע טעפּ אויף דער פּליטע צו ווארעמען. דערנאָך איז ער אוועקגעלאָפן נאָך דער הייבאם.

די אלטע שרה, די מאָדזשיצער הייבאם, איז גראָד אין בלויען באגין געשטאנען ביים אָנגעהייצטן אויוון און געהיט די לעקעכער, וואָס זי באקט אין. מארק ארײן אויף צו פארקויפן. די יידענע, דערזעענדיק אים, האָט נעבעך גיך ארויסגענומען די בלאסע לעקעכער פון אויוון, אין גרויס געאייל געכאפּט אויף זיך די רויט־פּליושענע שובע, און שוין מיט אים געלאָפן צו חנה לאה'ן. פונדעסטוועגן שרעקט אים זייער ס'הארץ. אזא לאנגער טאָג! ווער ווייסט, וואָס אינדערהיים הערט זיך?

יערמע דוד'ס היינטיקע אומרואיקייט איז געקומען פון א לאנגסטיק שולד־געפיל, וואָס ער טראָגט שוין אין זיך שיינע עטלעכע יאָר. וואָרום חנה לאה איז גראָד געווען א גרינגע געווינערין. שרה די הייבאם פלעגט זיך גאָר נישט קאָנען אָפּוואונדערן וואָסער בריה חנה לאה איז געווען אין קינדלען. איידער מ'האָט זיך רעכט אומגעקוקט איז זי שוין געווען פּארטיק און נאָך עטלעכע טעג איז זי אין גאנצן אראָפּגעקראָכן פון בעט. האָט אים איינמאָל, בעת א קימפּעט דער טייוול אָנגעטראָגן ער זאָל איר אן עין־הרע געבן. עפּעס איז אים דענצמאָל געווען זייער ביטער אויפן הארץ. צו וועמען אויסצולאָזן דעם כעס האָט ער גראָד נישט געהאַט, האָט ער חנה לאה'ן דערלאנגט עטלע־כע קללות אין בעט־ארײן. גראָד איז די מאמע זיינע געווען ביי דער קימפּעט און באדארפט הערן ווי ער שילט חנה לאה'ן אין אזא צייט. און ליב־געהאַט די שנור האָט גראָד די מאמע זייער שטארק, האָט עס איר פארקלעמט ביים הארץ:

— הא, אין א קימפּעט? — האָט זיך די מאמע שיער נישט צעוויינט — אָנשטאָט אָפּגעבן א שבח צו זיין ליבן נאָמען, אָנשטאָט צוגיין צום בעט און

אַנווינטשן דעם ווייב זי זאָל זיין א געזונטע מאמע, שילט ער זי גאָר!

פון גרויס פארדרוס האָט די מאמע זיך דענצמאָל געטאָן א כאַפּ ארויס:

— מאַן זיהן, איידער איך זאָל פון דיר נאָך אמאָל אזוינס הערן, זאָל איך בעסער ביי דיר קיין קימפּעט נישט דערלעבן!

ביזן היינטיקן טאָג איז יערמע דוד זיכער, אז דאָס איז געווען א פאַר־שאָלטענע רגע. וואָרום מער קיין קימפּעט האָט די מאמע שוין טאַקע ביי אים נישט דערלעבט. און חנה לאה איז דענצמאָל אויך שיער געגאַנגען פון דער וועלט. ס'קינד, נישט איצט געדאַכט, איז אוועקגעקומען אין קימפּעט און די קימפּעטאָרן אליין האָט מען ממש ארויסגעריסן פון מלאך המות'ס הענט!

נאָך יענעם מאָל האָט שוין חנה לאה געהאַט נאָך צוויי קימפּעטן און ביידע מאָל איז געווען הימל עפּן זיך! ווען יידן זאָלן נישט געווען זאָגן תהילים פאר אירטוועגן, ווען מען זאָל נישט געווען רייסן קברים, וואָלט זי שוין חלילה היינט צווישן די לעבעדיקע נישט געווען. און דאָס איז דאָך אַלץ צוליב אים, צוליב זיין בייז מויל! איין גאָט אין הימל איז אַן עדות, אז ער האָט גלייך חרטה געהאַט און פון דענצמאָל אָן איז נישט אוועק א טאָג ער זאָל נישט חרטה האָבן אויף יענע קללות. אָבער וואָס קומט ארויס, אז אין הימל נעמט מען די חרטה נישט אָן! וואָרום ער זעט דאָך באַשיינפּערלעך, אז מען וויל אים דאָרט נישט מוחל זיין. ווייל ער בעט אויף א טאָכטער, א נאָמען נאָך דער מאַמען, שטראָפט מען אים רק מיט יינגלעך!

אָט צוליב דעם איז דאָס יערמע דוד אזוי אומרואיק געווען. דעריבער איז ער דאָס אזוי געלאָפן צווישן די וועגענער אזא פארביטערטער און כעסדיק געפּאָכעט מיט דער בייטש איבער די פארבלאָטיקטע זאַדקעס פון די קי:

— אַנאָ, אַנאָ, בידלע!

נאָר טאָמער איז דאָס געווען ווינציק האָט נאָך גענומען א פּרעסטל. דער בלאָטיקער שאָסיי האָט אָנגעהויבן הארט ווערן. עס איז אויך צוגעפאלן די נאַכט. דער פארכמאַרעטער הימל איז געוואָרן בלוי און טונקל. פון די נאַקעטע פעלדער האָט געיאָגט מיט קעלט און מיט אומעט. וואָס ווייטער פון שטאָט האָבן אַלץ מער פערד און וועגן זיך אראָפּגענומען פון שאָסיי און זיך צעלאָזט אין א גאלאָפּ איבער די היימישע שטעגן, אין די דערפער אריין, צו די איי־גענע כאַטעס, וואָס האָבן געמאַניעט מיט וואַרעמער ליכטיקייט.

יערמע דוד האָט ענדלעך געקאָנט צונויפטרייבן די כאָפּטע בהמות אין מיטן וועג־אריין, זיך אויסגלייכן מיט חיימקען און אויף אַן אמת זיך פארנעמען אהיים, קיין מאָדזשיץ. איצט, אז דער אויבערשטער וועט נאָר וועלן און אַלץ וועט גיין כשורה, וועט ער ארום האלבע נאַכט זיין אינדערהיים.

אָפּגייענדיק א שטיקל וועג האָט זיך יערמע דוד געכאַפּט, אז ער האָט נאָך קיין מנחה נישט געדאַוונט. אין מיטן יאָגן זיך נאָך די „שטיקלעך" האָט ער שיער אָן יידישקייט פארגעסן!

יערמע דוד האָט געלאָזן חיימקען מיט דער כאַפּטע בהמות פאַראויס און אליין האָט ער זיך אראָפּגעבויגן איבער א פרירענדיק בלאָטקעלע, איינ־געטונקט די שפּיצן פינגער אין א וואסערל, וואָס איז שוין געווען פארצויגן מיט א דין אייז־הייטל און געגומען דאַוונען מנחה.

דער ברייטער, ריקער שאָסיי האָט דערווייל נישט גערוט. מאָדשזיצער טאַנדייטערס, שוסטערס און שניידערס, שניט־קרעמערס און צעלניקער האָבן פארבייגעצויגן אויף זייערע הויך־אָנגעלאָדענע וועגן מיט סחורה. יעדעס מאָל, וואָס אזא וואָגן האָט פארבייגעצויגן האָט די כאַפּטע בהמות זיך אויפסביי צעשאָטן אין אלע זייטן.

כל זמן יערמע דוד האָט נאָך געמורמלט „קרבנות" און „אשרי" האָט ער נאָך געהאָלפן דעם שותף זיינעם צונויפהאלטן די „שטיקלעך". מורמלענדיק ס'דאַוונען איז ער דערווייל געלאָפן מיטן בייטשל אזוי זייטיקלעך הין און צוריק און אין מיטן דער עברי אריינגעבראָקט א וואָרנונג צו די קי, זיי זאָלן זיך האלטן אין דער מדרגה: „אנאַ, אנאַ, בידלע"! אָבער ער האָט זיך באדארפט שטעלן „שמונה עשרה", האָט ער געמוזט לאָזן חיימקען מיט די בהמות און אליין האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צוריק צו ריקע, וואָס איז אין מזרח, און זיך געשטעלט שאָקלען מיט גרויס כונה.

יערמע דוד האָט איצט פרום פארמאכט די אויגן, די פארבייפאָרנדיקע פערד און וועגן זאָלן אים נישט אראָפּשלאָגן פון דער מחשבה און אים נישט שטערן ס'דאַוונען. אזוי איז ער אפילו א פּראָסטער יונג, יערמע דוד, קאָן קוים עברי, אָבער פאר גאָט האָט ער מורא און דאַוונען היט ער אָפּ ווי ער זאָל נישט זיין, בפרט איצט, ווען ס'הארץ איז אים אזוי שווער, ווען חנה לאה דארף נעבעך האָבן גרויס רחמים און דער עיקר — — —

יערמע דוד האָט דאָס איצט, ביים „סלח לנו", זיך געוואָלט אויסטענה'ן מיטן רבונו של עולם. פארוואָס פייניקט ער אים אזוי? פארוואָס וויל ער אים נישט מוחל זיין דער מאמעס טויט? ער, אין הימל, ווייסט דאָך יאָ, אז ער האָט חרטה. פארוואָס־זשע וויל ער אים אלץ נישט מזכה זיין מיט א טאָכטער, א נאָמען נאָך דער מאמען, עס זאָלן איר אראָפּגענומען ווערן די שערבעלעך פון די אויגן?

האָט גראָד איצט, אין מיטן יערמע דוד'ס ארויסלייגן זיין פעקל טענות, געדארפט דער שותף זיינער, דער זאַאיקע, זיך צעשרייען מיט א באַנומען קול:

— יערמע דוד! יערמע דוד!

יערמע דוד האָט אין מיטן דער „שמונה עשרה" געטאָן א קערעווע־אויס דעם קאָפּ. פינצטער איז אים געוואָרן אין די אויגן! די כאַפּטע בהמות איז געווען צעשאָטן און צעלאָפן אין אלע זייטן. חיימקע, מיט די פארהויבענע פאָלעס און מיטן בייטשל אין דער לופט, איז געלאָפן אין א ראָד ווי א מטורף. אָט האָט ער, דאכט זיך, צונויפגעטריבן די בהמות און שוין זענען זיי זיך

ווידער צעלאָפן אין אלע זייטן. נאָר ווייטער פון אלע, אראָפּ אין פעלד, איז געשטאַנען דאָס יונגע ביקל מיט צענומענע פיס און א פארהויבענעם ווידל, גלייך עס וואָלט פלוצים דערזען דעם שוחט׳ס חלף און עס האָט זיך געשטעלט שנאַפּן ווי אזוי פון דעם דאָזיקן חלף צו אנטרינען.

יערמע דוד האָט נעבעך אויף גיך געטאָן א שלינג־אריין דאָס געבליבענע שטיק „שמונה עשרה" און שוין גענומען לויפן איבער די נאַסע, מיט דינע אייז־הייטלעך פארצויגענע פעלדער גלייך נאָכן ביקל.

געלאָפן איז ער געשיקט און מיט שכל. אָבער וואָס קומט ארויס, אז אלעמאָל, ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אז אָט־אָט פארשטעלט ער מיט זיינע אויסגעשפרייטע אָרעמס דעם ביקלס וועג, האָט גאָר די חיה געטאָן א שפרונג אויף אים, אומגעוואָרפן אים ווי גרויס ער איז אין די צעיוירענע גריבלעך אריין און אליין גענומען לויפן אָן אָפּשטעל אין דער ווייטער פינצ־טערניש־אריין.

אָפּיאָגנדיק זיך אזוי א לאנגע צייט איז יערמע דוד געבליבן שטיין אין מיטן פעלד אויסגעשעפּט פון די כוחות. דערצו נאָך איז ער געווען נאַס און אויסגעטאָרליעט אין די בלאָטעס.

— וואָס טוט מען איצט ? — האָט ער גערעדט צו זיך אליין. ס׳ווערט פינצ־טער. חיימקע דערווייטערט זיך. דער זאַאיקע האָט ווי עס איז צונויפגעטריבן די קי און גענומען שטעלן פיס. אָט באלד וועט ער אים אינגאַנצן פארלוירן ווערן פון אויג. קיין באַלעגאָלעס מיט זייערע פערד און וועגן זעט מען שוין אויך נישט. דער ריקער וועג ווערט פוסט און אומהיימלעך. זאָל ער אפשר אויך זיך פארנעמען אהיים ? וואָס וועט אָבער אָשרל קצב זאָגן ? ווי קאָן ער זיך גאָר ווייזן פאר אים אָן דעם ביקל ?

יערמע דוד האָט געפילט ווי די טרערן שטיקן אים אין האלדז. א הילפ־לאָזער, מיט פארהויבענע הענט צום הימל, איז ער געשטאַנען און זיך גע־בעטן :

— רבונו של עולם, האָסט מיך נאָך אלץ נישט גענוג געשטראָפט ?

דער הימל איז אָבער געווען שטום, שטום און פינצטער, אָן א סימן, אז אויבן הערט מען אים. ער האָט צוריק אראָפּגעלאָזט די הענט. אָן איינגעבוי־גענער האָט ער ווידער גענומען שלעפּן די פיס אין דער פינצטערניש־אריין, ווו דאָס ביקל איז געשטאַנען ווי עפּעס א נישט גוטער, רחמנא לצלן, וואָס האָט אין מיטן פון וויסטע פעלדער זיך גענומען טרייבן ליצנות מיט אים.

די חיה האָט, ווייזט אויס, זיך בלויז געשטעלט שנאַפּן פון וואַנען דאָס גערעג וועט זיך ווידער אָנהייבן. וואָרום ווי נאָר דאָס ביקל האָט דערזען, אז יערמע דוד נעמט זיך צאַיען און רוקן, האָט עס אויפסניי זיך געטאָן א צעלאָז איבערן פעלד ביז עס איז אים אינגאַנצן פארלוירן געוואָרן פון אויג.

יערמע דוד האָט שוין איצט נישט געהאט נאָך וואָס צו לויפן. חוץ דעם

איז אים געווען זייער שווער צו שטעלן א פוס. די גרויסע, זעלנערישע שטיוול, אָנגעפאַקט מיט שטרוי־וויעכטשעס און אָניצעס, זענען אים געווען פול מיט וואַסער און ביי יעדן טריט איבער די דינע אייז־הייטלעך איז אים אַלץ מער אריינגערונען.

מיט גרויס מי האָט ער זיך קוים אַרויסגעדראַפּעט פון די זומפּן. מיט מורא אין האַרץ האָט ער זיך גענומען שלייכן אין דערבייאיקן דאָרף־אַריין.

דאָס דאָרף איז געווען פינצטער. די כאַטעס, איןביידע זייטן וועג, איינ־געהויקערטע, אַרומגעצוימטע מיט פּאַרקאַנעס און מיט גערטנדלעך, האָבן געאָטעמט מיט שטילקייט און מיט פּחד. בלויז דאָ און דאָרט האָבן פון קליינע, נידעריקע פענצטערלעך אַרויסגעשיינט שוואַכע ביסלעך ליכט, וואָס זענען געפאַלן קרום, איבער די פּאַרקאַנדלעך, אַרויס אין מיטן בלאָטיקן וועג־אַריין.

כאָטש יערמע דוד האָט זיך געשלייכט שטיל, האָבן דאָך די הינט זיך צעבילט פון אַלע זייטן און צוזאַמען מיטן געבילערייַ האָבן זיך געעפנט טירן און דראָענדיקע שטימען האָבן געפּרעגט אין דער פינצטער אַריין:

— ווער איז דאָס?

אַנדערע פויערים זענען גאָר ווי שאָטנס אויסגעוואַקסן לעבן די פּאַר־קאַנדלעך און אַריבערגערעדט:

— וואָס ווילסטו דאָ, ייִד? די שטאַלן אַרומשמעקן? א פערד אַרויס־גנבענען?

מיטן היטל אין האַנט, ווי א בעטלער, מיט א צאַפּלדיקער נשמה, ווי א ייִד, איז יערמע דוד געבליבן שטיין און מיט תחנונים אין קול זיך געבעטן:

— גוטע מענטשן, א ביקל איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען. דאָ, צווישן אייערע שטאַלן איז עס פאַרשוווּנדן. א שוואַרץ ביקל מיט א ווייס שטערנדל. עס איז נישט מייַן. א קצב האָט עס מיר געגעבן אַהיימצוטרייבן. האָט רחמנות, גוטע מענטשן! אָן דעם ביקל טאָר איך נישט אַהיימקומען!

קאַפּיטל צוויי

אין דעם בלוי־קאַלטן באַגין, ווען שרה די הייבאַם איז געקומען אָנצו־לויפן העגדום־פּעגדום צו ירמיה־דוד'ן אין שטיבל אַריין, האָט זי דאָרטן אָנגע־טראָפן א שיף אָן א רודער. אויפן נאַקעטן, רוי־האָלצערנעם טישל, אין מיטן שטוב, האָט נאָך געקאָפּטשעט דאָס קליינע, פּינפּער לעמפּל. אונטער דער פּליטע האָט הפקרדיק געבערנט אַן אויף־דער־גיך אָנגעלייגט פייער. אין איין בעט, לעבן פענצטער, וואָס איז נאָך געווען פאַרמאַכט אויפן לאָדן, איז געזעסן דער פיר־יעריקער אברהם יאַנקעלע א פאַרוויינטער, א דערשראָקענער. לעבן אים, א האַלב־אָנגעטאָענער, מיט די באָרוועסע פיס אויף דער קאַלטער פּאָד־לאָגע, איז געשטאַנען דער גרעסערער ברודער זיינער, דער צוועלף־יעריקער גמרא־בחור לייבל משה, וואָס כאָטש אים אליין האָט געקלאַפּט א צאָן אָן אַ צאָן פון דער מאַמעס פּלוצימדיק קרעכצן און שרייען, האָט ער דאָך געזוכט צו באַרויִקן דאָס ברודערל און אים העלפן זיך אָנטאָן אויף־דער־גיך, ווי דער טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט. אין אַנדערן בעט איז געלעגן חנה לאה און געשטיקט אין זיך די ווייען, וואָס האָבן זי אַזוי ראַפּטום א נעם־געטאָן אין מיטן באַגין, ווען א הויף מיט מענטשן איז אין רעכטן מיטן שלאָף. צווישן איין קרעכץ און א צווייטן האָט זי דערווייל מיט א האַנט געמינטערט די „מויד", די זיבן־יאָריקע הינדע פייגע, וואָס איז געשלאָפן לעבן איר מיט א צעפּלאָשעטן קאָפּ מיט האָר, אַז מ'האָט גאָר קיין פּנים ביי איר נישט אַרויס־געזען:

— שטיי־אויף, הינדעלע, שטיי־אויף!

דאָס קליינע לעקעך־יידינקעלע, אָן אָנגעפּעלצטע אין טיכער און שובעס, האָט גיבעך געטאָן א פּאַל־אַריין אין דער שטוב אָן אָטעם. די אַלטע שרה קאָן, דאַנקען גאָט, יעדע געווינערין אין שטאָט. זי ווייסט צו וועמען מען דאַרף איילן און צו וועמען נישט. זי ווייסט, אַז ווען חנה לאה האָט געשיקט ירמיה דודן אין מיטן באַגין, מיינט עס — שוין! איז זי גיבעך געלאָפן מיט די קליי־נע, דראָבנע טריטעלעך איבער דעם פאַרשלאָפענעם מאַרק אָן אָפּשטעל און אַריינקומענדיק האָט זי אפילו קיין גוט מאָרגן נישט געזאָגט, נאָר גלייך גענומען אַרויסשיילן דאָס שמאָלע, צעקנייטשטע פּנימל פון דער וואָלענער דערע־אַרויס. פּונקט אַזוי געשיקט האָט זי געטאָן א וואָרף־אַראָפּ פון זיך די פּליושענע שובע און, אָט אַזוי, אין ברייטן, פאַרמעליקטן, מאַרק־זיצערישן און בעקערישן פאַרטוך, האָט זי זיך שוין גענומען פאָרען צו ברענגען א ביי

נפשל אויף דער וועלט, דערביי האָט זי זיך גענומען שאַפן מיט דעם צעטומלטן ירמיע דוד ווי מיט אַ שיק־יינגל:

— גן־עדן־פירער — האָט זי זייטיקלעך אים אַ פרעג געטאָן — האָסט אָנגעטראָגן גענוג וואַסער? און האַלץ אין שטוב איז דאָ? באַדאַרף יעך דיך מער נישט. קאָנסט זיך שוין גיין געזונטערהייט. אַז יעך באַדאַרף נישט קיין מאַנצביל אין שטוב!

ירמיע דוד האָט זיך גראָד נישט ווייסנדיק געמאַכט איבער דער אַלטערס שאַפן זיך מיט אים. ער קאָן די אַלטע שרה. נישט נאָר איר אייגענעם מאַן, דעם אַלטן חיים הערש, וואָס קאָן טאַקע, וואָס אַן אמת, אַ קאַץ דעם עק נישט פאַרבינדן, נאָר יעדן מאַנצביל רופט זי גן־עדן־פירער. וואָרום וואָס נאָך, אומשטיינסגעזאָגט, קאָן איר דער אַלטער חיים הערש געבן חוץ אַ פוסנבעקלעלע אין גן עדן? וועט ער זיך דאָ שטעלן מיט איר אויסטענהן? אַז אים ליגן גאָר די קינדער אין זינען, דער עיקר די יינגלעך. איידער ער לויפט אַוועק אויפן יאַריד וויל ער באַזאָרגן די יינגלעך אין די חדרים־אריין. עס איז אפילו באגין, אָבער די מלמדים וועלן אוודאי קיין פאראיבל נישט האָבן. גלייכער די יינגלעך זאָלן פריער גיין אין חדר, איידער זיין אין דער שטוב, ווו די מאַמע זייערע גייט־צו־קינד.

— אַ סוף, אַ סוף, לייבל משה — האָט ער געמינטערט דעם גמרא־בחור — גיס זיך אָפּ די נעגל, גיך!

ערשט איצט, אַז די „דריי מאַנצבילן" זענען אַרויס פון שטוב, האָט די אלטע שרה זיך געטאָן אַ צעפּאָר מיט די קליינע, פּלינקע הענטלעך. קודם האָט זי אַרויסגעטריבן „די מויד" פון דער מאַמעס בעט. ביי לייטן האָט מען שוין פון אַזאַ „מויד" אַ נוצן און דאָס טוליעט זיך נאָך צו דער מאַמעס פאַרטוך. ווי אַ באַלעבאָסטע ביי זיך אין הויז איז זי צו צום גרינעם קופערט, אַרויסגעשלעפּט צוויי ליילעכער און מיט זיי גענומען פאַרהענגען חנה לאה'ס בעט, ווי פאַר אַ קימפּערטאָרן געהער צו זיין. דערנאָך האָט זי גענומען אונטערבלאָזן מיטן פאַרטוך ס'פייער און איבערשטעלן די טעפּ טיפער אין די פייערקעס, ס'וואַסער זאָל זיך גיכער אָנוואַרעמען. אינמיטן דערינען איז זי גאָר געבליבן שטיין מיטן קליינעם, דאַרן הענטל אונטער דעם שארפן, איינגעטריקנטן גאָמבעלע, ווי זי וואָלט עפּעס באַטראַכט. באַלד האָט זי געטאָן אַ לויף צו צום טיש געכאַפּט אַ מעסער און עס גיך אונטערגעלייגט חנה לאה'ן צוקאָפּנס. ביז גאָט וועט העלפן, ס'קינד וועט אין אַ מזלדיקער שעה פאַלן אויף דער וועלט, איידער מען ווייסט נאָך וואָסערע שיר המעלות'ן אויסצוהענגען, פאַר אַ זכר צי פאַר אַ נקבה, דאַרף מען דערווייל אויסהיטן די געווינערן פון די „נישט־גוטע", זיי זאָלן חלילה איבער איר קיין שליטה נישט קריגן.

אַז די אַלטע שרה האָט אַלע צוגרייטעכצן פאַרטיק געהאַט און ס'קינד

האָט נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן צו גיין, האָט זי זיך בנעימותדיק צוגעזעצט אויף חנה לאה'ס בעט, הינטערן פאַרהאַנגענעם ליילעך און געטומען אַנגרייטן וויקל־שנורן און ווינדעלעך, דערביי האָט זי מיטן קליינעם, איינגעטריקנטן מיילעכל צוגעגעבן חנה לאה'ן קוראַזש:

— קוועטש דיך, חנה'שי, האָסט די פּעפּערס ווו! שריי, שריי! דער אויבערשטער זאָגט דאָך: „מענטש טי, על יעד דיר העלפן צי״.

און חנה לאה האָט זי טאַקע געפאָלגט. איצט, אז יערמע דוד איז שוין דאַנקען גאָט אַוועק אויפן יאַריד און אינדרויסן איז שוין באַלד גרויסער טאָג, מעג זי זיך דאָך נאָכלאָזן און כאָטש שרייען. פריער האָט זי זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות. זי האָט נעבעך אין זיך דערשטיקט די געשרייען אבי נישט אויפצוועקן א הויף מיט מענטשן. חוץ דעם, וואָס משטיינס געזאָגט וועט זי זיך דאָ איבערנעמען? און ביי וועמען? ביי יערמע דודן? וואָסי? ס'איז דען אן ערשטלינג? דערצו נאָך, ווער ווייסט? אפשר גייט דער אויבערשטער איר ווידער געבן אַ יינגל און יערמע דוד וועט ווידער אויסלאָזן וואָס אויף זיין ביטער האַרץ צו איר קאָפּ און לייב־און־לעבן פאַר נישט האָבן אים אַ טאָכטער, דער מאַמעס נאָמען.

חנה לאה'ס ווייען האָבן זיך געשטאַרקט. זי האָט איצט געשריגן מיט אַלע כוחות. אירע קולות האָבן זיך צעטראָגן איבער דעם פרימאָרגנדיק פאַרשלאָפענעם הויף און אַרויסגעשלעפּט די שכנים פון די בעטן. אַלע ווילע האָט זיך אין אַן אַנדער ווינקל־הויף געעפנט אַ טיר פון אַ הייזל און אַ ייד אין אַן אויסגעפּעדערט קאַפּל מיט אַ צעקנייטשטער, פאַרקאָלטנטער באָרד האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן און א קרעכץ געטאָן:

— נעבעך ס'מזל פון דער נקבה.

און די ווייבער, שכנה'ס מיט וועמען חנה לאה האָט יעדן שבת געלייענט ס'טייטש־חומש און אין שול זיי פאַרגעזאָגט ס'דאַווענען, זיי האָבן גיך געכאַפּט אויף זיך ווער אַ שובע, ווער אַ דערע און געקומען אַנצולויפן הינטער חנה לאה'ס פענצטער פאַרזאָרגטע, פאַרזויערטע, באַוויינענדיק דער פרויס דאָליע, וואָס איז נעבעך פאַרשאָלטן געוואָרן פון גאָט אַזוי שווער צו געבערן. אַנדערע, מער נאָענטע, זענען מיט פלאַטערנדיקע הערצער געקומען אַנצו־לויפן צו חנה לאה'ן אין שטוב און דערווייל אָנגעטראָגן אַ שאַרפע, פרימאָרגנדיקע קעלט.

צוליב דעם אָנגעלויף און צוליב דער מאַמעס געשרייען האָט דאָס קליינע הינדעלע פייגעלע זיך ביטער צעוויינט, באהאַלטנדיק דאָס צעשראָקענע פּנימל אין טאַטנס איבערבעט. די אַלטע שרה, ווידער, איז פון דעם אָנגעלויף גאָר צוטומלט געוואָרן. זי האָט נישט געוווסט וואָס זי טוט, האָט זי גענומען טרייבן די אָנגעלאָפענע ווייבער ווי מען טרייבט הינער:

— אַרויס! גייטס! ווער דאַרף ענק דאָ? געזען אַביסל, אַ קעלט זיי האָבן דאָ אָנגעטראָגן?!

דאָס אַלטע לעקעך־יידינקעלע איז נאָך פון פריער געווען בייז. די גאַנצע צייט, זינט יערמע דוד האָט זי אַהערגערופן, זיצט זי ווי אויף שפּילקעס. דאָס ביסל לעקעכוואַרג, וואָס זי האָט אויף גיך אַרויסגעכאַפּט פון אויוון, ליגט דאָרטן און וואַרט אויף איר. אין דרויסן איז שוין גרויסער טאָג און ס׳טראַגאַנדל אין מאַרק איז נאָך לער. איר גן־עדן־פירער, דער הויכער חיים הערש, וועט חס ושלום נישט איבערלאָזן ס׳בית מדרש אויף איין רגע אפילו, אַרויסצוגיין אין מאַרק מיטן ביסל סחורה לייזן אַ גילדן. די בנים, ווידער, די זין אירע, זענען פונקט ווי דער טאַטע. ווייסן אויך נישט וווּ־אויס און וווּ־איין. אַז זי לאָזט שוין יאָ וועלכן ביים סטראַגאַנדל, שטעלט מען זי בדיל־הדל. ווען זי איז באַגין אהער געלאָפן האָט זי געמיינט עס וועט זיין אַ גיך האָבן און דאָ הייבט עס זיך גאָרנישט אָן! די שעהן גייען און מען זעט נישט און מען הערט נישט, אָן איי אויף נעכטן! די ווייען זענען נאָך אַלץ טרוקענע, ווי ביי אַן ערשטלינג!

— אוי, חנה לאה — האָט די אַלטע שרה, נאָכן אַרויסטרייבן די ווייבער, זיך צוריקגעזעצט און גענומען מוסרן די געווינערין — זאָלסט מיר גאָר געזונט זיין, חנה׳שי. עפּעס ביזטו גאָר נישט די אייגענע. פלעגסט אַמאָל זיין אַ בריה אַ ווייבל. איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט ביזטו געווען פאַרטיק, לא עלינו, קרעכצסט און קרעכצסט און עס הייבט זיך ביי דיר גאָרנישט אָן!

חנה לאה האָט זיך דערפילט שולדיק. ווער ווייסט? אפשר האָט זי טאַקע צו פרי געשיקט יערמע דודן נאָך איר? אומשטיינסגעזאָגט, פאַר די עטלעכע גילדן וואָס זי קאָן דאָ קריגן, דאַרף זי נאָך זיצן און וואַרטן אויך.

— ווייסט איר גאָר וואָס, שרה׳שי? — האָט חנה לאה, אין מיטן די ווייען, געזאָגט צו דער אַלטער — גייט אפשר צוריק אַהיים צום ביסל לעקעך. וואָס וועט איר דאָ זיצן? לויט ווי מיר דאַכט זיך קאָן עס נאָך געדויערן ווער ווייסט ווי לאַנג. כ׳בין דאָך חלילה נישט אין קיין וואַלד. ס׳מיידל איז דאָך אין שטוב. אַז כ׳וועל שפּירן ס׳האַלט ביים שטיך וועל איך זי אַ שיק טאָן נאָך ברײַנדלען, זי זאָל לויפן נאָך אייך.

ברײַנדל, חנה לאה׳ס אַ קרובה, וואָס איז צוגלייך מיט די אַנדערע ווייבער געקומען אַנצולויפן און אויף גיך זיך גענומען איינגעמען די קליינע הינדע פייגע, זי אַנטאָן און פאַרקעמען איר די האָר, איז אליין געווען ערב קימפּעט. אַ יונג ווייבל מיט פרישע, רויטע באַקן, נישט לאַנג נאָך דער חתונה. דערהערנדיק דעם שמועס צווישן חנה לאה׳ן מיט דער אַלטער שרה, איז זי געוואָרן בלאַס און דערשראָקן. וואָס הייסט איבערלאָזן אַ געווינערין אין מיטן די ווייען און גיין־אַהיים צו לעקעך? אַליין אַ יונג ווייבל, אַ ציג נאָך, וואָס האָט נאָך קיינמאָל קיין קינד נישט געהאַט, דערצו נאָך האָט איר דער גילדן אויך נישט געפעלט, האָט זי זיך געפילט

תקיפער פון חנה לאה׳ן. זי האָט געלאָזט זיצן די קליינע הינדע פייגע מיט איין פאַרפלאָכטן צעפּל, זיך צוגעשאַרט מיטן פאַרשפּיצטן בויך צום פאַר־האַנגענעם ליילעך און כמעט דראָענדיק גענומען וואָרענען די אַלטע:

— שרה, איר זאָלט דאָס נישט דערוועגן צו טאָן!

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער, אַז חנה לאה האָט כמעט אויפגעהערט צו קרעכצן, איז ביי ברײַנדלען אויסגערונען די תקיפות. נאָך אַלעמען, וואָס ווייסט זי? חנה לאה האָט דאָך שוין פאַרט געהאַט פינף קינדער, און די אַלטע שרה ווייסט דאָך אוודאי בעסער. די גאַנצע שטאָט האָט זי דאָך אָפּגענומען! איז אפשר טאַקע? נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס ביסל לעקעך פאַרט איר פּרנסה. חוץ דעם ווי ווייט איז דען? א מינוט און זי איז שוין ביי דער אַלטערס סטראַגאַן.

די לעקעך־יידענע האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. ס׳איז דאָנערשטיק. באַלעבאָסטעס דאַרפן, ברוך השם, מאַנדלעך און קיכלעך אויף שבת. וואָס־זשע וועט זי דאָ אויסזיצן? האָט זי אויף גיך אַרויפגעכאַפּט די געפּאַלדעוועטע שובע, צוריק ארומגעהילט ס׳שמאַלע קעפּל אין דער וואָלענער דערע און אַנזאָגנדיק חנה לאה׳ן זי זאָל, למען השם, נישט וואַרטן, נאָר גלייך שיקן נאָך איר, ווי נאָר זי וועט דערשפּירן אַ שאַרפן ווײ, האָט זי שוין גענומען לויפן מיט די דראָבנע טריטלעך הענדום־פּענדום צוריק אַהיים צום ביסל לעקעך.

נאָך שרה׳ס אַוועקגיין איז נאָך ברײַנדל געבליבן אַ היבשע ווײַלע. זי האָט דערלאַנגט חנה לאה׳ן אַביסל טיי אין בעט־אַרײַן. זי האָט געהאָלפן דער קלענער זיך וואַשן און געזאָגט מיט איר „מודה אני״. דערנאָך, אַז חנה לאה׳ס ווייען האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט, האָט זי גענומען די קליינע הינדע פייגע מיט זיך, איר געבן עפּעס עסן, און פאַר איין וועג אויך צוגרייטן אָנבייסן פאַרן מאַן אירן, וואָס דאַרף באַלד קומען פון דאַוונען אין בית המדרש.

חנה לאה איז געבליבן איינע אליין אין שטוב. צוליב דער פּלוצימדיקער שטילקייט האָט זי שטאַרקער דערפילט דעם זשום אין קאָפּ, וואָס איז איר געבליבן פון די ווייען. זי האָט אויך דערפילט ווי אָפּגעשוואַכט זי איז. פריער, כל זמן די ווייען האָבן גענומען שטאַרקער און שטאַרקער, האָט זי נישט געפילט די אָפּגעשוואַכטקייט. דערצו נאָך האָט א שאַרפע מורא גענומען דריקן איר הארץ. גאָט ווייסט וואָס דאָ רוקט זיך אָן אויף איר? ביי קיין פריערדיקע האָבן האָט זי נאָך אַזוינס נישט איבערגעלעבט. ביים שטיץ זאָלן גאָר די ווייען אינגאַנצן אויפהערן?

מיט מורא אין די הענט האָט חנה לאה זיך געטאַפּט דעם הויכן בויך. כאָטש זי האָט שאַרף געפילט און איבערגעלעבט יעדן ריר פון דעם קינד אין איר לייב, האָט זי דאָך געוואָלט, אַז אויך די הענט זאָלן איר זאָגן, אַז דאָס קינד לעבט, אַז גאָרנישט איז חלילה מיטן קינד געשען.

ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרואיקט און זיך אויפגעזעצט. זי האָט פאַר־שאַרצט דאָס ליילעך און באַדויערנדיק געקוקט אויפן שטאַנד אין שטוב. אין די פּאָר שעה, וואָס פרעמדע מענטשן האָבן זיך לעבן איר געפּאָרעט האָט מען אַלץ אין שטוב אָנגעוואָרפן. דעם קופערט מיטן ביסל וועש האָט מען געלאָזן אָפן. אומנויטיקע טעלער און טעפּ זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט אויפן טיש. קיין זאַך איז מער נישט געווען אויפן געהעריקן אָרט, גלייך זי וואָלט שוין געלעגן אין בעט ווער ווייסט ווי לאַנג!

די באַלעבאָסטע אין חנה לאה׳ן האָט זיך אַ ריר־געטאָן. דער קאָפּ האָט אַפילו געחלשט נאָכן קישן, נאָר זי, אָנשטאָט צוריק לייגן זיך, האָט גאָר אַראָפּגעשטעלט די פיס פון בעט. אוודאי, אַן אַנדערע אויף איר אָרט, אַ שמיי־ליק ווייב ביים מאַן, וואָלט זיך געמעגט פאַרגינען אין אַזאַ צייט צו ליגן. וואַרטערינס וואָלטן זי באַדינט. ווער אָבער זאָל זי באַדינען? איין גאָט ווייסט ווי זי דאַרף נעבעך אַריינכאַפּן נאָך אַ ביסל צייט, איידער זי לייגט זיך אין בעט אַריין. צוליב דעם אומגעריכטן נעם פון די ווייען האָט זי זיך דאָך צו דער קימפּעט גאָרנישט צוגעגרייט. נאָך איידער וואָס האָבן שוין נישט די קינדער קיין העמדל אויף שבת. און די שוויגער, אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי דאָרטן האָבן, איז דאָך מער נישטאָ אַרומצופּאַדען אַרום איר, זי באַדינען און פאַרשטעקן מיט זיך אַלע לעכער.

אַליין זיך צוגעבנדיק קוראַזש, האָט חנה לאה פּאַוואָליע אָנגעשטעקט די צוויי שיך און זיך אויפגעשטעלט פון בעט. קודם האָט זי פאַרוואָרפן דעם עק פון ליילעך. אויס קימפּעטאָרין. איצט האָט זי אַרויפגעצויגן אַ קאַפּטנדל איבער די אַקסלען, אָנגעטאָן אַ טיוליענע קופּקע אויפן קאָפּ, אַרויפגעשלעפּט אַ ברייטע ספּודניצע אויפן פאַרשפּיצטן בויך און גענומען צוקריכן צו דער אונטערגעהייצטער פּליטע.

די טעפּ וואַסער, וואָס יערמע דוד האָט נאָך אינדערפרי געהאַט צוגע־שטעלט, האָבן שוין פון לאַנג געהאַט אויפגעזאָטן. דאָס קאָכיקע וואַסער האָט זיך געבאַלבעט און געהויבן די שוואַרצע, טשוגונע שטאַרצן אינדערהייך, ווי זיי וואָלטן רוגזה׳דיק זיך געוואָרפן און עפּעס געמאָנט ביי חנה לאה׳ן.

חנה לאה האָט נישט לאַנג געטראַכט. וואָס וועלן זיך דאָ די טעפּ וואַסער אויסשטיין? האָט זי זיך פּאַוואָליע צוגעשאַרט צום בעט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, איינגעבויגן דאָס שווערע לייב אַזש ס׳אַרעמע ביסל בלוט איז איר געקומען אין פּנים־אַריין, אַפּערגעשלעפּט אַ האָלצערן באַליעלע און זיך געשטעלט איינווייקן אַ ביסל גרעט.

אין מיטן דרינען האָט זיך געעפנט די טיר און די שוואַנגערדיקע בריינדל איז צוריק אַריינגעקומען מיט דער קליינער הינדע פייגען ביי דער האַנט. דערזעענדיק חנה לאה׳ן מיט פאַרשאַרצטע אַרבל איבער אַ באַליע וועש, האָט זי אויסגעשפּיגן אין ביידע זייטן:

— טפו, טפו, קיין עין הרע נישט! זעטס נאָר די קימפעטאָרן?!

חנה לאה׳ס געל, אָפגעצערט פנים האָט זיך פארשעמט. שמייכלענדיק האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו ברײַנדל׳ען, וואָס איז געבליבן שטיין א פארחידושטע ביי דער טיר:

— וואָס דען, בריינדלשי, האָסטו געמיינט? די דינסט וועט עס טאָן פאר מיר?

לכתחילה האָט בריינדל געטראכט, אז זי וואָלט באדארפט מיט א שטעקן ארייטרייבן חנה לאה׳ן אין בעט אריין. וואָרום ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אזא מעשה? אין מיטן די ווייען זיך שטעלן וואשן וועש? אפילו אן ערלית טוט דאָך נישט אזעלכעס! אָבער זעענדיק חנה לאה׳ן שמייכלען, איז זי גאָר געבליבן געפּלעפט. אינדערזאמתן, ווי קומט זי, א יונגע ציג, נאָך גאָרנישט לאנג נאָך דער חתונה, צו לערנען חנה לאה׳ן, א מאמען פון קינדער? האָט זי א הויב־געטאָן מיט אן אקסל, שטייפער פארצויגן די דערע און שוין גע־וואָלט אוועקגיין. דאָך, שוין ביי דער טיר, מיט דער האנט אויף דער קליאמקע, האָט זי זיך אונטערגעשטעלט און אין גרויס זאָרג געוואָרנט חנה לאה׳ן:

— געדענק, טאָמער שפּירסטו ווידער א ווײ, זאָלסטו נישט וואַרטן! זאָלסט גלייך שיקן הינדעלען, איך זאָל לויפן נאָך דער אלטער שרה!

אוודאי וועט זי אזוי טאָן, חנה לאה. וואָס־זשע, זי וועט זיך שפּילן מיט א האָבן? דערווייל אָבער, ווי נאָר בריינדל איז ארויס, האָט זי זיך גענומען צום גרעט מיט אימפּעט. זי האָט זיך געאיילט אָפּצוטאָן וואָס מער, וואָרום א קימפּעט, אז גאָט העלפט אפילו מיט געזונט, געדויערט זי אויך אכט טעג. די שטוב גייט־אונטער און אליין ליגט מען אין בעט ווי א פּריצה. די אויגן זעען צו דעם שטאנד, זיי ווילן נעבעך גלייך־שטעלן, גלייך־לייגן, אָבער די הענט זענען געליימט. דעריבער, אז מען כאַפּט פריער אריין, איז שפּעטער ווי געפונען.

נישט לאנג נאָך בריינדלס אוועקגיין איז געקומען אָנצולויפן דער גמרא־בחור, לייבל משה. דאָס יינגל איז היינט געקומען פריער, כדי אוועקצוטראָגן עסן דעם ברודערל, ווען דער טאטע האָט אינדערפרי אָנגעזאָגט למען השם ער זאָל א גאנצן טאָג נישט דערוועגן אהיימצוקומען פון חדר.

לייבל משה איז אריין אין שטוב א צעיאכמערטער, אן אָפגעיאָגטער, ווי דער פעטער עשו. די נאָז און די אויערן זענען אים געווען רויט פון לויפן און פון קעלט. דאָס גרין־געוואָרענע קאשקעטל איז אים געווען פאררוקט אהינטער, אויפן פארוואקסענעם יינגלשן קערקל. דאָס געלאטעטע פּאלטנדל, איבערגענייט פון טאטנס אן אלטע וואטעווקע, איז אים געווען צעקנעפּלט, מיטן טלית־קטן אין דרויסן, גלייך עס וואָלט ביי אים געווען אין סאמע מיטן תמוז און נישט אין חודש כסלו.

דאָס יינגל איז א גאנצן וועג געלאָפן מיט גרויס פרייד, א זיכערער, אז

אין שטוב איז שוין נאָך אלעם, די מאמע האָט שוין געהאַט א יינגל, און פאַר־נאַכט, צווישן מנחה און מעריב, וועלן די יינגלעך פון אברהם יאנקלס חדר קומען לייענען „קריאת־שמע". מען וועט טיילן צוקערלעך און ראָזשינקעס און באָניע־קערן. לויפנדיק האָט ער שוין פאַר איין וועגס אָפּגעפּאַסט ביי זיך ווּעמען פון זיינע חברים ער וועט איבער דער שוועל נישט אריבערלאָזן און וועמען פון זיי ער וועט יאָ אריינלאָזן און זיי געבן די גוטע זאכן פון „קריאת־שמע"־לייענען, שטייט גאָר די מאמע און וואשט גרעט!

צוליב דער פּלוצימדיקער אנטוישונג האָט לייבל משה זיך שיעור צע־וויינט.

ווי א פארשטענדיקע מאמע, וואָס קאָן איר קינד, האָט חנה לאה גלייך דערפילט דעם יינגלס געמיט. זי האָט גיך אָפּגעווישט די „מידליגעס" פון די נאַקעטע אָרעמס און איז צוגעגאנגען צום יינגל אים איינצונעמען, רופנדיק דערביי הינדעלען, וואָס האָט זיך געשפּילט אין א ווינקל, אויף דער ערד, זי זאָל איר דערלאַנגען דאָס ביסל אייל מיטן רעפטל ברויט פון שענקל־ארויס, זי זאָל קאָנען געבן די קינדער וואַרעמעס אין חדר־אריין.

— ווּעסט זען, לייבעלע, — האָט זי מיט די האלב־נאַקעטע הענט גענומען פארקנעפּלען דעם יינגלס פּאַלטנדל. — ווּעסט אהיימקומען פארנאַכט, נאָך מנחה־מעריב, וועסטו שוין מיט גאָטס הילף האָבן נאָך א שוועסטערל. א גוטער מלאך וועט עס נעמען פון הינטערן כסא הכבוד און עס אראָפּ־ברענגען א געזונטס און א שיינס. אויף זיינע ווייסע פליגל וועט ער עס אונז ברענגען.

לייבל משה האָט זיך א וואָרף געטאָן און זיך ארויסגעדרייט פון דער מאמעס הענט. קודם, א נקבה טאָר דען אָנרירן א מאנצפערשוין? חוץ דעם, ער וויל א ברודערל, מ׳זאָל קאָנען „קריאת־שמע" לייענען, זאָגט אים גאָר די מאמע צו א שוועסטער, דערצו נאָך, אז א מלאך וועט זי ברענגען!

דאָס יינגל איז געבליבן שטיין לעבן דער פּליטע א שווייגנדיקער, א בייזער. ער האָט נישט געוואָלט נעמען פון דער מאמעס האנט דאָס שטיקל ברויט מיט אייל. ער האָט אויך נישט געוואָלט אוועקטראָגן אברהם יאנקלס חלק. דאָס שוועסטערל, הינדעלען, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים וועלנדיק אים איינגעמען, ווי די מאמע, האָט ער פון זיך געטריבן. ער האָט איצט גע־וואָלט אויסשרייען צו דער מאמען, אז זי זאָגט נישט אמת, א מלאך ברענגט נישט קיין קינדער. קליינערהייט האָט ער טאַקע אזוי געמיינט. היינט אָבער איז ער שוין א גרויסער און ער ווייסט, אז קינדער קומען ארויס פון דער מאמען. א סימן — אָט האָט דאָך די מאמע א גרויסן בויך און אינדערפרי האָט די מאמע געשריגן און דער טאַטע איז געלאָפן נאָך דער אלטער שרה׳ן, „די הייוון".

— איך וויל נישט קיין שוועסטער — האָט ער ענדלעך ארויסגעבוכעט —

נקבות זענען זינדיק. זיי האָבן בלויז דריי מצוות מקיים צו זיין און מען מאכט נישט ביי זיי קיין ברית און מ׳לייענט נישט ביי זיי קיין „קריאת שמע״.

חנה לאה׳ן האָט פארקלעמט ס׳הארץ. ס׳איז דאָך נעבעך אמת.

— מ׳טאָר נישט אזוי רעדן, — האָט זי גענומען מוסר׳ן דאָס יינגל — גאָט באשאפט דעם זכר ווי די נקבה. גיי, גיי בעסער אין חדר אריין, — האָט זי אים אריינגעשטופט די צוויי פּאָרציעס ברויט מיט אייל און אים ארויסגעשטופט אין דרויסן.

חנה לאה האָט זיך גיך גענומען פארענדיקן ס׳וואשן. עפּעס האָט זיך איר געדאכט, אז זי קריגט אויפסניי ווייען. געשווינד האָט זי פארצויגן א שטריקל פון פענצטער צו דער פּליטע און געכאפט אויפהענגען די שטיק־לעך גרעט, וואָס האָבן געקאפּעט מיט דעם נישט אויסגעדרענגטן וואסער. ווי א זאָך מאכט זיך זאָל נישט ליגן קיין איינגעווייקטע וועש. אָבער אין מיטן פאררייסן די הענט אינדערהייך האָט זי דערפילט א שאַרפן שניט אין בויך. פון פּלוצימדיקן קראַמף איז איר דאָס נאסע שטיקל גרעט ארויסגעפאלן פון די הענט.

חנה לאה האָט גלייך געאנט אין וואָסער סכנה זי געפינט זיך.

— הינדעלע, הינדעלע! — האָט זי מיט פארשלאָסענע ליפּן, איינהאלטנ־דיק דעם אָטעם, גערופן דאָס מיידל, — לויף נאָך ברײַנדלען, גיך, גיך!

מיט אויסגעזעצטע אויגן צום בעט, ווי א טרינקענדיקער צו א ברעג, האָט זי זיך גענומען שארן, כדי זיך אריינצוקריגן אין בעט אריין, אָבער ווײַ־טער ווי צום טיש האָבן זי די פיס שוין נישט געטראָגן. נאָך א טראָט און זי פארלירט ס׳קינד. מיט אלע כוחות האָט זי איינגעהאלטן דעם אָטעם, אָנ־שפּארנדיק די קריזשעס אָן דעם שארף פון טיש. דערזעענדיק די אָנלויפנ־דיקע ברײַנדל אין דער טיר, האָט זי זיך נאָכגעלאָזט און א געשריי געטאָן נישט מיט איר כוח:

— ברײַנדל! ס׳קינד.

וואָס נאָכדעם איז מיט איר געשען האָט זי שוין נישט געוווּסט. ווי אזוי די ברײַנדל מיטן שווערן לייב האָט דערכאפּט ס׳קינד און נאָך זי אריינ־געקראָגן אין בעט אריין, דאָס ווייסט איין גאָט אין הימל.

ווען די אלטע שרה איז שפּעטער געקומען אָנצולויפן פון איר שטעלכל מיט לעקעכווארג, איז שוין דאָ געווען אלדאָס גוטס. חנה לאה איז שוין געווען אין בעט. זי איז געלעגן א געלע ווי וואקס. עס האָט זי געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. ס׳קינד, איינגעוויקלט אין א בארג מיט ווינדלען, איז געלעגן איר צופוסנס. עס איז געווען בלוי ווי א מילך פון רייסן זיך. א פולע שטוב מיט ווייבער האָבן געסאָפּעט און געקרעכצט און זיך געבראָכן די הענט און זיך געמאכט פּאָווורפן איינע די אנדערע, וואָס מען האָט חנה לאה׳ן געלאָזט אליין, אז זי זאָל זיך גאָר נעמען צו א באַליע גרעט. ברײַנדל

מיטן פאַרשפּיצטן בויך, אַ בלאַסע אָן אַ בלוטס־טראָפּן אין איר שטענדיק פאַרוויטלט פּנים, איז געזעסן אויף יערמע דוד׳ס בעט אַ צעטרייסלטע, נישט קאָנענדיק קומען צו זיך פון דער אומגעווײנלעכער געשעעניש, וואָס זי האָט דאָ איבערגעלעבט. לעבן איר זענען געשטאַנען אַנדערע ווייבער אין איין שרעק, זי אַליין, ברײַנדל, זאָל דאָ דערווייל נישט מפּיל׳ן.

די אַלטע שרה האָט זיך נעבעך געפילט שולדיק. ווען זי לויפט נישט צו אירע לעקעכער, וואָלט דאָך חנה לאה זיך נישט אונטערגעשטעלט אַרויסצו־גיין פון בעט. נאָר אַז גאָט האָט געהאָלפן און אַלץ איז אויסגעגאַנגען צום גוטן, דאַרף מען נישט האָבן קיין תרעומות און נישט זינדיקן מיט די רייד.

— געלויבט איז גאָט, — האָט זי בכיוון אַ זאָג געטאָן הויך און זיך גענומען דערנענטערן צו דער קימפּעטאָרין — יעדן זאָג דאָך תמיד, אַז גוטע מלאכים זענען ביי אַ געווינערין צוקאָפּנס.

אָפּזאָגנדיק דעם שפּרוך האָט זיך דאָס יידינקעלע פאַרשאַרצט די אַרבל און זיך גענומען צו דער קימפּעטאָרין. אין מיטן דערינען האָט זי זיך דערמאָנט:

— יאָ, שיעור נישט פאַרגעסן! וואָס איז עס, אַ יינגל, צי אַ מויד?

מילא, ווי אַזוי דאָס נפש׳ל איז דאָ געפאַלן אויף דער וועלט איז שוין איצט נישט קיין חילוק. אַבי גאָט האָט געהאָלפן, עס איז דאָ. עס איז אָבער יאָ אַ גרויסער חילוק פאַר דער אַלטער שרה׳ן, וואָס דאָס נפש׳ל איז. אויב אַ מויד, כאָטש יערמע דוד צערייסט זיך אַזוי דעם ספּאָדעק נאָך אַ טאָכטער, וועט זי, שרה, מער ווי אַ האַלב קערבל נישט אָנזען. פון אַ יינגל אָבער, קומט איר אַ קערבל לכל הדעות, חוץ וואָס עס פאַלט איר צו אויפן ברית פון די קוואַטערס און באָד־געלט.

קיינער אָבער האָט אין דער פולער שטוב נישט געוווּסט, וואָס דאָ איז געבוירן געוואָרן. ברײַנדלען, אין די עטלעכע רגע׳ס, ווען לעבן און טויט האָבן זיך געשפּילט אין אירע הענט, איז אוודאי נישט געלעגן אין זינען צו זען, וואָס זי האָט דאָרטן, שיער נישט פון דער ערד, דערכאַפּט. זי האָט געדאַנקט גאָט, אַז זי האָט חנה לאה׳ן אַ לעבעדיקע אין בעט און אַ לעבעדיק קינד לעבן איר.

די אַלטע שרה, הינטער דעם פאַרהאָנגענעם ליילעך, ווי נאָר זי האָט געשטעלט די שיסל מיט וואַסער פאַר דער ערשטער באָד, האָט זיך אַ נעם־געטאָן אויסשיילן דאָס נפש׳ל פון דעם באַרג מיט ווינדלען אין וועלכע ברײַנדל האָט עס אויף גיך איינגעוויקלט. דאָס עופה׳לע, אַ נאַקעטס, אַ צר־בויפּגעקורטשעטס, מיט די קניעלעך לעבן גאָמבעלע, מיט אַ צעקנייטשט, געפאַלדעוועט פּנימל, ווי ביי אַ זקן, האָט זיך אויפסניי צעשריגן.

— אוי מענטשן, כ׳נעם מיר דאָס לעבן! — האָט די אַלטע פון הינ־טערן פאַרהאָנגענעם ליילעך אָפּגעשריגן — מזל טוב דיר, מאַמע — האָט

זי אַ זאָג געטאָן צו דער געל־פּאַרחלשטער חנה לאה׳ן — אַ פּייג האָט ער, דער גן עדן פּירער דיינער, נישט קיין טאָכטער!

חנה לאה, כאָטש זי איז געווען אַזוי פאַרטראָגן, כמעט באַוווסטלאָז, האָט דאָך דערהערט אָט דעם אָנזאָג נישט נאָר מיט די אויערן נאָר מיט איר גאַנץ וועזן. איר געל פּנים האָט אַ פּיינפולן צוק־געטאָן, גלייך זי וואָלט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דעם פריערדיקן שניט אין בויך. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. גאָט האָט ווידער נישט געוואָלט פאַרנעמען איר געבעט. ער האָט איר ווידער נישט געשענקט קיין טאָכטער, דער שוויגערס נאָמען, ווי יערמע דוד האָט עס אַזוי שטאַרק געוואָלט. איר האַרץ איז געווען אָנגעפּילט מיט ווייטיק איבער דער עוולה, וואָס גאָט האָט איר דאָ געטאָן. תּרעומות׳דיקע רייד האָבן זיך איר געריסן פון צונג. אויב נישט אין יערמע דוד׳ס זכות, האָט דער אויבערשטער באַדאַרפט אין איר זכות דערהערן יערמע דוד׳ס געבעט. וואָרום דער רבונו־של־עולם ווייסט דאָך יאָ, אַז זי אַליין נעמט אָן באַהבה אַלץ וואָס ער טוט מיט איר. בפּרט נאָך ווען זי ווייסט, אַז ווען אַ זכר ווערט געבוירן, ווערט ליכטיק אין אַלע הימלען, מלאָכים זינגען שירה צו גאָט, וואָס ער באַנייט אויפסניי דעם ברית, וואָס ער האָט פאַרשניטן מיט אברהם אָבינו. אָבער יערמע דוד? וואָס וועט ער זאָגן?

אַ שטראָם מיט טרערן האָט זי געגומען שטיקן אין האַלדז. שטיל זענען די טרערן געראָנען איבער אירע בלאַס־געלע באַקן, אַראָפּ אויפן קישן. ביס־לעכווייז אָבער, אַראָפּווייַנענדיק די תּרעומות, וואָס זענען נישט געווען אירע, נאָר יערמע דוד׳ס, איז איר האַרץ גאָר געוואָרן פול מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דעם חסד, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט דאָ מיט איר געטאָן. ניין, זי טאָר נישט זינדיקן. אַז זי געפינט זיך אין בעט אַ לעבעדיקע און מיט אַ גע־זונט קינד, טאָר זי אוודאי קיין תּרעומות נישט האָבן. אַלאַ אַ נאָמען נאָך דער שוויגער? איז מסתמא די צייט נאָך נישט געקומען, עס זאָלן איר אָ־ראָפּגענומען ווערן די שערבעלעך פון די אויגן. אַז די צייט וועט קומען, וועט אוודאי גאָטס רצון געשען.

קאַפּיטל דריי

עס איז שוין אוודאי געווען נאָך האלבע נאכט און יערמע דוד האָט נאָך אלץ דאָס ביקל נישט געהאט געפונען. וואָס לענגער ער האָט זיך גע־שלעפּט איבער דעם פינצטערן דאָרף, וואָס טיפער ער איז געקראָכן אין די האלב פארפרוירענע זומפּן, אלץ מער האָט זיך אים אָנגעהויבן דאכטן, אז „נישט גוטע״ פירן אים ביי דער נאָז, אז דאָס האָבן שדים אים אראָפּגעפירט פון וועג, ער זאָל נישט קאָנען זיין אין דער היים, ווען חנה לאה גייט צו קינד און איר כאָטש העלפן מיט א קאַפּיטל תהילים.

פון דעם בלויזן געדאנק איז שוין יערמע דוד׳ן אָן אימה באפאלן. עפּעס האָט ער מיט איינמאָל אָנגעהויבן איינזען, אז די פויערים, וואָס טרייבן אים פון טיר צו טיר, וואָס חוזק׳ן אים אזוי אויס: „ווער ביקל? וואָס ביקל?״ זענען גאָר קיין פויערים נישט. ער וואָלט געקאָנט שווערן, אז די אלע הינט, וואָס רייסן זיך מיט אזעלכע אָפענע פּיסקעס נאָר אים איינצושלינגען, זענען גאָר קיין הינט נישט. און עס קאָן זיין, אז דאָס ביקל אליין איז גאָר קיין ביקל נישט געווען. דאָס מוזן גאָר זיין „יענע לייט״, וואָס שלעפּן זיך אי־בער די פינצטערע וועגן, איבער פוסטע פעלדער, כדי צו פארפירן בלאָנ־דזשענדיקע דאָרפס־גייער, כדי אראָפּצונארן פון וועג איינזאמע באלעגאָלעס און זיי איבערקערן מיט די פערד און וועגן אין טיפע זומפּן אריין...

„איין גאָט ווייסט ווי איך וועל נאָך היינט דאָ אָפּשניידן״ — האָט יערמע דוד א טיפן זיפץ געטאָן און מיט אלע כוחות זיך גענומען ארויסרייסן פון דעם פינצטערן דאָרף.

„זאָל שוין זיין וואָס עס וויל״ — האָט ער געטראכט. ממה נפשך, איז דאָס אַן אמת׳דיק ביקל, וועט עס זיך, מיט גאָטס הילף, אינדערפרי אָפּזוכן. טאָמער אָבער איז עס, חלילה, איינער פון „יענע לייט״, איז גלייכער ער זאָל שוין פארקערעווען דעם דישל און גלייך לויפן אהיים.

אָבער עס רעדט זיך נאָר אזוי: „לויפן אהיים״. אינדערעמתן האָט יערמע דוד מורא געהאט אפילו זיך אויסצודרייען. אויף הינטערווילעכטס האָט ער זיך פּאַוואָלינקע גענומען ארויסרוקן פון פינצטערן דאָרף. שארנדיק זיך אין גרויס אימה איז אים גאָר איינגעפאלן, אז אפשר האָט ער גאָר איב־דערפרי, אין גרויס געאייל, חלילה פארגעסן אָנצוטאָן דעם טלית־קטן? מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער גענומען טאַפּן הינטער די שטייף־געפרוירענע פּאָלעס. אָבער ניין, געלויבט איז גאָט. אָט זענען זיי, די ציצית, ווי פיר געטרייע שומרים ארום זיין גוף.

פאר א קורצער ווײַלע איז די אימה פון יערמע דוד'ן אוועק. ער האָט גענומען גײן מיט קוראזש. באוואָפנט מיט די ציצית האָט ער זיך געפילט געשטארקט. פּלוצים אָבער איז ער אומגעפאלן און מיטאמאָל איז דער גאַנ־צער קוראזש פון אים אוועק. די אימה האָט צוריק גענומען קריכן אויף אים פון אלע זײַטן. יעדער אונטערגעפוילטער פּיען, וואָס האָט זיך אין דער פינצטער געטוליעט צו דער ערד, יעדער אויסגעקרימטער בוים אין די זײַטן פון וועג, האָבן זיך איצט, אין יערמע דוד'ס אויגן, פארוואנדלט אין מאוימ־דיקע באשעפענישן, אין אויסטערלישע ברואים, וואָס לויערן און ווארטן ער זאָל זיך נאָר דערנענטערן, וועלן זײ טאָן א קריך אויף אים, אָנכאפּן אים ביים האלדז און נעמען אים ווערגן. און עפּעס ווי אויף להכעיס, ווייל ער האָט זיך געהיט, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אײַנשרומפּן אין זיך, פארנעמען וואָס ווינציקער אָרט, אלץ מער און אָפטער האָט ער זיך אָן עפּעס אָנגעשלאָ־גן, זיך פארטשעפּעט א פוס און אויפסניי געפאלן אין די פרעסטלדיק־פאר־צויגענע זומפּן אריין ביז איבער דער באָרד.

אָן כוח, אָן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס, האָט זיך יערמע דוד קוים דערשלעפּט צום אָפּענעם שליאך. דאָ האָט ער א ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. „געלויבט איז גאָט דערפאר. ארויס פון פינצטערן דאָרף. ווען עס זאָל אים נאָך אונטערקומען א פערד און וועגעלע זיך אויפצוכאפּן און אונטערפאָרן א שטיקל וועג". איז אָבער דער שאָסיי געווען פוסט און שטיל. קיין אָפּהילך פון א פערדישער פּאָדקאָווע, קיין קלאנג פון א ראָד, נישט פאר אים און נישט הינטער אים, בלויז דער אייגענער טראָט און דאָס אומהיימלעכע קלאפּן פון די שטייף־געוואָרענע פאָלעס אָן די שטיוול־כאָלעוועס, האָבן אים באַגלייט אין דער ארומיקער פוסטקייט.

יערמע דוד איז געבליבן שטיין א ווײַלע, אָפּצוכאפּן דעם אָטעם. ער האָט אויך געוואָלט פאררויכערן. פון זינט ער האָט זיך געלאָזט לויפן באָכן ביקל האָט ער נאָך א רגע נישט אָפּגעדעכעט און קיין פאפּיראָס־מאכאָרקע אין מויל נישט געהאט. און צו וואָס זאָל ער זיך נארן? מיט א פאפּיראָס אין מויל גייט זיך גאָר אנדערש. און ער דארף זיך דאָך איצט נעמען גיין ער זאָל אָניאָגן חיימקען מיט דער כאָפּטע בהמות און צוזאמען אָנקומען אין שטאָט אריין.

כל זמן יערמע דוד האָט געשפּאנט איבערן פרייען שאָסיי, צווישן די אָפענע פעלדער, האָט ער נאָך געהאט קוראזש. דער וועג איז געלאָפן היימלעך פאָראויס. דער הימל איז געווען לויטער, מיט א שטיק לבנה, ווי א זילבערנער סערפּ אין סאמע מיטן. שטערן האָבן געפינקלט און ס'פרעסטל איז געווען שארף, עס האָט געבריט דעם אָטעם, ווי א גוט ביסל אָקעוויט.

אָט דאָס פרייע געמיט האָט ביי יערמע דוד'ן אָנגעהאלטן ביזן ריקער וואלד. אזוי גיך אָבער ווי ער איז אריין צווישן די צוויי ווענט מיט געדיכטע

ביימער, א סך באהאַנגען מיט גלימערענדיקע אייז־צעפּלעך, וואָס האָבן אימה׳דיק געקלונגען ביים מינדסטן ריר פון א ווינטל, דאָרטן האָט ער צוריק דערפילט דעם פריערדיקן פחד, ווי ער נעמט ווידער קריכן אויף אים פון אלע זייטן. א פרישער שווייס האָט אים אויסגעשלאָגן אויפן שטערן. נישט נאָר די אויגן און אויערן, נאָר יעדער אָדער איז ביי אים געוואָרן אָנגע־שפּיצט ביז צום פּלאַצן. עס איז דאָך פּאָרט ווינטער ביינאַכט. וועלף אין וואלד זענען דאָ א סך. וועל ווייסט וואָס מיט אים קאָן נאָך דאָ געשען!

פונקט ווי פריער די מעשות מיט נישט־גוטע, אזוי זענען אים איצט געקראָכן אין קאָפּ געשיכטעס מיט וועלף, ווי זיי באַפאלן דעם איינזאמען גייער, צערייסן אים און פארשלעפּן זיין געביין, אז ער קאָן אפילו צו קבר ישראל נישט קומען.

געוויינלעך איז דער וועג פון ריקע קיין מאָדזשיץ געווען ביי יערמע דוד׳ן ווי א שפּיי. דאָס מאָל אָבער האָט זיך דער וועג אים געצויגן אָן א סוף. וואָס ווייטער ער איז געגאנגען, אלץ לענגער איז דער וועג געוואָרן, עפּעס ווי ער וואָלט אים געלאָפן פאָראויס, דער וועג, נישט הינטער אים.

ענדלעך, ערשט אין בלויען באגין, האָט זיך יערמע דוד, נישט־טויט און נישט־לעבעדיק, דערשלעפּט אהיים.

מאָדזשיץ איז נאָך געשמאק געשלאָפן. די נידעריקע הייזלעך, א סך פון זיי חרובע, צעוואָרפענע, פארמאכטע הינטער טיר און לאָדן, האָבן זיך געטוליעט אין דער בלויער, קאַלטער פארטאָגיקייט. דער מארק־ברונעם מיטן דריי־ראָד איז געשטאנען אָן איינגעפרוירענער אין מיטן פון א רונדן, גלאַנ־ציקן שיכט אייז. ווען נישט דאָס וואַרעמע קרייען פון הענער האָט זיך גע־קאָנט דאכטן, אז די שטאָט איז חלילה טויט, אויסגעשטאָרבן.

יערמע דוד האָט א ביסל פארהאַלטן דעם טראָט. דער פריערדיקער אימפּעט האָט אים א ביסל נאָכגעלאָזט. ער האָט גענומען אראָפּבייגן די צוויי פארהויבענע פּאָלעס פון פארבלאָטיקטן בגד, וואָס זענען דורך דער פּראָס־טיקער נאכט שטײף געוואָרן ווי בלעכן. אין שטאָט איז נישט גלייך א ייד זאָל גיין אין קורצן, מיטן אחור אין דרויסן, ווי להבדיל א גוי. ער האָט זיך אויך געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס ער זאָל דאָ טאָן: זאָל ער א לויף־טאָן אין קצבישן הויף אריין, זען צי חיימקע איז בשלום געקומען מיט די בהמות, אָדער זאָל ער גלייך לויפן זען וואָס חנה לאה טוט?

יערמע דוד איז אוועק אהיים. א היבשע ווײלע איז ער געשטאנען הינטערן לאָדן. עפּעס האָט אים ס׳הארץ נישט געלאָזט גלייך אָנקלאַפּן. שטי־לערהייט האָט ער זיך איינגעהערט וואָס אינעווייניק טוט זיך. וואָרום, אויב חנה לאה איז שוין בשלום איבערגעקומען וועט ער דאָך הערן א וויין פון קינד. טאָמער, חלילה, נאָך נישט, וועט ער דאָך אוודאי הערן חנה לאה׳ס א קרעכץ. ער האָט אָבער גאָרנישט געהערט. ער האָט בלויז געזען דורכן דינעם לאָדן־שפּאַלט א קליין פלעמל פון אריינגעדרייטן נאַפט־לעמפּל.

יערמע דוד האָט קוים־קוים א קלאַפּ געטאָן אין לאָדן. חנה לאה האָט הינטער דעם פאַרהאַנגענעם ליילעך דעם ריר אין לאָדן גלייך דערהערט. זי איז לכתחילה גאָרנישט געשלאָפן. א גאַנצע נאַכט איז זי געלעגן א פּאַרטראַ־ גענע ווי אין היטער־פּלעט. דער גרויסער בלוט־פאַרלוסט ביי דעם אומגע־ ווינלעכן האָבן, האָט זי געלאָזט אָן כוח. די הענט זענען איר געווען ווי געליימט. די אַלטע שרה, דאָס לעקעך־יידינקעלע, האָט איר באַדאַרפט אייג־ געבן דאָס ביסל וואַסער מיט מילך לעפּעלעכווייז, פּונקט ווי מען פּאַיעט אָן אַן עופה׳לע. עס קאָן זיין, ווען דאָס ניי־געבוירענע וואָלט געווען א מיידל, ווי יערמע דוד האָט געוואָלט, וואָלט זי די פריידֹ געווען געשטאַרקט און זי וואָלט געווען איינגעשלאָפן מיט יענעם זיסן געפיל וואָס הכנעה׳דיקע ווייַ־ בער האָבן, ווען זיי קאָנען געבן דעם מאַן, זייער האַר און געביטער, דאָס וואָס ער באַגערט. אַזוי אָבער האָט אַן אומרו און א מורא זי געהאַלטן וואַך א גאַנצע נאַכט. דער דמיון אירער האָט זיך געוואַקלט פון וואַכקייט אין דרימל און צוריק פון דרימל אין וואַכקייט. די נאַגנד־פּיינלעכע פראַגע וואָס יערמע דוד וועט דאָ זאָגן, האָט זי אויף א רגע נישט אָפּגעלאָזט.

— לייבל משה, לייבל משה — האָט זי קוים, קוים געקרעכצט פון הינ־ טערן ליילעך אַפער — עפן די טיר!

לייבל משה האָט אפילו באַדאַרפט זיין די „נאַכט־וואַרטאָרין". ער האָט באַדאַרפט אויפזיין לעבן דער מאַמען און איר אַלע ווילע דערלאַנגען א לעפּעלע געצוקערטן רומיאַנעק, וואָס די אַלטע שרה האָט אָנגעגרייט איי־ דער זי איז אַהיימגעגאַנגען באַקן אירע מאַנדלעך און אייער־קיכלעך, וואָס זי דאַרף פאַרן פרייטיקדיקן מאַרק. איז אָבער דער צוועלף־יעריקער וועכ־ טער אוועקגעפאַלן אויפן בעט און פאַרגעסן אָן דער מאַמען.

איצט האָבן דער מאַמעס שטילע, אומאויפהערלעכע קרעכצן אים אַרויסגעריסן פון שלאָף. שיבערנדיק זיך פון קעלט און שלאָף, איז ער צוגע־ גאַנגען צו דער טיר, אָפּגעהויבן דאָס קייטעלע און גלייך צוריק אוועקגעפאַלן אויפן בעט שלאָפן.

יערמע דוד איז אַריינגעקומען אין שטוב שטילערהייט. ער האָט א קוש געטאָן די מזוזה און זייטיקלעך געוואָרפן א בליק אויפן פאַרהאַנגענעם ליילעך. אוודאי וואָלט ער איצט באַדאַרפט פרעגן דאָס ווייב: „חנה לאה, וואָס מאַכסטו? ביזט כאָטש גרינג איבערגעקומען?" — איז אים אָבער די צונג שטענדיק געליימט, ווען נאָר עס קומט צו א גוט וואָרט. בפרט נאָך איצט, נאָך דער איבערגעלעבטער נאַכט, און אויך דאָס, וואָס חנה לאה שווייגט, זי זאָגט אים אפילו נישט מזל טוב. דאָס איז געוויס א סימן, אַז ער האָט ווידער נישט דער מאַמעס נאָמען. א ייִנג איז ווידער געבוירן געוואָרן.

יערמע דוד האָט פאַרביסן געשוויגן. אָנשטאָט רעדן, פרעגן, צוגיין נעענטער צום ווייב׳ס בעט, האָט ער זיך גאָר גענומען פאַרען אין שטוב, מאַכן

טאָג. קודם האָט ער אויסגעלאָשן ס׳קאָפּטשענדיקע לעמפּל, ארויסגעטראָגן די אומריינקייטן, געעפנט דעם לאָדן, זיך אָפּגעגאָסן די נעגל. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט איבער א געעפנטן סדור זאָגן א יידיש וואָרט. ערשט איצט, זיצנדיקביים טיש אנטקעגן ליילעך, וואָס האָט פאַרהאַנגען חנה לאה׳ס בעט, האָט ער זיך פארגונען א גאנצן קוק צו טאָן אויפן אָנגעהאָנגענעם שיר המ־עלות און דערזען דעם גרויסן „זכר" אויבן־אָן. כאָטש ער האָט שוין פריער, פון חנה לאה׳ס שווייגן, פארשטאנען וואָס דאָ איז געבוירן געוואָרן, האָט אים דאָך איצט דער „זכר" געטאָן א ברי אין די אויגן. די אָנגעזאמלטע ביטערקייטן פון זיין גאנץ לעבן און פון דער לעצטער נאכט, האָבן זיך אים געטאָן א שפאר אין האלדז אריין. ער האָט געפילט ווי זיך צו צעוויינען, ווי א יינגל, וואָס האָט זיך געראנגלט מיט אלע זיינע כוחות און פלוצים זעט ער איין, אז ער איז קליין, שוואך און הילפלאָז. א גאנצע וועלט און גאָט אליין האָט זיך פארלייגט אויף אים און אים בייגעקומען.

די גאנצע צייט, וואָס יערמע דוד האָט זיך שווייגנדיק ארומגעפּאָרעט אין שטוב האָט חנה לאה, הינטערן ליילעך, געפילט, אז פון דעם שווייגן לויערט ארויס אן אויסברוך. כאָטש עס איז איר געווען שווער צו רעדן, האָט זי דאָך, מיט אלע כוחות, געוואָלט אים איינגעמען, ווי א מאמע, מיט א גוט וואָרט אים ווייכער מאכן ס׳געמיט, אפשר וועט אים דער כעס אזוי ארום איבערגיין. וואָרום זי האָט שוין פארשטאנען, אז זיין ארומוואָגלען א גאנצע נאכט איבער די וועגן, וועט דאָ אויסגיין צו איר קאָפּ, בפרט נאָך ווען ער האָט אזוי געהאָפט אויף דער מאמעס נאָמען און זי האָט אים ווידער געהאט א יינג.

— וואָס מאכסטו, יערמע דוד? — האָט זי שטיל, נישט דרייסט גע־פרעגט.

אָנשטאָט בארויקן אים, איז גאָר דער „וואָס מאכסטו?" געוואָרן דער שליסל, וואָס האָט געעפנט דעם פארהאלטענעם שטראָם פון ביטערקייט און כעס:

— יעך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, אז יעך וויל נישט מער קיין יינגען. ווער האָט ביי דיר געבעטן נאָך א יינג? — האָט יערמע דוד געזאָטן פון רציחה און געהאקט מיט דער פויסט אין טיש אריין.

אין דעם איצטיקן אויסברוך האָט יערמע דוד גאָרנישט געדענקט אָן דער לעצטער קימפעט, ווען חנה לאה איז צוליב אזא אָנפאל שיעור פון דער וועלט געגאנגען. ווי אזוי האָט ער גאָר געקאָנט אָן עפּעס געדענקען, ווען די פארבאָרגענע תרעומות צו גאָט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך שוין עטלעכע יאָר, ווען דער כסדר׳דיקער פחד, טאָמער נעמט מען אזוי ארום אָן אים נקמה פארן פריצייטיקן טויט, וואָס ער האָט גורם געווען דער מאמען, ווען אָט דאָס אלץ האָט איצט פון אים ארויסגעשריגן ווי פון א וואַנזיניקן:

— יעך וויל נישט מער קיין יינגען.

חנה לאה האָט גאָרנישט געענטפערט. אז זי האָט גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. זי האָט אפילו נישט געקאָנט רירן מיט קיין האנט אוועקצושאַרן ס'פארהאַנגענע ליילעך, זי זאָל כאָטש קאָנען זען וואָס ער טוט דאָרטן, דער מאַן אירער, אין דעם ווילדן אויסברוך זיינעם. זי איז געבליבן שטום און בלאַס און זי האָט געפילט ווי טרערן שטראָמען איר אין האלדז אריין, ווי זיי רינען איר איבער די דאַרע, אויסגעצערטע באַקן. אָט דאָס איז עס, איר לעבן מיט ירמע דוד'ן. א לעבן, וואָס לא די — זי האָט נישט ביי אים קיין שטיקל ברויט צו דער זעט, קיין שטיוועלע פאַר קיין קינד, הערט זי נישט אפילו קיין גוט וואָרט פון אים. און זי האָט זיך דאָך געבעטן:

— מאמע, יעך וויל אים נישט. ער איז פּראָסט און קומט פון פּראָסטן שטאַנד.

נאָר ווער האָט זי דען געהערט? ווער האָט דען אַמאָל געפרעגט ביי אַ יידישער טאָכטער אַ דעה? ווי אַ סך יידישע טעכטער, פרומע, צניעות־דיקע, האָט אויך חנה לאה מיידלווייז געחלומ'ט אויסגעגעבן צו ווערן פאַר אַן איידעלן מאַן. זאָל זיין אַן אביון אבי אזוינער, וואָס קאָן לערנען גאָטס תורה און ווייסט ווי אַ ווייב צו שאַנעווען. אָבער פּונקט ווי מען האָט נישט געפרעגט קיין דעות ביי אַנדערע יידישע טעכטער, אַזוי האָט מען אויך נישט געפרעגט ביי איר, צי זי וויל ירמע דוד'ן. און אַז זי האָט שוין יאָ פארבויגן די חרפה און אויסגעשריגן: „מאמע, האק מיר בעסער אָפּ דעם קאָפּ!" — האָבן אַלע געשמייכלט: „וואָס ווייסט אַ יינגע ציג?". האָט זי נאָכגעגעבן און געגאַנגען צו דער חופה, אָבער זי האָט געפילט, אַז דאָס פירט מען זי צו איר אייגענער שחיטה. און כאָטש זי האָט געהאַט אַ ווידערגעפיל ירעדסמאָל, וואָס ירעמע דוד איז צו איר געקומען, האָט זי זיך דאָך מיט פארמאכטע אויגן אים אָפּגעגעבן אזוי ערלעך, ווי מען גיט אָפּ אַן ערלעכן קרבן, וואָס גאָט באַגערט. זי האָט בלויז שטיל, טיף אין איר הארץ געהאַט איין באגער צו זיין ליבן נאָמען, אז אויב זיין ווילן איז יאָ זי זאָל קיינמאָל נישט וויסן פון דער כשר'ער פרייד ליב צו האָבן איר אייגענעם מאַן, זאָל ער איר כאָטש באַשערן גוטע קינדער, פרומע און ערלעכע, ווי עס איז פרום און ערלעך דער קרבן, וואָס זי ברענגט מיט איר לעבן. נאָר ירמע דוד, אנשטאט ער זאָל אָננעמען דעם קרבן מיט לויב, וואַרפט ער זיך גאָר, האָט ער גאָר טענות וואָסערע קינדער זי גיט אים, גלייך קינדער וואָלטן געווען ווי בייגל, וואָס מען קאָן זיך זיי אויסקלייבן פון מולטער־ארויס.

ירמע דוד'ס אומגעריכטער אויסברוך אין דעם שטילן פרימאָרגן האָט אויך איבערגעשראָקן די קינדער און די שכנים אין הויף. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז דאָס שטיבל געווען פול מיט מענטשן. די טיר האָט

ממש נישט גערוט. עס איז אַנגעשטאַנען אַ קעלט, ווי אין דרויסן. אין מיטן דערינען איז די קליינע לעקעך־יידינע, די אַלטע הייבאַם, געקומען אָנ־צולויפן אַ פאַרסאָפּעטע, אַ דערשראָקענע. אויך אהרן פעלדשער האָט זיך אומגעריכט אַריינגעשטעלט. אין מיטן געטומל, זעענדיק, אַז חנה לאה איז פאַרביי, זענען צוויי ווייבער, ווי צוויי באַזונדערע שטאָפּעטן גלייך געלאָפן איינע נאָך דער הייבאַם און די אַנדערע נאָך אהרן פעלדשער.

א נידעריקער, אַ רירעוודיקער, מיט אַ געלבלעך־גרוי, רונדיק אַרומ־געשוירן בערדל, איז ער אַנגעקומען מיט אַ חשיבות גלייך ער וואָלט געווען דאָקטאָר סאָכאַצקי אַליין. פּונקט ווי דאָקטאָר סאָכאַצקי האָט ער אויך קודם גענומען אַרויסטרייבן דעם אַנגעלויף פון שטוב־אַרויס. ווי דאָקטאָר סאָכאַצקי האָט ער געלאָסן אויסגעטאָן דאָס טכוירענע פוטערל מיטן ברייטן, קאַראַקולנעם קאָלנער און זיך געלאָזט דערלאַנגען פון דער אלטער שרה אַ שיסל וואַסער מיט זייף און אַ קלאָר האַנטוך צו די הענט.

אהרן פעלדשער האָט זיך לאַנג געפּאָרעט הינטערן פאַרהאַנגענעם ליילעך. די גאַנצע צייט איז די אַלטע שרה געווען לעבן אים. עטלעכע מאָל האָט זי זיך אָפּערגעוויזן מיט אַן איבערגעדעקטער שיסל, וואָס זי האָט גיך דערלאַנגט ברײנדלען אַרויסצוטראָגן און אַליין איז זי צוריק פאַרשוואונדן הינטערן ליילעך אַרונטער.

די גאַנצע צייט וואָס אהרן פעלדשער און די אַלטע שרה האָבן זיך געפּאָרעט ביים ראַטעווען חנה לאהן, איז ירמיע דוד געזעסן אין ווינקעלע מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן טיף, ווי אַ פאַרמשפּט׳ער. ער האָט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהייבן. שטיל, אין אים, האָט דאָס האַרץ געוויינט. אַ טיפע חרטה האָט גענאָגט זיין געמיט. וואָס האָט ער דאָ ווידער אָפּגעטאָן? און ער האָט דאָך דאָס גאָרנישט געוואָלט. גרויסער גאָט, וואָס שטראָפסטו אים אַזוי? פאַרוואָס זיצט אַזאַ וויסטער שד אין זיין האַרץ?

קאַפּיטל פיר

פון אהרן פעלדשערס קאָמפּרעסן און איינגעבעבצן, פון זיין קלאַפּן מיטן הארטן פינגער איבער חנה לאה׳ס דארע זשעברעס, איז גאָרנישט בעסער געוואָרן. אדרבה, עס האָט גאָר אויסגעזען, אַז ערשט נאָך זיין קומען איז איר געוואָרן ערגער. די געלקייט פון איר פּנים איז נישט אַוועק. זי ליגט כסדר אין אַ מין פאַרטראָגנקייט. די אויגן האַלט זי פאַר־מאַכט, די ליפּן זענען איר פארטריקנט און בלוי, גלייך זי וואָלט שוין חלילה דאָ נישט געווען.

די אַלטע שרה איז נעבעך געווען פאַרלוירן. זי האָט זיך געבראָכן די הענט. כאָטש ס׳איז געווען פרייטיק, האָט זי פון ביסל לעקעכוואַרג, וואָס דארף פארקויפט ווערן לכבוד שבת, אפילו נישט געטראַכט. שטילערהייט האָט זי זיך אַלע ווײַלע געסוד׳עט מיט דער טראָגענדיקער בריינדל, וואָס איז גלייך ווי זי, נישט אָפּגעטראָטן פון חנה לאה׳ס בעט. ביידע ווייבער האָבן גלייך איינגעזען, אַז מען וואָלט געדאַרפט רופן סאָכאַצקין אַליין. וואָרום דער פעלדשער, ווער אומשטיינסגעזאָגט איז ער דען? ער האָט טאַקע אַ פאַרשוירן בערדל, ווי אַ דאָקטאָר, אַ גוט פוטערל האָט ער אויך, אָבער קיין דאָקטאָר איז ער דאָך פאָרט נישט. אין די שקאַלעס איז ער דאָך נישט געגאַנגען. אָט, אַוועק אַ יינג צו די זעלנער און צוריקגעקומען אַ פעלדשער. אַ ליאַדע־וואָס הייסט ער לייגן אייז צום קאָפּ, וואַרעמע זעקע־לעך זאַמד צו די קריזשעס און, דער עיקר, אַ קאַנע. וואָרום פון אַ פאַר־שטאָפּטן מאָגן, זאָגט ער, קומען־ארויס אַלע צרות.

די צוויי ווייבער האָבן אפילו געוואָלט זאָגן: „ירמע דוד, האָסט אָנגעמאַכט אַן אומגליק, חנה לאה איז פאַרבײַ. וואָס־זשע זיצסטו? וואָס לויפסטו נישט נאָך סאָכאַצקין?״ זיי האָבן אָבער מורא געהאַט ס׳מויל צו עפענען. זיי קאָנען ירמע דוד׳ן. ער קאָן נאָך אַ געשריי טאָן: „ארויס פון מאַאַן שטיב!״

דערווייל איז דער טאָג נישט געשטאַנען. ירמע דוד האָט איינגעזען, אַז פון זיין זיצן אין ווינקעלע וועט גאָרנישט אַרויסקומען. פּאָוואָליע און פויל איז ער אויפגעשטאַנען פון בענקל. שטילערהייט האָט ער באַזאָרגט די צוויי יינגלעך אין די חדרים־אריין. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן דעם טלית און תפילין און אָפּגעדאַוונט, נישט חלילה כדי זיך צו נעמען צום פּרעס. אַדרבה, אים איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו נעמען אַ כזית אין מויל אַריין. ער האָט בלויז נישט געוואָלט עובר קריעת שמע זיין.

כאָטש די צוויי ווייבער האָבן יערמע דודן נישט געזאָגט, האָט ער דאָך אַליין געוווסט, אַז מ׳דאַרף ברענגען סאָכאַצקין. אָבער ווי קאָן ער דאָס? דעם דאָקטאָר, כאָטש אַ דימענט פון אַ גוי, דאַרף מען אים דאָך געבן אַ קערבל, און זיין גאַנץ פאַרמעג איז נישט אפילו קיין צוויי גילדן. דערצו נאָך גייט שבת און אַ שטיקל שלום זכר דאַרף מען אויך מאַכן. גיין צו די קצבים נאָכן נעכטיקן טרייב־געלט? איז, ערשטנס, וויפל קומט אים דאַרטן? אפילו נישט גענוג פאַרן בלויזן דאָקטאָר. חוץ דעם, ווי קאָן ער זיך אַהין־ווייזן, אַז חיימקע האָט גאָר באַגין זיך געדאַרפט אָרעקלאָזן אויפסנייי זוכן ס׳ביקל און נישט מ׳הערט פון אים און נישט מ׳זעט אים.

נאָר אָט, אין מיטן דעם פאַרלוירענעם שטיין ביים פענצטער און זיך שלאָגן מיט דער דעה וואָס ער זאָל טאָן, האָט ער פּלוצים, דורך די פאַרקלעפּטע, געלאַטעטע שייבלעך דערזען אַ געלויף פון מאַרק אין הויף־אריין. צום ערשט זענען געלאָפן צעיאַכמערטע קינדער. נאָך זיי, איינגעהילטע אין דערעס — עטלעכע ווייבער, וואָס, ווי נאָר א שטיקל מחיה, זענען זיי אין מיטן. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך אין הויף באַוויזן אהרן פעלדשער און דאָקטאָר סאָכאַצקי.

דער הויכער גוי מיט די שניי־ווייסע וואָנסעס און גרויסע, ווייסע, בערשטלדיקע ברעמען איבער די גרויע, קלוגע אויגן, איז געגאַנגען אין אַ ברייט, טכויערנעם פוטער און אין טיפע, גלאַנציקע קאַלאָשן, ווי האַלבע שטיוועלעך. אויפן ווייסן, שטאָלצן קאָפּ איז געזעסן זייטיקלעך־ווילעריש אַ פיין, ווייך־קאַראַקולן היטל, איינגעקנייטשט לענגלעכדיק, ווי אַ שיפעלע. און געגאַנגען איז ער האַרט נעבן אהרן פעלדשער, די האַלב טויבע אויערן זיינע זאָלן לייכטער כאַפּן וואָס דער נידעריקער פעלדשער רעדט צו אים.

לכתחילה איז יערמע דוד׳ן גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז די פּראָצעסיע ציט דאָס צו אים. פון וואַנען? ער האָט דען עמעצן גערופן? ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז אהרן פעלדשער האָט נאָך אינדערפרי איינגעזען, אַז מיט זיין דאָקטאָריע וועט ער דאָ גאָרנישט העלפן. דאָס ווייבל איז צו חרוב. עס איז א גרויסע ריזיקע זיך דאָ צו שפילן אין וואַרטעניש. איז ער אַליין אָוועק צו סאָכאַצקין און גענומען מיט אים איינטענה׳ן:

— פאַניע דאָקטאָרזשע, א קימפעטאָרין. א מאמע פון דריי קינדער. אין שטוב איז קיין צעבראָכענער דרייער נישטאָ.

סאָכאַצקי, ווי זיין שטייגער, האָט זיך צום ערשט אָנגעבייזערט:

— וואָס האָבן זיי אַזויפיל קינדער, די זשידקעס דיינע?״

זיין בייזערן איז אָבער געווען לפנים. אין תוך איז ער געווען א דימענט פון אַ גוי. ער האָט זיך טאַקע געלאָזט בעטן, אָבער ער איז תמיד געגאַנגען. בפרט נאָך, אַז אהרן פעלדשער איז אַליין געקומען אים בעטן.

— טאַמאַשו! — האָט ער א געשריי־געטאָן אין קיך אריין צום סטאַב־

גרעד, — דעם פעלץ גיב אַהער! — און שוין איז ער אַריינגעקראָכן אין די טיפע, ווינטער־קאַלאָשן און גלייך אַוועק מיט אהרן פעלדשער צו דער קימפעטאָרין.

די אַלטע שׂרה, דערהערנדיק פון יערמע דוד׳ן ווער דאָ קומט, איז נעבעך אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. פאַר סאָכאַצקין האָט זי מורא אימת מות. תמיד, איידער מ׳גייט דעם גוי רופן צו א קימפעטאָרין, איז זי א טאָג פריער שוין פאַרפאָרעט. וואָרום דער גוי וועט זיך נישט צורירן צו קיין קימפעטאָרין, אויב זי און דאָס בעט, פעכלען נישט פון ריינקייט. טאָמער אַ מינדסט פלעקעלע טופעט ער אויף איר מיט די פיס:

— אלטע ברודאטשקע! אזוי אָווירסטו א קימפעטאָרין? איך וועל דיך מאַכן אויס הייבאַם!

די אַלטע האָט נעבעך געוואָלט כאַפּן אַ ליילעך, אַ שיסל וואַסער, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. יערמע דוד איז שוין געשטאַנען אין דער געעפנטער טיר, מיטן היטל אין דער האַנט, איינגעבויגן פאַרן דאָקטאָר אין דרייען.

ס׳ערשטע וואָס דאָקטאָר סאָכאַצקי פלעגט טאָן, אריינקומענדיק אין אַ יידישער שטוב, איז געווען זיך אַרומקוקן און אָפּט זיך אָנבייזערן, דער עיקר וואָס עס איז אזוי ברודיק, אזוי נישט ריין ארום די קראנקע. אויך איצט, אריינקומענדיק צו יערמע דוד׳ן אין שטוב, האָט ער זיך קודם אַרומגעקוקט. פּאַמעלעך האָט ער געפירט די גרויע, קלוגע אויגן פון יערמע דוד׳ן אויף דער אַלטער שׂרה. פון איר אויף בריינדלען. דערנאָך סתם אויף די ווענט, אין די ווינקלען פון סופיט, ווו דאָס שפינוועבס איז געווען דיק און די שפינען זענען געזעסן ווי פעטע קיניגינס אויף זיכערע טראָנען. ערשט נאָך דעם איז ער צוגעגאנגען נאָענט צום ליילעך, וואָס האָט פאַרהאָנגען ס׳בעט מיט דער קימפעטאָרין, אַריינגעשטאָכן די קלוגע בליקן אין די קליינע אותיות׳לעך פון דעם אָנגעשפּיליעטן שיר המעלות־בלעטל און כלומרשט אין גרויס חידוש, גלייך ער וואָלט אזוינס געזען ס׳ערשטע מאָל, געפרעגט:

— און וואָס איז דאָס? פּאַניע אראָן?

אהרן פעלדשער האָט א שמייכל געטאָן. שוין נישט איין מאָל האָט ער דעם דאָקטאָר דערקלערט פאַרוואָס יידן הענגען אויס שיר המעלותן ווען א קינד ווערט געבוירן. דער צעכאַליעטער פריץ פרעגט אָבער אלעמאָל אויפסניי די זעלבע קשיה..

— אויף אווועקצוטרייבן די שדים, פּאַניע דאָקטאָרזשע, — האָט דער פעלדשער אין א חוזק־טאָן אים געענטפערט, אזוי ארום אונטערצושטרייכן, אז ער אַליין, כאָטש אויך א „סטאַרע זאַקאָני״, האַלט נישט פון אזעלכע שלאָמויזן...

— און די שפּינען איבער דער קימפּעטאָרין, טרייבן אויך אוועק די שדים? — האָט דער גוי שטעכיק א לאַך־געטאָן און זיך גלייך געווענדעט צו דער אלטער שרה: — און דו, אלטע, נעמסט נאָך אלץ אָפּ קינדער? וואָלסט עס שוין געמעגט לאָזן פאַר יונגע אקושערקעס.

— כ׳טו עס דען פאַר געלט, פריץ לעכטיקער? — האָט זיך די אלטע שרה געקאָרטשעט פאַר חניפה און מורא, — עס איז דאָך א מצוה צו ברענגען קינדערלעך אויף דער וועלט.

— און ווער איז זי? — האָט דער דאָקטאָר סאָכאַצקי שאַרף אָנגעוויזן אויף דער טראָגעדיקער ברײַנדל.

— א קרובה, דאָקטאָר האַרציקער, — האָט דאָס קליינע יידינקעלע געוואָלט מיט איר איינגעדאַרט גופל פאַרשטעלן דאָס ווייבל מיטן שפּיציקן בויך, — א קרובה, וואָס טרעט נישט אָפּ פון דער קימפּעטאָרינס בעט.

— אַ, דאָס איז זי? — האָט דאָקטאָר סאָכאַצקי זיך געווישט די צווי שווערע, ציכטיק־ווייסע וואָנסעס. — שוין געהערט, שוין געהערט ווי זי טרעט נישט אָפּ פון דער קימפּעטאָרין. דו, אלטע, ביזט געלאָפן צו דיין לעקעך און זי איז געלאָפן צו אירע טעפּ און די געווינערין האָט איר געלאָזט אָפּגיין אין בלוט. אָט דאָס איז זי, די צויג. אַרויס פון דאנען, טראָג זיך!

ערשט נאָך דעם אויסקאַפּריזעווען זיך, האָט דאָקטאָר סאָכאַצקי גע־לאָזט אהרן פעלדשער זאָל אים אויסטאָן ס׳פוטער, צונעמען אים פון דער האַנט־אַרויס דאָס ווייכע, קאַראַקולענע היטל. באלד דערנאָך האָט ער זיך גוט אָנגעזייפט די הענט און ארונטער היגטערן ליילעך צו דער קימפּעטאָרין.

פונקט ווי דער דאָקטאָר סאָכאַצקי איז געווען קאַפּריזנע צו געזונטע אזוי איז ער געווען ווייך און צאַרט צו קראַנקע. קינדער פלעגט ער געבן מטבעות און שפּילעכלעך. דערוואַקסענע פלעגט ער טרייסטן און צו זיי רעדן גוטע רייד. אויך חנה לאהן האָט ער געצערטלט איר דאַר־געל־בלאסע האַנט און זי געטרייסט:

—שרעק זיך נישט, מאַטקאַ, דו וועסט זיין געזונט און האָבן נאָך קינדער.

נאָר חנה לאה איז געווען שטאַר. זי האָט אפילו מיט קיין ברעם קיין צוק נישט געטאָן. זי האָט געקוקט אומבאַוועגלעך אויף דעם דאָקטאָר, וואָס פאַרעט זיך ארום איר. ערשט נאָכן באַטראַכטן זי, ווען דאָקטאָר סאָכאַצקי האָט שטילערהייט געזאָגט צו אהרן פעלדשער:

— א שאָד, אזוי יונג און שוין אזוי פאַרוועלקט. אַך, וואָס דיינע יידעלעך מאַכן פון זייערע טעכטער. און זי האָט געמוזט זיין א שיינע.

ערשט הערנדיק די װאַרעמע ווערטער, האָט זיך אויף דער קראַנקערס געל, אומבאַוועגלעך פּנים באַוויזן א דין, קוים, באַמערקבאַר שמייכעלע,

גלייך אונטער דער הויט פון דעם פריצייטיק פאַרוועלקטן פנים, וואָלסט פּלוצים א שטראַל ליכט אויפגעגאנגען. די פרוי אין חנה לאהן, כאָטש אזוי פאַרשמאַכט און אויסגעלאָשן, איז געווען דאַנקבאַר דעם מענטש פאַר די וואַרעמע ווערטער. קיינער האָט איר נאָך אזעלכעס נישט געזאָגט. פון ירמע דודן, אויסער קללות, האָט זיך נאָך גאָרנישט געהערט.

— א דאַנק, הער דאָקטאָר, א דאַנק — האָבן אירע בלויע, פאַרטריקנטע ליפּן געמורמלט.

באַרואיקענדיקע רייד האָט דאָקטאָר סאָכאַצקי גערעדט בלויז היגטערן ליילעך, זי, חנה לאה, זאָל הערן. אָבער נאָכן אפּערקומען פון דאָרטן, ביים זייפן זיך די הענט צום אַוועקגיין, האָט ער צו אהרן פעלדשער גערעדט גאָר עפּעס אנדערש:

—שלעכט, זייער שלעכט — האָט ער געזאָגט און, צורופנדיק ירמע דוד'ן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר מיטן היטל אין דער האַנט, האָט ער אים געזאָגט: — הער, זשידקו, טאָמער וועט ביז מאָרגן נישט בעסער ווערן, וועט מען מוזן ברענגען אַן אַקושער פון ווארשע. און דו, אַלטע, — האָט ער זיך פּלוצים געווענדט צו דעם איינגעדאַרטן יידינקעלע, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אין איין מורא, — דו זאָלסט נישט אָפּטרעטן פון בעט. א גאַנצע נאַכט זאָלסטו דאָ זיין. טאָמער וועט איר ביינאַכט ערגער ווערן, זאָלסטו מיך רופן, דו הערסט?

— אוודאי, הארצעדיקער דאָקטאָר — האָט די אַלטע שרה געפּלאָטערט פאַר אים — אוודאי וועל איך דאָ נעכטיקן.

ווי נאָר דאָקטאָר סאָכאַצקי מיט אהרן פעלדשער זענען אַוועק, האָט דער אָרעמער הויף צוריק אויפגעלעבט. די שכנים, יידן און יידענעס, קליינע קינדער און אונטערגעוואַקסענע מיידלעך, וואָס האָבן זיך פריער געדרענגט אין קופּקעלעך, מורא האָבנדיק אפילו צוצוגיין נאָענט צום פענצטער, האָבן זיך איצט פריי א לאָז־געטאָן צו ירמע דוד'ס טיר. די ווייבער האָבן זיך אריינגעפּאַקט אין שטיבל. די מאַנצבילן, אָנשטאָט אריין אינעווייניק, האָבן גאָר ארויסגעקראָגן ירמע דוד'ן אין הויף אריין. אלע האָבן געוואָלט דערגיין וואָס סאָכאַצקי האָט אזוינס געזאָגט. נאָר גאָר אין לעבן איז עס געגאַנגען דעם הויכן אייזיק, א ייד ווי א שטעקן, מיט עטלעכע שיטערע הערעלעך אין דער גאָמבע אָנשטאָט א מאַנצבילישע באָרד. אָט דער ייד, כאָטש א שניידער, איז געווען א פייערדיקער חסיד, וואָס האָט גראָד איצט געוואָלט פועלן ביי ירמע דוד'ן דאָס וואָס ער האָט שוין פון לאַנג ביי אים נישט געקאָנט אויספירן. דעם הויכן אייזיק איז עס ממש געגאַנגען אין לעבן וואָס ירמע דוד וויל נישט אריינשמעקן צום רבין, אפילו נישט אין רבינס בית המדרש, כאָטש ער איז א שכן, א הויף לעבן א הויף. האָט ער דאָס איצטער געפונען דעם שעת הכושר זיך א נעם צו טאָן

צו יערמע דוד׳ן, נישט חלילה צו אים אליין. ער האָט בלויז געגומען מבטל מאכן דעם דאָקטאָר:

— האָרך נישט דעם גוי, יערמע דוד. פאָלג בעסער מיך און גיי אריין צום רבין. א וועלט פאָרט צו אים זאָל לעבן.

יערמע דוד האָט קיינמאָל נישט געהאלטן פון קיין גוטע יידן. כאָטש א פראָסטער חי־וקים האָט ער זיך דאָך געהאט זיין דרך. רביים, פלעגט ער טענהן, זענען פאר חסידים, יידן אין ספאָדיקעס, וואָס קאָנען אין די קליינע אותיותלעך. ער אָבער? ווי קומט ער צו רביים? אלא אייזיק? א פראָסטער שניידער? איז אים טאקע אלעמאָל געווען א חידוש ווי ער קומט צו די שמייליקע יידן אין די אטלעסענע קאפאָטעס מיט די טכוירענע שטריימלען. חוץ דעם: יערמע דוד׳ס פראָסטער קאָפּ האָט סתם נישט געקאָנט משיג זיין, אז דער רבונו־של־עולם זאָל דארפן באהעלפערס, ווי, להבדיל, מלמדים. וואָרום ס׳איז דאָך אָן אָפּענער איין־און־דרייסיק: איז דעם רבונו־של־עולמס רצון, אז עפּעס זאָל געשען, האָט ער דאָך מילי־מיליאָסן מלאכים גרייט יעדע רגע צו טאָן זיין שליחות. אלא ווידער פארקערט, העלפן דאָך אפילו קיין מלאכים נישט, וואָס־זשע קאָן דאָ העלפן א פשוטער בשר ודם? און אז דער רבי איז א בשר ודם זעט ער דאָך באשיינפערלעך. ווי גאָט גיט דעם פרייטיק גייט ער אין מרחץ אריין, צוגלייך מיט אלע יידן, האָט הנאה פון א ווייך בעזעמל מיט א ביסעלע פארע און מאכט ברוך השם א ברית אלע צוויי יאָר ווי אנדערע פשוטע יידן...

אָט, מיט די דאָזיקע טענות פלעגט זיך יערמע דוד ווערן קעגן הויכן אייזיקס שטראָף־רייד. דאָס איז אָבער געווען געוויינלעך, ווען דער קאָפּ איז אים געווען רואיק. איצט אָבער, נאָך דער מעשה פון אינדערפרי, איצט, ווען ער האָט באשיינפערלעך געזען זיך, ווי חנה לאה׳ס מלאך המות, איצט איז ער גרייט געווען צו טאָן וואָס מ׳וועט אים נאָר הייסן, אבי צו פועלן א רפואה שלמה פאר חנה לאה׳ן. אים איז איצט גאָרנישט איינגעפאלן זיך צו אמפּערן מיטן הויכן אייזיק. אדרבא, ער האָט אים גלייך נאָכגעגעבן:

— אוודאי, מאָרגן בלי נדר, גלייך נאָך הבדלה, גיי איך אריין צום רבין.

אָבער, אייזיקשי — האָט זיך יערמע דוד געגומען בעטן ביים הויכן ייד, ווי ביי איינעם אין וועמענס הענט עס ליגט די גאנצע ישועה — טאָמער פאלט זי חלילה אוועק היינט, אין מיטן פרייטיק צונאכטס?

— נישט געזאָרגט, יערמע דוד, גאָט וועט העלפן! — האָט אים אייזיק פול מיט בטחון פארזיכערט.

אויך די ווייבער, וואָס האָבן שטענדיק א בייז הארץ אויף דאָקטאָר סאָכאצקין פארן טרייבן זיי פון קראנקנס שטוב־ארויס, האָבן אונטערגע־האָלפן אייזיקן מאכן אש און בלאָטע פון דאָקטאָר:

— וואָס מיינט ער זיך, דער גויעץ? זיינע פלעשעלעך וואָסער העלפן

דאָס? אז זיין ליבער נאָמען וויל, שיקט ער א רפואה שלמה אָן סאָכאצקיס חלשות־טראָפּנס.

דער הויף מיט ווייבער האָט איצט שטארק געוואָלט טאָן סאָכאצקין להכעיס. ווייל ער האָט אָנגעיאָגט אזעלכע שווארצע כמארעס, האָבן זיי דוקא געוואָלט מאכן פריילעך. אָנשטאָט זיי זאָלן ארומגיין פאַר׳מרהשחורה׳ט, האָבן זיי זיך גאָר גענומען צו מאכן שבת פאַר יערמע דוד׳ן מיט די קינ־דער. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז חנה לאה׳ס שטיבל פול געווען מיט ווייבער, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט. איינע האָט כשר געמאכט דאָס גריישל, וואָס יערמע דוד האָט אויף גיך געכאפּט פון מארק. אַן אנדערע האָט צעהאקט די פּאָר פישלעך. א דריטע האָט זיך געכאפּט צו שטעלן א טעפּעלע וואסער מיט ראָזשינקעס, יערמע דוד זאָל האָבן ווייַן אויף קידוש, און בריינדל, וואָס האָט זיך נעבעך געפילט שולדיק אין לאָזן חנה לאה׳ן אליין, האָט זיך גענומען די גרעסטע מצוה, צונעמענדיק צו זיך די קינדער, זיי זאָלן זיך נישט ארומבלאָנקען ווי בלודנע יתומים. דער הויכער אייזיק, ווידער, אָט דער פריילעכער גוט־שבת, וואָס קוקט־אויס א שמחהלע, א שטיקעלע מחיה, ער זאָל זיך קאָנען א פּאָרע־טאָן, ער האָט איבערגעלאָזט דאָס שניידערייַ מיט די געזעלן זיינע און זיך געזעצט צוזאמען מיט די ווייבער קלייבן קיילעכדיקע ארבעס פון גרויסע טעלערס־ארויס לכבוד דעם שלום־זכר, וואָס יערמע דוד דארף פראַווען היינט ביינאכט. ער האָט זיך אויך געפּאָרעט לעבן יערמע דוד׳ן ארום פייער, ביים צושטעלן די טעפּ לאַקריץ אויף צו טרינקען ביינאכט אָנשטאָט ביר, וואָס איז א צו טייערע משקה פאַר אַן אָרעמאַן.

פּארנאכט, צו ליכט־צינדן, איז ביי יערמע דוד׳ן געווען ארייַנגעפּירט דער שבת פּונקט ווי ביי אלע יידן. די שטוב איז געווען אויסגעקערט און געל פון פריש אויסגעשאָטענעם זאמד אויף דער פּאָדלאָגע. דער טיש, אין מ־טן שטוב, איז געווען געדעקט מיט א ווייס טישטוך. פיר מעשענע לייכ־טער, פריש אָפּגעשייערטע, זענען געשטאנען אין מיטן טיש, און פיר ליכט, ווייסע, צניעותדיקע, זענען געווען גרייט צו באלייכטן און צו באשיינען דעם הייליקן שבת. אויך חלות זענען געווען. אויבן־אָן אויפן טיש, אונטער א ווייס, ציכטיק חלה־טישטעכל, אויף וועלכן חנה לאה האָט באלד נאָך איר חתונה אויסגעהאָפטן מיט רויטן וואָל א גרויסן „לכבוד שבת", זענען געלעגן צוויי ברוינע קוילעטשלעך, איינס אָן אנדערן אָנגעשפּארט און לעבן זיי איז געשטאנען א קארפינקעלע מיט ראָזשינקע־וויין, ווארעם נאָך פון פייער אראָפּ. ארום טיש זענען געשטאנען צוויי לאנגע בענק, גרייט פאַר יידן, וואָס וועלן נאָך קבלת שבת קומען שלום־בעטן דעם ניי־געבוי־רענעם זכר.

יערמע דוד׳ס געמיט איז איצט געווען גרינגער. ער האָט אָנגעצונדן

דעם עלפּער לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען איבערן מיטן טיש. בלויז לכבוד א יום־טוב צינדט ער אָן דעם דאָזיקן לאָמפּ. און היינט איז דאָך ביי אים א יום־טוב. ער האָט אויך געהאט בטחון, אז דער שבת וועט, מיט גאטס הילף, אָפּלויפן בשלום. ער וועט, חס וחלילה, נישט דארפן מחלל שבת זיין, כדי צו לויפן קיין ווארשע נאָך א דאָקטאָר. אן אויפגעלייגטער האָט ער זיך געפּאָרעט אין בית־המדרש־אריין און כסדר אונטערגעטריבן די יינגלעך, זיי זאָלן זיך ארומוואשן און אָנטאָן די שבת׳דיקע קאַפּאָטקעלעך. אין מיטן גאנצן פּאָרען זיך איז ער גאָר געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זיך פּלוצים אָן עפּעס דערמאָנט. באלד איז ער צוגעגאנגען צום שענקל, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיטן ביסל גלאָזווארג, וואָס חנה לאה האָט ביסלעכווייז, אין לויף פון יאָרן, איינגעהאנדלט ביי דורכפאָרנדיקע שמאטניקעס. ער האָט גענומען אין דער האנט אריין דאָס ווייסע פּאפּירל, דאָס רעצעפּטל, וואָס סאָכאצקי האָט אינדערפרי פארשריבן. וואָס זאָל ער טאָן? לויפן דערמיט אין אפּטייק־אריין? אז סך־הכל האָט ער אכצן גראָשן, וואָס ער האָט אָפּ־געריסן פון שבת און אוועקגעלייגט ווי א פּדיון פארן רבין, ער זאָל האָבן גרייט אויף מאָרגן אויף דער פולער וואָך. חוץ די דריי זעקסערס האָט ער נישט א גראָשן ביי דער נשמה. זאָל ער גאָר איצט, ערב ליכט־צינדן, אפשר גיין לייען? איין גאט ווייסט, אז ער וואָלט זיך בעסער געלאָזט די האנט אָפּהאקן איידער זי אויסשטרעקן, אפילו צו לייען, בפרט נאָך איצט, ערב שבת. יידן גייען שוין אין שול אריין. נייך, אייזיק איז גערעכט! מען דארף זיך פארלאָזן אויף גאָט. דער אייבערשטער וועט העלפן אָן סאָכאצקיס פּלעשל.

אן אָפּגעוואשענער, אן אָנגעטוענער אין דער שבת׳דיקער, קאַפּאָטע האָט ער א קוש געטאָן די מזוזה און אוועק מיט די צוויי יינגלעך אין בית המדרש צו קבלת שבת מיט א הארץ פול מיט בטחון.

קאַפּיטל פינף

דער שלום זכר, ווי דער גאַנצער שבת, איז ביי ירמע דוד'ן געווען פאַר־שטערט. חנה לאה האָט געפיבערט. ס'עופהלע, וואָס האָט נעבעך נישט גע־קראָגן דער מוטערס בריסט, האָט זיך געהאַלטן אין איין רייסן. די אַלטע שרה האָט כסדר געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צו דער קימפּעטאָרינס קאָפּ און איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר בעט.

ירמע דוד האָט געמאַכט קידוש הויך, די קימפּעטאָרין זאָל קאָנען נאָכ־זאָגן אמן, אָבער חנה לאה איז געווען פאַרטראָגן, זי האָט נישט געוווּסט וואָס ארום איר טוט זיך. פון די קינדער האָט זיך אָפּגעטאָן דאָס שבת'דיקע געמיט. זיי זענען געזעסן שטילע אין די ווינקעלעך גרייט אויסצוברעכן אין א געוויין, און ער, ירמע דוד, איז געשטאַנען ביים שבת'דיקן טיש א פאַר־לוירענער און נישט געוווּסט, צי ער זאָל זיך וואַשן צום חלה'לע און ברעכן דעם תענית, אָדער ער זאָל גאָר לויפן נאָך סאָכאַצקין. אָבער געבליבן איז ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף זיין ליבן נאָמען און נישט פאַרשטערן דעם שבת.

כאַטש אליין איז אים דער האַלדז געווען פאַרשלאָסן און טרערן האָבן אים געשטיקט, האָט ער דאָך געמינטערט די קינדער, די צוויי יינגלעך מיטן מיידל, וואָס זענען שטילינקע געזעסן ביים טיש, זיי זאָלן עסן. די קינדער האָבן אָבער נישט געגעסן. פון יוצא־וועגן האָבן זיי געהאַלטן די לעפל, געמישט אין די שיסעלעך מיט קרופּניק, וואָס די אַלטע שרה האָט דערלאַנגט צום טיש און סוף־כל־סוף זיי אוועקגערוקט מיט כלערליי תירו־צים, ביז, ענדלעך, זיי האָבן זיך צעוויינט און איינער נאָכן אנדערן איז אוועק פון טיש.

אויך שפּעטער, ביים שלום־שכר, האָט געהערשט א מרה שחורה. עפּעס האָט זיך געדאַכט, אז ס'איז פינצטער אין שטוב, כאָטש די ליכט האָבן גע־ברענט און דער לאָמפּ איבערן טיש האָט געלויכטן ווי פסח צום סדר. און די מרה שחורה האָט באַלד ארומגענומען די יידן, וואָס זענען איינציקווייז זיך צונויפגעקומען באַשיינען ירמע דוד'ס שמחה און זיך אויסגעזעצט ארום טיש דליבען די קיילעכדיקע ארבעס.

נאָר אָט איז אריינגעפאַלן דער הויכער אייזיק מיט א בינטל חסידים פון רבינס בית המדרש. דאָס איז געווען א חברה הוליע קבצן אין צע־דריוולטע, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, מיט נאָכהענגענדיקע צויטן, אין אַלטע, פּלאָטשיקע שטריימלען און אויסגעריבענע, פּאַרפּעצטע, סאַמעטענע קאַש־

קעטן. אָבער ווער איז זיך דאָס מצער איבער אזא הולך? און ווער וועט דאָס צוליב דעם אָפּפרעגן זייער יחוס?

דער הויכער אייזיק איז בכיוון געקומען מיט דער חברה. ער האָט זיך משער געווען וואָסער מרה שחורה דאָ הערשט נעבעך, איז ער באלד אריינ־געקומען מיט שטעל, מיט פארנעם!

— גוט־שבת, יידן! — האָט ער א רוף־געטאָן. — מזל טוב, בעל ברית! מזל טוב, קימפעטאָרין!

מיט דער אייגענער ברייטקייט האָבן דער הויכער אייזיק און זיינע לייט זיך אויסגעזעצט ארום טיש און כאַטש טעלער מיט קיילעכדיקע אר־בעס זענען געווען צעשטעלט, האָט ער, פון פריילעכקייט וועגן, גענומען קאָמאנדעווען:

— ארבעס, יערמע דוד!

— און משקה אויך — האָבן זיינע לייט אים מיטגעהאָלפן.

יערמע דוד האָט אָן א וואָרט גענומען שעפּן מיט א קריגל דעם לאַקריץ פון טאָפּ און צעגיסן אין גלעזער און דערלאַנגען צום טיש. אָבער דער הויכער אייזיק מיט די עטלעכע שיטערע הערעלעך אין דער גאָמבע אָנ־שטאָט א מאַנצבילשע באָרד, איז נישט געווען צופרידן פון יערמע דוד׳ס שווייגן, פון דער שווערער מרה שחורה, וואָס האָט געדריקט דאָס געמיט:

— נאָר נישט קיין עצבות, יערמע דוד! — האָט ער זיך א בייזער געטאָן — דער רבונו־של־עולם האָט פיינט עצבות, דו הערסט, יערמע דוד! בפרט אום שבת און צען מאָל בפרט בשעת א שמחה! יידן, א זמרל!

פאר א ווײַלע האָט זיך געדאכט, אז דער אויפגעזונגענער ניגון האָט טאקע גובר געווען די מרה שחורה. יידן האָבן געזונגען מיט ברען. קעפּ און אקסלען האָבן זיך צעוויגט. שטערנס האָבן זיך געקנייטשט. אויגן האָבן זיך געצונדן. יידן האָבן נעבעך מיט געוואלט פארטרייבן די עצבות, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אומזיסט האָט דער הויכער אייזיק געטריבן די ווייבער, וואָס זענען נאָך דער שבת׳דיקער סעודה זיך צונויפגעקומען זען וואָס די קימפעטאָרין טוט, און זעענדיק ווי חרוב זי איז, זענען זיי צו־געקומען צום טיש און זיך גענומען בעטן: „שטילער יידן, האָטס גאָט אין הארצן, די קימפעטאָרין איז דאָך פארביי!" ער האָט נעבעך געמוזט נאָכ־געבן, דער הויכער אייזיק. דאָס געזאנג האָט אויפגעהערט. יידן האָבן שטילערהייט זיך גענומען פאנאנדערגיין און די מרה שחורה האָט זיך צוריק באזעצט אין דער גאנצער שטוב.

וואָס אָן אמת, יערמע דוד האָט נעבעך אויסגעקוקט דער עולם זאָל זיך שוין צעגיין. ער איז נישט קיין חסיד, ער געהערט נישט צום הויכן אייזיק׳ס לייט, וואָס קאָנען מבטל זיין צרות. יערמע דוד, אז ס׳הארץ טוט אים וויי, קאָן ער נישט זינגען. תהילים זאָגט ער דענצמאָל. מיט א וויינענדיק קול

זאָגט ער תהילים. ער פאַרשטייט טאַקע נישט דעם טייטש פון דעם וואָס ער זאָגט, ער האָט נישט געהאַט די זכיה קליינערהייט צו גיין לאַנג אין חדר ער זאָל זיך קאָנען אויסלערנען דעם טייטש פון די קליינע אותיות׳לעך. וואָס אָן אמת, דער קאָפּ איז אים אויך נישט געווען דערצו. ווען אַנדערע יינגלעך האָבן געלערנט, האָט ער זיך גאָר געדאַרפט מיטשלעפן אויפן טאַטנס וואָגן טעג און נעכט, כדי צוהעלפן אין דער פרנסה. אָבער עברי האָט ער זיך אויסגעלערנט און תהילים זאָגן היט ער. און כאָטש ער פאַר־שטייט נישט דעם טייטש, פילט ער אָבער ווי מיט יעדן אָפּגעזאָגטן קאַפּיטל תהילים ווערט אים לייכטער אויפן געמיט, גלייך מען וואָלט אים שווערע שטיינער פון האַרץ אַראָפּגעקאָלערט.

אויך איצט, כאָטש ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכטס, האָט ער זיך געוואָלט זעצן זאָגן אַ שטיקל תהילים פאַר חנה לאָה׳ס־וועגן. דעריבער, ווי נאָר דער עולם איז אוועק, האָט ער גיך געלייגט הינדעלען מיטן קליינעם אברעמלען צו זיך אין בעט־אַריין שלאָפן און ער מיט לייבל משה׳ן האָבן געעפנט סדורים און זיך געזעצט ביי די האַלב אויסגעטריפטע ליכט זאָגן הויך, מיט אַ וויינענדיקן ניגון:

— אוי, אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב...

אַ גאַנצן פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן יערמע דוד און לייבל משה אַזוי געזאָגט תהילים און אַ גאַנצן שבת האָט ס׳פייער אונטער דער פּליטע גע־ברענט, ווי ס׳גיהנום אינדערוואָכן.

באַלד אינדערפרי, ווי נאָר מען האָט דערלעבט איבערצוקומען דעם לאַנגן, ווינטערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס, איז שוין אויפן הויף אָנגעשטאַנען אַן אַמפּערניש. די שכנים, ווייבער און מאַנצבילן, אין וואָכעדיקע פּאַלטנס און פראַסטע טיכער זענען אַרויס פאַר די טירן, געגאַנגען הין און צוריק הינטער יערמע דוד׳ס פענצטער און זיך געבראָכן די הענט:

— אַזאַ כשר ווייבל, אַ מאַמע פון פיר שוואַלבן!

טייל האָבן געטענה׳ט מען זאָל זיך נישט שפּילן, מען זאָל נישט איינ־שטעלן, מען זאָל שוין לויפן קיין וואַרשע, ווייל ביינאַכט קאָן שוין חלילה זיין צו שפּעט. אַנדערע, מיטן הויכן אייזיק בראָש, האָבן געהאַלטן פאַרקערט:

— אַז זיין ליבער נאָמען האָט יאָ געהאָלפן און מען איז איבערגעקומען די לאַנגע נאַכט, האָט מען דעם גוי אין דער אדמה, איז דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, אַן אל רחום וחנון, ער וועט נישט חלילה, צונעמען אַ מאַמע פון פיר פּיצלעך קינדער!

דעם הויכן אייזיק איז דאָ ממש געגאַנגען אין לעבן. עפּעס אַ קליינ־קייט, אַי חלול שבת, אַי, חס ושלום, זיך פאַרלאָזן אויף אַ בשר ודם! דער ייד האָט ממש געפּילט בחוש, אַז די וואָג־שאָל אויבן אין הימל, וויגט זיך

צווישן חייב און זכאי. זאָל מען חלילה דערלאָזן צו חלול שבת, וועט די עבירה פאַלן ווי אַ שטיין און חס ושלום אראָפּוועגן די וואָג־שאָל. האָט ער דעריבער זיך געקאָכט אין מיטן פון די קרענצלעך יידן:

— ניין! בשום אופן נישט חלול שבת!

פונדעסטוועגן, ווי נאָר ער איז אַרויס פון די קרענצלעך און געבליבן מיט זיך אַליין האָבן ספקות אים גענומען פּלאָגן: „שטעלט ער נישט אַמאָל צופיל אויף זיך? סאָקאַצקי איז דאָך פאָרט נישט עפּעס דאָרטן אַ פּראָסטער גוי. ער איז דאָך אַ דאָקטאָר, און אַ דאָקטאָר, אפילו אַ גויאישער, האָט דאָך אַ שר אין הימל. און אַז דער דאָקטאָר הייסט פאָרן איז אפשר דער רצון פון זיין שר? ווי־זשע מעג ער זיך קעגנשטעלן? בלויז דער רבי זאָל לעבן קאָן זיך דאָ אַריינמישן, ווייל אויך דער רבי האָט אַ שר אין הימל..."

אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער איז דער הויכער אייזיק אַריין צו זיך אין שטוב. אונטערברומענדיק אַ ניגונ׳דל האָט ער אָנגעטאָן די אַטלאַסענע קאַפּאָטע מיט די צעדריוולטע אַרבל, אַרויפגעשלעפּט דעם פיל קירצערן אויבער־בגד, אָנגעטאָן דאָס שטריימל, גענומען דעם טלית אונטערן אָרעם און אַוועק צום רבין, אים פרעגן אַן עצה, איידער ער גייט אין בית המדרש אַריין דאַווענען.

נאָטע משמש האָט אים חלילה נישט אַריינגעלאָזט צום רבין אין חדר. שבת נעמט דער רבי נישט קיין קוויטלעך און ער נעמט נישט אויף קיין יידישע צרות. נאָר אַזוי ווי דער הויכער אייזיק איז דאָך פאָרט אַ מאָדזשיצער חסיד, אַ בן־ביתביים רבין, האָט דאָס קורצע יידל מיט די שווערע פּיס אים צוליב געטאָן און אַריינגעגאַנגען איבערפרעגן דעם רבין צי ער הייסט פאָרן אום שבת נאָך אַ דאָקטאָר, אָדער מען זאָל וואַרטן אויף נאָך הבדלה.

צוריק איבערזאָגן אייזיקן וואָס דער רבי האָט דאָרטן געזאָגט, האָט שוין נאָטע משמש נישט באַדאַרפט. הינטער דער פאַרמאַכטער טיר האָט אייזיק גוט געהערט, אַז דער רבי האָט זיך געבייזערט:

— יעך הייס נישט פאָרן! דער אייבערשטער וועט שיקן אַ רפואה שלמה אָן חלול שבת!

דעם אמת געזאָגט איז דאָס גאַנצע אַמפּערן זיך אויפן הויף און אייזיק׳ס גיין פרעגן דעם רבין, געווען איבעריק. יערמע דוד׳ן איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו פאָרן קיין וואַרשע. און ווען עס פאַלט אים אפילו יאָ איין, האָט ער דען געהאַט מיט וואָס? עפּעס אַ קלייניקייט, פאָרן קיין וואַרשע! און נאָך דערצו אַראָפּברענגען פון דאָרטן אַ דאָקטאָר! די אַלע יידן, מיטן הויכן אייזיק בראש, זיי איז דען איינגעפאַלן, אַז חוץ די ח״י גדולים, די אכצן גראָשן פאָרן רבין, האָט נישט יערמע דוד אַ פּרוטה צו דער נשמה?

פונדעסטוועגן, נאָכן גאַנצן אַמפּערן און ברעכן זיך די הענט, האָבן די

שכנים אָפּגעדאַווענט און זיך געזעצט צו די שבת׳דיקע סעודות. זיי האָבן געגעסן פעטע קוגלען און געזונגען זמירות, נאָר איין יערמע דוד איז נעבעך אָפּגעקומען דעם שבת מיט א כזית חלה, פון יוצא־וועגן און מיט א סך תהילים זאָגן. פון אומגעדולד האָט ער א גאנצן טאָג זיך געדרייט אריין און ארויס פון שטוב. אלעמאָל האָט ער פון דאָס ניי אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, צי עס ווייזט זיך שוין א שטערן, א סימן, אז מען מעג דאַווענען מעריב און אָנצינדן א ליכט.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט. די אלטע שרה איז צו צום פאַרפרוי־רענעם פענצטער און א וויש־געטאָן מיט די דארע, אויסגעטריקנטע פינגער איבער דער פייכטער שויב, דורך וועלכער ס׳האָט אריינגעקוקט א טונקע־לער, טרויעריק־פאַרכמורעטער, שבת׳דיקער בין השמשות. שטיל און טרוי־עריק האָט זי זיך געזעצט אין ווינקעלע אויף א טאַבורעטקע און גענומען זאָגן מיט א געבראָכן קול:

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב...

יערמע דוד האָט זיך גיך געשטעלט דאַווענען מעריב און נאָך גיכער איז ער אַוועק אין צווייטן הויף צום רבין אויסווייגען א תשובה פאַר זיך און א רפואה שלמה פאַר חנה לאה׳ן.

קאַפּיטל זעקס

דעם רבינס הויז איז געווען בלויז א שפּאַן פון דעם הויף, ווו יערמע דוד מיט נאָך א שאָק אָרעמעלייט האָבן געוווינט אין קליינע, חרובע שטיבלעך, באַר אויסגעזען האָט עס ווי פון גאַר אן אנדער וועלט.

דאָס איז געווען א רחבותדיק האַלצערן הויז געפּארבט אין א טונקעלן ציגל־קאָליר מיט געשניצטע קארניזן איבער הויכע, ברייטע טיר־און־פענצטער. אין פראָנט איז געווען א גרויסע וועראנדע מיט טרעפּ אין ארומגעצוימטן גערטל־ארײַן, א גערטל פול מיט אקאציע־ביימער, וואָס האָבן זומער פארשמעקט דעם גאנצן ארום. זייערע ברייט צעוואקסענע צווייגן האָבן פארשטעלט און אָפּגעזונדערט דאָס הויז פון אָפּענעם מארק און געשפּרייט א קילן ווייכן שאָטן ווייט אריבער דעם אייגענעם פארקאנדל.

אויפן הויף, ווי אן אָפּיצינע, האָט דער רבי געהאַט אן אייגן גרויס בית מדרש. אין די יום־טובים פלעגט עס זיין געפּאקט מיט אָנגעפּאָרענע חסידים פון גאנץ פּוילן. הינטער דעם בית מדרש איז געלעגן א שטיק אָפּן פעלד מיט א געדיכטן סאָד, וואָס רייכע חסידים האָבן אָפּגעקויפט פארן רבינס־וועגן.

יענעם שבת־צו־נאכטס, ווען יערמע דוד איז אריינגעגאנגען צום רבין, איז אין דעם הויז געווען גאָר ליכטיק. די בליץ־לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן אין אלע שטובן, ווי אין א יום־טוב. דעם רבינס הויז־געזינד, זין און טעכטער, איידעמס און שנירן, אייניקלעך, גרויסע און קליינע, אין שאָרכלענדיקן זייד און אין שטילן, ווייכן סאמעט און אטלאס, האָבן ארומגעהאָוועט איבער די שטובן, ווי זיי וואָלטן זיך איצט, אויף דער פולער וואָך, אָפּגענומען לויפעניש און האָוועניש פאר דעם גאנצן שבת.

גאָר ליכטיק איז איצט געווען אויפן רבינס הויף. דאָרטן האָט זיך איצט גאָר געמחיה׳ט. פון אלע זייטן האָבן זיך אין דעם פארמאכטן הויף־ארײַן געיאָוועט חסידים מיט געבליבענע האַלבע קוילישן אין די בוזעמס. טייל האָבן אויך געבערענגט ביסלעך אָקעוויט, געבליבענעם נאָך די שבת׳דיקע סעודות. געוועלבניקעס האָבן אויך מיטגעברענגט פעטע הערינג און זיי אריינגעגעבן תירצה׳ן אין קיך ארײַן, זי זאָל זיי צעהאַקן מיט ציבעלעס, מיט עפּעל, אויסמישן מיט עסיק און מאכן א באַטעמטן „קראַץ־באַרשט״.

אין דער גרויסער קיך, וואָס איז געלעגן אויפן הויז ווי א פּעקל אויף א פּלייצע, האָבן אָרעמע חסידים זיך געפּאָרעט ארום גרויסע טעפּ, וואָס זיי האָבן געטאַסקעט און זיי ארויפגעשטעלט אויף דער גרויסער, בלוילעך

געקאלכטער פליטע, אין וועלכער ס׳האט געקנאקט א פריילעך פייער אונ־טער אלע פיר פייערקעס. אין מיטן דער קיך האט ארומגעהאוועט תירצה, די קעכין, א יידענע אן עגונה, מיט א ברייטן געזעס און א פאר פאר־שארצטע, דיקע אָרעמס און א מויל, וואס האט נישט גערוט, נאר געהאלטן אין איין קאמאנדעווען מיט די חסידים, וואס זענען געזעסן ביי די קוישן קארטאפל און בוראקעס, ווי מיט שיק־יינגלעך:

— וואס שיילט עך אזוי גראב? ס׳עט דאך גארנישט בלייבן אין טאפ!

אויך אנטקעגן, אין העל באלויכטענעם בית־מדרש, איז געווען לעבעדיק. בחורים און חסידים מיט בערד, אין די שבת׳דיקע שטריימלען און אין צע־דריוולטע, אטלעסענע קאפאטעס מיט לויזע, נאכהענגענדיקע גארטלען, האבן געשמייעט הין־און־צוריק, געדרוקט מיט גרויס ברען די שווערע, צע־קארבטע טישן און בענק און זיי אויסגעשטעלט אין א ריזיקן דלת, א רמז אויף דעם ערשטן אות פון דוד המלך, אין וועמענס כבוד מ׳וועט דא באלד פראווען די מלווה מלכה און זינגען און מיט פרייד רופן: „דוד מלך ישראל חי וקים״

שטיל איז נאר געווען אין דעם אנדערן פליגל פון דעם הויז, אין און ארום דעם רבינס חדר. דער מאדזשיצער רבי, א הדרת־פנים, מיט גרויסע, גרויע, קלוגע אויגן און א רחבות׳דיקע, גרויע באָרד מיט געקרויזלטע פאות, איז נארוואס געווען אריינגעקומען פון דער גרויסער עס־שטוב, ווו ער האט פאר דעם גאנצן הויז־געזינט געמאכט הבדלה איבער א גאלדענעם בעכער מיט וויין. צוויי יינגעלעך, די יינגסטע אייניקלעך, אין זיידענע קאפאטקעלעך מיט גאלד־געהאפטענע קאפעלעך אויף די קעפ, זענען גע־שטאנען אויף צוויי שטולן פון ביידע זייטן טיש און הויך געהאלטן צוויי געפלאכטענע, פיל־קאלירענע הבדלות, וואס האבן געפלאקערט און גע־שפריצט מיט פריידיק ליכט, איבער וועלכן דער רבי האט געמאכט די ברכה: בורא מאורי האש.

בעת דארטן, אין דער צעליכטיקטער עס־שטוב, האבן נאך די זין און איידעמס געזונגען דעם המבדיל בין קודש לחול, איז דער מאדזשיצער רבי, אין צעקנייטשטן קאפל אויפן קאפ, אין דער ברייטער, זיידענער קאפאטע, אין ווייסע זאקן מיט ווייכע, געמזענע שטעק־שיך אויף די פיס, געגאנגען אין זיין חדר מיוחד הין און צוריק, פון די ספרים־שענק צום טיש און פון טיש צו די ספרים־שענק און שטיל, אין זיך, געברומט א נארוואס פאר־טראכטן ניגון. ער האט גאר פארגעסן אן דער לאנגער, בלוי־פארצעלייענער ליולקע, א פריש אנגעצונדענע, וואס נאטע משמש האט אים דערלאנגט אויף דער פולער וואך. א טיף פארטראכטער אין די טענער און טאקטן פון דעם נייעם ניגון, האט ער געשפאנט הין און צוריק איבערן חדר, האלטנדיק אין איין האנט די אליין זיך רויכערנדיקע ליולקע און די אנדערע — אין

דער הינטער־קעשענע פון ברייטן בגד, פון וואנען עס האָט ארויסגעשטעקט א שפּיץ פון א רויטער, טערקישער נאָז־פאטשיילע.

אויך אין דער פאָדער־שטוב, וואָס פירט צום רבינס חדר, איז געווען שטיל. נאָטע, דעם רבינס משמש, א נידריק יידל, א גרויער, א האָריקער, מיט אַן א שיעור וואַרצלען און ווערצעלעך אויפן שטערן און אויף דער נאָז, וואָס האָט דערמאָנט אַן אלטן פּיען פון א בוים, איז דאָרטן געווען זייער פארטאָן צו דער פולער וואָך. פון איין זייט האָט ער מיט דער כאַלעווע פון זיין אויסגעטועטעם שטיוול געבלאָזן, ווי מיט א בלאָז־זאַק איבער דעם קוימען פון דעם אָנגעצונדענעם סאמאָוואר, ער זאָל וואָס גיכער קאָנען דערלאנגען דעם רבין א פריש גלעזל טיי, און פון דער אנדערער זייט האָט ער שטילערהייט, אין האלב־טענער, קאָמאנדעוועט מיט אן אונטערהעלפער, א דאר חסיד׳ל, אַן אויסגעטריקנט פרושל, מיט א צעקנאָדערט בערדעלע, ער זאָל גיך איינהייצן דעם גרויסן, קאכלנעם אויוון, עס זאָל ווארעם ווערן אין רבינס חדר. ווארום ווי גרוי־ס עס האָט נישט געזאָלט זיין דער פראָסט אין דרויסן, האָט קיין שבת־גוי נישט געטאָרט ארייננקומען אין רבינס הויז אָנלייגן א פייער אום שבת.

ירמע דוד האָט זיך געבעטן לאנג ארומגעדרייט הינטער דעם רבינס צעליכטיקטע פענצטער. ער איז טאקע אהערגעלאָפן ווי נאָר א שטערן האָט אין הימל א בלינצל־געטאָן. אָבער אריינגיין צום רבין פאר הבדלה האָט ער זיך נישט איינגעשטעלט. א מאנצביל איז דאָך נישט קיין יידינע, וואָס פרעגט נישט קיין קשיות נאָר גיט א פּראַל־אויף די טיר און טוט א פאל אריין מיט א געוויין: „הייליקער רבי!״. פארקערט, ירמע דוד איז אריינ־געקומען צום רבין אין פאָדער־שטוב אזוי שטיל, ווי ער וואָלט חס־וחלילה געווען אן אָבל, וואָס גייט־ארום אין די בלויזע זאָקן.

— גיט־וואָך — האָט ער זייער שטיל געזאָגט און געבליבן שטיין מיט דער פלייצע שיער נישט אויף דער טיר.

נאָטע משמש האָט אויסגעקערעוועט דעם באוואָקסענעם קאָפּ. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם ייד מיט דעם אויסגעקראָכענעם, פליושענעם ווינטער־היטל:

— גוט־יאָר, ווער איז דאָס דאָרטן? א, דו, ירמע דוד?

— אוי, ר׳ נאָטע־קרוין — האָט ירמע דוד, ברעכענדיק זיך די הענט, זיך דערנענטערט צו דעם האָריקן ייד לעבן סאמאָוואר. — יעך דאַרף נע־בעך גרויס רחמים. דערבארעמט אייך, ר׳ נאָטע, לאָזט מיך אריין צום רבין.

— יאָ, כ׳ווייס שוין, — האָט דאָס יידל קאלט געזאָגט און אָפּגעשטעלט דאָס בלאָזן מיט דער שטיוול־כאַליעווע איבער דעם קוימען פון סאמאָוואר — אייזיק האָט מיר נאָך אינדערפרי, פארן דאווענען, דערציילט, אז דו דאַרפסט האָבן א ישועה.

דאָס האַריקע יידל האָט זיך גענומען קראַצן אונטערן פאַרפּעצטן, סאַ־מעטענעם קאַשקעט. ער איז נעבעך געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. זינט ער געדענקט איז נאָך קיינער נישט געקומען מיט קיין קוויטל צום רבין אויף דער פולער וואָך.

— ווארט אַ רגע׳לע — האָט ער געזאָגט און גענומען אַרויפשלעפּן דעם שטיוול. איצט האָט ער פּאַוואָליע צוגעטשאַפּעט צום פענצטער, אַ וויש־געטאָן מיט די שפּיצן־פינגער אָן אַ פייכטער שויב, אָנגעטאָן אויפן וואַטע־נעם שפּענצער אַ לאַנגע קאַפּאָטע און זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין רבינס חדר.

יערמע דוד, מיט די דריי זעקסערס, דעם רבינס פּדיון, גרייט אין דער האַנט, איז געבליבן פון דער זייט טיר. די גאַנצע צייט וואָס נאָטע האָט זיך דאָרטן געזוימט, איז ער דאָ געשטאַנען אין איין האַרץ קלאַפּעניש: „רבונו של עולם, וועט אים כאָטש קלעקן כוח? וועט ער כאָטש קאָנען דער־ציילן דעם רבין אַלץ, וואָס דריקט זיין האַרץ? וועט ער זיך קאָנען מודה זיין, אַז דאָס האָט ער, ער אַליין, מיט די אייגענע הענט, געבראַכט אויף זיך דאָס אומגליק? צום ערשט האָט ער גורם געווען דער מאַמעס טויט. איצט — אויף חנה לאה׳ן אַזאַ קרענק. וועט אים דער רבי כאָטש אויסהערן? וועט ער אים וועלן אַרויסגעבן אַ תשובה?

נאָר אָט האָט זיך געעפנט די טיר פון רבינס חדר. יערמע דוד האָט אַ צאַפּל־געטאָן, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און נישט ער גייט, נאָר ער פאַלט ממש אַריין אין דער געעפנטער טיר. נאָטע האָט אָבער מיט זיין גאַנצער ברייט פאַרשטעלט פאַר אים דעם וועג:

— וואַרט־אויס — האָט ער געזאָגט שטילערהייט און נאָך שטילער צוגעלענט דעם רבינס טיר הינטער זיך. ערשט איצט האָט דאָס האַריקע יידל ירגזונ׳דיק גענומען איינקנעלן מיט יערמע דוד׳ן רבישע הנהגה:

— עם־האָרץ, בהמה־טרייבער — האָט ער אַ זאָג־געטאָן און שאַרף אָנגעקוקט דעם ייד מיט דער רויטער באָרד, וואָס אָט, אָט צעוויינט ער זיך — איידער מ׳גייט אַריין צום רבין לאָזט מען פריער אָנשרייבן אַ קוויטל.

— אוודאי, אוודאי, ר׳ נאָטעשי — האָט יערמע דוד אונטערטעניק גע־שטאַמלט. — אָט האָב איך דאָך דעם פּדיון — האָט ער אָן עפן־געטאָן די האַנט מיט די דריי קופּערנע זעקסערס.

דאָס יידל האָט פאַמעלעך צוגעטשאַפּעט צום פענצטער, זיך אַוועקגע־זעצט ביים טישל און גענומען סקריפּען מיט אַ געגנדזענע פעדער איבער אַ שטיקל פּאַפּיר, דערביי האָט ער אַלעמאָל אונטערגעהויבן דעם קאָפּ צו יערמע דוד׳ן:

— ווי הייסט די חולנית? און די מאַמע? און דיין מאַמע?

ווי אַ געהאָרכזאַם יינגל איז יערמע דוד געשטאַנען נעבן דעם באַ־

וואַקסענעם יידל און געענטפערט מיט פחד אויף אַלץ, וואָס ער האָט גע־פרעגט.

ענדלעך האָט נאָטע געענדיקט דאָס שרייבן. ער האָט אוועקגעלייגט די פעדער, גענומען דאָס זאמד־שיטערל און באַשאָטן דאָס נאַסע געשריפטס מיט שטראָמעלעך ווייס, דין טרוקן זאמד. איצט האָט ער אונטערגעהויבן דעם שווערן, פאַרוואַקסענעם קאָפּ צו יערמע דוד׳ס האַנט. נאָר אַז יערמע דוד האָט זיך נישט געכאַפּט אויף וואָס דער ייִד וואַרט, נאָר פּשוט אויסגע־שטרעקט די רויט־האָריקע האַנט נאָכן קוויטל, האָט דאָס יידל רוגזה׳דיק אַ זאָג־געטאָן:

— בהמה־טראַאַבער, אַ קוויטל אָנשראַאַבן קאָסט זעקס גראָשן.

יערמע דוד׳ן איז ס׳בלוט געקומען אין פּנים אַריין, נישט חלילה פון כעס נאָר פון בושה. וואָס אַן אמת, ער האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן נאָטען. ער האָט נאָר געדענקט וועגן די אַכצן גראָשן אויפן פּדיון:

— ר׳ נאָטע, כ׳על אַאַך מיט גאָט׳ס הילף אָפּגעבן — האָט יערמע דוד פאַרשעמטערהייט געזאָגט — כ׳האָב נישט אַ פּרוטה מער ווי די אַכצן גראָשן פאַרן רבין זאָל לעבן.

נאָטע משמש איז געוואָרן אויפגעקאָכט. די רויטע ווערצעלעך אויף דער האָריקער נאָז זענען אים נאָך רויטער געוואָרן:

— אַ חוצפּה און אַ העזה — האָט ער זיך אַ רוק־געטאָן מיט דער שטול, — אויף דער פּולער וואָך באָרג איך אים שוין! ביים דאָקטאָר באָרגסטו אויך?

יערמע דוד איז געבליבן אָן לשון. עס איז נישט זיין טבע צו פּאָלן פאַר יענעם און זיך בעטן. זאָגן איין מאָל קאָן ער נאָך. טאָמער אָבער אַ צווייט מאָל, וועט ער בעסער גיין אין דער ערד אַריין איידער עפּעגעס ס׳מויל עמעץ זאָל אים עפּעס געטרויען, אָדער גאָר חלילה געבן. אָבער נאָטע האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז נישט קיין תכלית דאָס שטיין, האָט ער אים מיט רוגזה געטאָן אַ שטופּ ס׳קוויטל אין דער האַנט אַריין און אים אַריינגע־לאָזט צום רבין.

— גוט־וואָך, רבי — האָט יערמע דוד שטיל און מיט פּחד אַרויסגע־שטאַמלט.

דער רבי האָט זיך אויף יערמע דוד׳ס גוט־וואָך נישט אומגעקוקט. ער האָט בלויז געענטפערט: „גוט וואָך, גוט יאָר" און וייטער געזעסן מיט דער פּלייצע אין שטוב אַריין. אַלץ וואָס יערמע דוד האָט געזען איז געווען אַ הויך, געטאָקט ווענטל פון אַ רויט, פּליוש־געבעטער פּאָטער־שטול, צוויי לאַנגע, גרויע, געדרייטע פּיאות און אַ קליין סאַמעטן קאַפּל פון אויבן. ער האָט אויך געהערט עפּעס אַ שטיל ברומען, וואָס דער רבי האָט דאָרטן פאַר זיך געברומט, דערביי האָט ער זיך געוויגט הין און צוריק, אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער.

מיט גרויס מורא האָט זיך יערמע דוד צוגערוקט נענטער צום טיש. מיט א ציטערדיקער האנט האָט ער אוועקגעלייגט דאָס קוויטל מיט די דריי זעקסערס און זיך גענומען רוקן צוריק, אויף הינטערווייליכטס, ווי א פרומער ייד, בעת ער רוקט זיך ארויס פון א מקום קדוש.

אויך איצט האָט זיך דער רבי נישט אומגעקוקט. ער האָט בלויז אזוי לאָמיכגעמאכטיק א רוק־אוועק געטאָן ס׳בערגעלע זעקסערס, גענומען דאָס קוויטל און עס צוגעטראָגן נאָענט צו די אויגן.

דאָס גאנצע לייענען האָט אוודאי געדויערט עטלעכע רגע׳ס, נאָר יערמע דוד׳ן האָט עס זיך אויסגעוויזן ווי אן אייביקייט. ענדלעך האָט דער רבי צו אים אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— יערמע דוד בן פערל, גיי אהיים. די חולנית לאה בת חיה, וועט האָבן א רפואה שלמה.

יערמע דוד איז געשטאנען ווי געליימט. ווי קאָן ער איצט אהיים גיין? ווי קאָן ער פארביילאָזן דעם שעת הכושר? ער איז דען געקומען בלויז נאָך א רפואה שלמה פאר חנה לאה׳ן? און וווּ איז ער אליין? ער דאַרף דאָך נעבעך אויסבעטן א תקומה פאר זיך. דאָס גרויסע שולד־געפיל, וואָס ער טראָגט אין זיך זינט דער מאמעס טויט און איצט נאָך דאָס וואָס ער האָט גורם געווען חנה לאה זאָל אזוי אוועקפאלן!

— הייליקער רבי, — האָט ער געטאָן א פאל מיטן קאָפּ אויפן רבינס שויס, — ראטעוועט מיך, יעך בין זינדיק, נאָר גאָט, דערנאָך איר, רבי, קאָנט מיר העלפן. יעך טי אַ נדר צו נעמען אויף זיך די שווערסטע תשובה!

ערשט איצט האָט זיך יערמע דוד צעקלאָגט. אַ שטראָם מיט געבעט־רייד האָט פון אים ארויסגעפליצט, ממש ווי פון א פולע פאס, ווען מ׳עפנט דעם שפונט. ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט זיך ביי יערמע דוד׳ן געעפנט אַזאַ טרערן־קוואַל:

— הייליקער צדיק, — האָט ער געקלאָגט, — מיט די אייגענע הענט האָב איך דאָך די מאַמע פון דער וועלט אומגעברענגט.

דער רבי איז פון יערמע דוד׳ס אַוועקפאַלן אויף זיין שויס און נאָך מער פון זיינע רייד געוואָרן זייער צורודערט. זיינע איידעלע, ווייסע הענט אין די ברייטע, זיידענע אַרבל, וואָס ער האָט אויף גיך אויסגעשטרעקט צו העלפן יערמע דוד׳ן אויפשטיין, האָבן איצט געציטערט, ווי זיי וואָלטן חלילה אַריינגעפאַלן אין אַ קאָנוולסיע. וואָרום ס׳איז דען עפּעס אַ קלייניקייט, א ייד איז זיך מודה אין אומברענגען אן אייגענע מאמע רחמנא לצלן!

— וואָס רעדסטו, יערמע דוד, ביזט חלילה חסר דעה? — האָט דער רבי מיט ציטער אין קול אים איבערגעפרעגט און זיין פנים איז געוואָרן ווייס ווי דער ווייסער, ברייטער קאָלנער פון זיין העמד.

ביסלעכווייז האָט זיך יערמע דוד אַראָפּגעוויינט און אַראָפּדערציילט

וואָס אים דריקט אויפן האַרץ. דער רבי האָט זיך ענדלעך באַרואיקט. געלויבט איז גאָט, דער ייד איז חלילה קיין רציחה נישט באַגאַנגען. ער האָט אפשר גורם געווען ס׳זאָל מקוים ווערן די קללה, וואָס די מאַמע זיינע האָט אויף זיך אַליין אויסגערופן.

ערשט איצט האָט דער רבי רואיק אַרויפגעלייגט זיינע צוויי אויס־געשטרעקטע הענט אויף יערמע דודס אַקסלען און גערעדט צו אים מיט א ווייך פאָטערלעך קול:

— אוודאי איז אַ גרויסע זינד צו ברענגען א קללה פאַרן מויל. אָדער, חס וחלילה, גורם צו זיין אַז אַנדערער זאָל אויף זיך ברענגען א קללה. דער אייבערשטער איז דאָך אָבער אַן אל רחום וחנון, וועט ער דיר מוחל זיין, בפרט, אַז דו ווילסט תשובה טאָן. תשובה איז טאַקע א הויכער ענין. עס שטייט בפרוש: „במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד״, דאָס איז דער טייטש, ווי א בעל תשובה קאָן גרייכן, קאָן אפילו קיין צדיק נישט אָנשפאַרן. שטיי־זשע־אויף יערמע דוד, און זאָג מיר צו, אַז וועסט מקיים זיין אַלץ וואָס יעך וועל דיך הייסן.

— יאָ, רבי, אפילו שטיינער פין בריק וועל יעך מיט די ציין ראַאַסן.

— ני, ני, — האָט דער רבי א מאַך געטאָן מיט די הענט, ווי ער וואָלט דעם פּראָסטאַקישן ייד אין גאַנצן מבטל געווען, — אַ ייד דאַרף אַזוי נישט רעדן. גיי בעסער אינדערפרי, תכף נאָכן דאַוונען, אויף דער מאַמעס קבר. בעט ביי איר מחילה. זאָלסט איר זאָגן, אַז יעך, ישראל בן מלכה, אַ שפּראָץ פון דער זוואָלינער גזע, בין אויף איר גוזר זי זאָל דיר מוחל זיין די קללה, וואָס זי האָט צוליב דיר אויף זיך אַליין גענומען. יעך האָף צו השם יתברך, אַז זי וועט דיר מוחל זיין. א מאַמע איז שטענדיק מוחל אירע קינדער. דערנאָך, ווען דו וועסט בשלום צוריק קומען פון הייליקן אָרט, זאָלסטו זיך באַלד נעמען צום ברית. וואָרום היות האָסט מיט דיינע טענות און תרעומות למאי ס׳איז צו דיר נישט געבוירן געוואָרן קיין טאָכטער, מבייש געווען דעם זכר, דאַרפסטו דעריבער מאַכן אַ ברית כיד המלך, מיט פיש און מיט פלייש און מיט אורחים צו דער סעודה. און אַ נאָמען געבן זאָלסטו דעם קינד נתן חיים. וואָרום נתן איז דער טייטש געבן און חיים — לעבן. דער רבונו של עולם האָט געגעבן צום לעבן. און וואָס השם יתברך גיט נעמט מען אָן באהבה. מען זאָגט נישט זיין ליבן נאָמען קיין דעות, דו הערסט, יערמע דוד? און אַז וועסט דאָס אַלץ מקיים זיין, זאָג יעך דיר צו, אים ירצה השם צו קומען אויפן ברית און זיין סנדיק און די קימפעטאָרין, חנה לאה בת חיה וועט אין דעם זכות האָבן א רפואה שלמה.

— אמן, האָט יערמע דוד נאָכגעזאָגט מיט אַ שטיל, הכנעהדיק קול.

יערמע דוד האָט אויסגעהערט דעם רבינס רייד מיט אראָפּגעבויגענעם

קאָפּ און אַראָפּגעלאָזענע אויגן. כאָטש דער רבי האָט אים נישט געטרייסט, נאָר אויף אים געשטראָפט, איז דאָך יעדעס וואָרט, דעם רבינס, געווען פאַר אים ווי טוי פון הימל. ער האָט געפילט ווי שטיינער קאָלערן זיך אים אַראָפּ פון האַרץ, עס ווערט אים ווידער מעגלעך צו לעבן אויף דער וועלט. ער קריגט צוריק בטחון, אַז מ׳וועט אים דאָך אין הימל מוחל זיין זיינע זינד. אָבער אַ ברית, מיט פיש און פלייש און אורחים צו דער סעודה, ווי איז דאָס פאַר זיין כוח? ווו וועט ער דאָס נעמען?

קעגן זיין ווילן איז נעבעך יערמע דוד געשטרויכלט געוואָרן אין דער מחשבה. וואָרום עס איז נישט זיין טבע צו נעמען אויף זיך התחיבותן, ווען ער ווייסט קלאָר, אַז ער וועט זיי נישט קענען מקיים זיין. ער האָט שוין געוואָלט אַ פרעג טאָן: „הייליקער רבי, אזא ברית? יעך בין דאָך בלויז אַן אָרימער בהמה־טראַאַבער״! ווייסט דאָך אָבער דער רבי יעדנס מחשבה, האָט ער אים נישט געלאָזט פרעגן נאָר צוגעגעבן:

— און וועגן ברית זאָלסטו נישט זאָרגן, מיט גאָטס הילף וועט אַלץ זאַאַן.

יערמע דוד האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה, שטיל און הכנעה׳דיק האָט ער געזאָגט: „אַ גוטע־וואָך, רבי״, און איז אַרויס פון רבינס חדר.

אַרויסקומענדיק אין דרויסן האָט ער שוין געוואָלט לויפן אַהיים אָנזאָגן די גוטע בשורה, אָבער דאָ האָט אים אָנגעטראָפן דער הויכער אייזיק.

אַן איינגעבויגענער, ווי תמיד ווען ער איז פאַרטראַכט,ביידע הענט פאַררוקט אין די אַרבל, אונטערברומענדיק אַ מאַדזשיצער ניגונדל, איז זיך דער הויכער אייזיק איצט געגאַנגען צום רבין אין בית־המדרש־אַריין אויף דער מלוה מלכה. אָנטרעפנדיק יערמע דוד׳ן האָט ער אים מיט גרויס צופרידנקייט אָפּגעשטעלט:

— גיט־וואָך, יערמע דוד, זאָלסט האָבן געפּועלט אַ ישועה.

— אמן — האָט יערמע דוד פרום געענטפערט.

— ני, וואָס האָב יעך געזאָגט? — האָט דער הויכער אייזיק מיט נצחון אין קול געפרעגט, גלייך ער וואָלט שוין געוווסט, וואָס דער רבי האָט יערמע דודן געזאָגט — ני, ווערסטי מיך שוין פאָלגן? אַז יעך זאָג דיר, יערמע דוד, נישטאָ וואָס זיך מצער צו זאַאַן. ס׳איז דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט! איצט, פאָלג מיך, קים אַראַאַן אַף דער מלוה מלכה.

— וואָס רעדסטי, אייזיקשי, אַזאַ מעמד אין שטיב, — האָט יערמע דוד זיך געבומען ביי אים בעטן. — חוץ דעם, ווי קום יעך, א בהמה־טראאבער, צו חסידים, שיינע יידן?

— אייסעך וואָס די רעדסט דאָרטן! — האָט דער הויכער אייזיק ביטול׳דיק א דריי־געטאָן מיטן קאָפּ, — ביים רבונו־של־עולם זענען אלע יידן גלאַאַכע יחסנים.

נאָך אַלע רייד איז דער הויכער אייזיק דאָך אַליין אַריין אין בית מדרש און יערמע דוד האָט געגומען גיין אַהיים. פאַרן אַרויסגיין פון רבינס טויער האָט ער זיך נאָך אַמאָל אומגעדרייט. די צעליכטיקטע פענצטער אין רבינס בית מדרש און דאָס חדווה׳דיק געזאַנג, וואָס האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן, האָבן אים ממש צוגעהאַלטן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דער הימל איז געווען לויטער, שטערן האָבן געפינקלט, אַ האַלבע לבנה, ווי אַ זילבערנער האָרן, איז געהאָנגען איבערן רבינס דאַך. אין בית מדרש, אַרום דעם גרויסן, צונויפגערוקטן דלת־טיש, זענען געזעסן חסידים צונויפגעדריקט. טכויערנע שטריימלען, אטלאַסענע און זיידענע פּלייצעס האָבן זיך ריטמיש געוויגט הין און צוריק און מיט זייער וויגן האָט זיך מיטגעוויגט אַ זיס, מתיקות׳דיק געזאַנג. און יערמע דוד׳ן איז געוואָרן וואַרעם אין געמיט און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס ווערט ליכטיקער און דיביימער ווערן שטילער און די סודות׳דיקע פעלדער און די פארשנייטע דעכער און דער גאַנצער אַרום האַלטן איין דעם אָטעם און הערן זיך איין ווי יידן זינגען:

זרענו וכספנו ירבה כחול,

וככוכבים בלילה!

מיט לייכטע טריט און אַ גרינג געמיט איז יערמע דוד געגאַנגען אַהיים אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז ער האָט ביים רבין געפועלט אַ ישועה.

קאפיטל זיבן

אויפן דריטן טאָג האָט חנה לאה׳ן אָנגעהויבן בעסער ווערן. ביסלעכ־ווייז האָט איר געגומען אָפּפאלן די היץ. אויך די געלקייט פון איר פנים איז אָפּגעגאנגען. זי האָט שוין אָנגעהויבן דערקענען א מענטש. זי האָט שוין אויך דערפילט כוח געגוג אויף אויסצושטרעקן אַ האַנט און אַרומנעמען דאָס עופה׳לע וואָס די אלטע שרה האָט איר דערלאנגט א שטייפס, איינ־געוויקלט אין די וויקל־שנורן, אַזוי, אַז מער ווי דאָס רויטע, איינגעשרומ־פענע פנימל, ווי ביי א זקן, האָט מען נישט ארויסגעזען.

ביי די שכנים, אויף דעם גרויסן הויף, איז צוליב דעם אָנגעשטאנען אַ שמחה. געלויבט איז גאָט, בייגעקומען דעם מלאך־המות! אַ גאַנצן שבת זענען געבעך אַלע אַרומגעגאַנגען ווי אבלים, זיך געקליבן הינטער די פענצטער, געזיפצט, געזאָגט תהילים. איצט, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען! מ׳זעט דאָך באשיינפערלעך, אז דער רבי זאָל לעבן האָט זי ארויסגעריסן פון מלאך המות׳ס הענט.

מער אָבער פון אלעמען האָט זיך געפרייט דער הויכער אייזיק. באלד אינדערפרי שוין האָט ער גענומען ארומשמייען איבערן הויף. ער האָט גאָר פארגעסן, אז עס איז זונטיק אויף גאָטס וועלט, א שטיקל מארק־טאָג, ווען עס ווייזט זיך א גוי אין שטוב־אריין נאָך א גארניטער, א פּאָר הויזן:

— ני, יערמע דוד? — האָט דאָס ברייט־ביינערדיקע, באקעטע פנים זיינס, מיט די עטלעכע שיטערע הערעלעך אויף דער גאָמבע, געקוואָלן פון נחת — ני, ווער האָט מנצח געווען, דער רבי זאָל לעבן אין זכות פון שבת, אָדער, להבדיל, סאָכאַצקי מיט זיינע פלעשעלעך און סלאָיקלעך? זעסט דאָך, יערמע דוד, דער כוח פון צדיק איז גאָר אין לשער! עס שטייט בפירוש, אז ווען דער צדיק איז גוזר, איז השם יתברך מקיים! אז דער צדיק שפּארט זיך איין, קאָן ער איבערקערן וועלטן, דו הערסט, יערמע דוד?

איין גאָט ווייסט, אז יערמע דוד׳ן איז חלילה נישט געקומען אויפן זין, אַז סאָכאצקי האָט אים דאָ געבערענגט די ישועה. אדרבא, ער איז זיכער, אז ס׳איז פריער גאָט, דערנאָך דער רבי.

— אָבער אייזיק־קרוין, וואָס טוט מען? דער רבי האָט דאָך געהייסן מאכן א ברית מיט פלייש און מיט פיש און נאָך מיט אורחים דערצו!

— אזוי! — האָט דער הויכער אייזיק אים נאָכגעשפּעט — מיט אורחים דערצו! אר־ווא! ני, מילא, וואָס שייך אורחים, דארפסטו זיך חלילה נישט

דאגהן. זיי וועלן שוין מיט גאָטס הילף אליין קומען. און וואָס שייך דעם ברית, וועט דער אייבערשטער אויך העלפן. דער עיקר איז בטחון, יערמע דוד!

און כדי יערמע דוד זאָל טאקע נישט זאָרגן האָט דער הויכער אייזיק זיך געפּעדערט און גאנצע צוויי טעג פריער זיך ארויסגעלאָזט איבערן מאָדזשיצער מארק. ער איז חלילה נישט געגאנגען נאָך קיין נדבות. אַ מאָד־זשיצער חסיד גייט נישט איבער די הייזער. ער האָט זיך בלויז מטריח געווען צו טביה׳לע בראָנזבערג, דעם קאָלאָניאַל־סוחר און ר׳ הערשל שענער, דעם מעל־סקלאַדניק, אָט א שטייגער, ווי ער וואָלט צו זיי געגאַנ־גען וועגן א קערמישל, וואָס חסידים ווילן מאכן אין רבינס בית־המדרש. און נישט נאָר צו זיי. אויך די פישער האָבן געמוזט געבן פיש און די קצבים — פלייש און קישקעס און פעטס אויף אָנצופילן זיי. וואָסי, זיי זענען חולה, די מאָדזשיצער קצבים צו העלפן באשיינען די שמחה פון אן אייגענעם מענטש, וואָס ווערט נעבעך אויסגעריסן פון זייערט־וועגן ביים טרייבן זייערע בהמות, טעג און נעכט, איבער שטאָק און איבער שטיין?

און נישט נאָר דער הויכער אייזיק. אויך די ווייבער, די שכנות, האָבן זיך באצייטנס גענומען פאָרען ארום דעם ברית, ווי אויף א באלעבאטישער חתונה. צוויי טעג פריער האָבן זיי שוין געהאקט און געפילט פיש און זיי געקאָכט און ארויסגעלייגט די געלבלעכע שטיקער אויף פּולמעסאָקס, ארויפ־לייגנדיק אויף יעדן שטיקל פיש א רויט רעדעלע מייער. זיי האָבן אויך געבראָטן פלייש און געבאקן בולקעס מיט לעקעכער.

בלויז יערמע דוד האָט זיך אין דער געפּאָרערייַ געפילט זייער דער־שלאָגן. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן מענטשן אין די אויגן אריין. ווען ער קאָן, וואָלט ער פּשוט אוועק פון שטוב. זינט ער לעבט האָט ער נאָך נישט נהנה געווען ביי קיינעם קיין אומזיסטן ביסן ברויט און דאָ גאָר פּאָרעט זיך א הויף מיט מענטשן פון זייַנעטוועגן. יעדער האָט עפּעס געברענגט צו דער שמחה, פון א לעק זאלץ ביז וויין אויף צו מאכן א ברכה, ווי ער וואָלט חלילה געווען א שנאָרער, א מדינה־גייער. און נאָך ערגער איז אים געווען וואָס ער קען אפילו קיין וואָרט נישט זאָגן. ער האָט פּשוט מורא א וואָרט אויסצורעדן. חנה לאה קאָן זיך נאָך חלילה נעמען צום הארץ און ווידער איינפאַלן. און דער הויכער אייזיק מאכט גאָר פון אים חוזק, ווי ער וואָלט שוין גאָר קיין שכל נישט געהאָט:

— אַי, יערמע דוד — לאכט ער אויס אים, — אי ביסטו א פּראָסטאַק! האָסט אפילו נישט קיין ניצוץ פון קיין חסיד. א חסיד וואָלט זיך פון אזוינע זאכן נישט מצער געווען. א חסיד ווייסט דעם סוד פון סעודת מצוה און דאָס איז דער עיקר!

איז מילא, די רייד וואָלט ער נאָך אראָפּגעשלונגען, יערמע דוד. נעמט

אבער דער הויכער אייזיק אין מיטן דערינען די נאקעטע גאמבע אין דער האנט אריין, ווי עס וואלט טאקע געווען א באָרד, און טוט אים גאָר א פרעג:

— נאר ווער, א שטייגער, יערמע דוד, פרעגט דען ביי דיר אן עצה? דער רבי האָט געהייסן מאכן א ברית מאכט מען!

און וואס אן אמת, ס׳איז טאָקע געווען א ברית ווי דער רבי האָט געהייסן. שוין גאַרנישט ווי דער שלום־זכר, וואס מ׳האָט אָפּגעכאַפּט פון יוצא־וועגן מיט עטלעכע ארבעס און א שלונג לאקריץ. אויף דעם ברית האָט מען געקאָכט און געבאקן און געבראָטן. און פון אלע שטובן האָט מען צונויפגעשלעפּט טיש און בענק און זיי אויסגעשטעלט ווי אַ גרויסע „ח״. ווייבער זענען געווען גליקלעך וואס זיי קאָנען, לכבוד דעם רבין, באשיינען די שמחה מיט זייערע אויסגעהאָפּטענע טישטעכער, מיט זייערע געפּינ־גערטע גלעזלעך און גאָלד־געריפּטע טעלער און טעלערלעך.

פאר אליהו הנביא, וואס קומט, ווי באוווסט, פון הימל־אראָפּ, צו יעדן יידישן פון א קינד און פארן מאָדזשיצער רבין, וואָס קומט צו זיין סנדיק, האָט דער הויכער אייזיק געבראַנגט פון רבינס הויז צוויי רויט־פּליושענע פאָטער־שטולן מיט הויכע אָנלען־ווענטלעך. כאָטש די שטולן זענען געווען ווייך־געבעט, האָט מען פונדעסטוועגן אַרויפגעלייגט אַ ווייס, פריש־איבער־געצויגן קישן אויף יעדער שטול און פוסבענקעלעך צו די פיס פאר די צוויי אומגעוויינלעכע געסט, וואס דארפן דאָ באלד קומען.

און נישט נאָר די צוויי געסט, דער גאנצער עולם איז געווען אן אומ־געוויינלעכער, גאָרנישט יערמע דוד׳ס לייט. דאָס זענען געווען יידן, וואָס זאָגן יערמע דוד׳ן אפילו קיין גוט־מאָרגן נישט, און זיי זענען גאָרנישט געקומען צו יערמע דוד׳ן. זיי זענען נאָר געקומען פארדינען א מצוה מיט זייער באשיינען אן אָרעמאנס שמחה. ווארום צוליב יערמע דוד׳ן וואָלטן זיי געלאָזן די געוועלבער און סקלאדעס, אָנגעטאָן די אטלאסענע קאפּאָטעס און שטריימלען און געגאַנגען אין אַ פּראָסטן דאָנערשטיק זיך משמח זיין עפּעס אויף א ברית דאָרטן?

נאָר סיי־ווי, ביי יערמע דוד׳ן אין שטוב איז געוואָרן ענג, נישט אויס־צודרייען זיך און די טיר האָט גאָרנישט גערוט. אלע ווילע האָט זי זיך ווידער געעפנט און אן אנדער שיינער ייד אין א ספּאָדעק, אין א סאמעט־טענעם קאשקעט, איז ברייטלעך אריינגעקומען, געטאָן א וויש די מזוזה און אויסגערופן הויך אין דער פולער שטוב אריין: „מזל טוב בעל ברית״! כאָטש דעם בעל ברית אליין, יערמע דוד׳ן, וואס איז געשטאנען אין א וויג־קעלע, ווי א פרעמדער אורח אָנגעטאָן אין זיין שבתדיקער, גרין געוואָרע־נער חתונה־קאפּאָטע און אין א פּראָסט געוואנטן קאשקעטל אויפן קאָפּ, אים האָבן די שיינע יידן אפילו נישט געזען.

איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז דער ווייס־געדעקטער „ח״־טיש

געוואָרן באַזעצט מיט מאָדזשיצער שיינע לייט. די עטלעכע פּראָסטערע יידן, יערמע דוד׳ס שכנים און ווייטערע קרובים, זענען געשטאַנען הינטער זייערע אטלאסענע און זיידענע פּלייצעס צוגלייך מיט די אורחים, די אָנגע־לאָפענע שנאָרער, וואָס האָבן זיך געשטופּט און געשטויסן מיט זייערע געלאַ־טעטע עלנבויגנס צו זיין נאָענט צום טיש, וווּ עס זענען געלעגן די פרישע, ברוינע בולקעס און עס זענען געשטאַנען צעשטעלט פלעשלעך מיט ביסלעך אָקעוויט, וואָס יידן האָבן פון מצוה־וועגן מיטגעברענגט אין די בוזעמס.

די ווייבער, שכנות, וואָס האָבן זיך אַזוי אָנגעפּאָרעט ביים קאָכן און באַקן זענען איצט, אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע שייטלען, אין זיידענע שאַלן, אין נייע קאַפּקעס, געווען צונויפגעדריקט, ווי א בינטל הינער, לעבן דער קימפּעטאָרין, ארום דעם האַלב פאַרהאָנגענעם בעט. און זי אליין, חנה לאה, אָן אָפּגעצערטע, ס׳פּנים געל און בלייך, אָנגעטאָן אין א ווייס בלוז־קעלע, אין א ניי־טיולן קאָפּקעלע מיט ראָזע שלייפלעך אויפן קאָפּ, איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן די קישנס. אין ביידע הענט, מיט דער גאַנצער צערטלעכקייט, וואָס איר אָפּגעשוואַכט מאַמע־האַרץ האָט נאָך געהאַט, האָט זי געהאַלטן דאָס לאַנגע קישן אין וועלכן דאָס עופהלע איז געלעגן איינ־געפּאַקט, אָנגעטאָן אין א געשענקט ווייס קליידעלע, דאָס קערפּערל, א צונויפגעקורטשעטס, איז געווען פריי, אויפגעוויקלט, גרייט צום יידישן. כאָטש דאָס איז נישט ביי חנה לאהן דאָס ערשטע יידישן, האָט דאָך איר מאַמע־האַרץ זיך געצאַפּלט איבער דעם פּיצעלע וועמענס לייב מען דאַרף באַלד שניידן.

„זייג, זייג, נשמה מיינע״ — האָט זי געשטופּט די אויסגעמאָגערטע ברוסט אין דעם קליינעם מיילכל. „זאָלסט מיר נאָר האָבן געקומען אין א מזלדיקער שעה״.

אין מיטן דעם שטופּעניש און וואַרטעניש האָט זיך געעפנט די טיר און דער הויכער אייזיק האָט זיך געטאָן א שטעל אריין:

— מאַכטס א וואַרע, דער רבי גייט!

ער איז געגאַנגען גיך, דער מאָדזשיצער רבי, איבער דעם דראָשקאַרסקע הויף. מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי ער איילט מחמת עס איז נישט גלייך צו פאַרהאַלטן אפילו אויף איין רגע דאָס אריינקומען פון ניי־געבוירענעם זכר אין בונד, וואָס דער רבונו־של־עולם האָט פאַרשניטן מיט אברהם אבינו. פון גיכן גיין, איז זיין גרויע באָרד געווען צעפּעכערט, איין העלפט צום רעכטן אַקסל און די אַנדערע העלפט — צום לינקן. אויך די פּאָלעס פון דעם שוואַרץ־זיידענעם פוטער־בגד זענען אים געווען צעפלויגן אַזוי, אַז עס האָט זיך ארויסגעוויזן דער טייערער, זיידיק־וייכער, שוואַרצלעך־גאָל־דיקער, טכויערנער אונטערשלאַק. און דאָס טייערע שטריימל אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען דריי מאָל אַזוי הויך ווי א פּראָסטן חסיד׳ס, האָט געגלאַנצט

אין דעם קאַלטן, זוניקן דרויסן עפּעס ווי ס׳וואָלט אויסגערופן: „מאַכטס א ווארע, דער רבי גייט!"

נאָכן רבין האָט נאָכגעאײלט דער משמש זיינער, נאָטע, דער קורצער, שווערער, באוואָקסענער ייד.. אין איין האנט האָט ער געטראָגן דעם רבינס לאַנגע, בלוי־פּאַרצעלייענע ליולקע און אין דער אנדערער — א האַלצערנע, פּיין־געשניצטע, טוטין־פּושקע, פול מיט טייערן, טערקישן טוטין.

נאָך איידער מ׳האָט דעם רבין געזען דורכן פענצטער, שוין מיט אייזיקס אַנלויף, איז אין שטוב געוואָרן א שטופעניש. די ווייבער האָבן זיך נאָך מער צונויפגעדרענגט. די יידן האָבן זיך געדריקט וואָס מער צו די ווענט, אין מיטן זאָל זיין א ווארע, דער רבי זאָל קאָנען פריי דורכגיין, ארויף צום אויבן־אָן, וו ס׳האָט געווארט אויף אים די רויט־פּליושענע פּאָטער־שטול, לעבן דער כסא של אליהו.

מיטן רבינס אריינקומען איז געוואָרן שטיל און אין דער שטילקייט א געשאַרכל פון אטלאס און זייד, ווי אין ענג בית־המדרש פאר כל־נדרי. באלד איז אָנגעשטאנען א שושקעניש און צווישן דעם שווארץ־געליידטן, ענג־צונויפגעדרענגטן עולם, האָט א בליאנק געטאָן א ווייס קישן. אין דעם קישן — דאָס עופה׳לע, א פּיצעלע, מיט א רויט פּנימל און פארמאכטע אייגעלעך. ברײינדל, די קוואטערין, האָט עס גענומען פון דער מוטערס צארטע, ציטערדיקע הענט און עס דערלאנגט איר מאַן, אין מאנצבילשן עולם־אריין. פון דאָרט, אויפגעהויבן אין דער הויך, איבער אלעמענס קעפּ, איז דאָס ווייסע קישן מיטן קינד געשוומען צום אויבן־אָן.

— ברוך הבא! — האָט זיך דער עולם א וויג־געטאָן.

פאר א רגע איז דאָס קישן מיטן עופה׳לע אוועקגעלייגט געוואָרן אויף דער כסא־של־אליהו און באלד אין רבינס ברייטער, זיידענער שויס אריין.

גיך האָט דער מוהל, מיטן בליאנקן חלף צווישן די ציין, אויפגעבונדן דאָס קישן. א קליין, רויטלעך קערפּערל מיט איינגעקורטשעטע קניעלעך האָט זיך אנטפּלעקט. דער חלף האָט א בליאסק געטאָן. א הייזעריק קול האָט געמאכט א ברכה, א שארף, קינדיש געוויין האָט דורכגעשניטן די געדיכטע לופט. איינגעהאלטענע אָטעמס האָבן זיך נאָכגעלאָזט:

— כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה, לחופה ולמעשים טובים!

דער מוהל האָט אוועקגעלייגט דעם חלף. ער האָט גענומען דעם בעכער מיט וויין אין דער באוואָקסענער האנט אריין און זיך גענומען שאָקלען און דער גאנצער עולם האָט מיט אים מיט־געזאָגט:

— ואמר לך בדמיך חיי, ואמר לך בדמיך חיי!

— מזל טוב, בעל ברית! —האָט דער רבי אויסגעשטרעקט די האנט צו יערמע דוד׳ן, וואָס איז געשטאנען, ווי א פארשעמטער — זאָלסט זוכה זיין אים מגדל צו זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים.

— אמן — האָט חנה לאה הינטערן פאַרהאַנגענעם ליילעך שטיל געענטפערט און דערביי ארונטערגעשלונגען א שטראָם מיט טרערן.

— לחיים, בעל ברית! — האָבן יידן פון אלע זייטן געשטרעקט זייערע הענט צו יערמע דוד'ן, האלטנדיק אין זייערע הענט קעלישקעלעך מיט אָקעוויט, — זאָלסט זיין א געזונטער טאטע צו אים.

געוויינלעך פלעגט זיך דער רבי נוהג זיין גלייך נאָכן יידישן אוועק־צוגיין, דאָ אָבער, מחמת מצוה צו באשיינען אן אָרעמאנס שמחה, איז ער געבליבן איבער דער סעודה, זענען שוין צוליבן רבין אויך אלע שיינע לייט געבליבן. די פּראָסטע לייט, יערמע דוד'ס קרובים און שכנים, האָבן זיך גענומען פּאַרען און דערלאנגען איבער די קעפּ אריבער, שיסלען און קוואַרטן וואסער. יידן האָבן געוואשן די הענט, געווישט זיי אָן די פּאַלעס, אָן שפּיצן טישטוך, געזאָגט „שאו ידיכם" און זיך גענומען צו די ברוינע, פרישע בולקעס, מקיים צו זיין די סעודת מצוה.

נאָך די פיש, אין מיטן דערלאנגען די טעלער מיט פליישׁ און געפילטע קישקע, איז געוואָרן א גרויס שטופּעניש און כאַפּעניש. די אָנגעלאָפענע אורחים, אויסגעהונגערטע שנאָרער, האָבן מורא געקראָגן מען זאָל זיי דאָ ווידער נישט פארטיילן, ווי מען האָט זיי פארטיילט ביי די פיש. מיט זייערע געניטע אויגן האָבן זיי אָפּגעמאָסטן די טעפּ אויף דער פּליטע און דעם עולם ביי און ארום די טישן. נישט וועלנדיק ווארטן אויף ניסים, האָט איין שנאָרער, א קאַליקע מיט א קרומען קאָפּ, וואָס האָט תמיד געגלאָצט אויפן אייגענעם אקסל, א כאַפּ־געטאָן א טעלערל מיט פלייש פון א דערלאַנגערס האנט ארויס. קוקנדיק אויף אים האָט נאָך א שנאָרער געטאָן דאָס אייגענע. נאָך אַ מינוט און די לייט וואָלטן דאָ געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די טעפּ און אויף די טישן. האָבן די דערלאַנגער, קרובים און שכנים, גענומען טרייבן און שטופּן די שנאָרער ארויס אין פעדער־הויז אריין.

דער רבי, כאָטש ער איז געזעסן אויבן־אָן, ארומגערינגלט מיט יידן, און מ'האָט אים קוים ארויסגעזען, דערצו נאָך פאַרטאָן אין טיילן כיבודים צו חסידים, זיי זאָלן אויפזינגען, אלעמאָל אן אנדערער, א ניגון, א בייעם מאָדזשיצער מארש, האָט ער דאָך געזען ווי א ייד א דראָזשקאר, האָט מיט כוח ארויסגעוואָרפן דעם שוואכן קאליקע אין קאלטן פעדער־הויז אריין.

מיט איינמאָל האָט אויפגעהערט דאָס זינגען. צוליב דער פּלוצימדיקער שטילקייט ביים טיש, האָט אויפגעהערט דאָס קלאַפּן מיט לעפל און טעלער ביי דער פּליטע. אויך די ווייבער, ביים קימפּעט־בעט, האָבן אויפגעהערט זייער רוישיק גערעדעריי. פון אלע זייטן האָבן יידן אויסגעשטרעקט די קעפּ אהין, ווו דער רבי איז געזעסן אן אנטשוויגענער, דעם שיינעם קאָפּ מיט דעם הויכן, ווייסן שטערן אָנגעשפּארט אָן די הענט. פּלוצים האָט דער רבי זיך אָנגעבויגן צו איינעם פון די חסידים, א ייד מיט א ברייטער, געלער

באָרד, און אים עפּעס איינגערוימט. יענער האָט באַלד געטאָן א קלאַפּ אין טיש:

— זאָל זיין שטיל! דער רבי גייט דערציילן א מעשה!

דער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער רבי האָט א פּיר־געטאָן מיט דער ווייסער, אויסגעאיידלטער האַנט איבער דער ברייטער באָרד. ער האָט א בליק־געטאָן אויף דער ליידיקער שטול לעבן זיך, די כסא־של־אליהו, ווי ער וואָלט געוואָלט זען צו דער אומגעזעענער, געהויבענער גאַסט, אליהו הנביא, וועט זיך אויך צוהערן צו דעם וואָס ער גייט דאָ דערציילן:

„אַמאָל איז געווען א ייד, א גביר. ווי געוויינטלעך האָט דער ייד געהאַט פון כל טוב, הייזער און שלעסער, גאָלד און זילבער, דינער און דינסטן און אויך כבוד לרוב. מיט איין זאַך אָבער איז דער עושר געווען געשטראָפט, ער האָט נעבעך, לא עלינו, נישט געהאַט קיין קינדער. ווי דער שטייגער איז אויך דער ייד געפאָרן צו רביים, גוטע יידן. ער האָט נעבעך איינגעלייגט וועלטן. ער האָט זיך מתחייב געווען צו געבן א סך צדקה, תשובה צו טאָן, ביז דער אויבערשטער האָט זיך איבער אים מרחם געווען, זיין ווייב איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און אים געהאַט א זון, א בן יחיד. פאַרשטייט איר דאָך, יידן, אז די שמחה איז געווען אין לשער! אויפן ברית האָט מען פאַר־בעטן די גרעסטע נגידים. פון גאַנצן אַרום זענען זיך צונויפגעפאָרן שררות, מיט וועלכע ער פלעגט פירן מסחר. און ווי תמיד אויף אַזוינע שמחות, זענען זיך אויך צונויפגעקומען אָרעמע לייט, אביונים נעבעך, וואָס האָבן געוואָלט טועם־זיין פון דער רייכער סעודה. איז אָבער דער גביר, לא עליכם, געווען א קמצן און אן אכזר. ער האָט נעבעך נישט געקאָנט זען אן אָרעמאַן אריבערטרעטן זיין שוועל, בפרט נאָך בשעת דער שמחה. עפּעס א קלייניקייט, שררות זיצן ביי זיין טיש, קומען שלעפּער אין זייערע צעררי־סענע קליידער אויך צו זיין מחותנים! דער נגיד האָט נעבעך גאָר פאַרגעסן אָן דער צדקה, וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען צו געבן. אז ס׳משכן האָט ער שוין געהאַט אין דער האַנט, דער אויבערשטער האָט דאָך אים געטרויט און אים געגעבן א זון, האָט ער געמיינט, אז ער איז דער תקיף, ער מעג שוין טרייבן אָרעמעלייט פון זיין הויז״.

דער רבי האָט אָפּגעזיפצט. יידן האָבן שטילערהייט זיך איבערגעקוקט, גלייך זיי וואָלטן ערשט איצט געכאַפּט דעם זין פון דעם, וואָס דער רבי האָט פּלוצים גענומען דערציילן א מעשה. אויך די אָרעמע־לייט, די שנאָרער, וואָס זענען נאָך געווען צווישן עולם האָבן זיך איבערגעוואונקען. זייערע פאַר־וואָקסענע, אָנגעכמורעטע פּנימער האָבן גאָר באַקומען א ליכטיקע מראה. דער רבי נעמט זיך אָן זייער קריוודע!

„פאַרשטייט איר דאָך״ — האָט דער רבי ווייטער דערציילט, — „אז צווישן די אָרעמע־לייט איז געווען אליהו הנביא. וואָרום א כלל זאָלט

איר האָבן, יידן, אַז ווו אורחים, דאָרט איז תמיד אליהו הנביא, בפרט אויף א ברית! און אויף דעם ברית איז אליהו הנביא לכתחילה געקומען ווי אַן אָרעמער אורח, מחמת ער האָט אַליין געוואָלט זען ווי אַזוי דער גביר וועט זיך נוהג זיין נאָך דעם ווי ער האָט געקראָגן דאָס משכן אין האַנט אַריין...

„מילא, די אָרעמעלייט, אַז דער גביר האָט זיי אַרויסגעטריבן, האָבן זיי קיין ברירה נישט געהאַט. זיי זענען נעבעך אַוועק הונגעריקע, פאַר־שעמטע עפּעס א קלייניקייט, מביש צו זיין מענטשן! זיי אַרויסצוטרייבן ווי, להבדיל, הינט! אליהו הנביא האָט דאָך אָבער יאָ א ברירה. כהרף עין קאָן ער דאָך אָננעמען טויזנט געשטאַלטן. האָט ער תיכף אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די צעריסענע קליידער מיט די געלאַטעטע טאָרבעס און אָנגעטאָן טייערע מלבושים פון סאַמעט און זייד מיט א גאָלדענעם זייגער און קייט איבערן בויך. און פאַרפאָרן איז ער איצט אין א טייערער קאַרעטע מיט פיר פערד נאַשפּיץ און מיט א סטאַנגרעד אויף דער קעלניע, ווי די גרויסע כראַביעס.

„אונזער גביר איז גלייך אַנטקעגן־געלאָפן מקבל פּנים זיין דעם חשובן גאַסט. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז א רייכער וואַלד־סוחר, מסתמא אַראָפּגעקומען פון ווייטע געגנטן. ער האָט תיכף דעם געהויבענעם גאַסט פאַרבעטן אויבן־אָן, אים געזעצט לעבן סנדיק און אים אָנגעהויבן מהנה צו זיין מיט כל טוב. טייערע, אַלטע וויינען זענען נישט צו טייער געווען. די בעסטע פישן און פליישן זענען נישט צו גוט געווען. אָבער דער פרעמ־דער, אַנשטאָט פון דעם טועם צו זיין, האָט גאָר די טייערע וויינען געגאָסן אויף זיך און די בעסטע מאכלים צעשמירט אויף די זיידענע מלבושים.

„די שררות, די אַלע געהויבענע לייט, וואָס זענען געזעסן אַרום טיש, זענען געווען פאַרחידוש׳ט. זיי האָבן געמיינט, דער אומבאַקאַנטער איז, חלילה, חוסר דעה. קיינער אָבער האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט צו פרעגן דעם פרעמדן וואָס דער שכל איז פון איינרעכטן די מלבושים מיט שפּייז.

„דער בעל הבית, דער קאַרגער גביר, איז נעבעך געשטאַנען מלא רציחה. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזוי איבערצופּירן טייערע עסנוואַרגן? דערצו נאָך האָט דאָס אים פאַרשאַפט פיל חרפּה. ער האָט זיך געשעמט פאַר די שררות, די געהויבענע געסט זיינע. ביז ער האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן און זיך איינגעשטעלט א פרעג־צו־טאָן: „חשובער גאַסט, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? אַנשטאָט הנאה צו האָבן פון מיינע מאכלים, פירט איר גאָר מיט זיי איבער אייערע טייערע קליידער?"

„פאַרשטייט איר דאָך, ליבע יידן, אַז דער פרעמדער האָט באַר אויף דעם געוואַרט. און ער האָט דעם גביר אַזוי געענטפערט: „איר, חשובער בעל ברית, האָט דאָך נישט מהנה געווען מיך, דעם מענטש. איר האָט גאָר אַריינ־פאַרבעטן מיין זיידענעם ראָק מיטן גאָלדענעם זייגער און קייט. וואָרום

פריער, ווען איך בין געקומען צו אייך ווי אן אָרעמער אורח האָט איר דאָך מיך געטריבן פון אייער שוועל, זאָלזשע מיין זיידענע קאַפּאָטע זיך אָנעסן געזונטערהייט...״

דער רבי איז שטיל געבליבן. ער האָט ארויסגענומען די רויטע, טער־קישע פאטשיילע פון דער הינטער־קעשענע און זיך געווישט דעם הויכן, ווייסן שטערן. דערביי האָט ער שאַרף געקוקט אין דעם שטילן פאַרגאַפטן עולם, גלייך ער וואָלט אין דער אָנגעפּאַקטער שטוב, צווישן די צונויפגע־דריקטע יידן, געזוכט יענעם זעלטענעם אורח, וואָס איז דאָך זיכער אויך דאָ, נאָר קיינער ווייסט נישט הינטער וואָסערע קליידער ער באַהאַלט זיך...

„איר פאַרשטייט דאָך, ליבע יידן — האָט דער רבי אין א שטילערן, טרויעריקן טאָן געגומען פאַרענדיקן די מעשה, — אַז דער תשבי איז תיכף פאַרשוווּנדן. דער גביר איז געוואָרן אן אָרעמאַן אין זיבן פּאַלעס און ער האָט נאָך געהאַט גרויס רחמים. וואָרום אויבן איז געווען א שטאַרקער צד וואָס האָט געטענהט: היות דער גביר האָט אויסגענאַרט א בן יחיד דורך זיין הבטחה, אַז ער וועט טאָן צדקה און מקרב זיין אורחים און טאָן, טוט ער ביידע נישט, זאָל מען ביי אים אָפּנעמען דאָס משכן! איז אָבער געוואָרן א רעש פון אן אנדערן צד,וואָס האָט געטענהט: וואָס איז דאָ נעבעך שולדיק דאָס נפש? עס האָט דאָך נישט געוואָלט קומען אויף דער וועלט. מ׳האָט עס דאָך געצוויינגען. ווי אין פסוק שטייט: בעל כרחך אתה נולד״. איז דעריבער געבליבן, אַז דער בן יחיד זאָל בלייבן לעבן, נאָר דער טאַטע, דער גביר, זאָל ווערן א גרויסער אָרעמאַן און זאָל זיין גאַנץ לעבן אָפּקומען ביי פרעמדע טישן... דעריבער, ליבע יידן, זאָלט איר זיין אָפּגעהיט און נישט טרייבן קיין אורחים פון אייער שטוב. אדרבא, אן אורח דאַרף מען מקרב זיין, וואָרום מען ווייסט קיינמאָל נישט ווער עס באַהאַלט זיך הינטער א צעריסענער קאַפּאָטע...״

דער עולם האָט אָפּגעאָטעמט. עס איז ווידער אָנגעשטאַנען א גערע־דעריי. בענקלעך האָבן זיך גענומען רוקן. קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט. אויגן האָבן זייטיקלעך גענומען זוכן די פרעמדע אָרעמע לייט. ווער ווייסט וועלכער פון זיי עס קאָן אמאָל זיין אליהו הנביא...

מ׳האָט ווידער דערלאַנגט וואַסער צום טיש. דאָס מאָל אין א גלאָז, וואָס איז געשטאַנען אין א טיפן טעלער. יידן האָבן באַנעצט די שפּיצן פינגער און דער רבי האָט הויך א זאָג געטאָן:

— רבותי, מיר וועלן בענטשן!

דער גאַנצער עולם האָט זיך מיט איינמאָל א וויג־געטאָן:

— יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם!

תיכף נאָכן בענטשן איז דער רבי אויפגעשטאַנען פון טיש און דער עולם מיט אים. נאָטע משמש האָט דעם רבין געהאָלפן אָנטאָן דעם טכויער־

נעם טוליפּ. באַלד האָט ער דעם רבין דערלאַנגט די ליולקע, און אָנגעצונ־דענע, מיט אַ גליאיק פּייערל אונטער דעם פיין אויסגעהאַמערטן זילבער־דעקעלע, גרייט צום רויכערן.

עס איז געוואָרן אַ רוקעניש פון טישן און בענק. יידן האָבן זיך צו־נויפגעדריקט און געמאַכט אַ וואַרע, דער רבי זאָל קאָנען דורכגיין.

מיטן רבין זענען אויך אַוועק די שמייליקע יידן, רייכע סקלאַדניקעס. געבליבן זענען בלויז דאָס ביסל אָרעמע לייט און קרובים און אויך דער הויכער אייזיק און די אָנגעלאָפענע שנאָרער. נאָכן רבינס מעשה מיט יענעם אורח האָבן זיי זיך דערפילט אין דער מדרגה. די אַרויסגעטריבענע זענען צוריק אַריינגעקומען מיט אַ העזה, מיט אַ תקיפות און קיינער האָט מער נישט געוואַגט זיי צו זאָגן אַ וואָרט. אומגעשטערט האָבן זיי איצט געראַמט די געבליבענע שטיקער בולקע אין די טאָרבעס אַריין און געכאַפּט פון די טעפ וואָס נאָר דאָרטן איז געבליבן:

— עס, חיים יואל — האָט אַ נידריק, געפּאַקט יידל, מיט אַ רויטן פּויערים־גאַרטל אַרום די לענדן, געזאָגט צום קרומען קאָפּ, דעם קאַליקע, וואָס מ׳האָט פריער אַרויסגעטריבן און איצט איז ער צוריק אַריינגעקומען און זיך באַזעצט ביים טיש איבער אַ טעלער מיט שטיקלעך פליייש און קישקע, ווי אַ גאַנצער מחותן — עס חיים יואל! דער רבי זאָגט, אין אונזער זכות האָט די וועלט אַ קיום...

— אוודאי — האָט זיך אָנגערופן אַן אַנדער שנאָרער, אַ יידל מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועט בערדל און אַ גרויסע, רויטע גוליע אונטערן רעכטן אויג, וואָס האָט, שטייענדיקערהייט געשלונגען שטיקלעך איבערבלייבעכץ פון אַ טאָפּ אַרויס — אוודאי, ווען די שיינע לייט האָבן נישט וועמען צו געבן צדקה, וואָלטן זיי געהאַט פאַרשניטענע יאָרן!

און אַנדערש מאָל וואָלט יערמע דוד געגעבן אַזעלכע שנאָרער מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. ער וואָלט זיי איבער זיין שוועל נישט אַריבער־געלאָזט. ער, וואָס האָט נישט געוואָלט און אויך נישט געקאָנט נהנה זיין ביי יענעם די מינדסטע זאַך, ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין שנאָרער. איצט אָבער איז ער געשטאַנען ביי זיך אין שטוב, זיך צוגעקוקט צו דעם כאַפּעריי פון די שנאָרער און נישט גערעדט אַ וואָרט. נישט חלילה צוליבן רבינס מעשה מיט יענעם אורח האָט ער איצט געשוויגן. אוודאי איז דער רבי גערעכט. אַ גביר באַדאַרף אוודאי זיך צוהערן צו אַזאַ מעשה. אָבער ער? ווי קומט ער דאָ אין דער מעשה אַריין? ער, וואָס קומט אָפּט אַהיים פון אַ יאַריד אָן אַ ביסן ברויט אין מויל, דאַרף זיך חלילה נישט פילן געפאַלן פון אַזאַ מעשה. אויב ער האָט דאָך די שנאָרער גאָרנישט געזאָגט, איז דאָס גע־ווען מחמת די גאַנצע שמחה איז אים געווען פרעמד. אָט, אַ שטייגער, אַ יאַריד, וואָס האָט מיט אים גאָרנישט צו טאָן. עס זענען אים פרעמד געווען

די שטריימלען און אטלאסענע זשופּעצעס, וואָס האָבן זיך ביי אים ברייט צעזעצט, עס איז אים פרעמד געווען די צונויפגעשנאָרעטע סעודה און, דער עיקר, איז אים פרעמד געווען דאָס קינד, דאָס יינגל, וואָס ער האָט נישט געוואָלט, בפרט נאָך איצט, ווען דער רבי האָט עס געהייסן א נאָמען געבן נתן חיים, א נאָמען נאָך קיינעם נישט, נישט נאָך זיין צד און נישט אפילו נאָך עמעצן פון איר, חנה לאה׳ס צד...

חנה לאה דאקעגן האָט אָנגעקוואָלן פון דער שמחה. אירע בלייכע, אויס־געצערטע באקן האָבן געבליט פון פרייד. עס האָט נישט געאַרט, וואָס אייזיק האָט צונויפגעשלעפּט אזא סעודה. נישט חלילה מחמת זי האָט ליב אָנצוקו־מען צו יענעם. גאַנץ פּשוט, ווי דער הויכער אייזיק, מיינט זי אויך, אז אויף א שמחה איז דער עיקר די מצווה. און עס איז דאָך פאָרט א מצווה צו באַ־שיינען א שמחה, בפרט נאָך א ברית. איר הארץ האָט דעריבער אָנגעקוואָלן פון פרייד, יעדעס מאָל, וואָס זי האָט פון הינטערן האַלב פארהאָנגענעם ליי־לעך געכאפּט א קוק אויף דער עדה יידן און דער עיקר אויף דעם רבין זאָל לעבן, וואָס אלע זענען געקומען באשיינען די שמחה פון איר קינד.

זי האָט דעריבער הייסער געדריקט צו איר הארץ דאָס נאָר־וואָס גע־יידישטע עופה׳לע. מיט ליבשאפט האָט זי געקוקט אויף דעם איינגעשלאָפע־נעם קינד, ווי זי וואָלט דעם נפש׳ל דאנקבאר געווען פאר דער זכיה פון האָבן דעם רבין ביי זיך אין שטוב.

חנה לאה׳ן האָט אויך נישט געאַרט, אדרבא, זי האָט זיך גאָר געפרייט וואָס דער רבי האָט געהייסן דעם קינד געבן א נאָמען נתן חיים, וואָס איז דער טייטש: געגעבן לעבן. זי זאָגט דאָך טאקע, אז זיין ליבער נאָמען גיט קינדער און זיין ליבן נאָמען זאָגט מען נישט קיין דעה. וואָרום קינדער זענען דען בייגל, וואָס מען קלויבט זיי פון מולטער־ארויס?

אויך אורחים, אָרעמע לייט זעט זי גערן. כאָטש יערמע דוד, עס זאָל אים נאָר נישט גערעכנט ווערן, לאָזט זיי איבער דער שוועל נישט אריבער, איז זי זיי שטילערהייט מקרב מיט וואָס נאָר זי קאָן. קיין גראָשן געבן קאָן זי טאקע נישט. זעלטן זי האָט אָן איבעריקן גראָשן אין קעשענע, אָבער א פּענעץ ברויט, א שטיקל צוקער, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, רייסט זי יאָ אָפּ פון מויל און גיט אוועק דעם אָרעמאַן. און היינט, אז גאָט האָט איר יאָ געהאָלפן — אזויפיל אָרעמע לייט, אָן עין הרע, זענען זיך צונויפגעקומען צו איר שמחה און זיי קאָנען זיך אונטערלענען די הערצער, זאָל זי פאריבל האָבן? פאַרוואָס? אדרבא, זאָלן יידן עסן, זאָל זיי ווויל באקומען!...

קאפיטל אכט

סוף ווינטער, פסח צייט, ווען עס האָבן זיך געשטעלט די בלאָטעס, האָט יערמע דוד געמוזט ווערן אויס בהמה־טרייבער. דאָס יאָרן־לאַנגע וואלגערן זיך אונטערוועגנס, דאָס אָפּדארן גאַנצע טעג מיט א רייפּטעלע טרוקן ברויט האָט אים זייער פארערגערט דעם מיחוש, וואָס איז אים געבליבן פון דינען דעם רוסישן קיסר. גאָר אָפּט האָט ער געפילט ווי ער פאלט פון די פיס און דאָס לעצטע מאָל, ביים נאָכיאָגן א ווילד געוואָרענע בהמה, איז ער טאקע אוועקגעפאלן אין מיטן א צעווייקט טאָרף־פעלד. ווען א פויער, וואָס איז צו־פעליק פארבייגעריטן, וואָלט אים נישט געזען דערזען און אים נישט גע־ווען געברענגט א ליגנדיקן אויפן פערד אין שטאָט אריין, וואָלט ער חלילה געווען אויסגעגאנגען און קיינער וואָלט נישט געוווסט ווו זיין געביין איז אהינגעקומען.

איין גאָט איז אן עדות, אז יערמע דוד האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן די פרנסה זיינע. נישט מחמת עס איז אים אָנגעקומען אזוי גרינג דאָס יאָגן זיך נאָך די בהמות איבער די פינצטערע, נאַכטיקע וועגן. דאָס עקשנות׳דיקע האלטן זיך ביי דער פרנסה איז גאָר געווען להכעיס איר, חנה לאה׳ן.

פון זינט דער חתונה האָט חנה לאה געהאלטן אין איין טענהן: „יערמע דוד, ווי גאָט איז דיר ליב, ווער אויס בהמה־טרייבער. א וועלט מיט יידן לעבן אָן בהמות, וועסטו אויך לעבן״. חנה לאה האָט זיך דערביי געהאט איר חשבון: וואָסער פרנסה — אזא מענטש. ווען יערמע דוד זאָל ווערן א שטאָ־טישער, מיט יידן צוגלייך, וואָלט ער געוואָרן אנדערש. אז ער וואָלט זיך נישט אזוי פיל אָנגעליטן פארן שטיקל ברויט, וואָלט ער נישט געהאט קיין בייז הארץ. און אז א מאנספארשוין האָט נישט קיין בייז הארץ, האָט ער נישט וואָס אויסצולאָזן צום ווייבס קאָפּ.

יערמע דוד אָבער האָט די טענות אירע אָנגענומען פאר אן אויסרייד. ער האָט חושד געווען, אז חנה לאה וואַרפט זיך מיט זיין פרנסה, ווייל זי שעמט זיך מיט אים אליין. דער איידלמאַנטע שטייט נישט אָן קיין בהמה־טרייבער! וואָרום ער געדענקט דאָך וווּיל ווי זי האָט זיך געבראָקט מיט אים כלה׳ווייז. וואָס אָן אמת, ער האָט געמיינט, אז נאָך דער חתונה וועט אנ־דערש ווערן, זי וועט זיך ארויסשלאָגן די נארישקייטן פון קאָפּ. הייבט עס זיך גאָרנישט אָן! געבליבן די אייגענע חנה לאה, וואָס רק זי וויל אים אויס־איידלען. רק זי לערנט אים: אזוי גייט מען נישט, אזוי רעדט מען נישט,

אזוי טוט מען נישט! דערצו נאָך, עס איז נישט שיין צו רעדן, איז זי אים דען א ווייב ווי אנדערע ווייבער זענען צו זייערע מאַנען? יעדעס מאָל וואָס ער קומט צו איר, טוט זי זיך א קורטשע איין גלייך ער וואָלט חלילה געווען א מצורע. וואָס אן אמת, זי האָט אים שוין געהאט ס׳פינפטע קינד, אָן עין הרע. פאָרט א יידישע טאָכטער! אָבער... בעסער שוין נישט צו רעדן. און טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט ער מורא צו זאָגן א יידיש וואָרט הויך, אויפן קול. גלייך כאַפּט זי אים ביי א גרייז און טוט זיך א רוף אָן פון דער פּליטע אוועק: „יערמע דוד, נעם ס׳סדור׳ל, דאַכט זיך עס שטייט נישט אזוי”. איז מילאָ, א ווייב מעג אמאָל כאַפּן דעם מאַן ביי א גרייז. איז אָבער א צרה, וואָס תמיד איז זי גערעכט. אז זי קאָן בעסער אויסנווייניק ווי א סך מאנסלייט אינעווייניק. און איין גאָט ווייסט ווי נישט ניחאָ עס איז אייביק ארומצוגיין מיט דעם געפיל, אז נאָר זי, דאָס ווייב, איז גערעכט, אז נאָר זי ווייסט. וואָסער מאנספּארשוין, אומשטיינסגעזאָגט, קאָן מען שוין זיין, אז שטענדיק רייט ס׳ווייב פאָראויס? האָט ער כאָטש מיט דעם געוואָלט איר להכעיס טאָן: ווייל איר שטייט נישט אָן קיין בהמות־טרייבן, וויל ער יאָ!

אָבער אייביק טרייבן דאָס להכעיס־שפּיל האָט ער דאָך נישט געקאָנט. נאָך יענעם אוועקפאַלן אין פעלד האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבן. ער האָט ענדלעך געמוזט אוועקוואַרפן דאָס בייטשל, אראָפּשאַרצן די צוויי פּאַרהויבענע פּאָלעס פון פאַרבלאָטיקטן כאַלאַט און ווערן א שטאָט־מענטש מיט אלע יידן צוגלייך.

די ערשטע צייט, ארומדרייענדיק זיך פּוסט און פּאַס איבער דעם מאָדזשיצער מארק, האָט יערמע דוד זיך געפילט ווי א באַלעגאָלע, וואָס איז געבליבן ביי אן אויסגעשפּאַנטן וואָגן, פון וועלכן עמעץ האָט דאָס פערד אוועקגעטריבן. אָט לויפן זיי דאָרטן, די פערד, אין א גאַלאָפּ און ער שטייט ווי געליימט. אָט ראָיעט זיך א מארק מיט יידן און גויים. מען קויפט און מען פאַרקויפט. מ׳האַנדלט און מ׳פּאַרדינט, נאָר ער אליינער ווייסט נישט ווו זיך א קער צו טאָן, ווי אזוי מען פאַרדינט א גילדן.

און דאָס איז גראָד געווען א צייט, ווען אין מאָדזשיץ איז די פּרנסה געגרונען דורך טיר און דורך טויער. דאָס איוואַנגראָדער פעסטונג, וואָס דער רוסישער קיסר האָט נאָכן איינעמען פּוילן געלאָזט אויפבויען, האָט געווימלט מיט מיליטער. פּאָדריאַטשיקעס און זייערע מענטשן, יידן מיט אָנגעשטאָפּטע טייסטערס געלט, האָבן ארומגעהאַוועט איבער די יארידים און מערק פון גאנצן ארום און אויפגעקויפט פאַר דער פעסטונג באַנען מיט פּי, שפּייכלערס מיט תבואה און גאנצע פעלדער מיט קרויט און קאַרטאָפל און ציבעלעס.

דערצו נאָך איז איוואַנגראָד געווען א גרויסער באַן־קנופּ אין רוסיש־פּוילן. ארום דער סטאַציע איז געווען אויסגעבויט א שטאָט א גאנצע פון

רויט־ציגלנע הייזער. די באַן־לייט, קאָנדוקטאָרן און באאמטע, האָבן געקאָנט געבן פּרנסה אַ שטאָט מיט יידן. דורך דער סטאַציע זענען אויסגעאַרבעטע סחורות פון האַלב פּוילן געגאַנגען אַוועק אין די ווייטע רוסישע גובערניעס און אויך צוריק, קיין פּרייסן און קיר״ה, האָבן דאָרט אַרום געצויגן באַנען מיט רוסישן ווייץ, ראַסטאָווער פיש, קיעווער צוקער, פּוילישע חזירים און עופות אַלערליי.

מאָדזשיצער יידן האָבן דענצמאָל געלעבט און געלאַכט. אין די זומ־טיקס האָט זיך די שטאָט געבראָכן פון מיליטער. קאַטערינשטשיקעס אין גויאישע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס, אין געפּוצטע שטיוול מיט לאַקי־רענע כאַליעוועס, האָבן געקנאַקט אויף זייערע קאַטערינקעס לוסטיקע קאַ־מאַרסקעס און פאַרבענקטע אוקראַיִנישע לידער. די ווייסע מייזלעך מיט די ראָז־דורכזיכטיקע אויערלעך, זענען געקראָכן אויף די קאַטערינקעס, אַרויס און אַריין פון זייערע שטייגלעך. די גרינע פּאַפּוגייען מיט די שאַרפע, אַראָפּגעבויגענע שנאָבלען, זענען קלוג און מיושבדיק געזעסן אויף די דינע שטאַפּלען איבער זייערע שטייגן. פאַר אַ קאָפּערנעם זעקסער האָבן זיי מיט די שנאָבלען אַרויסגעשלעפּט פון דעם אונטערגעטראָגענעם שופלעדעלע אַ מזל־צעטעלע, אַמאָל אין רויט, אַמאָל אין גרין און אַמאָל אין בלוי און עס אונטערגעטראָגן דעם זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אַן אומגעדולדיקער וואָס גיכער אַרויסצולייענען דאָס פאַרבאָרגענע מזל זיינס.

אַוועק פון די קאַטערינשטשיקעס, לענג אויסביידע זייטן מאַרק, זענען געווען אויסגעשטעלט די געשטעלן מיט מעסערלעך און בריטוועס, מיט שלעסלעך און שערלעך, מיט שניט־סחורה און צעלניק, מיט ווייס־געבעקס און צוקערוואַרג, מיט באַניע־קערן און פּרוכטן. אויך אין די געוועלבער, הינטער די האַלב־צוגעלענטע טירן, וווּ מען האָט נישט געטאָרט מחלל־זונטיק זיין מיט אַ גראָשן לייזעכץ, איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט זעלנער, וואָס האָבן געלאָזן פּדיון פאַר אַ גאַנצער וואָך.

און אין מאַרק, פראַנק און פריי ווי דער ווינט, האָבן יידן אַרומגעשמייעט צווישן די זעלנער און אויפגעקויפט בייע שטיקער זויל־לעדער, אַלטע שי־נעלן, שטיוול און לייוונטענע פּאַלאַטקעס, אַלץ וואָס „קאַזנאַ״ האָט אַרויסגע־געבן דעם זעלנער פאַר זיין אייגן געברויך. אַנדערע יידן, נישט אַזעלכע בריה׳ס, וואָס טויגן בלויז צו דער גמרא, האָבן געהאַלטן פאַרבאָטענע שענק־לעך, וואָס די ווייבער און אונטערגעוואַקסענע טעכטער האָבן שטילערהייט באַטריבן. הינטער פאַרהאָנגענע פענצטער, אַרום נאַקעטע, האָלצערנע טישן, זענען געזעסן זעלנער און פּויערים, געזשליאָקעט אָקעוויט, געגעסן גע־פּרעגלטע לעבערלעך און געבראָטענע פערטלען גענדזנס און כסדר געזוכט אַ כאַפּ צו טאָן אַ ברייט־היפטיקע מויד אויפן שויס אַרויף.

איידער מאָדזשיצער געוועלבניקעס האָבן צוריק אויסגעפילט די פּאַ־

ליצעס נאָכן זונטיק־פּדיון, איז געקומען דער מיטוואָך, מארק־טאָג, ווען די שטאָט איז פארפלייצט געוואָרן פון פערד און וועגן, וואָס די פּויערים האָבן אויסגעשפּאנט, פארהויבן די האָלאָבליעס ארויף, די פערד אויסגעדרייט מיט די קעפּ צו די וועגן, זיי ארייגעפּאקט די אומגעדולדיקע מאָרדעס אין טאָר־בעס האָבער און אליין אוועק אויפן יאריד.

שוין פון באגין האָט זיך געשטעלט דער הו־הא. איןביידע זייטן שאָסיי, לענג־אויס די ראָוועס, דורך וועלכע עס איז געגאנגען דער אָפּפלוס פון די רעגנס, זענען געזעסן אָנגעפּאָרענע ס׳גאַיעס אין זייערע פארביקע, גע־שטרייפטע פּעלערינעס. ארום זיי — זעק מיט זריעות, קרענץ מיט גאָלדן־הויטיקע ציבעלעס, זילבער־ווייסער קנאָבל, געבונדענע עופות און קוישלעך אייער.

ארויף מיטן שאָסיי זענען געווען די געשטעלן מיט הייליקוואַרג. אויף ברייטע טישן, אונטער לייוונטענע דעכער, זענען געווען אויסגעשטעלט בילדער פון דער „הייליקער" מאמע מיטן געטלעכן קינד ביי דער אָפּגעדעק־טער ברוסט. שנירן קרעלן, ברוינע און שווארצע, מיט קליינע און גרעסערע צלמ׳לעך, זענען דאָרטן געהאָנגען אין גאנצע קלומפּן, יעזוסלעך מיטן דורכ־געשטאָכענעם, פארבלוטיקטן הארץ אין דרויסן און דער דערנער־קראַנץ אויפן קאָפּ, אנדערע מיט צעגומענע הענט און פארלייגטע פיס, געקרייציק־טע אויפן צלם, זענען געווען אָנגעוואָרפן אין קופּעס גאנצע און די פּויערים און פּויערטעס, גייענדיק פון געשטעל צו געשטעל, האָבן געקליבן און גע־קויפט די געטער און געטעלעך מיט דעם אייגענעם אומצוטרוי און פארדאכט ווי זיי האָבן ביי אנדערע געשטעלן געקליבן און געקויפט לעקעכלעך און זיסע בייגעלעך...

לעבן די געשטעלן מיט הייליקוואַרג זענען געווען אויסגעזעצט בעטלער, „דזשאַבעס" און „באַבעס", מיט אַרומגעוויקלטע פיס און באָרוועס, מיט קוליעס און סעקאַטע שטעקנס לעבן זיך. אויף ביסלעך צעריבן שטרוי, די פיס הינטער זיך, זענען זיי געזעסן און זיך געוויגט און גע־ביגן, ווי זיי וואָלטן קיין איין ביין אין זיך נישט געהאַט. אין די בלויזע קעפּ, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו די פאַרבייגייער האָבן זיי געבלע־קערצט הייליקע פּסוקים, געזונגען קלויסטער־לידער און זיך געהאַלטן אין איין צלמ׳ען פאַר יעדן קופּערנעם גראָשן, וואָס עמעץ האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין היטל אַריין.

אַראָפּ פון שאָסיי, אין מיטן מאַרק, האָט זיך געראַיעט ווי אין אַ מוראשניק. פערד האָבן געהירזשעט, חזירים האָבן געריטשעט, קי און קעלבער האָבן געמעקעט, הענער האָבן געקרייעט, קאַטשקעס האָבן גע־גאָדערט, גענדז האָבן געסיקעט און געביסן די לופט, און די יידן און פּויערים האָבן זיך געפּאַטשט אין די הענט, זיך געדונגען און געזידלט און באלד געגאנגען פארטרינקען די קניה מיט א פלעשל אָקעוויט.

אַנטקעגן, אין צווייטן העלפט מאַרק זענען געשטאַנען די גרויסע בוידן מיט די טאַנדייטער. אונטער אויפגעצויגענע, ברעזענטענע דעכער, זענען געווען אויסגעהאַנגען און אויסגעלייגט גאַרניטערס און וואַטוווקעס, פּעלצן און סערמיגעס, שטיוול און היטלען און לעבן זיי, אונטערן פרייען הימל, צעשטעלט אויף דער ווייכער, אומברוקירטער ערד, זענען געווען בערג מיט טעפּ און שיסלען, פּעסער און באַליעס, בעטן און שענקלעך, וואָס האָבן געשמעקט מיט פרישן לאַם און נאָר־וואָס געהובלטע סטרוזשקעס.

אָט פון די זונטיקס און מיטוואָכס האָבן דאָס מאַדזשיצער יידן אויסגעשלאָגן פּרנסה. קצבים האָבן געקויפט בהמות, קאָניוכעס האָבן געדונגען פערד, קרעמער האָבן געוויגן, געמאָסטן און געפּאַקט די דאָרפישע שפּע אין זעק און קאַסטנס און עקספּעדירט אין פעסטונג־אַריין און מיט דער באַן אין ווייטע, גרויסע שטעט אַוועק. און מאַדזשיצער באַלמעלאָכעס מיט זייערע געזעלן האָבן געהאַט צו טאָן איבער די קעפּ. זיי האָבן געהובלט, געקלאַפּט און געשטעפּט פון באַגין ביז זון־פאַרגאַנג און ווינטער ביז שפּעט אין דער נאַכט. צוליב די שווערע זונטיקס און מיטוואָכס איז די שטאָט געוואַקסן און יידן פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך האָבן געצויגן קיין מאַדזשיץ זיך דאָ צו באַזעצן, דאָ געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ זאַט שטיקל ברויט אין מויל אַריין.

נאָר איין יערמע דוד, וואָס האָט שוין דאָ געוווינט זינט יאָרן, האָט, חוץ טרייבן בהמות, נישט געהאַט וואָס צו טאָן. עפּעס האָט ער זיך נישט אויסגעטויגט צו די שטאָטישע פּרנסות. אַ געבוירענער דאָרפס־מענטש, אָן אַ מלאכה אין האַנט, איז ער שוין פון יונגווייז אָן געוווינט געוואָרן צו איין זאַך: אַהיים־טרייבן בהמות, וואָס יידישע קצבים האָבן איינגעקויפט אויף אַ יאַריד. די שטאָטישע פלינקייט צום קויפן און פאַרקויפן האָט ער אין זיך נישט געהאַט. צו דעם נאָך איז ער, ווי יעדער דאָרפס־מענטש, געווען אַ גראָדער פּאַרשוין, אָן שטאָטישע דריידלעך און אָן פעאיקייט צו קאָנען פריי מאַלן מיט דער צונג, צו קאָנען עמעצן פאַררעדן און פאַרדרייען, און פונקט ווי אַ פּויער האָט ער נישט געוווּסט פון קיין אָפּנאַרן. אַ וואָרט איז ביי אים געווען אַ וואָרט און אוודאי איז אים פרעמד געווען דאָס יידישע אונטערשטעלן אַן אויער, אונטערצוהערן, וואָס איינער רוימט־איין דאָרטן דעם אַנדערן. אדרבה, ער האָט גאָר געהאַט די זעלטענע איינגנשאַפט זיך אָפּצורוקן, ווען נאָר ער האָט געזען צוויי מענטשן זיך סודן. יידן האָבן צוליב דעם געהאַלטן פון אים אַ עולם ומלואו:

— אַ גאָלדענער יינג, דער יערמע דוד!

מילא, צום טרייבן בהמות האָט זיך יערמע דוד אוודאי געקאָנט באַגיין אָן די כיטרע, שטאָטישע געגנגלעך, אָן דעם אַריינשטעקן זיין נאָז אומעטום. אָבער ביים זוכן אַ גילדן פּרנסה אין מאַרק, ביי האנדל־וואַנדל, דאָ האָט

שוין גאָרנישט געטויגט דאָס, וואָס ירמיע דוד האָט זיך כסדר געשאַרט אין א זייט, וואָס ער האָט זיך אָפּגערוקט ווי נאָר ער האָט געזען צווײ מענטשן זיך אַמפּערן איבער עפּעס. דאָ איז שוין גראָד בייטיק געווען נישט נאָר אַ וואָך אויער, נאָר טאַקע אויך אַ שאַרפע יידישע נאָז, וואָס זאָל דערשמעקן פון ווי־ווייט ווו עס ליגט ערגעץ אַ פאַרדינסטל.

חנה לאה דאקעגן איז געווען פונקט דער היפוך פון אים. אן איידעלע, א בלאסע, א שטאָטישע דורך און דורך. דערצו נאָך האָט זי געירשנט דעם שאַרפן קאָפּ פון איר טאַטן און די באַרעדעוודיקייט פון איר מאַמען. פונקט ווי ירמיע דוד איז געווען שטומפיק איבערצוגעבן וואָס ביי אים אויפן געמיט טוט זיך, אזוי האָט זי געקאָנט לייכט און חנוודיק אויסברייען די שווערסטע מעשה, פּותר זיין דעם ווילדסטן חלום און אויסטייטשן אלע דאַכטעניש ן אַזוי שכלדיק און אַזוי גלאַט און אַלץ צום גוטן. נישט נאָר ווייבער, אויך מאנצביל האָבן זיך צו איר צוגעהערט און גערן געפרעגט ביי איר אַן עצה. אירע חושים זענען דעריבער געווען וואַך, וויברירנדיק. פּאָר איר איז געווען אַ שאַרך, אַ קלאַנג, אַ בליק זי זאָל גלייך וויסן וואָס אין אַנדערן עק שטאָט טוט זיך. צוליב דעם האָט זי דאָס געהאַלטן אין איין קנעלן מיט ירמיע דודן, אין איין אויסמענטשלען אים. איז ער שוין יאָ איר זיווג, ירמיע דוד, זאָל ער כאָטש ווערן א שטיקל מענטש.

ירמיע דוד האָט אפילו געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט זי ווי דעם קאָטער. ווייל זי וויל אזוי, וועט ער טאָן פונקט פאַרקערט. פונדעסטוועגן האָבן חנה לאה׳ס רייד דאָך געהאט א פּעולה, בפרט דענצמאָל, ווען זי האָט אַזוי שטיל, ווי אַ גוטע מאַמע מיט אים איינגעטעגהט:

— ירמיע דוד, וואָס שעמסטו זיך צוגיין צו א מענטש? וואָס טרעטסטו אַזוי אָפּ דעם וועג פאַר יעדן איינעם? ס׳רוסישע לשון קאָנסטו דאָך צוגלייך מיט אַנדערע. ביזט דאָך געווען אַ זעלנער גאַנצע פיר יאָר. וואָס־זשע שעמסטו זיך? זעסט יידן דינגען עפּעס, גיי אויך צו. שטופּ זיך אויך אַריין. האָב גאָט אין האַרץ, די שוואַלבן ווילן דאָך עסן!

מיט דעם גאַנצן מינטערן און טרייבן האָט דאָך געדויערט אַ לאַנגע צייט איידער ירמיע דוד האָט געהאט גענוג מוט צוגיין צו א זעלנער און אים א פרעג טון:

— לאַנדסמאַן, וואָס פאַרקויפסטו?

די ערשטע צייט, ווען די מאַדזשיצער סוחרימלעך, זשוואַוועס פאַרשוינען מיט פלינקע קעפּ, האָבן געזען ירמיע דודן אזוי נישט דרייסט נעמען עפּעס דינגען ביי אַ זעלנער, האָבן זיי געלאַכט אויס אים און געטריבן אויס אים ליצנות, ווי די טאַנדייטער, ווען זיי שטייען אָן לייזונג, טרייבן ליצנות מיט אַ פאַרוואַלגערטן, אומבאַהאָלפענעם פויער, וואָס גייט מיט חשד פון

שטעל צו שטעל, קוקט, באַטאַפּט, מעסט אָן און האָט אַלץ מורא אַרויס־צושלעפּן דאָס לייוונטענע טאָרבקעלע מיט די פּאָר שווער־פאַרהאָרעוועטע גילדן פון בוזעם אַרויס, טאָמער נאַרט מען אים דאָך אָפּ.

דאָס חוזקן אויס ירמיע דודן האָט אָבער אָנגעהאַלטן כּל זמן ער האָט בלויז באַטאַפּט אַ שטיקל סחורה. אַזוי גיך אָבער ווי ער האָט זיך אונטער־געשטעלט טאַקע אויף אַן אמת צו קויפן, זענען די סוחרימלעך אים באַפאַלן פון אַלע זייטן:

— נאַ, אָט האָסטו דיר גאָר אַ נייעם סוחר! נישט געפּאָקט און נישט געמאָזלט און ער האַנדלט שוין! אַזאַ בהמה־טרייבער! ביזט קראַנק צו טרייבן בהמות?

ירמיע דוד האָט זיך נעבעך דערפילט צווישן די זשוואַווע סוחרימלעך ווי א פרעמדער האָן, וואָס איז פלוצים אריינגעטריבן געוואָרן אין אן אומבאַקאַנט פאָווירל, פול מיט היימישע עופות. כּל זמן ער, דער פרעמדער האָן, איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע און בלויז געשמעקט מיט די נאָז־לעכער, האָט מען אים צורו געלאָזט. אַזוי גיך אָבער ווי ער האָט זיך אונטערגעשטעלט אראָפּצובייגן דעם שנאָבל און אויך פּרווון כאַפּן א קערנדל, באַפאַלט מען אים פון אַלע זייטן, גרייט אים צו דורסן.

ירמיע דוד האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן. די ביטערע נויט אין שטוב האָט אים געצווונגען צו עפענען אַ מויל אויף צוריק:

— וואָסי, ס'איז ענקער מאַרק? יעד בין אַ היגער צוגלייך מיט אַלע!

קאפיטל ניין

עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט איידער די מאַדזשיצער סוחרימלעך האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף יערמע דודן ווי אויף אַן אייגענעם, ווי אויף א סוחר צוגלייך מיט זיי. פריער האָבן זיי אים אָנגעטאָן כלערליי נגישות. זיי זענען אים אפילו באַפאַלן אין מיטן מאַרק און אים געשלאָגן. אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן האָט מען אים געסטראַשעט מיט מסירה, כאָטש גאָט איז אַן עדות אַז יערמע דודן האָט נישט געטאָן קיין זאַך, וואָס מען זאָל נישט טאָרן. ער האָט נישט אָפּגעוואַרט די זעלנער הינטער דער שטאָט, ווי זיי, די אַלטע סוחרים האָבן דאָס געטאָן. אויב אַ זעלנער האָט נאָר געטראָגן דאָס שטיקל סחורה הינטערן שינעל, האָט ער עס שוין נישט געקויפט, טאָמער איז עס געגנב׳עט. אַז די סוחרימלעך האָבן געזען עס העלפט נישט קיין שלאָגן און קיין סטראַשען, האָבן זיי אים גענומען אונטערשטעלן פיסלעך. ווי נאָר ער איז ציִגעגאַנגען צו אַ זעלנער עפּעס קויפן, זענען זיי גלייך אויסגעוואַקסן און גענומען שלאָגן אין געלט אַריין אַזוי, אַז ווען ער האָט שוין דאָס שטיקל סחורה געקויפט, איז עס געווען אַרומגעגריזשעט פון מינדסטן גראָשן ריוח, ווי אַן ארומגעגריזשעטער ביין, וואָס הינט לאָזן נאָך זיך לעבן א יאַטקע. ס׳רוב האָט ער נאָך באַדאַרפט צולייגן א פּאָר גראָשן אָנשטאָט עפּעס פאַרדינען. אַז ער האָט זיך שפּעטער געכאַפּט און זיך נישט געלאָזט פאַרנאַרן אין דעם אונטערגעשטעלטן האַזאַרד אריין און פּונקט ווי זיי אויך חרטה געקראָגן אויף דעם אַרויפגעטריבענעם מקח, האָבן די סוחרימלעך אָנגערייצט אויף אים דעם אַנטוישטן זעלנער און יענער, פון גרויס כעס, האָט געכאַפּט יערמע דודן שלאָגן, רייסן אים די רויטע, שפּיציקע באָרד און געשאָלטן אלע יידן:

— זשידי מאשעניקי!

נאָר אנשטאט די נגישות זאָלן פאַרטרייבן יערמע דודן פון מאַרק, האָבן זיי גאָר אויפגעוועקט אין אים אַן אַמביציע צו קעגנשטעלן זיך, נישט צו לאָזן זיך. „א קרענק אין די ביינער וועט ער זיי נאָכגעבן!" חוץ דעם, אויף יערמע דודן האָט דאָ געווירקט נאָך עפּעס, וואָס איז שטאַרקער געווען פון סתם טרייבן להכעיס. די ערשטע עטלעכע גילדן ריוח, וואָס יערמע דוד האָט געכאַפּט אין מאַרק, האָבן אים באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז נאָך אַלעמען איז חנה לאה פאַרט גערעכט. פאַרדינען אַ קערבל אין מאַרק איז טאַקע גרינגער ווי שלעפּן זיך נאָך די בינטן בהמות איבער די וויסטע, פּינצטערע וועגן, אין פראָסט און אין היץ.

אין יערמע דוד'ן האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויספּיקן דער סוחר. סחורה האָט ביי אים אָנגעהויבן קריגן אַ ווערט, נישט בלויז ווי זאַכן צום נוצן, נאָר ווי עפּעס וואָס קאָן ברענגען ריוח. ער האָט גאָר גיך פאַרלאָרן דאָס געפיל, וואָס עס האָט דער נישט סוחר, צו וועלן תיכף אויסבייטן דאָס געקויפטע צוריק אויף געלט. אדרבא, ער האָט גאָר איינגעזען, אז א סוחר איז גאָר דער, וואָס קאָן אויסהאַלטן אַ שטיקל סחורה ביז עס שטייט גוט אויפן מאַרק און, פאַרקערט, ביטער איז דעם, וואָס האָט נישט קיין געלט אויף אויסלאָג, נאָר מוז דאָס געקויפטע גלייך אוועקטראָגן צו וועלוול קראַדניק, וואָס זיצט זיך אין רחבותדיקן געוועלב, געדולדיק ווי אַ פּעטע שפּין אין איר געשיצטן שפּין־געוועב און וואַרט אַז די פליגעלעך, די אָרעמע סוחרימלעך, זאָלן צו אים אַריינפּאַלן מיט זייערע ביסלעך סחורה, ער זאָל זיי קאָנען אויסנאָגן ביזן דינסטן ביינדעלע!

יערמע דוד האָט מיט אַלע כוחות געגומען אויסמיידן וועלוועלע קראַדניק. אנשטאט גלייך צוריק פאַרקויפן דאָס שטיקל סחורה, כדי צו האָבן מיט וואָס וויטער צו האנדלען, האָט ער בעסער געכאפּט א גמילות חסד ווו ער האָט געקאָנט. ער האָט אויך געגומען נאָך מער קאַרגן אויף דער פרנסה. חנה לאהן איז איצט פיל שווערער געווען ביי אים ארויס־צוקריגן א גילדן, ווי אמאָל, ווען ער איז געווען א בהמה־טרייבער. דענצמאָל איז געלט ביי אים געווען בלויז כדי דערמיט צו קויפן אַ פּערטל קאַרטאָפל, אַ זעקל בוראַקעס, אַ קרענצל ציבעלעס. איצט אָבער האָט ער איינגעזען, אז א רובל, אריינגעלייגט אין סחורה ברענגט ריוח. מיט פויערשער עקשנות האט ער דערליבער געגומען איינציען דעם פּאַסעק, געקאַרגט זיך און די קינדער דאס שטיקל אַלט־געבאַקן ברויט אין מויל־אריין און פאר די גילדנס אָפּגעלייגט נאָך א פּאָר שטיוול, נאָך א שינעל, נאָך אַ שטיקל זויל־לעדער און, פּונקט ווי די גרויסע אויפקויפער, געוואַרט אויף די סוחרים, וואָס קומען אראָפּ פּסח־צייט פון ווארשע און ראסיי און קויפן אויף די בערג מיט אָנגעזאַמלטע סחורות, צאָלנדיק גוטע מקחים.

און נישט נאָר אין מאַרק, יערמע דוד האָט זיך שוין אויך אונטער־געשטעלט צו גיין אין פעסטונג אַריין אויף אַ ליציטאַציע. די ערשטע צייט, וואָס אַן אמת, האָט ער אפילו נישט געוווסט ווען די ליציטאַציעס זענען פאָרגעקומען. ווי אויף להכעיס, פלעגט ער זיך דערוויסן, ווען עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען. ביסלעכווייז אָבער, אַרומדרייענדיק זיך אַ צייט אויפן מאָדזשיצער מארק, ארומשניפנדיק אין די ווינקעלעך, ווו ערגעץ מען קאָן כאפּן א גילדן פּרנסה, איז די נאָז זיינע געוואָרן יידישלעכער. פון הוילן ווינט האָט ער איצט געקאָנט דערשנאָפּן אז אין פעסטונג, אָדער ביי דער באַן וועט מען אין דעם אָדער יענעם טאָג אויף אַ „טאָרג" אויס־פאַרקויפן כלערליי סחורות.

לכתחילה האָט ער אפילו מורא געהאַט זיך אָװעקצולאָזן אויף אַזאַ ליציטאַציע, װי קומט ער מיט זײנע פּאָר אָרעמע קערבלעך אויף אַ „טאַרג", װו עס װעלן פּאַרקויפט װערן סחורות פּאַר שװערע טויזנטער? ער איז אָבער גאָר גיך געװויער געװאָרן, אַז דאָס קלײנװאַרג, די סוחרימלעך פון זײנס־גלײכן, דאַרפן גאָר קײן געלט נישט כדי צו קאָנען קומען אויף אַזאַ ליציטאַציע. װאָרום װען זײ זאָלן אפילו יאָ האָבן גענוג געלט, װעלן זײ אויך גאָרנישט קאָנען אויפטאָן. אז סך־הכל איז אזא מסחר באלד געפלאָנט פּאַר די גרויסע העכט, װאָס זענען פּאַני־בראַט מיט באָטשאַלסטװאָ. אלץ װארשעװער לײט און ליטװאקעס פון ראסיי, װאָס קומען אראָפּ אין סורדוטן און האַרטע קאַפּעליושן מיט גרויסע, שװערע טײסטערס מיט געלט. די לײט, אײדער נאָך זײ װײזן זיך אויפן טאַרג, האָבן זײ שוין פּאַרשיכורט מיט נאטשאלסטװאָ און זײערע נקבות הונדערטער רובל. דעריבער, אלץ װאָס א היג סוחרל קאָן זיך דערשלאָגן אויף אזא חתונה, איז א טרוקן בײנדל, װאָס װערט אים צוגעװאָרפן פאר האלטן ס׳מויל, פאר נישט ארויפשרויפן דעם מקח. אַמאָל איז דאָס אַ פּינפּערל אויף אַ חלק און אַמאָל איז דאָס בלויז אַ דרײער־קערבל. אַ גרעסערער מאָדזשיצער סוחר, פּאַר װעמענס פּעט טײסטערל מען האָט מער מורא, װערט אָפּגעחורשט מיט אַ צענערל. נאָר אַפילו דרײ קערבלעך איז בײ אַ מאָדזשיצער סוחרל אַן ענין, בפרט בײ יערמע דודן. בײ אים איז עס דאָך ממש אַן אוצר. כדי צו פּאַרדינען דרײ קערבלעך האָט ער זיך אַמאָל באַדאַרפט שלעפּן אויף עטלעכע יארידים און פון דאָרטן אַהײם טרײבן בינטן בהמות!

די מאָדזשיצער סוחרים האָבן פון זײער זײט זיכער געטאָן אַלץ, אַז יערמע דוד זאָל זיך נישט דערװיסן פון קײן ליציטאַציעס. עס איז דאָך גאַנץ פּשוט: מער אַ מענטש מײנט װינציקער אויף זײערע חלקים. װאָרום די גרויסע העכט, די אָנגעפּאָרענע סוחרים, טײלן נישט אײן יעדן מאָדזשי־צער אַ באַזונדער חלק. זײ װאַרפן צו אַ הונדערטער, אַמאָל נאָך אַ פּופּציקער און לאָזן זיך די סוחרימלעך רײסן ארום דעם װי הינט ארום א בײן. חוץ דעם איז די אַנדערע סוחרימלעך גאָרנישט אָנגעשטאַנען אַז יערמע דוד, דער בהמה־טרײבער, זאָל װערן אַ גלײכער יחסן מיט זײ, די געריבענע סוחרים, געװוזענע לערנער, זײדענע ײנגע־לײטלעך. מילא, פון מאַרק קאָן מען אים נישט פּאַרטרײבן, פּאָרט א רשות הרבים! אָבער אַ סוחר אויף ליציטאַציעס? יערמע דוד? לא מיט אַן אלף!

אײנמאָל האָט זיך דאָך יערמע דוד אונטערגעשטעלט און שטילערהײט אװעק אויף אזא חתונה.

עס איז געװען שבועות־צײט. דער הימל איז געװען בלוי און לויטער. די זון איז געשטאַנען הויך. פײגל האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט מיט אַ פרײדיק געטשװיטשערײ. דער האָפּן, הינטער דער שטאָט, איז געװען

צעבליט. די גרינע, דינע שטענגלעך, פול מיט ווייכע האָפּן־קעפּלעך, האָבן זיך געדראַפּעט פון דער ערד, זיך געוויקלט אַרום די אָנגעצויגענע דראָטן, אַרויף, אַרויף ווו זיי האָבן, הויך איבערן קאָפּ, זיך פאַרוועבט געדיכט איינס אין אנדערן ווי אין א דורכזיכטיקן, גרינעם טעפּיך.

יערמע דוד האָט בכיוון אויסגעמיטן די שטאָט. זאָל נאָר קיינעם נישט איינפאַלן וווהין ער גייט. ווי אַ גנב האָט ער איצט געצויגן צווישן דעם געדיכטן האָפּן. עס איז דאָרטן געווען קיל און טונקל און עס האָט געשמעקט מיטן ריח פון ביר.

אַרויסקומענדיק אין די אָפענע פעלדער אַריין, האָט זיך יערמע דוד פאַרנומען מיט א שמאָל סטעזשקעלע. די ברייטע, אָפענע קאַרטאָפל־פעלדער זענען געווען גרין און פול מיט ווייסן צוויט. גרויסע, פעטע בינען, מיט גאָלדענע סאַמעט־פּלייצעלעך האָבן זיך געטראָגן צווישן די ווייסע בלימלעך מיט א פריידיק געזשומעריי. איינגעבויגענע גויעס, מיט ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ און מאָטיקעס אין די הענט, זענען פּאַוואָליע געגאַנגען צווישן די בייטן, געיעטעט די ווייכע ערד און אויסגעריסן די ווילדע גראָזן.

ביים טייכל, צווישן געדיכטע קוסטן, האָט זיך יערמע דוד געזעצט איבערבייסן. ער האָט זיך איינגעבויגן און אָפּגעטונקן די הענט אין קילן, שטראָמיקן וואַסער. פּאַוואָליע האָט ער געווישט די נאַסע הענט אָן אַ פּאָלע פון געל־אָפּגעבליאַקעוועטן כאַלאַטל. מיט גרויס כונה האָט ער געזאָגט שאו ידיכם. געמאַכט המוציא איבער דעם רייפטל ברויט, וואָס ער האָט מיטגענומען אין קעשענע מיט אַ ציבלקעלע און אַ ביסל זאַלץ און זיך גענומען עסן גאָטס גאָב פרום און במנוחה.

נאָכן בענטשן איז יערמע דוד אויפגעשטאַנען און זיך פאַרנומען מיטן דעמבלינער וועג אין פעסטונג אַריין.

יערמע דוד, כאָטש ער האָט אָפּגעדינט דעם רוסישן קיסר פולע פיר יאָר און זיך אָנגעזען גענוג קאַזאַרמעס, איז ער דאָך, ביים אריינקומען אין איוואנגראָדער פעסטונג, געבליבן פאַרבליפט. ער איז געווינט געווען צו קאַזאַרמעס אויף אָפענע פעלדער. דאָ אָבער איז ער אַריינגעקומען אין א פארמאכטע פיר און פינף־שטאָקיקע הייף, וואָס פון דרויסן זעט מען נישט מער ווי גרין־באַוואַקסענע בערג, אַרומגענומען מיט אַ קינסטלעך אויסגעגראָבענעם קאנאַל, ווי א גארטל, וואָס קאָן דורך פארבאָרגענע שליוזן ביי דער ווייסל, פאַרגאָסן ווערן, ווי נאָר אַ שונא דערנענטערט זיך.

עס האָט יערמע דודן גענומען אַ לאַנגע צייט דאָס וואַנדערן דורך די פאַרמאַכטע פעסטונג־הייף ביז ער האָט זיך דערפרעגט צו די סקלאַדעס ווו די ליציטאַציע איז פאָרגעקומען.

ווען יערמע דוד איז אַהין צוגעקומען האָט זיך נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן. די שווער־געקאָוועטע טירן פון די לאַנגע, רויט ציגלנע סקלאַדעס זענען

געוועזן האלב אויפגעלעגט. ביי יעדע פּאָר טירן איז געשטאַנען א זעלנער מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. אַ שווער־דומפּיקע קילקייט האָט זיך געטראָגן פון די האלב־אויפגעלעגטע סקלאַדעס. אינעווייניק, אין האלב־טונקל, ארום בערג מיט אָפּגענוצטע שינעלן און שטיוול און אַלט אייזנוואַרג, האָבן זיך געראַיעט זעלנער, וואָס האָבן געציילט און געשריבן. צווישן די בערג סחורות, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין בלויז אַלטוואַרג, האָבן זיך אַרויסגעזען מאַסן נייע שטיוול, געלע און שוואַרצע, מיט טאָפּלטע זוילן, נאָך אפילו נישט איינגעטרעטענע. אויך נייע שינעלן און מונדירן און בערג מיט ווייס־גרויע פּאַלאַטקעס, וואָס האָבן נאָך אפילו קיין איין רעגן אויף זיך נישט געהאַט.

יערמע דוד'ן איז אזש געקומען דאָס שפּייעכץ אין מויל אריין. אָט דאָס הייסט אַ מוציא!״.

כאָטש ס'ערשטע מאָל אויף אַ ליציטאַציע האָט יערמע דוד פונדעסט־וועגן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן די אָפיצירן, די היטער פון קיסרס באַלע־באַטישקייט, אַריינגעוואָרפן די פּאַרציעס נייוואַרגן, דער קוליטש זאָל זיין גרעסער, עס זאָל זיין פון וואָס צו טיילן המוציא'ס זיך און די סוחרים און אַלע די וואָס וועלן נאָר צולייגן אַ הענטעלע צום מסחר.

באַטראַכטנדיק מיט גרויס זשעדנעקייט די בערג סחורות, האָט יערמע דוד דערוויילנישט באַמערקט ווי די מאַדזשיצער סוחרים זענען זיך ביסלעכ־ווייז צונויפגעקומען:

— זע נאָר, זע, האָבן זיי זיך געחידושט, אָט האָסטו דאָך אים, דעם בהמה־טרייבער! דער שוואַרץ־יאָר האָט דאָך אים אָנגעטראָגן!

— און עך האָט געמיינט, — האָט יערמע דוד זיגעריש א זאָג געטאָן, — אז עך וועט מיר נישט דערציילן על יעך נישט וויסן, וואָס אין פּעסטונג טוט זיך?

צווישן דעם בינטל יידן איז אָנגעשטאַנען אַ קריגעריי. כאָטש די זעלנער האָבן זיי באַכגעשפּעט און געשריגן: „מאַלטשאַי, זשידי!״ האָבן דאָך די סוחרימלעך נישט אויפגעהערט צו שרייען און סטראַשען יערמע דודן.

יערמע דוד האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט. ער האָט געוווסט, אַז דאָס וויל מען אים אָפּשרעקן, ער זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. ער מעג זיך טאַקע זיין אַ פּויער, יערמע דוד, ווייסט ער אָבער נאָך פון זיין דינען דעם קיסר, אַז אַ „טאָרג״ איז לכתחילה כדי יעדער זאָל קאָנען קומען און פריי אָנביטן אַ מקח. אמת, די גרויסע העכט לאָזן טאַקע נישט יעדן איינעם קויפן. צו דעם דאַרף מען נישט נאָר אַ פעטן טייסטערל, נאָר מען דאַרף אויך האָבן אַ צד אין דער שיסל. אָבער אָנביטן אַ מקח, שלאָגן אין געלט אריין, דאָס קאָן יעדער איינער, וואָס וויל זיך נישט לאָזן אָפּחורשן. חוץ דעם האָט ער זיי סתם אין דער אדמה, די מאַדזשיצער שיינע יידן מיט

די שמייליקע הינטנס. דאָס רוסיש לשון קאָן ער גלייך מיט זיי. אויב מען וועט אים דאָ נישט געבן אַ גלייכן חלק מיט אַלעמען, וועט ער טאַקע נישט שווייגן. ער וועט אַרויפּיאָגן דעם מקה וויפל נאָר ער וועט קאָנען. אדיב זיי איז ליב וועט אים זיין ניחא און זאָל מען זען וואָס מען וועט אים טאָן!

עס איז אָבער נישט געקומען דערצו. יערמע דוד האָט זיך אומזיסט געגרייט. ביים רעכטן געדיכטן האָט ער אפילו איין וואָרט נישט געקאָנט זאָגן. נאָך איידער אַן אָפּיצער האָט זיך באַוויזן לעבן די סקלאַדעס, נאָך איידער אפילו די הויפּט־סוחרים זענען זיך צונויפגעפאָרן, האָבן זיך געיאָוועט עטלעכע פרעמדע פאַרשווינדלעך אין האַרטע קאַפּעליושלעך, אין קורצע סורדוטן, גרוילעכע, דייטשמערישע, מיט געליאַמעוועטע לאַצן, יידלעך מיט אונטערגעגאָלטע בערדלעך און גאָלד־געראַמטע ברילן אויף די בעז. זיי זענען אָנגעקומען רואיק, נישט געאיילט, פאַרטאָן אין א שמועס, וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך, אין זייער ליטווישן לשון, גלייך זיי, די מאַדזשיצער סוחרימלעך מיט זייער גאַנץ געטומל און קריגעריי, וואָלט זיי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. ערשט ווען זיי זענען מושווה געוואָרן צווישן זיך, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די מאַדזשיצער לייט, זיי אַרומגעזאַמלט אַרום זיך, אַ שטייגער ווי מען זאַמלט אַרום די קליינע ייִנגלעך שמחת תורה אין שול, אונטער איין טלית ארונטער, כדי אלעמען אָפּצופטרן מיט .איין עליה. איך דעם צונויפגערופענעם קרענצל האָט מען זיך געשושקעט. באַלד איז דאָס גרויסע קרענצל זיך צעפאַלן אין קלענערע בינטלעך. יעדעס בינטל האָט זיך באַזונדער געאַמפּערט, געסטראַשעט. יענע פון די מאַדזשיצער מיט די פולערע בייטעלעך אין די קעשענעס, איז איבער־געגעבן געוואָרן צו מאַכן די חלוקה פון דער צוגעוואָרפענער חלה. האָבן זיי געטיילט, זיך צו פינף און צוואַנציקער, צו צענערלעך, קלענערע צו פינפערלעך און דרייערלעך. יערמע דודן האָבן זיי אפילו נישט אַריינגענו־מען אין קאָן. אים, אַז עמעץ פון די גרויסע וועט אים צוואַרפן אַ האַלב קערבל וועט אים אויך גענוגן. וואָסי, ביים טרייבן בהמות האָט ער מער געהאַט?

יערמע דוד האָט פון ווייטנס געאַנט, אַז פון דעם שושקעניש וואָס די מאַדזשיצער לייט טרייבן דאָ, וועט אים קיין גוטס נישט אַרויסקומען. מיט דעם שטיין פון ווייטנס וועט ער זיך ביי זיי קיין כבוד נישט דערשלאָגן. ער האָט זיך דעריבער אומגעבעטן געטאָן א רוק צו צום קרענצל, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געסודעט מיט די אָנגעפּאַרענע פאַרשווינען און מיט פויערשער עקשנות הויך אַ זאָג געטאָן:

— אין יעך זאָג ענק פריער אַז יעך על נישט שוואַגן. אַז עץ עט מיר נישט געבן א גלאַכן חלק על יעך קלאַפּן אין געלט אראָאַן!

די, מעקלערס, געבראַטענע ליטוואַקעס, וואָס האָבן שוין נישט איין חברה איטשע מייערס אָפּגעחורשט, האָבן זיך איבערגעקוקט:

— ווער איז דער האָז?

— א פרעמדער טייוול, א בהמה־טרייבער, — האָבן די מאַדזשיצער סוחרימלעך געגומען פאַרשוואַרצן יערמע דודס פּנים פּאַר די פרעמדע יידן.

— יעך וואַרן ענק פריער — האָט יערמע דוד דאָס מאָל זיך געווענדט בלויז צו די פרעמדע לייט, אויסמיידנדיק בכיוון די מאַדזשיצער — יעך על נישט שוואַגן!

די פרעמדע מעקלערס האָבן איינגעזען, אז עס וועט נישט טויגן. לאָזן אַ נישט אָפּגעחורשטן פויגל, ער זאָל שלאָגן אין געלט אַריין, איז נישט קיין חכמה. אַזאַ איינער קאָן דאָ נישט איין הונדערטער איבערפירן. זיי האָבן דעריבער אויפסנייע געגומען אונטערהאַנדלען, פון איין זייט מיט יערמע דודן, ער זאָל נישט דערוועגן צו עפּנען ס׳מויל און פון דער אַנדער זייט מיט די מאַדזשיצער סוחרים, זיי זאָלן אים אַריינגעמען אין קאָן און אים אויך געבן אַ דרייערל.

ענדלעך האָט זיך די ליציטאַציע געשטעלט. עס זענען אָנגעפּאַרן אַ סך קאַטשן אויף שפּרינג־רעסאָרן מיט דינע גומע־רעדער. אין יעדער קאַטש זענען אָנגעקומען אנדערע געהויבענע לייט, אָפיצערן און רייכע סוחרים, וואָס קומען שטענדיק נאָך דעם ווי זייערע מעקלערס האָבן אַלץ, ארומגעשניפּט, יעדן אָפּגעחורשט און צוגעגרייט דאָס שפּיל זאָל גיין גלאַט, עס זאָל זיך חלילה ערגעץ נישט פאַרהאַקן.

ערשט נאָך אלע איז אָנגעקומען דער הויפּט־מחותן, דער נאַטשאַלניק פון דער אינטענדאַנטור. ארום די סקלאַדעס איז געוואָרן שטיל. די סוחרים האָבן אַראָפּגענומען די היט. די אָפיצערן האָבן מיליטעריש צונויפגעקלאַפּט די באַשפּאָרנטע שטיוול און אָנגעשטעלט די הענט צו די קליינע, גלאַנציקע דאַשיקלעך אין סאַלוט.

דער נאַטשאַלניק, א יונג אָפיצירל, א נידעריקער, מיט קליינע, שווארצע, ארויפגעדרייטע וואָנסעלעך און א ברוסט פול מיט מעדאַלן און צלמימלעך, איז אפילו פון דער קאַטש נישט אויסגעשטיגן. ער האָט בלויז צוגעשטעלט די האנט אין דער ווייסער האנטשו צום דאַשעק און גיך גענומען אריינקוקן אין א פּאַפּיר, וואָס איינער פון די אָפיצירן האָט אים אונטערגעטראָגן.

ערשט איצט האָט זיך דער „טאָרג” אָנגעהויבן. די סוחרים און מיליטער־לייט האָבן זיך דערנעענטערט צו די געעפנטע סקלאַדעס. אַן אונטער־אָפיציר מיט א פּאַפּיר אין די הענט האָט זיך געשטעלט אויף א שטול לעבן דעם בארג שטיוול און געגומען רופן הויך, ווי דאָס געזעץ פאָדערט:

— דרייסיק טויזנט פּאָר אַלטע שטיוול צו דרייסיק קאָפּיקעס א פּאָר!

די סוחרים, פרעמדע און היגע, זענען כלומרשט צוגעגאנגען באַקוקן די

„אלטע״ שטיוול. די קופּעס נייע, נאָך נישט געטראָגענע שטיוול, האָבן זיי זיך געמאכט נישט זען. איינער, א פון פריער צוגעגרייטער פארשוין, האָט א רוף געטאָן:

— צוויי און דרייסיק און א האלבע קאָפּיקע:

א צווייטער, אויך א פון פריער באַשטעלטער, האָט כלומרשט געשלאָגן אין געלט אריין:

— פינף און דרייסיק קאָפּיקעס!

דער אונטער־אָפּיציר האָט נאָך עטלעכע מאָל, ווי דאָס געזעץ פאָדערט, געררופן: „ווער גיט מער?״ אָבער קיינער האָט זיך שוין מער נישט אָנגערופן. דער פון פריער אָפּגעמאַכטער פּרייז איז הייסט עס פינף און דרייסיק קאָפּיקעס א פּאָר און אזוי מוז עס בלייבן!

דאָס זעלבע שפּיל איז פאָרגעקומען ביים צווייטן סקלאַד און ביים פערטן און אזוי כסדר און נאָך איידער יערמע דוד האָט רעכט צייט געהאט זיך ארומצוזען וואָס דאָ קומט פאָר, איז שוין געווען נאָך דער ליציטאַציע. די אָפּיצירן און די גרויסע סוחרים זענען איינגעשטיגן אין די קאָטשן און אוועק צו די פלעשער שאמפאניער מיט די געשמינקטע נקבות. געבליבן דאָ, ביים ציילן און רעכענען, זענען די אונטערשטופּער, די אגענטן און מעקלערס מיט עטלעכע בענדלדיקע אונטער־אָפּיצערלעך פון דער אינטענ־דאַנטסוואָ.

— אָט ווי מ׳מאכט א קערבל — האָבן די מאָדזשיצער סוחרימלעך קנאה׳דיק א זאָג געטאָן און זיך גענומען צעגיין. אין פארגלייך מיט די שווערע טויזנטער, וואָס די קאַרפּן־קעפּ ווועלן דאָ אריינכאַפּן, האָבן די דרייערלעך און פינפערלעך און אפילו צענערלעך, וואָס זיי האָבן געקריגן, קיינעם נישט געוואַרעמט. בלויז איין יערמע דוד איז געווען צופרידן. קראָקע איז דאָך אויך נישט מיט איינמאָל אויפגעבויט געוואָרן. כאַפּן א דרייערל אָט אזוי אָ, איז פּאָרט נישט פון די קלייניקייטן! בפרט נאָך אז ער האָט זיי געוויזן די מאָדזשיצער שמייליקע הינטנס, אז זיי ווועלן אים פון מארק נישט אַראָפּטרייבן!

קאפיטל צען

חנה לאה האָט געהאַפט, אז ווי נאָר דער אויבערשטער וועט איר העלפן און יערמע דוד וועט האָבן עפעס א יידישע פרנסה, אז ער וועט זיך נאָר אויפהערן צו שלעפן נאָך די בינטן בהמות, וועט ער שוין אויך ווערן אנדערש אין שטוב. איר גאנצע מערכה וועט ביי אים בעסער ווערן און, דער עיקר, ער וועט זיך נישט אזוי וואָרפן מיט בתן חיימען, וואָרום, געוואַלד־געשריגן, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן א טאטע זאָל זיך נישט צורירן צו אן אייגן קינד, ער זאָל נישט וועלן צושמעקן צום וויגל?

געוועזן איז אָבער פארקערט. די פיינטשאפט צום יינגל, וואָס איז ביי יערמע דוד׳ן אָנגעשטאנען יענעם באגינען, ווען ער איז אהיימגעקומען א דערשלאָגענער פון ריקער יאריד, האָט זיך פון אים איצט, שוין זייענדיק א סוחר, נישט אָפּגעטאָן. אדרבא, וואָס עלטער דאָס קינד איז געוואָרן אלץ שארפער איז געוואָרן דעם טאטנס פיינטשאפט דערצו, ממש א שנאה, ווי צו א דערוואַקסענעם מענטש.

וואָס אן אמת, דאָס אריינגיין צום רבין האָט אפילו יאָ געהאט א שטיקל פעולה. יערמע דוד האָט זיך כאָטש א ביסל בארויקט. די מורא אז ער האָט חלילה גורם געווען דער מאמעס טויט, איז פון אים אוועק. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט שענקען וואָס ער האָט נישט דער מאמעס נאָמען, וואָס אָנשטאָט א טאָכטער, א נאָמען נאָך דער מאמען, איז גאָר דער קליינער ממזר געקומען און צוליב אים קאָנען נאָך די שערבעלעך פון דער מאמעס אויגן נישט אראָפּגענומען ווערן. צו דעם אלעם האָט נאָך יערמע דוד נישט געקאָנט פארגעסן דעם ברית, וואָס די שטאָט האָט, דעם יינגל צוליב, ביי אים געפראוועט, א ברית פון לויטער קצבה, ווי ביי א שנאָרער וואָס גייט איבער דער מדינה.

חנה לאה האָט נעבעך מיט אלע מיטלען געפירט מלחמה פאר איר קינד. ווי יעדע מאמע האָט זי אויך געזוכט כלערליי תחבולות און איינפאלן צו געווינען דעם פאָטערס ליבע פאר דעם עופה׳לע. זי האָט דאָס קינד געצירט און געקליידט שענער פון די פריערדיקע קינדער. כאָטש זי איז געווען אָפּגעשוואכט פון דער קינפעט און דער קרענק, איז זי פונדעסטוועגן געזעסן גאנצע נעכט אן איינגעבויגענע איבער דעם איינגעדרייטן נאפט־לעמפל, וואָס זי האָט פארהאָנגען מיט א שטיק פאפיר, ווי מיט א דעכל, כדי צו פארשטעלן דאָס מינדסטע ביסעלע שיין פון שלאָפנדיקן מאן און גענייט פאר דעם קינד קליידעלעך מיט אלערליי סטענגעלעך און בלימעלעך, גלייך עס

וואָלט געוועזן א מיידל. אויך האָט זי אים געבאָדן און געצוואָגן גראָד ווען יערמע דוד איז געווען אין שטוב און כלומרשט נישט אויסגערעכנטערהייט, געטאָן א טראָג צו דאָס אויסגעצירטע קינד צום מאַן:

— נאָ, נעם אים א ביסל, זע, זע ווי ער רייסט זיך צו דיר.

נאָר יערמע דוד, אַנשטאָט ווייכער צו ווערן, האָט זי גאָר אָפּגעשטופּט:

— מוחל, מוחל, האַלט אים דיר, ער איז דאָאַן זיהן.

מילא, תחילת האָט דאָס קינד נעבעך נישט געוווּסט פון וואָס צו זאָגן. שפּעטער אָבער, איז דער קליינער געוואָרן א צד אין דער מלחמה. גאָר פרי האָט דאָס קינד דערשפּירט די פיינטשאַפט פון דעם ייד מיט דער רויטער באָרד. אין דעם קליינעם נפש איז דעריבער גלייך געבוירן געוואָרן א צוריק־פיינטשאַפט נאָך מיט א מורא דערצו פאַר אָט דעם דאָזיקן ייד. אין זיין בעסטן שפּילן זיך, ווי נאָר דאָס קינד האָט דערזען יערמע דוד'ן אין דער טיר, האָט עס זיך גלייך צעוויינט און נישט נאָר געוויינט, נאָר ממש געקראָגן קאָנוווּלסיעס פון שרעק.

חנה לאה האָט פון דעם געהאַט גרויס צער. זי האָט שטילערהייט געפרעגט עצות ביי אַנדערע מאַמעס, אויך ווייבער פון מאַנען:

— אוי, גילדענע — האָט זי מיט א קול פול מיט צער געפרעגט ביי זיי — וואָס טוט מען? עס שניידט דאָך ס'האַרץ, גלייך ער וואָלט נעבעך געווען א יתום.

די שכנות האָבן איר געגעבן כלערליי באַבסקע עצות, נאָר אַלע האָבן געזאָגט אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען ווען זי הערט אויף דאָס יינגל צו זייגן. אַז זי וועט נישט זייגן, וועט דער אויבערשטער העלפן און זי וועט טראָגן ווערן. אין יינגלס זכות וועט זי דאָס מאָל געהאָלפן ווערן מיט א מיידל. און אַז יערמע דוד וועט נאָר האָבן דער מאַמעס נאָמען, וועט זיך זיין האַרץ איבערקערן צום גוטן און דעם יינגלס מזל וועט ביי אים גאָר אויפשטייגן.

חנה לאה האָט זיך נעבעך געקווענקלט. ס'האַרץ האָט איר וויי געטאָן אויף דעם קינד. לאַ די וואָס ער איז נעבעך ווי א יתום, דאַרף זי אים נאָך אָוועקנעמען די ברוסט אויך. אַלע קינדער זויגט זי פולע צוויי יאָר און גראָד דעם שוועלבל דאַרף זי אַנטווייגען פריער און אים האָדעווען אויף א שטיקל ברויט געווייקט אין זיס וואַסער. וואָרום יערמע דוד איז דעך דער טאַטע, וואָס וועט איר געבן אויף א האַלב־קווערטל מילך, בפרט נאָך פאַר נתן חיימען?!

געוויינלעך האָט זיך חנה לאה נישט געאיילט טראָגן צו ווערן. ווען ס'וואָלט זיך געווענדט אין איר און ווען מענטשנס מיילער וואָלטן נישט געווען אזוי גרויס, וואָלט זי געזייגט יעדעס קינד פולע דריי יאָר. זאָל זי נישט געשטראָפט ווערן פאַר די רייד: זי יאָגט זיך נישט צו האָבן קינדער

מיט ירמע דוד׳ן. מילא, די קינדער, וואָס גאָט האָט איר שוין געגעבן, זאָלן זיי נאָר זיין מיט יאָרן, זענען איר ליב ווי יעדער מאמען. אָבער איילן זיך ווייטער צו האָבן קינדער, איילט זי זיך בישט. נאָר אז מענטשן זאָגן דאָס וועט העלפן און ס׳יינגל וועט זיך אויפהערן ארומצובלאָנקען ווי א יתום, איז זי באַדיי גרייט שוין ווידער טראָגן צו ווערן.

ווי פריער אויף דער בייער פרנסה, אזוי האָט חנה לאה איצט אויס־געקוקט אויף דער געגאַרטער מינוט, זי זאָל קאָנען אָנזאָגן ירמע דוד׳ן די גליקלעכע בשורה. אויך זי האָט שוין איצט געגלויבט, אז ווי נאָר די מזלדיקע שעה וועט קומען, וועט ביי ירמע דוד׳ן ווערן אויס חילוק פון דעם קינד צו די אנדערע קינדער. איז אָבער ירמע דוד פון יענע לייט וואָס, ווי צו זיבן — אזוי צו זיבעציק! האָט ער איינמאָל עמעצן פיינט געקראָגן קאָן ער שוין נישט די פיינטשאַפט פון זיך ארויסרייסן.

צו איר אליין איז ירמע דוד, נאָך איר איצטיקן פארגיין אין טראָגן, טאקע בעסער געוואָרן. ער זעט זי זאָל זיך חלילה נישט איינבייגן נאָך א שפענדל האָלץ. זי זאָל חלילה נישט נעמען דעם עמער נאָך א ביסל וואסער. אפילו אין מארק אריין אייַנקויפן גייט ער, נאָר אויף נתן חיימען וויל ער זיך אָלץ נישט אומקוקן, גלייך דאָס קינד וואָלט טאקע חלילה געווען א ממזר, וואָס זי האָט אים אהיימגעברענגט הינטערן פאַרטוך.

אָפטמאָל פארשעלט זיך חנה לאה דאָס געביין פארן לאָזן זיך צורעדן צו אנטוויינען דאָס יינגל און ווידער פארגיין אין טראָגן. נישט נאָר דעם טאטן, אויך די מאמען האָט ער איצט נישט, נתן חיים. צוליב דער קרענק פאלט איר דאָס איצטיקע טראָגן שווער. גאנצע טעג ליגט זי אויפן בעט מיט א נאס האנטוך ארום קאָפּ. ווען נישט בריינדל, וואָס נעמט דאָס קינד אָפטמאָל אריין צו זיך אים אָנקאָרמענען, וואָלט ער נעבעך אנטגאנגען פון הונגער. א גליק נאָך וואָס עס איז נאָך פסח, זומער־לעב און ער קאָן ארומ־קריכן דרויסן, אָן סכנה זיך צו פארקילן און חלילה קראנק צו ווערן.

דורך דער צייט פון דער מאמעס טראָגן איז דער קליינער נתן חיים געווען איבערגעלאָזט אויף אייגענעם באראָט. גאנצע טעג איז דאָס קינד ארומגעקראָכן איבער דעם גרויסן הויף, אויף דער דערבייאיקער לאָנקע, אין די צעגראָבענע זאמד־גריבער. דאָס אכט יאָריקע שוועסטערל, הינדע פייגע, וואָס האָט געדארפט אויף אים אכטונג געבן, איז געווען אליין פאר־שפילט און גאָרנישט געזען ווי דאָס ברודערל איז פארקראָכן אויף אַן אנדערן הייף, אין פרעמדע שטובן אריין, א שטייגער ווי א פריי געלאָזן עוף און ווי אזא עוף האָט ער זיך אליין געזוכט שפייז. אז ער האָט געזען עסן האָט ער זיך צוגערוקט, געקוקט אין די אויגן אריין ביז מען האָט אים עפּעס געגעבן אין הענטל אריין. און אז מ׳האָט אים נישט באמערקט און אים נישט געגעבן האָט ער אליין גענומען פון אנדערע קינדערס הענטלעך

ארויס. נישט איינמאָל איז איבערן גרויסן הויף געוואָרן א געוואלד פון א קינד וואָס האָט זיך צעוויינט צוליבן אוועקגענומענעם שטיקל ברויט. די ווייבער, די בעוולה׳טע קינדערס מאמעס, וואָס זענען געקומען אָנצולויפן אויף די קינדערס געשרייען, האָבן גענומען טופן מיט די פיס און כלומרשט געשריגן אויף דעם קליינעם נתן חיים:

— לאָבוס, דו מערזאוויעץ, א כאפער ווערסטו גאָר?

אין דעם קליינעם נתן חיים האָט זיך, צוליב דעם אלעם, גאָר פרי אָנגעהויבן צו אנטוויקלען א זעלבסטשטענדיקייט, א דרייסטקייט, א געוואגט שטעלן אויף זיך, א נישט מורא האָבן פאר קיינעם און דערצו נאָך א וואכקייט קעגן סכנות. צו פופצן חדשים, ער האָט זיך קוים געקענט שטעלן אויף די פיסלעך, נאָך רוקנדיק זיך אויפן נאקעטן געזעסל, האָט ער שוין אָנגעשפארט אין די ווייטסטע הייף. אָפטמאָל האָט מען גאָרנישט געוווסט וווּ אים צו גיין זוכן. איינמאָל איז ער אזוי פארקראָכן אזש אין קאָזשמינסקיס הויף אריין, אין אנדערן עק מארק.

אייגנטלעך איז עס גאָרנישט געווען יענער הויף, וואָס האָט דעם קליינעם נתן חיים אהין געצויגן. ס׳איז גאָר געווען דער אלטער סאָד הינטער דעם הויף. דאָס קינד, וואָס איז געוווינט געווען צו זוכן פאר זיך שפייז, האָט ממש אין דער לופט דערשמעקט די זאפטיקע טרוסקאווקעס און ווייניקע מאלינעס, וואָס האָבן איצט, אין פריען זומער, געצייטיקט אויף די נידעריקע קוסטעס אין קאָזשמינסקיס סאָד. איין גאָט ווייסט ווי אזוי דאָס נפש האָט אויסגעפונען אן אומבאמערקט לאָך, וואָס הינער האָבן מיט זייערע בייכער אויסגעקאָפּעט אין דער ווייכער ערד, אונטער דעם פלויט, זיך אין דעם סאָד ארייַנצוקריגן.

חנה לאהן וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפאלן צו גיין דאָס קינד דאָרטן זוכן. אז דאָ איז גאָר געווען א פריצישער הויף, פארמאכט אויף צוויי טויערן פוןביידע זייטן און א רויטלעך קודלאטע הינטל, מיט פייכטע קלוגע אויגן, האָט אים שטענדיק געהיט א יידישער פוס זאָל זיך חלילה אהין נישט ארייַנשטעלן.

און נישט נאָר דער הויף, שוין דאָס פראָנטאָווע הויז איז געווען פון יענע הייזער צו וועלכע א פּראָסטער ייד גייט נישט צו־נאָענט צו. דערצו נאָך האָבן אין דעם הויז געוווינט סאמע געהויבענע לייט. ווען דער אלטער קאָזשמינסקי, א גרייז־גרויער פּאָלקאָווניק, מיט דיקע באקן־בערד און שווערע וואָנסעס, האָט ביים צוריקציען זיך פון דינסט, גענומען בויען דאָס הויז, האָט ער עס באלד געשטעלט אז חשובע לייט זאָלן דאָ קאָנען וווינען. נישט נאָר גרויסע, רחבהדיקע שטובן מיט רויט־געפארבטע דילן און טיר און פענצטער מיט געזימסן, געפארבט אין ווייס, נאָר אפילו אלטאנקעלעך מיט קאָלירטע שייבעלעך האָט ער געלאָזט אויסבויען. און פאָרנט, פאר

דער גאנצער לענג פון הויז, האָט ער געלאָזט פלאנצן און ארומצוימען א גערטל פון אקאציעס, און די ערד, אין גערטל, האָט ער געלאָזט צעשניידן און צעטיילן אין בלומען־בייטלען לאנגע און רונדע און זיי ארומגעזעצט מיט ווייס ־ געקאלכטע שטיינער. צווישן די בלומען־בייטלען זענען געלאָפן שמאָלע סטעזשקעלעך אויסגעשפרייט מיט זויבערע דינע שטיינדלעך. זומער, אין מיטן טאָג, ווען שטאָטישע יידן האָבן געפראכט פון היץ, זענען דאָרטן, צווישן די שאָטנדיקע ביימער, געהאָנגען געשטרייפטע האמאקן און שכנים, ווייל געכאָליעטע ווייבער און אהיימגעקומענע זינדלעך און טעכטער, גימנאזיסטן און גימנאזיסטקעס, האָבן זיך דאָרטן לאנגווייליק געוויגט הין און צוריק, געטרונקען קאלטן לימאָנאד און געגעסן יונגע זאפ־טיקע, רויט־געלע ווײַנשלען.

דער איינציקער פראָסטער מענטש, וואָס האָט געוווינט אויף דעם הויף, איז געווען דער סטרוזש, פראנטשישעקל, א בייזער גוי מיט קליינע אייגעלעך און א שמאָל, קנאָכיק פנים מיט א פּאָר שטעכיקע וואָנסעס, וואָס זענען צוליב זיין שטענדיקער רוגזה פרי גרוי געוואָרן אין די שפּיצן, כאָטש אין גאנצן זענען זיי נאָך געווען שווארץ. אָט דער פראנטשישעקל האָט שטענדיק געהאט איין עובדה: קערן דעם הויף מיט דעם הויכן בעזעם, א שטרויעלע אָדער א בלעטעלע זאָל זיך חלילה נישט פארוואלגערן, און היטן דעם פּלומפּ א ייד זאָל זיך נישט ארויפכאפּן נעמען אן עמער וואסער.

אָט, אויף דעם דאָזיקן שמייליקן הויף ארויף, האָט דאָס דער קליינער נתן חיים פארבלאָנדזשעט. אריינגערוקט פון סאָד אין הויף אריין, האָט ער זיך דורך דעם קליינעם פורטקעלע, וואָס הינטער פראנטשישקעלס הייזקע. אויסגענאָרעט דאָס נאקעטע געזעסל און די באָרוועסע פיסלעך מיט בלאָטע. אויסגעשמירט דאָס פנימל מיט צעקוועטשטן רויטס פון מאלינעס און טרוס־קאווקעס, האָט ער זיך באוויזן אין דעם ציכטיקן הויף אריין, ווי א געוואג־טער אריינדרינגלער. מיט זיין צעפלאָשטן קעפל, פול מיט אריינגעפלאָנ־טערטע בלעטער און צווייגלעך, מיטגעשלעפּטע בעתן רוקן זיך צווישן די קוסטן, האָט דאָס קינד דאָ אויסגעזען עפּעס ווי א ווילד געוויקס פון אן אנדער וועלט.

א קורצע ווײַלע בלויז איז דער קליינער נתן חיים געזעסן לעבן דעם פורטקעלע, גלייך ער וואָלט זיך געוואָלט אריענטירן ווו ער געפינט זיך דאָ. באלד האָט ער זיך העגדום־פּענדום געגומען רוקן גלייך אין מיטן הויף אריין, צום פּלומפּ צו. נאָך פון ווייטנס האָט דער קליינער דערזען ביי דער רינע מיט וואסער א פארשוין, זיינסגלייכן. דאָס איז געווען באָלעק, פראנ־טשישעקלס בן, א שייגעצל מיט שטרויענע האָר, הארטע און גלייכע, ווילד צעוואָקסן מיט א בינטל, אויפגעשטעלט ווי א טשוואָק אין מיטן קאָפּ.

אויף דער פארשוין, אין מיטן פון דעם פריצישן הויף מיט די אויס־

געבאַליעטע שכנים, איז געווען הפקר צו זיך אַליין. די מאַמע זיינע, די פראַנטשישקאָווע, א דאַרע גויע מיט א ברוסט, פלאַטשיק ווי א ברעטל, שטייט נעבעך אָן איינגעבויגענע אין דעם ענגן שטיבל, זומער און ווינטער, איבער אַן אויפגעפּאַרעטער באַליע מיט גרעט, וואָס שטינקט מיט פרעמדן ברוד און שאַרפן כלאָריק. פון דעם שטענדיקן רייבן פרעמדן גרעט, זענען שוין אירע אָרעמס דין ווי שטעקנס און פול מיט אויפגעלאָפענע, בלויע אָדערן. און פראַנטשישעקל, נאָר ער טרינקט. ווי נאָר זי קלייבט אָן א פּאָר גראָשן, באַפאַלט ער זי, וואַרפט זי אַרויף אויפן טאַפּטשאַן, דאָס איינציקע געלעגער פאַר דער גאַנצער משפחה, פאַרהייבט איר די יאַקע און שלעפּט מיט געוואַלט אַרויס פון די מייטקעס דאָס קניפּל, וואָס זי פאַרשטעקט דאָרטן ביים סוכאָטנעם הינטן אירן. אַז ער קומט צוריק אָנגעשיכורט נעמט ער זידלען די יידן, ווי אַמאָל אין פּולקאָווניקס צייטן. ער פאַרגעסט גאָר, אַז היינט וווינען שוין אויף דעם הויף אויך יידישע „פּאַנעס". כאָטש זי אַליין, די פראַנטשישקאָווע, פאַרשטייט נישט וואָס עס איז דער יחוס פאַר וועמען מען סטרוזשעוועט? סיי ווי קלעקט נישט אויף ברויט. פאַרן פּאָל־קאָווניק האָט זי געמוזט וואַשן פרעמד גרעט און פאַרן יידישן באַלעבאָס מוז זי אויך שטיין איבער דער באַליע. אדרבא, זינט דער ייד האָט אָפּגע־קויפט דעם הויף איז לייכטער. מען דאַרף כאָטש נישט שטיין מיטן היטל אין האַנט ווי פאַרן פּאָלקאָווניק און די יידן גיבן אויך איר און דער קליינער ביאַנקאַ, וואָס העלפט איר ביים גרעט, אָן איבעריקן זעקסער צו פאַרדינען ביים איינהייצן זיי די פּליטעס אין די ווינטער־שבתים.

אָט, צוליב דער מאַמעס און דאָס שוועסטערלס אייביקן שטיין איבער דער באַליע, האָט דער קליינער באַלעק געקאָנט פריי אַרומדראַלעווען איבער דעם שטילן הויף. איצט איז ער דאָס געזעסן ביי דער ריגע און זיך איינגעהזירט ווי א קיסר! ער האָט געשאַרוועט מיט די הענט און געפּליעס־קעט מיט די באָרוועסע פיס אין דעם אָפּלויפנדיקן, ברודיקן וואַסער. ביי יעדן שפּריץ זיך אַליין אין פּנימל אַריין, האָט ער אויסגעשאָסן אין א הילכיק קינדיש לאַכן.

ווי נאָר נתן חיים האָט זיך אָנגערוקט, האָט באַלעק אויפגעהערט צו פּאַטשן מיט די הענט און פיס אין וואַסער. ער האָט אָנגעשטעלט די אָפענע, בלויע אויגן אויף דעם צוגעקומענעם גאַסט. אויך נתן חיים האָט אָנגע־שטעלט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן. א ווײַלע האָבן די צוויי לייט זיך אָנגעקוקט באַלד איז זיי נמאס געוואָרן דאָס שטומע קוקן. ביידע האָבן זיך דערמאָנט אַז זיי האָבן הענט. באַלעקן איז געפעלן צו פאַרקריכן מיט זיינע נאַסע הענט אין נתן חיימס שוואַרצע קרויזן, וואָס זענען געווען פול מיט בלעטער און צווייגלעך און נתן חיימען איז איינגעפאַלן א פּרוּוו צו טאָן

דאָס בינטל האָר אויף באַלעקס קעפּל, וואָס איז געשטאַנען ווי א טשוּאָק, דובאָם.

מיט איינמאָל האָט זיך איבער קאָזשמינסקיס שטילן הויף צעטראָגן א געוויין פון צוויי קינדער. באלד האָט זיך אין דעם געוויין אריינגעריסן דאָס היילן פון רויט־קודלאטן הינטל, וועלכער איז גיך אַנגעלאָפן העלפן דעם באפאלענעם האר זיינעם, באַלעק.

אויף דעם פלוצימדיקן געליאַרעם זענען אָנגעלאָפן גוידערדיקע ווייבער און דינסטן מיט פארשארצטע, רויטע אָרעמס פון די קיכן אוועק. קיינער האָט נישט געוווסט פון וואַנען עס האָט זיך פלוצים געיאָוועט אין פאַר־מאכטן הויף אריין נאָך א שרייער. אויף די פראַנטשישקאָווע מיטן שיקסל האָבן געלאָזן די באַליע גרעט און געלאָפן מיט די נאסע אָרעמס, פול מיט מידלינעס, צום צונויפגעלאָפענעם קרענצל.

די פראַנטשישקאָווע, די מאמע, האָט זיך נישט געשטעלט, ווי די אנדערע ווייבער, קוקן אויף דעם בייזן וווּנדער. זי האָט קודם צענומען די צוויי לייט, נעמענדיק איר אייגענעם אויף דער האַנט. ערשט איצט האָט זי גענומען באטראַכטן ווער דער פרעמדער פארשוין איז און פון וואַנען ער האָט זיך דאָס אהער אָנגעטראָגן. דער פארבלאָטיקטער פארשוין מיט דעם רויט־פארשמירטן פנים איז איר געפעלן. א שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף איר פארטריקנט, שטענדיק אָנגעכמורעט פנים.

אויף דעם בינטל אָנגעלאָפענע מאדאמען און דינסטן איז דאָס קליינע יידעלע געפעלן. אָט א חברה־מאַן! דער הונט בילט, מענטשן שטייען ארום אים, און אים זאָל דאָס אַלץ גאָר אָנהויבן צו ארן. אבי, הייסט עס, מען האָט אוועקגענומען באַלעקס הענט פון זיינע שווארצע קרויזן, האָט ער מער נישט איבער וואָס צו וויינען.

— ווער ביסטו, יינגעלע? — האָט א יידישע מאדאם זיך איינגעבויגן צו אים און אָנגענומען אים ביים איינגעשמוציקטן גאָמבעלע. ווי הייסט דיין מאמע?

נאָר דעם קליינעם נתן חיים זאָל גאָר איינפאלן איר צו ענטפערן. ער איז גאָר פארקראָכן מיט דעם בלאָטיקן הענטל צו די גרויסע, בורשטינענע קרעלן, וואָס זענען ביי דער פרוי געהאָנגען אויף איר ווייסן, גוט געכאַליעטן האלדז. —

ביסלעכווייז זענען די מאדאמען אַוועק צוריק צו זייערע האַמאַקן, די דינסטן אין די קיכן, בלויז די פראַנטשישקאָווע מיט באַלעקן אויף דער האנט איז געבליבן לעבן דעם פרעמדן קינד. זי האָט צוריק אראָפּגעלאָזט באַלעקן אויף דער ערד, גענומען דאָס פרעמדע יינגל אויף דער האנט און מיט אים ארויס פון פארמאכטן טויער.

אין מארק האָט זיך שוין דערווייל גערודערט. חנה לאה מיטן מעוברתן

בויך און מיט א נאס האנטוך ארום שטערן, איז ארומגעלאָפן א דערשראָ־קענע. נאָך איר האָבן נאָכגעצויגן ווייבער,פארשמייעט ווי זי אליין. ציגיי־נער זענען היינט געווען אין שטאָט, ווער ווייסט אויב זיי האָבן נישט מיטגעגנבעט דאָס קינד! באלד האָבן זיך געפונען ווייבער, וואָס האָבן געשווירן: „זאָלן זיי אזוי זען גוטס פאר זייערע אויגן, ווי זיי האָבן אליין געזען די ציגיינער אנטלויפן מיט זייערע פארמאכטע בוידן אין ריקער וואלד אריין״.

אָט, אין מיטן דעם צעשראָקענעם זוכן, האָט זיך דאָס די פראנטשיש־קאָווע באוויזן פון פארמאכטן טויער ארויס מיט נתן חיימען אויף דער האנט.

ווען חנה לאה האָט דערזען דעם תכשיט אירן, האָט זי נישט געוווסט צי זאָל זי אים ארומכאפן קושן, וואָס ער האָט זיך אָפגעזוכט, אָדער אים גוט אָנשלאָגן וואָס ער איז פארלוירן געוואָרן. געטאָן אָבער האָט זי נישט דאָס און נישט דאָס. זי האָט בלויז אויסגעשטרעקט די אָרעמס, און נעמענ־דיק אים פון דער גויע האָט זי געזאָגט:

— קים מאַאַן אָרעם קינד, הלוואי זאָל יעד נאָך פון דיר נחת האָבן.

קאפּיטל עלף

צו די צוויי יאָר איז חנה לאה מיט מזל ווידער געלעגן געוואָרן. זי האָט ענדלעך געבוירן יערמע דודן דער מאמעס נאָמען: אסתר פּערל. יערמע דוד האָט ממש אויפגעלויכטן. פון גרויס גליק האָט ער גאָר פארגעסן אז ער איז אן אָרעמאַן און געמאכט א מזל־טוב ווי לייטן א ברית. ער האָט נישט געוואָלט אָפּכאַפּן און געבן דעם קינד א נאָמען ביים דאווענען, ווי עס טוען אָרעמע לייט, ווען עס ווערן ביי זיי געבוירן מיידלעך. ער האָט יענעם שבת פארבעטן א האלב בית מדרש יידן און געטיילט לעקעך און בראָנפן און אייער ־קיכלעך מיט הערינג. און דאָס מאָל איז ער נישט געשטאנען ביי דער טיר, ווי א פרעמדער, ווי ער האָט דאָס געטאָן אויף נתן חיימס ברית. מיט א האלבן שטאָף אין איין האנט און א טאָץ מיט לעקעך אין דער אנדערער, איז ער געגאנגען צווישן עולם, געגאָסן דעם אָקעוויט און געווונטשן:

— לחיים, יידן. מ׳זאָל נאָר טרינקען אויף שמחות!

אויך צו חנה לאהן איז ער איצט גאָר אנדערש געווען. איבער דער גאנצער קימפּעט האָט ער כמעט דעם מארק נישט אָנגעזען. יעדן אינדער־פרי האָט ער חנה לאהן געמאכט גאָגל־מאָגלס פון האָניק מיט פּוטער, אויסגעמישט מיט א צעשלאָגן געלכל פון אן איי און דורכגעברענט אין בלויען פלאם פון זעקס און ניינציקער אָקעוויט.

— נעם, נעם, חנה לאהשי, — האָט ער מיט גרויס ליבשאפט איר דערלאנגט די זיסע פליסיקייט הינטערן פארהאָנגענעם ליילעך ארונטער — טרינק אויס עסטי געשטארקט ווערן און בשלום ארויס פון בעט.

חנה לאה איז טאקע דאָס מאָל גיך געשטארקט געוואָרן. עס איז אויך איצט אין איר געשטארקט געוואָרן די האָפנונג, אז אין זכות פון שוועס־טערל, דער מאמעס נאָמען, וועט דעם קליינעם נתן חיימס מערכה ביים פאָטער דערהויבן ווערן.

עס איז אָבער נישט אזוי געווען. חנה לאה האָט נעבעך אָנגעהויבן איינזען, אז נישט אנדערש נאָר פון הימל איז באשערט נתן חיים כסדר זיין אין קריג מיטן אייגענעם טאטן. אז ער זאָל רק טאָן דאָס וואָס דער טאטע וויל נישט, אָט ווי זיין סאמע קומען אויף דער וועלט איז פון טאטן נישט געוואָלט געוואָרן.

אָט האָט ירמיה דוד נישט געוואָלט נתן חיים זאָל גיין צו קאָזשמינסקין אויפֿן הויף און דאָרטן זיך שפּילן מיט פּראַנטשישעקלס שייגעץ, באַלעק. ירמיה דוד האָט פֿון דעם גיין אַהין קיין גוטס נישט דערוואַרט. וואָרום ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אַ יידיש ייִנגל זאָל נאָר זיין ביי גוים אין שטוב? וואָסער ייִד קאָן שוין פֿון אַזאַ איינעם אויסוואַקסן? און פֿון וואַנען ווייסט ער, דער טאַטע, צי מען שטאָפּט אים דאָרטן נישט אָן מיט חזיר? און ווער היט אים צי ער גייט נישט דאָרטן אַרום אין בלויזן קאָפּ און צי ער טוט נישט חלילה נאָך די גוים און שטעלט זיך אויך אויף די קני פֿאַרן יויזל, וואָס הענגט דאָרטן ביי זיי אין ווינקעלע, אונטער דעם אָנגעצונדע־נעם נר־תמידל.

ווי יעדער טאַטע האָט ירמיה דוד גאָר געהאַט פֿאַרגעסן וואָס ער אַליין האָט אַמאָל געטאָן, אַז אויך ער פֿלעגט קליינערהייט זיך חברן מיט שקצים, אַז אויך ער פֿלעגט קליינערהייט זיין אין גויאישע שטובן און פֿונדעסט־וועגן איז ער אויסגעוואַקסן אַ פֿרומער, גאָטספֿאַרכטיקער ייִד.

כאָטש חנה לאה האָט דאָס אַלץ געוווּסט און זי האָט זיך נישט אָנגע־הויבן צו שרעקן איבער דעם ייִנגלס ייִדישקייט, האָט זי פֿונדעסטוועגן צו־געהאָלפֿן ירמיה דודן אין זיין מורא, מיינענדיק אַז אַזוי אַרום וועט זי אויפֿוועקן אין טאַטן די ליבשאַפֿט צום ייִנגל:

— ווי דען — האָט זי אים כלומרשט געגעבן גערעכט — אַז אַ טאַטע קוקט זיך נישט אום, גייט אַ קינד לתרבות רעות!

נישט איינמאָל, ירמיה דודן צוליב, איז זי אַוועק צו דער פּראַנטשיש־קאָווע, אויף קאָזשמינסקיס הויף, זיך געשטעלט הינטערן אָפֿענעם פֿענצטער פֿון דעם קליינעם הייזעלע און אַריינגערעדט צו דער גויע, וואָס איז גע־שטאַנען אָן איינגעבויגענע איבער דער פֿאַרעדיקער באַליע:

— פּראַנטשישקאָווע טייערע, ביסט דאָך אַ פֿרומע קאַטויליטשקע, גע־דענק אָן גאָט, שטאָפּ מיר נישט אָן ס׳ייִנגל מיט קיין חזיר.

— גאָט איז מיט דיר, ירמאָווא — האָט די גויע זיך פֿרום איבערגעצלמט — ווי קומט צו מיר אין שטוב חזיר? אַפֿילו זונטיק זעען דאָס מיינע קינדער נישט אָן. בלויז אַ שטיקל ראַזאָווע ברויט גיב איך זיי, די ייִנגלעך. גיי ליי־בערשט אַהיים און זאָג דעם „כלאָפּ״ דיינעם ער זאָל זיך נישט שרעקן. אַז די ייִנגלעך וועלן אויסוואַקסן וועט מיינער גיין אין קאָשטשאָל און דיינער אין דער סינאַגאָגע.

ביי זיך אין הארץ האָט ירמיה דוד אַפֿילו חרטה געהאַט, וואָס ער האָט אַזוי אָפּגעפֿרעמדט פֿון זיך דאָס ייִנגל. ער האָט געוווּסט, אַז חנה לאה איז גערעכט. ער וואָלט טאַקע באַדאַרפֿט פּרוּוון איינגעמען דאָס ייִנגל מיט גוטן. האָט אָבער ירמיה דוד נישט געקאָנט רעדן מיט גוטן. ער האָט דאָס

נישט געקאָנט מיט די גרעסערע ייִנגלעך, וועמען ער האָט באַשיינפּערלעך ליב געהאַט, בפרט מיט נתן חיימען, צו וועמען דאָס געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט, פֿון איבעריקייט האָט גאָרנישט געוואָלט אַנטרינען פֿון זיין הארץ ארויס. אַזוי ווי די גרעסערע ייִנגלעך האָט ער אויך דעם דריי־יאָריקן נתן חיים געשלאָגן מיטן רימען. נאָר בעת די גרעסערע האָבן מורא געהאַט און גע־פֿאָלגט, האָט דער קלענער אים געטאָן להכעיס. ווייל ער האָט געזאָגט: טו נישט אויס דאָס היטל, האָט דער קלענער פֿענדריק דווקא געטאָן א שליידער דאָס היטל אין פּאַמעשאַף אַריין. ווייל ער זאָגט גיי נישט צו באַלעקן, לויפֿט ער נאָך מער אַהין!

דער קלענער נתן חיים האָט, קענטיק, נישט געוווּסט פֿון טאַטנס חרטה, פֿון זיין באַגער אים צו דערנענטערן צו זיך. ער האָט יאָ געוווּסט, אַז ער האָט דעם טאַטן פֿיינט, אַז ער דאַרף אַנטלויפֿן, ווי נאָר ער דערזעט דעם ייִד מיט דער רויטער באָרד. און ווו האָט ער זיך דען געפֿילט מער געשיצט קע־גן טאַטן ווי ביי באַלעקן אויפֿן הויף? אַהין האָט דער טאַטע נישט געוואַגט קיין פֿוס אַריינצושטעלן. ווי נאָר ער האָט זיך געוויזן אין טויער, איז וואַצוש, דאָס רויטע, קודלאַטע הינטל, אים באַפֿאַלן און גענומען בילן און רייסן מיט די שאַרפֿע ציין די פּאָלעס פֿון זיין לאַנגער קאַפּאָטע.

און נישט בלויז צוליב אַנטרינען פֿון טאַטן איז ער געלאָפֿן צו קאָזש־מינסקין אויפֿן הויף. אים איז דאָרטן בעסער געווען ווי אין דער היים. ער האָט דאָרטן געהאַט א סאָד מיט נידעריקע אויבסט־ביימער און געקאָנט אויף זיי קריכן וויפֿל זיין קינדיש האַרץ האָט געגלוסט. דאָרטן האָט ער געהאַט א הונט, וואָס אויף יעדן האָט ער געבולן און אים, ווי באַלעקן, האָט ער געלאָזן אויף זיך רייטן און אים איינשפּאַנען אין פֿראַנטשישעקלס מיסט־וועגעלע, ווי די גרויסע שפּאַנען איין פֿערד. ער האָט אויך דאָרטן געהאַט א שטייג מיט ווייסע קראָליקעס, ווו ער פֿלעגט אָפּזיצן שעהן גאַנצע און זיך צוקוקן דורכן פּאַרקראַטעוועטן טירל ווי די תמעוואַטע חיה'לעך מיט די גרויסע אויערן און לאַנגע וואָנסעס האָפּען אַרום אויף די הינטערשטע לאַפּקעס און גריזשען די מייערלעך און גרינע בלעטער, וואָס ער רייסט פֿאַר זיי אָן און דערלאַנגט זיי אַריין דורך די שיטערע גראַטעס. קיינער האָט אים דאָ גאָרנישט געזאָגט, נישט ווי ביי זיך אויפֿן הויף, ווו יעדער איינער טרייבט אים: דאָס טו נישט, אויף דער דראָזשקע קריך נישט, אויפֿן בוים כאַפּ זיך נישט!

מיט א געפֿיל פֿון פּחד האָט יערמע דוד אָנגעהויבן איינזען, אַז דער קלענער געראָט גאָרנישט אין די עלטערע ייִנגלעך. אין זיין האַרץ איז אויפֿגעגאַנגען א מורא־געפֿיל, אַז עפּעס א פֿרעמד געוויקס איז אַרויסגעוואַק־סן אין זיין גאָרטן. די עלטערע ייִנגלעך, אַז ער זאָגט זיי: ניין, בלייבט ניין! ביי דעם קלענעם אָבער העלפֿט גאָרנישט. אדרבא, דאָס שלאָגן מאַכט נאָך ערגער. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז דער קלענער האָט אָפּגעפּאַסט ביי זיך צו

מאכן דעם טאטן צו נאר פאר א שטאָט מיט מענטשן. וואָרום נישט איינמאָל איז יערמע דודן ס׳בלוט געזעצט געוואָרן, יאָגנדיק זיך מיטן פּאסעק אין האנט נאָכן קליינעם ממזר, וואָס איז בכיוון אנטלאָפן אין מארק אריין.

טייל יידן, זעענדיק די מלחמה, וואָס יערמע דוד האָט שוין באצייטנס אָנגעהויבן צו פירן מיט דעם קליינעם פּענדריק, האָבן שטילערהייט נביאות געזאָגט: „פון דעם ייִנג וועט קא לאאט נישט זאאן”. און זיי האָבן טאקע יערמע דודן אונטערגעהיצט: „זשאלעווע נישט דעם פּאסעק, יערמע דוד, גלייכער א ווייטיק אין הארץ איידער א שאנד אין פּנים”.

נאָר איין הויכער אייזיק האָט די מעשה אוועקגעמאכט מיט דער האנט. ער, א חסיד דורך און דורך, מיט א סך ביטחון אין הארץ, האָט בטבע נישט געקאָנט זען קיין שלעכטס אין קיינעמס טואונגען, בפרט אין די מעשׂים פון קינדער.

— איי, יערמע דוד — פלעגט ער, בשעת אזא געיעג, אוועקלייגן ס׳געניי און ארויסקומען פאר דער טיר, שאָקלענדיק דערביי מיטן נאקעטן באָרדלאָזן פּנים אין האלב־חוזק און האלב באדויער — א ייד אין דאאנע יאָרן האָט געמעגט האָבן מער שכל! אן אויסגעדינטער זעלנער ווי דו האָט געמעגט וויסן, אז מה דאָך אכט־יעריקע קינדער, וואָס פּאָניע האָט פארשלעפּט ווו, א יידישער פוס האָט נישט געטרעטן, זענען געבליבן יידן, וועט דאָך א ייִנגל אין א שטאָט מיט יידן אוודאי בלייבן א ייד. אלאָ ער חבר׳ט זיך מיט א שגץ? קאָן מען דאָך טאאטשן דעם פּסוק פארקערט: א שגץ חברט זיך מיט א ייד! אויב דער שגץ קאָן חלילה משפּיע זאן דעם ייד? קאָן דאָך דער ייד משפּיע זאן דעם שגץ? בפרט, יערמע דוד, ווען דער רבי זאָל לעבן האָט דיר בפרוש מבטיח געווען, אז וועסט פון דעם ייִנגל האָבן פיל נחת, האָסטו שוין אין דעם פארגעסן, יערמע דוד?

אוודאי האָט יערמע דוד אָן דעם נישט פארגעסן. ער איז אָבער א פּראָס־טער ייד און ער האָט מורא זיך צו פארלאָזן אויפן רבין ווען ער אליין זעט באשיינפּערלעך, אז דער ייִנג גייט נישט אויפן גלייכן וועג. ווי א לאנג־יאָריקער בהמה־טרייבער ווייסט ער, אז אויב מען וויל א ייִנג ביקל זאָל אויסוואקסן א געלאסענער אָקס, דארף מען אים באצייטנס אָנטאָן דעם רינג פון יאָך אויף דער נאָז. אזוי אויך להבדיל מיט א ייד. אז מען וויל א ייִנגל זאָל גיין אין גאָטס וועגן, דארף מען אים וואָס פריער אָנטאָן דעם יאָך פון יידישקייט אנדערש קאָן זיך נאָך אזא איינער צעבריקעווען און חלילה אין גאנצן עוקר זיין...

יערמע דוד האָט דעריבער נישט געוואָלט וואַרטן אפילו ביז אָנהויב זמן. אין מיטן זומער, נתן חיים איז קוים דריי מיט א האלב יאָר אלט געווען, האָט ער אים א נעם געטאָן אונטערן אָרעם און איז מיט אים אוועק צו פּסח מלמד. אז א ייִנג וועט האָבן אָן עול פון חדר וועט ער פארגעסן אָן הונט און אָן שגץ.

כאָטש די חמימה איז געווען גרויס, ממש פייער האָט געפּלייצט פון הימל, איז פּסח מלמד, א בלאסער ייד מיט א ברייטער, ווייסער באָרד און גרויע, פאַרטרערטע אויגן, געזעסן, ווי תמיד, אין שווארץ־געוואנטענעם, אויף וואטע אויסגעשטעפּטן שפּענצער, פאַרקנעפּלט פון די הענט־געלענקן ביזן דארן, איינגעשרומפּענעם האלדז. אויפן קאָפּ, וואָס די האָר זענען שוין געווען געל פון אַלטקייט, האָט ער געטראָגן א דיק־דורכגעשוויצט, פאַרפּע־דערט, גרין־געוואָרן, סאמעטן קאַפּל.

ארום אים, אויף ביידע זייטן טיש, וואָס איז געווען צעשניצט און צע־קארבט פון קינדערשע מעסערלעך, זענען געזעסן פיר און פינף־יעריקע תל־מידים איבערגעבויגענע איבער אָפענע, פאַרגעלטע סידורים און זיך געוויגט ביינאנד און ריטמיש הין און צוריק נאָכזינגענדיק דעם רבין געדיכט און מיט חשק:

— יג—דל!

— העכער, שקצים — האָט פּסח מלמד געמונטערט די קליינע יידעלעך אין די גרויסע טלית קטנ׳ס מיט די געקרויזטע פּיאה׳לעך — העכער, נאָך אמאָל: חיריק יוד: י, י גמל, יג, פּתח דלת, ד ד למד דל! אינאיינעם אריין: יגדל, נאָך אמאָל: יגדל!

פּונקט ווי פּסח מלמד מיט די ייִנגלעך ביים אויבן אָן טיש, אזוי איז אין אנדערן עק, צו דער טיר צו, געזעסן דער בעלפער, א הויכער בחור, א דאַרער מיט א בלאס פּנים, פול מיט קליינע, רויטע, יצר הרע פּינטעלעך. ארום אים, פון זיינע צוויי זייטן טיש, איז געזעסן א סטאַדע מיידלעך, גרויסע שוין, מיט שווערע צעפּ און הויכע, פולע ביוסטן. אויך זיי, די מיידן, האָבן הויך און ריטמיש, נאָכגעזאָגט פון אָפענע, פאַרגעלטע סידורים ארויס, וואָס דער בעלפער האָט זיי פאָרגעזאָגט פון אויסנווייניק.

אוועק פון טיש, איבער דער גאנצער ברייט פון דעם גרויסן, פיר־עקיגן חדר, זענען געווען אָנגעשטעלט רייען מיט לאנגע, שווארץ־געפאַרבטע שטענדער בענק, ווי, להבדיל, אין א גויאישקער שקאָלע. אויף די בענק און איבער די שטענדערס האָט געווימלט מיט קליינוואַרג ווי אין א מוראשניק. ייִנגלעך פון דריי ביז זעקס יאָר, אין לאנגע קאַפּאָטקעלעך מיט שווארצע, סאמעטענע און געוואַנטענע קאַשקעטלעך אויף די צעיאָכמערטע קעפּ, זענען דאָרטן ארומגעקראָכן, זיך געשלאָגן, געשטיפּט און געמאכט קולות גלייך עס וואָלט גאָר קיין רבי אין חדר נישט געווען. בלויז פון מאָל צו מאָל, ווען פּסח מלמד האָט שוין נישט געקאָנט מער איבערטראָגן דעם טומל און ער האָט געטאָן א הייב דעם קאַנטשיק, א ציגן פּיסל מיט צוועלף דיקע, רימענ־טענע „לאָקשן״, ווי מען הייבט אויף א פאָן, און דערביי א קוק געטאָן ארי־בער די מעשענע שפּאַקולן מיט דער גאנצער בייזקייט פון זיין בלאָס, פאַר־מעט־טרוקן פּנים, איז צווישן די שטענדערס און בענק געוואָרן שטיל ווי אין

אן אויער. דאָס קליינוואַרג האָט זיך צוריקגעזעצט ווי שטילע סטאַטיקלעך און מיט נערוועזע הענטלעך זיך צוגעהאַלטן די לעדנדלעך פון זייערע הייזקעס, האַלטנדיק דערביי די צעשראָקענע בליקן אויפן רבין, צי ער שטעלט זיך נישט אויף, ווי זיין טבע איז, צו גיין עמעצן שמייסן.

אָט, צוליב דעם קאַנטשיק און נאָך מער צוליב דעם בליק, האָט דאָס ירמיה דוד אָנגעטרויט זיינע בנים דעם אַלטן פסח מלמד. די היינט־מאָדישע שטענדערס, וואָס ער האָט געמוזט אריינשטעלן, כדי נאָכצוקומען די גזרה פון מלכות, אויך דאָס, וואָס אין דעם חדר קומען נאָך די צוויי גאָלע־בראָדניקעס, די לערערס מיט די דייטשמערישע קאַפּעליושן און שוואַרץ־בענדלדיקע פענסנע אויף די אויגן, צו לערנען מיט די קינדער גויאיש, איז זיכער ביי ירמיה דודן געווען א חסרון איידער א מעלה. פּסח מלמד׳ס קאַנטשיק האָט אָבער אריבערגעוויגן דעם חסרון. כאָטש אין אַנדערע חדרים איז דער שכר לימוד געווען א העלפט, האָט ירמיה דוד געקאַרגט ס׳שטיקל ברויט און געהאַלטן די ייִנגלעך ביי פסח׳ן. דעם עלטערן, לייבל משה׳ן, האָט ער דאָ געהאַלטן ביז ר׳האָט באַדאַרפט אָנהייבן גמרא; דעם ייִנגערן, אברהם יאַנקלען, האַלט ער דאָ שוין ס׳דריטע יאָר. איצט האָט ער אהער געבערענגט דעם דריטן, נתן חיים׳ען:

— נאַטס, ר׳ פסח, לערנטס מיט אים ייִדישקייט — האָט ער א זאָג געטאָן, אוועקזעצנדיק דעם תכשיט א דערשוויצטן, א שווייגנדיקן, פול מיט איינגעהאַלטענעם געוויין — דער עיקר. ר׳ פסח, זשאַלעוועטס אים נישט דעם קאַנטשיק!

ער איז געווען דערשוויצט און בייז, ירמיה דוד, פון אַמפּערן זיך א גאַנצן וועג מיטן בנאָק, וואָס האָט געדריגעט מיט די פיס, געשלאָגן זיך און אים מיט די פויסטלעך און נאָר זיך געוואָלט ארויסרייסן פון זיינע הענט.

— אין חדר אריין, דו גויאישטשאָק — האָט ער געשריגן און געפּאַטשט דעם זון איבער די הענט, איבערן פאַרביסן־שווייגנדיקן פּנים, וואָס האָט אַזוי עקשנותדיק זיך איינגעהאַלטן פון ארויסוויינען.

זיין אריינקומען מיט דעם דריגענדיקן תכשיט אונטערן אָרעם האָט אָנגעיאָגט א פּלוצימדיקע שטילקייט. די תלמידים, וואָס האָבן נאָר־וואָס אַזוי זינגענדיק געלערנט און אַזוי ריטמיש זיך געוויגט הין און צוריק, זענען מיט איינמאָל געבליבן אָן לשון. מיט דערשראָקענע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף דעם ייִד מיט דער רויטער באָרד, וואָס האָט אַזוי שווער געסאָפּעט און מיט דער פּאָלע זיך געווישט דאָס בייזע פּנים.

פסח מלמד האָט פאַררוקט די מעשענע שפּאַקולן אויפן שטערן ארויף און זיך פּאַוואָליע צוגערוקט מיט דער געבעטער פאָטער־שטול, נענטער צו נתן חיימען. ער האָט אים א גלעט געטאָן איבערן פאַרביסן־שווייגנדיקן פּנימל, אים אונטערגעהויבן דאָס גאָמבעלע און אים שטיל און מיט א סך ווייכקייט געפרעגט:

— ווי הייסטו יינגעלע ?

אַנשטאָט ענטפערן, האָט דער קליינער נתן חיים געטאָן א שטופּ אָפּ דעם אלטנס האנט און אוועקגעדרייט ס׳קעפּל, ער זאָל נישט זען, נישט דעם טאטן און נישט דעם אלטן ייד מיט דער ווייסער באָרד.

— אוי, ער איז דאָך גאָר א שגץ — האָט פּסח מלמד א זאָג געטאָן צו יערמע דודן.

— איר שפּילט זיך מיט אים ? איר וועט ערשט זען וואָסער כלי דאָס איז — האָט יערמע דוד זייער פאַרזאָרגט געזאָגט.

— ני, ני — האָט דער אלטער פּסח א מאַך געטאָן מיט דער בלאַס־געלער האנט. — לאָז אים נאָר דאָ איבער, ער וועט שוין קריגן לשון און צו ווייזן דעם קליינעם וואָס ער מיינט מיט דעם זאָג, האָט ער א הויב געטאָן דעם קאַנטשיק פאַר נתן חיימס פּנים :

— זעסט, שייגאָץ — האָט ער אים געוואָרנט — אז א יינגעלע איז אַן עקשן, לייגט מען אים אַריבער, מ׳פאַרשאַרצט אים ס׳העמדעלע און מען פּיצקעט אים אָן א זעדיקל !

נתן חיים האָט געוואָלט טאָן א פּלי, אָבער דער אלטער איז געווען פלינק גענוג אים א כאַפּ צו טאָן ביי א הענטל און אים אַריינזעצן צו זיך אין שויס, אַריינקלעמענדיק דעם קינדס פּיסלעך צווישן זיינע האַרטע, קנאָכיקע קני.

ערשט איצט האָט דאָס קינד זיך גענומען רייסן און שלאָגן דעם אלטן, שרייענדיק מיט א קול, וואָס האָט געציטערט פון איינגעהאלטענעם געוויין :

— יעך וויל דאָ נישט זאַאן ! מאַמע !

אין זיין שלאָגן זיך מיט דעם ווייסן ייד האָט דער קליינער גאַרנישט געזען דעם טאטן זיך אָפּטראָגן. נאָר ווען ער וואָלט אפילו דאָ יאָ געווען, דער טאטע, וואָלט ער זיך אויך צו אים נישט געווענדעט נאָך קיין הילף. בלויז די מאַמע האָט ער גערופן :

— מאַמע, יעך וויל דאָ נישט זאַאן !

פּסח מלמד, כאָטש א בייזער ייד, וואָס איז תמיד געוווינט געווען צו הייבן דעם קאַנטשיק, האָט אָנגעהויבן מיט גוטן איינגעמען דעם קליינעם תלמיד. פון לאַנגיאָריקער דערפאַרונג האָט ער געוווּסט, אז מיט אזא איינעם איז בעסער צו גיין מיט גוטן :

— זעסט יינגעלע—האָט ער א ווייז געטאָן מיטן פינגער צום סופּיט—אז וועסט באַגערן צו לערנען וועט א מלאך דיר אַראָפּוואַרפן א גראָשן — און כדי דאָס קינד זאָל אים טאַקע גלויבן, האָט ער גלייך אַרויסגעקראַצט א קופּער־נעם גראָשן פון שפּענצער־קעשענקעלע און אים געלאָזן פאַלן פון דער אויפ־געהויבענער האנט אויפן טיש אַרויף מיט א קלונג.

דאָס קינד האָט אויפגעריסן די אויגן. עטלעכע מאָל האָט ער געקוקט אַרויף, צום בלוי־געקאַלכטן סופּיט, דערנאָך האָט ער געפּרוווט בעמען די

קליינע מטבע אין הענטל אריין, קוקנדיק דערביי מיט אומצוטרוי אויף דעם ייד מיט דער ווייסער באָרד.

— נעם, נעם — האָט דער אלטער אים צוגעגעבן קוראזש און אליין זיך אויפגעשטעלט און אראָפּגענומען דאָס גרויסע אלף בית פון דער וואַנט אראָפּ.

— ני, ייִנגעלע— האָט ער זיך געווענדעט צום קליינעם נתן חיים — איצט קיק אריין דאָ — האָט ער אים געוויזן מיטן גרויסן, ביינערנעם טייטל אויפן אלף בית — זעסט דאָס קעפּעלע פון אויבן און דאָס פיסעלע פון אונטן? דאָס איז אַן אלף, זאָג מיר נאָך: אלף. און דאָס אָפענע קעסטעלע, זעסטו? דאָס איז א בית, זאָג הויך: בית.

נתן חיימען איז דאָס שפּיל גאָר געפעלן. ער האָט מיט איינמאָל פארגעסן זיין איינגעשפּארטקייט און גאָר אליין גענומען לויפן מיטן פינגערל איבערן אלף בית און ארויסגעקליבן די אותיות, וואָס די מאמע און די ברידער האָבן אים פון מאָל צו מאָל אויסגעלערנט.

— דאָס איז א קיף — האָט ער פריידיק און הויך אָנגעוויזן אויף דער גרויסער „ק״ און דאָס איז א למד, און דאָס איז א פיי!

פסח מלמד׳ס פארכמורעט פּנים האָט גאָר אויפגעלויכטן.

— ביסט דאָך גאָר א ווויל ייִנגעלע — האָט ער אים מיט ליבשאפט געגלעט דאָס רויט, אָנגעהיצט פּנים׳ל. — איצט קים מיט מיר — האָט ער דאָס ייִנגל אראָפּגעלאָזט פון דער שויס און גענומען פירן אים ביים הענטל אראָפּ צווישן די רייען מיט שטענדער־בענק, אהין צו אברהם יאנקלען, דעם עלטערן ברודער, וואָס איז די גאנצע צייט געזעסן א שטילער און זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס מען טוט דאָרטן מיט זיין קליין ברודערל:

— זיץ דאָ — האָט דער אלטער מלמד אָנגעזאָגט דעם נייעם תלמיד זייַנעם — אז וועסט פאָלגן און וועסט באגערן צו לערנען וועט דער מלאָך אלעמאָל דיר אראָפּווארפן גראָשנס.

קאפּיטל צוועלף

די שווארצע שטענדער־בענק אין פּסח מלמד׳ס חדר, זענען חלילה נישט ארייננעשטעלט געוואָרן מחמת שווילטאָג. די קינדער זאָלן האָבן אויף וואָס ארומצוקריכן און ווו צו באהאלטן זיך. די דאָזיקע שטענדער־בענק זענען אין חדר געבליבן ווי א „זכר־לחורבן־שקאָלע״, וואָס האָט זיך מיט א צייט פריער געהאט אָפּגעשפּילט אין מאָדזשיץ.

אין א שיינעם, ליכטיקן זומער־טאָג, איז מאָדזשיץ פאַרפינצטערט גע־וואָרן פון א וויסטער בשורה. אומגעריכט האָט זיך אויפן גלאָקן־סלופּ, אין מי־טן מארק, לעבן דער פייערלעשער־שאָפּע, באוויזן א לענגלעכדיק פּאַפּיר, אָנגעפּיקעוועט מיט רוסישע אותיות, וואָס דאָס נידעריקע גויקעלע פון דער שטאָט־קאנצעלאריע האָט ארויסגעהאָנגען.

ארום דעם פּאַפּיר האָבן זיך גענומען קלייבן יידן און גויים און יעדער האָט געפּרוווט טרעפן, וואָס אין דעם פּאַפּיר זאָגט זיך.

— אוודאי נייע פּאָדאטקעס — האָבן טייל געזאָגט.

— וואָס יידן פאלט איין — האָבן אנדערע גענומען איבערשפּארן — עס איז מסתמא אסעקוראציע! קאזנא וויל אוודאי יידן זאָלן זיך אסעקורירן. טאָמער חלילה א שריפה, זאָלן יידן נישט בלייבן אָן א העמד. פּאַרט א פּעס־טונג־שטאָט, מאָדזשיץ!

ביסלעכווייז זענען יידן ארויסגעקראָכן פון טרעפּעניש און מאָדזשיץ האָט זיך דערוווסט, אז עס איז נישט קיין פּאָדאטקעס און נישט קיין אסע־קוראציע, אז עס איז גאָר א נייע גזירה אויף יידן רחמנא לצלן.

פּעטערבורג האָט זיך פּלוצים ארומגעזען, אז פּוילישע יידן קאָנען נישט ס׳רוסישע לשון, אז אין די חדרים שטאָפּט מען די קינדער מיטן תלמוד און נאָך אזעלכע „זשידאָווסקע״ לימודים.

געטראכט האָט מען אפילו אין פּעטערבורג אינגאנצן אָפּצושאפן די חדרים און איינפירן שקאָלעס. זיי האָבן אָבער איינגעזען, אז פּוילישע יידן וועלן אויף דעם נישט איינגיין. דערצו נאָך וועלן שקאָלעס זיין א צו טייערער ביסן פאר קאזנא. איז געבליבן די יידן זאָלן אליין, אויף אייגענע הוצאות, אריינגעמען לערער אין די חדרים אריין. לערנען זאָל מען דאָרטן דאָס רו־סישע לשון און דעם טיטל פאר זייער הויכהייט, דעם צאר מיט דער צאריצא און, דער עיקר, מען זאָל גלייך ארייננהענגען אין די חדרים די פּאָרטרעטן פון קיסר ניקאָלאי דעם צווייטן און איר וווילגעבוירנקייט, די קיסערינע, אלעק־סאנדרא פיאָדראָווגא!

א מהומה איז אַנגעשטאַנען אין מאַדזשיץ. יידן זענען געבליבן ווי אָן קעפּ. די דאָזאָרעס האָבן גענומען ארומשמייען, טאַפּן דעם דופק ביי שרייבער אין קאַנצעלאַריע, ווי טיף יידן וועלן דאַרפן ארייַנרוקן די הענט אין די קעשענעס, כדי אָפּצושרייען די גזירה. זיי האָבן אויך אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, וואָס נאָך אַזאַ געדענקט נישט מאַדזשיץ זינט די שטאָט שטייט.

ווי נאָר מען האָט אָפּגעדאַווּנט מעריב, איז דעם רב׳ס בית דין שטוב, וואָס אונטער איין דאַך מיטן בית מדרש, שוין געווען געפּאַקט מיט יידן, נישט א ריר זיך צו טאָן. די שטאָטישע פּני, פאַרמעליקטע און פאַרפּעצטע פון די סקלאַדעס און קראָמען, האָבן געלאָזן וואָג און מאָס און זענען הענדום־פענדום זיך צונויפגעקומען אָפּשרייען די גזירה.

אין דרויסן, הינטער דעם רב׳ס אָפענע טיר און פענצטער, האָט זיך גאָר געטומלט. פּראָסטע לייט און ווייבער, אויך געזעלן און אונטערגעוואַקסענע מיידלעך, וואָס האָבן נישט קיין דעה ביי די אסיפות, האָבן זיך געדראַפּעט ארום די אָפענע פענצטער אונטערצוהערן א וואָרט וועגן עפּעס א גרויס אומגליק, וואָס רוקט זיך נעבעך אָן אויף יידן. צווישן דעם דאַזיקן עולם, אין טונקעלן דרויסן, איז אָנגעגאַנגען א געדיכט געמורמל:

— שקאָלעס פירן צו שמד!

— גיב דעם שטן א פינגער כאַפּט ער די גאַנצע האַנט.

— שקאָלעס הייבן אָן מיט אויסטאָן די היטלען, דערנאָך עסט מען חזיר, און פון חזיר צו שמד איז איין טריט!

אויך אינעווייניק, אין בלוילעכן רויך פון ליולקעס און ציגאַר־שפּיצן, האָבן זיך געררויכערט געמיטער:

— יידן, אונזער דת איז חלילה אין סכנה! מען טאָר נישט שווייגן! מען דאַרף שוין פאָרן קיין לובלין, צום גובערנאַטאָר!

בלויז איין אבעלע, א ייד הויט און ביין, מיט א פּאָר אויגן ווי גליענדיקע גלאָווניעס און א בערדל פון שוואַרצן פעך, ער האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין גובערנאַטאָר און זיין גובערניע:

— וואָס מיר לובלין? ווער מיר וואַרשע? דאָ שטעקן אונזערע אייגענע לייט! עוקר מן השורש זיין דאַרף מען זיי! אין חרם דאַרף מען זיי לייגן, די פושעים!

אָט דער אבעלע, א געדערער חסיד, איז תמיד געווען אין קריג מיט א האַלבער שטאָט. ער האָט קיינמאָל נישט אין זין געהאַט די צעלניק־קראָם זיינע, נישט ווייב און קינדער, נאָר תמיד געווען פאַרקאָכט אין קהלשע געשעפטן. וו נאָר א שטאָטיש מחלוקה׳לע איז אבעלע געווען דער קריגער. נישט חלילה מחמת אייגענער טובה. ביים אויפנעמען דעם חזן האָט ער וועלטן געקערט. ער האָט זיך געשלאָגן מיט די מאַדזשיצער חסידים ביז בלוט, טאַקע ממש אויסגעטאָן א שטיוול און געשלאָגן רעכטס און לינקס,

וויפל ער האָט נאָר כוח געהאַט. וואָרום אבעלע וועט נישט לאָזן זיין שטאָט אויפנעמען א חזן בלויז צוליב נגינה. דאָס קאָן זיין אָן ענין פאר פּראָסטע לייט, איבערגעפירטע פון מאַדזשיצער הויף, ווו דער עיקר איז זינגען, אָבער נישט פאר א גערער חסיד, א יראה שמים. אבעלע האָט אויך נישט גערוט, ווען פייוול שוסטער האָט, ביים רעמאָנטירן זיין הייזל ארייגעכאַפּט א פּאַס ערד, וואָס האָט געהערט צו קהל. טעג איז אבעלע אָפּגעלעגן אויף יענעם פּלאַץ. ער האָט אהין געשלעפּט די דאָזאָרעס ממש ביי די בערד. אונ־טער די העק פון די טעשליארעס האָט ער זיך געלייגט און ער האָט זיינס אויסגעפירט. פייוועלע האָט געמוזט ארײנרוקן דעם פונדאַמענט און אָפּשטעקן וואָס געהער צו קהל.

ביי דער אסיפה האָט אבעלע ממש געשטעלט אין קאָן זיין גאַנץ נפש. א קלייניקייט? ארײנלאָזן אין די חדרים לערער, אפּיקורסים, גלוחים, זיי זאָלן לערנען יידישע קינדער גילוי ראש, העלפן זיי אָפּקערן פון יידישן דת!

— ניין, יידן!

ער וועט דאָס נישט דערלאָזן! אויף קאַטאָרגע וועט ער גיין און די לייט וועט ער אָנלערנען!

דער רב, ר' יחזקאל'ע, א דארער, א בלאַסער, מיט ווייסע, צאַרטע הענט און א געל־זיידענע באָרד ביזן גארטל, איז נעבעך געזעסן אויבן אָן פון בית דין טיש און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן ביים איינשטילן די צעהיצטע געמיטער. ער האָט נעבעך געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיט זיין אויסגעאיידל־טער האַנט אין טיש ארײַן און זיך בעטן מיט זיין ווייך און שטיל קול:

— נאָר נישט אין כעס, יידן, אבעי, חרם איז א האַרבע שטראָף. עס פירט צו גרויסע מחלוקת.

געהאַנדלט האָט זיך ביי דער אסיפה אין עפּעס א סלוך, אז אין דער גזירה זענען שולדיק די מאַדזשיצער אויפגעקלערטע לייט. דאָס זאָלן זיי האָבן אָפּגעטראָגן, ווו מען דאַרף, אז יידן ווילן שקאָלעס נאָר די חסידים לאָזן דאָס נישט איינפירן, דעריבער זאָל זיך ס'מלכות ארײַנמישן!

דער סלוך איז געווען, ווי נאַפט אויפן פייער. נישט נאָר אבעלע, די גאַנצע אסיפה מיט אים, האָבן נישט געוואָלט איינזען, אז דאָס איז נישט קיין ענין פאר מאַדזשיץ אליין, אז דאָס איז א גזירת מדינה און וואָס כל ישראל וועט טאָן, וועט אויך מאַדזשיץ טאָן. פאר זיי איז דאָס געוואָרן א היימישע מלחמה און נאָך א מלחמת מצווה דערצו!

נאָך פריער, איידער דאָס פּאַפּיר איז ארויסגעהאַנגען געוואָרן אויפן גלאָקן־סלופּ, איז אין שטאָט אָנגעגאַנגען א ביטערע מחלוקה. פון איין זייט איז געווען קהל מיט אבעלען אָן דער שפּיץ. פון דער אנדערער זייט זענען געווען די „אויפגעקלערטע לייט" מיטן פורים־סוחר בראש. דאָס איז געווען א קליין הייפל יידן, וואָס האָבן זיך א ביסעלע אונטערגעשוירן די בערד.

געטראָגן קירצערע מלבושים און געלייענט לשון קודש׳דיקע בלעטער, וואָס דער פורים־סוחר האָט אויסגעשריבן פון „פייטערבארג״ און ווארשע. דערצו נאָך האָבן זיך די לייט גערופן מיט די גויאישע נעמען, א שטייגער: שמחה־לע פוטערפלאס, יונה סאמעט. זיי איז נישט אָנגעשטאנען זיך צו רופן ווי אלע יידן, פּראָסט: יונה רעכלס, שמחה יודל שוסטערס. נאָר דאָס איז נאָך געווען גאָרנישט. ערגער פון אלץ איז געווען וואָס די לייט האָבן אוועקגע־שיקט זייערע זינדלעך און טעכטערלעך אין די גרויסע שטעט, אין גוישע שקאָלעס אריין! און די, וואָס האָבן געהאלטן זייערע יינגלעך אין די שטאָ־טישע חדרים, האָבן זיי אויך מער ווי ס׳ביסל עברי׳ מיט א פּאָסנע שטיקל חומש, אָן רש״י, נישט געגעבן. די גאנצע „מעריינע״ ביי זיי איז נאָר דאָס גוישע לשון און די „סווארבע״, ישעיה, יחזקאל, ירמיה, אָט, טאקע דאָס אלץ וואָס אין א לייטיש יידיש חדר זאָל נישט געדאכט ווערן.

די מחלוקה צווישן קהל און די לייט איז אָנגעגאנגען אזוי לאנג ביז זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון בית מדרש און זיך פארקליבן אין א זייטיק שטיבל זיך געמאכט א באזונדער חברה׳לע מיט א באזונדער ארון קודש׳ל. אויך די יינגלעך זייערע האָבן זיי ארויסגענומען פון די חדרים. אין זייער קליינעם דאוון־שטיבל, האָבן זיי זיך איינגעריכט אן אייגן חדר און זיך ארויפגעבראכט א ליטוואקל, א זשוואווע פארשוינדל אין א שווארצן ראָק ביז די קני און א שטייף קאפעליושל אויפן קליינעם צלם־קעפל. אָט דאָס ליטווישע מלמד׳ל, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען, האָט ער זיך גלייך איינגעשאפט א שווארץ גריפל־ברעט אין א גרויסער ראם, עס אויפגעהאָנגען אויף דער מזרח־וואנט לעבן ארון קודש און זיך אוועקגעשטעלט מיט א קריידל אין האנט אריינ־קנאָווען אין די יינגלעכס קעפ עפעס א מעשה וועגן א זיידן א פויער און א באָבע א פויערטע און זייער אייניקל און זייער הינטל, ווי זיי אלע שלעפן נעבעך א ריבל פון דער ערד ארויס, שלעפן און שלעפן און קאָנען דעם ריב נישט ארויסשלעפן. אָט, צוליב אזעלכע בבא־מעשות, איז די גמרא טריף ביי זיי און א שטיקל רש״י קומט צוליב אזא פויער מיט א ריב אויף זייער חדר׳ס שוועל נישט ארויף!

מאָדזשיץ, וואָס אָן אמת, האָט דעם ליטוואקל געגעבן א שיינעם ברוך־הבא. א שטיק צייט האָט ער זיך נישט געטאָרט ווייזן אין מארק. און די יינגלעך, ווי נאָר זיי האָבן אים געפאקט האָבן זיי אים אויפגעזונגען א לי־דעלע:

„ליטוואק חזיר טשו־טשו־טשו
לייג זיך אינדערערד אריין ליו־ליו־ליו!

גאנץ אָפט האָבן די יינגלעך זיך נישט געפוילט אים אריינצוזינגען דאָס לידעלע דורכן פענצטער פון זיין טריף שולכל און דערביי, ווי א צוגאָב, אים נאָך מכבד געווען מיט א פּאָרציע שטיינער, נאָך וועלכן עס זענען פאָרגעקו־

מען ביטערע געשלעגן צווישן די מאָדזשיצער ייִנגלעך אין די לאַנגע קאַפּאָט־קעלעך און פליענדיקע פּיאות מיט זייַנע תלמידים, די האַלב־שקצים אין קורצע גאַרניטערלעך און גויאישע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס אויף זייערע קעפּ.

פאַר א צייט איז געווען שטיל און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די מחלוקה האָט אויפגעהערט. אינדערעמתן איז דער קריג אָנגעגאַנגען צווישן די צוויי הויפּטן, צווישן אבעלען און דעם פּורים־סוחר, די צוויי שכנים, אבעלע מיט זיין צעלניק־געוועלב און דער פּורים־סוחר מיט זיין שפּייז־ און נאַפט־קראָם.

שוין דעם נאָמען פּורים־סוחר האָט אים אבעלע געגעבן. דאָס איז געווען צוליב עטלעכע פונט זאַלץ, וואָס דער ייד האָט פאַרקויפט א גוי פּורים צו דער סעודה.

געווען איז דער פּורים־סוחר אייגנטלעך א ייד ווי אלע יידן, א ביסל איינגעבויגן און גאַנץ היבש בלאַס, ביידע צוליבן שטענדיקן שלעפּן די זעק תבואה. דאָס בערדל איז אים תמיד געווען אויסגעמעליקט, ווי די קאַפּאָטע זייַנע. ער איז אָבער געווען א ציוניסט און וואָס דאָס איז אַזעלכעס א ציוניסט, האָט מען דענצמאָל נישט געוווסט אין מאָדזשיץ. מען האָט נאָר גע־ווּסט, אַז דעם ייד׳ס דרכים זענען גאָרנישט יידישלעך. פון איין זייט צערייסט ער זיך דעם ספּאָדעק פאַר ציון. וואָס אַ וואָרט הערט מען באַלד: „יידיש לאַנד, יידישע ערד, יידן באַדאַרפן ווערן פּויערים, מען דאַרף אָוועקוואַרפן דאָס האַנדלען און, דער עיקר, יידן באַדאַרפן זיך אויפהערן פאַרלאָזן אויף ניסים. מיט די אייגענע הענט דאַרף מען מקצר זיין דעם גלות און ברענגען די גאולה״! פון דער אַנדערער זייט איז עפּעס דער דת ביי אים גאָרנישט מיט גאָרנישט! דער בחוקות הגוים לא תלכו איז ביי אים עפּעס גאָר בלאָס. אדרבה, גראָד וואָס ביים גוי געפעלט אים. נישט נאָר צוריק ווערן פּויערים אין ציון, שוין דאָ ברענגט ער יידן צו זינד. דאָס ליטוואַקל מיט זיין אַפּיקורסיש חדר איז דאָך געווען דעם פּורים־סוחר׳ס אויפטו. און ער איז דאָך דאָס געווען דער ערשטער אין מאָדזשיץ אָוועק־צושיקן דאָס זינדל זייַנס אין א גויאישקער שקאָלע אריין, אים אָנטאָן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק און אַ מונדיר מיט מעשענע קנעפּ, ווי אַ פּאָלנער שגץ!

אויך אין דער שטוב זייַנער, האָט ער געוווסט, איז נישט מיט אלעמען. אויבן אָן, אויף דער וואַנט, אנשטאָט אַן אויסגעהאָפטענעם עקדת יצחק, אָדער גאָר א מזרח מיט צוויי לייבן, ווי ביי יידן, הענגט גאָר ביי אים עפּעס אַן איינגערעמט „דאַאַטשל״ מיט אַ שוואַרצער, אַרומגעשוירענער באָרד, ווי אַ צוגערונדיקטע לאָפּאַטע. דערצו נאָך גייט דאָס „דאַאַטשל״ אין בלויזן קאָפּ און אין אַן אַרומגעהאַקטן ראָק, ביז די [illegible] אוז אָט דאָס

„דאַטשל״, הערצל רופן זיי אים, איז ממש דעם יידס אפּגאָט. עפּעס אַ נייער שבתי צבי, ימח שמו! וואָרום ווער דען אויב נישט אַ שבתי צבי, אַ פאַלשער משיח, וועט פריידיקן אַליין מקצר צו זיין דעם גלות, באשר ער וויל זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נסים. איר הערט, יידן? אויס משיח! דער פּורים־סוחר מיט זיין „דאַטשל״ וועלן שוין אויסלייזן די יידן פון גלות!

אָט, צוליב דעם פּורים־סוחר מיט זיינע לייט, האָט דאָס אַבעלע ביי דער אסיפה אפילו נישט געוואָלט הערן דעם רב׳ס בעטן זיך:

— יידן, נאָר נישט אין כעס!

אַבעלע האָט קיינעם נישט געוואָלט הערן. ער האָט געקלאַפּט אין טיש אַריין:

— יידן, ס׳איז אמת אַז די לייט שטייט נישט אָן אונזער יידיש חדר? ס׳איז אמת אַז זיי ווילן רק גויאישע שקאָלעס? זענען זיי די מוסרים! דאַרף מען זיי עוקר מן השורש זיין! דערביי האָט ער געטאָן אַ זעץ אין טיש, אַז דער שטיי־לאָמפּ איז שיער אומגעפאַלן און שוין זיך אויסגעדרייט און געגומען גיין צו דער אָפענער טיר, אין טונקעלן דרויסן אַרויס, שרייענדיק: יידן, קימץ מיט מיר! נאָך היינט על יעד זיי אויסרויכערן, די פּושעים, די גאָלע־בראָדניקעס!

דער פּראָסטער עולם, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער די פענצטער אַ שטומער, אָן אויפגעהעצטער און נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט, ווי די שיינע באַלעבאַטים, אַראָפּצורעדן דאָס, וואָס איז געלעגן אויף זייערע געמיטער, האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטאָן נאָך אַבעלען. די פּראָסטע יידן, באַלעגאָלעס, קצבים, טאַנדייטערס, וואָס זענען אייביק גרייט צו גיין אין פייער פאַר זייער אמונה, האָבן זיך געשטעלט הינטער אַבעלען, ווי וואָיסק הינטער אַן עלצטן. ווער האָט שוין איצט געטראַכט וועגן דער אסיפה? וועמען איז שוין איצט אָנגעגאַנגען וואָס די שיינע יידן אמפּערן זיך דאָרטן מכוח שיקן שליחים קיין לובלין? אַבעלע מיט זיין אויפגעהעצטן עולם האָט איצט געהאַט איין שונא: דאָס אַפּיקורסישע שולכל מיט דעם ליטווישן מלמד, די אונטערגעגאָלטע יידן און, דער עיקר, דעם פּורים־סוחר!

ווי אַ ווינט שלעפּט נאָך זיך יעדעס שטרויעלע, וואָס וואַלגערט זיך אויפן וועג, אַזוי האָט אַבעלע איצט מיטגעשלעפּט מיט זיך יעדן מאָדזשי־צער הפקרניק. ווי אָן אָנגעלאָדענע כמאַרע האָבן זיי זיך געטראָגן אין דעם טונקעלן אָוונט, אַהין צו דעם קליינעם שולכל.

— שקאָלעס אויף אונזערע קעפּ — האָט אַבעלע געצאַרנט און דער עולם האָט מיטגעברומט: — ווער דאַרף שקאָלעס? אַ כאָלעריע אין די זייטן טויג זיי נישט?

— מ׳עט זיי שוין געבן שקאָלעס — האָט אַבעלע אונטערגעהאַלטן דעם

כאַר, לויפנדיק פאַראויס מיט די צעפעכערטע פּאָלעס, ווי אַ שטורעם־פויגל מיט די צעגומענע פליגל.

דער ייד האָט זיך איצט געטראָגן דורכפירן אַן אַלטן פּלאַן. ער האָט שוין פון לאַנג אָפּגעפּאַסט ביי זיך אַרויסצוראַטעווען די ספר תורה פון זייער טומאה. ערשט אַז ער וועט האָבן דאָס ספר דרויסן, וועט ער זיך אַ נעם טאָן צו די לייט! קודם וועט ער די שקאָלע־בענק, מיט דעם גריפּל־ברעט און די גויאישע ביכלעך וועגן שלעפּן אַ ריב פון דער ערד, אַרויסנעמען אין מאַרק און מאַכן אַ גרויסן בורא מאורה האש. דאָס איז אַלץ געזעדט, אויב די לייט וועלן האָבן שכל און ליגן באַהאַלטן אין די לעכער. טאָמער אָבער וועלן זיי זיין חכמים און קומען נישט לאָזן, וועט מען זיי אַרויסשלעפּן אין דרויסן און זיי מקיים פּסק זיין, זיי זאָלן האָבן צו געדענקן. נאָר דער עיקר שוואַרץ יאָר וועט זיך אויסרעכטן דער ראש זייערער, דער פּורים־סוחר מיט זיין אונטערשטופּער, דאָס ליטווישע צלם־קעפּל. אַבעלע וועט זיי שוין געבן שקאָלעס.

זענען די לייט אָבער יאָ געווען חכמים. נישט נאָר אַליין זענען זיי געקומען שיצן דאָס שולכל זייערס, נאָר אַ גאַנצע מענגע גויים האָבן זיי זיך מיט אַרויסגעבראַנגט.

נאָך פּאַרנאַכט, ווי נאָר די לייט האָבן זיך דערוווּסט פון דער אסיפה, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט אויסגיין צו זייערע קעפּ. דער פּורים־סוחר האָט דעריבער אוועקגעשיקט דעם יינג זיינעם אַנזאָגן שמחה׳לע פּוטערפּלאַם, אַז עפּעס גרייט זיך.

דער שמחה׳לע פּוטערפּלאַם איז אייגנטלעך געווען אַ ניי־געבאַקענער שיינער ייד. גאַרנישט לאַנג צוריק איז ער געווען אַ פּשוטער לאָבוז־יינג, זיך אַרומגעשלעפּט מיט זעלנער איבער די שענקען, געפּרעסן, געזויפן, אָפּגעלעגן גאַנצע טעג אין נפקה־בית און לייט האָבן אפילו געזאָגט, אַז ער איז דאָרט געווען אַ שותף צום געשעפט.

געשטאַמט האָט שמחה׳לע פּוטערפּלאַם גראָד פון אַן ערלעכער משפחה. דער טאַטע זיינער, ר׳ יודל, כאָטש אַ שוסטער, איז געווען אַן איידל און שטיל מענטשל. יעדן פּאַרנאַכט, אין בית מדרש צווישן מנחה־מעריב, האָט ער, ביי אַן אָנגעטריפּט ליכטל, געלערנט מיט נאָך יידן אַ פּרק משניות, אַ שטיקל עין יעקב. דאָס זינדל אָבער, האָט נישט געוואָלט גיין אין טאַטנס דרכים. נישט ער האָט געוואָלט צושמעקן צום שוסטער־וואַרשטאַט און נישט ער האָט געוואָלט נעמען אין האנט אריין אַ ספר׳ל.

כאָטש אַ נידעריקער, אַ דיקער, מיט קורצע הענט און קורצע פיס, איז ער אָבער, שמחה׳לע, געווען רירעוודיק, ווי די מאַמע זיינע, די הויכע ליבע. און פּונקט ווי זי, האָט ער געהאַט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ פּיסק וואָס האָט געקאָנט צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. שוין

קליינערהייט איז ער געווען אויסגעקאָכט מיט די זעלנער, זיי אַרומגע־פירט איבער די קראָמען, כלומרשט געהאָלפן זיי ביים איינקויפן און דערוויל פאַרדינט פוןביידע, פון קויפער ווי פון סוחר.

נאָר דאָס איז געווען אמאָל, ווען שמחה׳לע איז געווען יונג, א סמאַרק. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אונטערוואַקסן, האָט ער אויך גענומען שטייגן אין אָנזען און פאַרנעם. פון אַ פאַקטאָרל, וואָס שמייעט אַרום צווישן די זעלנער און העלפט זיי איינקויפן אַ בריטווע צום גאָלן זיך, אַ פּאָר לייטישע אונטערוועש, אַ פלעשל וואָדקאַ פון מאָנאָפּאָל, איז ער ביסלעכווייז געוואָרן א צושטעלער אין פעסטונג און גאָר גיך אריינגעקראָגן דעם ברוקיר־פּאָדראַד פון גאַנצן אַרומיקן געגנט.

איצט האָט זיך שמחה׳לע פּוטערפלאַם גענומען אויסמענטשלען. ער האָט אָנגעהויבן אויסמיידן די קנייפּעס און זיין פוס איז מער אין נפקה־בית נישט אַריינגעקומען. ווי אַלע סטאַטקאָווע ייִנגע־לייטלעך האָט ער אויך חתונה געהאַט און אָנגעהויבן פירן שטאַט. ער האָט זיך מער נישט געגאָלט די מאָרדע, נאָר זיך פאַרלאָזן אַ דיך, פיין צוגעשוירן זאַראָסטל, ווי אַ שוואַרץ רעמל אַרום די גוט־געכאָליעטע, גלאַנציקע באַקן. ער האָט זיך אויך אויסגעבויט אַ קאַמעניצע פון ציגל מיט אַן אויבערשטן שטאָק, מיט א באַלקאָן צום פראָנט און א בלעך־געדעקטן דאַך. דענצמאָל האָט ער דאָס אָנגעהויבן אַריינקומען צום פּורים־סוחר, זיך איינהערן אין דעם לשון־קודיש׳דישן בלאַט־צייטונג און כאָטש ער האָט אין איר וויניק פאַרשטאַנען, האָט ער, צוליב שטאַט, אָנגעהויבן אויסשרייבן די „הצפירה״.

אָט דער שמחה׳לע פּוטערפלאַם איז דאָס געקומען אויפן פּורים־סוחר׳ס רוף, העלפן שיצן דאָס שולכל. און געקומען איז ער נישט אַליין. אַלע גויים, וואָס פירן פאַר אים זאַמד און שטיינער פאַר זיינע ברוקיר־פּאָדראַדן און זענען גראַד געקומען מיט די לערע וועגעלעך און זיך אויסגע־שטעלט הינטער זיינע פענצטער איינצוקאַסירן די קוויטלעך, וואָס זיי האָבן א גאַנצן טאָג געקראָגן פאַר זייער ארבעט, אָט די גויים האָט ער שוין איצט נישט געלאָזט פאָרן אַהיים אין די דערפער אַריין, נאָר אַלעמען געהייסן פאָרן אין מאַרק, אַנטקעגן שולכל.

אַז אַבעלע מיט זיין עולם איז אָנגעקומען און דערזען דעם פּורים־סוחר און שמחה׳לע פּוטערפלאַם מיט אַלע זייערע לייט ווי א וואַך ארום דעם הויז און נאָך מיט א מענגע גויים דערצו, האָט ערשט זיין הייס בלוט גענומען זידן:

— הע, גויים האָבן זיי זיך אָנגעבערענגט! עשו׳ן צוהילף נעמען זיי זיך! ס׳עט ענק א כאָלערע טרעפן מיט די גויים אינאיינעם! יידן, וואָס שטייט עץ?!

— אבע, שטיי בעסער דאָרט! — האָט זיך דער נידעריקער, קוועקזילבי־

קער שמחה׳לע פוטערפלאם געטאָן ארוק ארויס צו אבע׳לען.

מער קיין רייד האָט מען שוין נישט געהערט. דער מאַדזשיצער מאַרק איז אין דעם טונקעלן זומער־אָוונט פאַרטויבט געוואָרן פון געשרייען:

— אַליאַ באַגאַ, — האָבן גויים געקרעכצט.

— שלאָגט, יידן! — האָט אַבעלע געמ־נטערט זיינע לייט, — דאָס איז מלחמת מצוה!

מאַדזשיצער באַלעגאָלעס און קצבים האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין ערלים, בפרט איצט, ווען יידישקייט שטייט אין קאָן. מיט ארויסגעשלעפּטע קלאָניצעס פון פויערשע וועגעלעך, מיט אָפּגעבראָכענע האָלאָבליעס, מיט פויסטן ווי צען פונטיקע געוויכטער האָבן זיי איצט געשלאָגן רעכטס און לינקס. און אבעלע אליין, ווי אן אמת׳ער קנאי אין אַמאָליקן ירושלים, האָט זיך איצט געשלאָגן מיט אַלע כוחות. נישט קאָנענדיק אַזוי פלינק אַרויסכאַפּן אַ קלאָניצע, ווי די באַלעגאָלעיינגען, האָט ער אויף זיין שטייגער אַראָפּגעצויגן אַ שטיוול און, שפּרינגענדיק מיט איין באָרוויסן פוס, ווי א לאָמער האָן, האָט ער זיך צוגעקראָגן צום סאַמע אויבן־אָן, ווו דער פורים־סוחר, אַ דערשראָקענער, אַ בלאַסער, איז געשטאנען און געציטערט ווי א פלאַטערנדיקער לולב און אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ, א־ן פנים, זיך געטאָרליערט מיט אים אויף דער ערד און געהאַלטן אין איין שרייען:

— פושע ישראל, א שטאָט יידן ווילסטו אומברענגען ?!

אויף די געשרייען, וואָס האָבן צוליב דער שטילקייט פון דער נאַכט, אָפּגעקלונגען מאוים׳דיק, זענען אָנגעלאָפן די סטראזשניקעס מיט זייער עלצטן. עס איז אויך אָנגעלאָפן דער קאָזאקן־פּאטרול און דריי זעלנער מיט ביקסן, וואָס האָבן געהיט אויב זעלנער שיכורים שלעפּן זיך נישט אַרום. געלאָפן זענען זיי טאָקע אַלע, דעם קיסרס היטער, מיט רוגזה, גרייט זיך אַריינצוואַרפן און אָפּשטעלן דאָס געשלעג, אָבער זעענדיק די קלאָניצעס און האָלאָבליעס, וואָס האָבן געשלאָגן איבער קעפּ, איבער אקסלען, איבער פיס, זענען זיי גאָר אָפּגעקילט געוואָרן און געבליבן בלויז זייטיקע צוקוקרע פון דעם בלוטיקן נאכט־ספּעקטאקל.

דאָס געשלעג וואָלט אודאי אָנגעהאלטן ווער ווייסט ווי לאנג, ווען נישט איינער פון די סטראזשניקעס, זעענדיק, אז ער קאָן גאָרנישט אויפטאָן די שלעגערס אָפּצושטעלן, האָט הענדום־פּענדום גענומען לויפן צוריק, האלטנדיק ס׳שווערדל אין האנט, ס׳זאָל אים נישט שלאָגן איבער די פיס און געכאַפּט קלינגען אין פייער־גלאָק, וואָס איז געהאָנגען טאקע אויף יענעם קלאָץ, ווו דאָס פּאפּיר מיט דער פינצטערער בשורה האָט געקלעפּט.

נאָך יענער מעשה האָט זיך מאַדזשיץ צעטיילט אין צוויי צדדים. א שקאָלע־צד און אזוינע, וואָס האָבן קיין שקאָלעס נישט געוואָלט. כאָטש די שקאָלע־

מענטשן מיטן פורים־סוחר און שמחה׳לע בראש האָבן קוים געציילט א צוויי מנינים אָנהענגער, זענען זיי אָבער געווען שטארקער. האָבנדיק דעם כוח פון מלכות אויף זייער זייט, האָבן זיי געשריגן:

— מאָדזשיץ וועט האָבן א שקאָלע אפילו אבעלע זאָל זיך אויפן קאָפּ שטעלן!

אין שקאָלע־צד זענען אויך געווען צוויי לייט, ביי וועמען דאָס איז געווען א פרנסה־ענין. כאָטש שונאים, איינער דעם אנדערן אין דער לעבער אריין, האָבןביידע לאנג שוין אויסגעקוקט מאָדזשיץ זאָל האָבן א שקאָלע. ביז איצט זענען ביידע, סיי מרדכילע און סיי נח לערער, געווען אָנגעוויזן אויף שטונדן, וואָס זיי האָבן געגעבן. איצט אָבער, מיטן קיסרס כוח, האָבן זיי געגנויט קהל אריינשטעלן שול־בענק צו פסח מלמד אין חדר. און דאָס האָבן זיי אויף גיך אראָפּגעברענגט צוויי גרויסע פּאָרטרעטן, איינעם פון קיסר און איינעם פון דער קיסרינע און זיי אריינגעהאָנגען צו פסחן אין סאמע אויבן־אָן, אנטקעגן די שטענדער־בענק.

מאָדזשיצער יידן האָבן געזיפצט. זיי האָבן נישט געפונען קיין טרייסט אין די ידיעות, וואָס די שליחים האָבן געברענגט פון לובלין, אז גאנץ קרוין פּוילן איז געטראָפן פון דער גזירה, אז יידן שווייגן נישט, אז שליחים זענען געפאָרן אונטערשמירן פעטערבורג, אז מ׳מוז וואַרטן און האָבן בטחון.

אבעלע און זיינע לייט האָבן אָבער נישט געוואָלט וואַרטן. וואָס עס זאָל דאַרטן נישט ווערן אין פעטערבורג, האָבן זיי דערווייל אליין געשמירט די שרייבער און דער קאנצעלאר און די סטראזשניקעס זיי זאָלן זיך מאכן נישט זען ווי מען טרייבט ארויס די צוויי פושעים, די לערערס פון חדר־ארויס.

שמחה׳לע פּוטערפלאם מיט זיינע לייט האָבן אָבער אויך נישט געשוויגן. זיי האָבן פון זייער זייט צוריקגעשמירט די זעלבע שרייבערלעך און סטראזש־ניקעס, יענע זאָלן זיך איינשטעלן און נישט לאָזן ארויסטרייבן די לערער. ביז, ענדלעך, גאָט האָט געהאָלפן. יידן האָבן געוואונען! פעטערבורג האָט באַ־פוילן, אז ס׳וועט געגנוג זיין אויב מ׳וועט די קליינע יידעלעך פון פּוילן אויס־לערנען דעם טיטל פאַרן קיסר און איר וווילגעבוירנקייט דער קיסערינע.

אבעלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט זיך געפילט דער זיגער. ווי נאָר די גוטע בשורה איז אָנגעקומען, איז ער ארויפגעלאָפן אויפן פורים־סוחר׳ס קראָם־בריקל, געטאָן א צענעם די צוויי פּאָלעס פון זיין געהאקטער קאפּאָטע, אויסגעבויגן דעם אחור גלייך אין פורים־סוחרס געוועלב־אריין און געטאָן א געשריי מיט גרויס פרייד:

— אָט דאָס האָסטו, נישט קיין שקאָלעס!

קאַפּיטל דרייצן

טאָג־איין טאָג־אויס, ווי נאָר פּסח מלמד׳ס רונדיקער וואַנט־זייגער מיטן פאַרגעלטן ציפער־בלאַט און גרין־געוואָרענע, נאַכהענגענדיקע, מעשענע וואָגעס האָט אויסגעשלאָגן צען, האָט זיך אין חדר באַוויזן איינער פון די צוויי פּאַרנעמע מאַדזשיצער לייט. איין טאָג איז דאָס געווען נח לערער, א הויכער, שטאַלטנער פאַרשוין מיט א בלאַס־איידל פּנים, איינגערעמט אין א רויטלעך, דין פאַרשוירן זאַראַסטל און גאָלדענע ברילן איבער די אויערן. דעם צווייטן טאָג איז דאָס געווען מרדכילע לערער, א נידריקער פאַרשוין, א ברייט־פּלייציקער, אויך א רויטלעכער, אָבער שוין מיט אַן אנדער סאָרט בערדעלע, א מין לאָפּעטקעלע, דערצו א פּאָר הארטע וואָנסעס, שאַרף פונאַנדערגעטיילט, מיט א ווייס שרונטעלע אונטער דער נאָז און די שפּיצן ארויף צו די באַקן־ביינער.

כאָטש שונאים, האָבן די צוויי לייט דאָך זיך איינגעטיילט מיט דער שקאָלע־ירושה גלייך אויף גלייך. איין טאָג איז איינער געקומען איינחזרן מיט די קינדער דעם מי־שברך פאַרן רוסישן קיסר און דעם אנדערן טאָג איז דער אנדערער געקומען מיט די קינדער לערנען די אייגענע תורה.

איינמאָל, אין א הייסן פרימאָרגן, דער צווייטער זומער פון נתן חיים׳ס גיין אין חדר, האָט זיך אין דער צעפּראַלטער טיר באַוויזן מרדכילע לערער. ער האָט זיך אריינגעשטעלט אין א העל־גרויען גאַרניטער, אין געלע שיך, אין א שטייפן, פלאַכן, שטרוי־הוט, ווי אַן איבערגעקערטער טעלער אויפן קאָפּ און א שטעקן מיט א ביינערנער גאַלקע און א זילבערנעם מאָנאָגראַם אין דער האַנט.

עפּעס איז ער יענעם טאָג געווען בייז, מרדכילע לערער. זיינע ברוינע ביר־אויגן האָבן פון אונטערן קאַפּעליושל אפּערגעשפּריצט מיט רוגזה. די רויטלעכע וואָנסן זענען אים געווען שטעכיק ווי ביי א בייזן קאָטער. עס האָט אים אפּנים געבערענט וואָס פון דער מאַדזשיצער שקאָלע האָט זיך אויסגעלאָזט א נודנע איבערחזרן דעם קיסר׳ס טיטל און טאָמער איז דאָס ווינציק איז נאָך געקומען א ידיעה, אז אפילו דעם טיטל וועט מען אויך מער נישט צווינגען צו לערנען אין די חדרים.

ווי תמיד ביי מרדכילע לערערס אריינקומען, איז אין פּסח מלמד׳ס חדר געוואָרן שטיל, א שטילקייט פול מיט מורא.

פּאַוואָליע, שלעפּנדיק דעם שטעקן, איז מרדכילע לערער געגאַנגען פון

דער קיך אין חדר אריין. ער איז צוגעקומען צו די רייען לאנגע שטענדער־בענק. די קינדער האָבן גיך באהאלטן די הענט, דער לערער זאָל נישט זען די בלאָטע אונטער די נעגל. אויך פסח מלמד איז געבליבן ווי אָנגעשטייפּט, מיט א נישט פארענדיקטן פסוק אין מויל. פאר דעם אלטן ייד איז דעם פושעס אָטעם געווען טריף.

מרדכילע לערער האָט אוועקגעלייגט דעם שטעקן אויפן שטענדער און דעם שטרוי־הוט לעבן שטעקן. א ווײלע איז ער געשטאנען אין בלויזן קאָפּ און שטיל, אָן א וואָרט, דורכגענומען מיטן שארפן בליק דאָס גאנצע חדר מיט קינדער, וואָס זענען געזעסן מיט די הענט הינטער די שטענדערס, מורא האָבנדיק זיך א ריר צו טאָן. דערנאָך האָט ער געגעבן א קאָמאנדע ווי צו א ראָטע זעלנער:

— ווסטאַט!

הונדערט מיט פופציק ייִנגלעך האָבן זיך געטאָן א הויב און א בלייב שטיין גלייך ווי סטרונעס.

— אראָפּנעמען די היטלען! — האָט מרדכילע לערער ווידער א קאָמאנ־דעווע געטאָן אויף רוסיש.

איצט, דאָס גאנצע חדר ייִנגלעך אין די בלויזע קעפּ, האָט מרדכילע אָנגעהויבן און אלע, ווי אן איינגעשטודירטער כאָר, האָבן מיטגעהילכט פאַ־וואָליע און מיט גרויס כונה, וואָרט נאָך וואָרט:

— יעוואָ אימ—פּע—ראַ—טאָרסטוואָ, ווע—ליטשעסקאָיע, גאָ—סו—דאַ—ראַ...

— האַו, האַו — האָט זיך פלוצים אין דער צעפּראלטער טיר געטאָן א יאָג אריין וואַצוש, דאָס רויטלעך־קודלאַטע הינטל און באלד נאָך אים באָלעק, נתן חיימ׳ס חבר׳ל. א באָרוועסער, אין א פּאָר געלאַטעטע מייטקעס מיט א צעכראַסטעטע העמדל, אָן א היטל, די האָר ווילד איבער די אויערן און אויגן מיט א בינטל, ווי א טשוואָק דיבאָם אין מיטן קאָפּ, האָט זיך דאָס פינף־יאָריקע שגצ׳ל געטאָן א שטעל אריין אין דעם יידישן חדר.

פונקט ווי דער הונט האָט נישט געוווסט פון קיין דרך ארץ, נאָר געטאָן א שפּרונג איבער דעם לערער, דורך די שטענדערס, אהין צו נתן חיימען, אזוי האָט זיין הער, באָלעק, נישט געוווסט אז ער קאָן זיך נישט טאָן קיין יאָג נאָכן הינטל אויך אהין צו זיין קליין חבר׳ל.

אין חדר איז געוואָרן א מהומה. יידישע ייִנגלעך מיט פליענדיקע פיאה־לעך און לאנגע טלית־קטן׳ס, וואָס האָבן פון אייביק־אָן מורא פאר א הונט, האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען איבער די שטענדערס, צו שרייען און זיך צונויפ־דריקן איינער לעבן אנדערן אין א גרויסער, אויף טויט דערשראָקענער קנויל. פסח מלמד, זיצנדיק ביים טיש, די הענט פארלייגט אין גרויס אָפּקומעניש, ווי תמיד, ביים איבערוואַרטן דעם פושע מיט זיין גויאישקן שפּרוך, איז גע־

וואָרן ווייס פון שרעק. א ביי אַנשיקעניש אויף די שונאים׳ס קעפ! נאָך הינט האָבן אים צוגעפּעלט אין חדר. אויך מרדכילע לערער איז געוואָרן צעטומלט. עפּעס איז אים דער גאַנצער „גאָסודאַר״ געבליבן שטעקן אין קעל. די אייג־ציקע, וואָס האָבן נישט געוווסט פון קיין צעטומלעניש, זענען געווען די צוויי אומגעריכטע געסט, באַלעק און זיין הונט, וואַצוש, וואָס איז געשפּרונגען פון גרויס פרייד, איבער די שטענדערס. אָט האָט ער א האַווקע געטאָן לעבן נתן חיימען און אָט איז ער צוריקגעשפּרונגען צו מרדכילע לערער און זיך געגומען רייבן הינטיש־הכנעה׳דיק אָן דעם שטייפן פּריץ, קוקנדיק ארויף צו אים מיט די קלוגע אויגן, ווארטנדיק אויף א לאַסקע, א גלעט, וואָרום אויך ער, מרדכילע לערער, א שכן אויף קאַזשמינסקיס הויף, איז זיין, וואַצוש׳ס א האַר.

דאָס איז אייגנטלעך געווען דאָס ערשטע מאָל אז באַלעק איז אזוי הפקר׳דיק געטאָן א פּלי אהין־ אריין מיט זיין הונט אין דעם זשידאָווסקן חדר. געוויינטלעך פלעגט דאָס שגצ׳ל ארומפּאדן מיט זיין הונט אויף פּסח מלמד׳ס הויף און ווארטן ביז זיין חבר׳ל נתן חיים, וועט זיך „אָפּמאָדליען״ און ארויס־קומען. דענצמאָל פלעגן ביידע, מיטן הונט פאָראויס, לויפן פייל אויסן בויגן, ארויס צו די גרינע לאָנקעס, זיך דאָרטן געטאָרליערט אויפן גראָז, געריטן אויף די געפּענטעטע פערד, וואָס די באַכט־דראָשקאָרעס האָבן ארויסגעלאָזט אויף דער פּאַשע, אָדער גאָר געשפּילט אין באהעלטערלעך צווישן גרינעם, געדיכטן האָפּן.

נישט איינמאָל האָט נתן חיים געקראָגן געשלאָגן אי פון טאַטן, אי פון רבין פארן איבערלאָזן ס׳חדר און פארלוירן ווערן מיטן שייגעץ אויף גאַנצע שעה׳ן. ביידע, סיי פּסח מלמד און סיי יערמע דוד, האָבן אָנגעהויבן איינזען, אז זיי האָבן געמאכט א טעות אין חשבון. דער עול פון חדר האָט נתן חיימען נישט אוועקגעריסן פון זיין גויאיש חבר׳ל. אדרבא, די צוויי קינדער זענען געוואָרן נאָך מער באהעפטעט אייגנער אָן אנדערן. באַלעק האָט גאָרנישט גע־קאָנט איינזיצן ביי זיך אויפן הויף. נישט האָבנדיק קיין קריסטלעכע קינדער, וואָס זאָלן, ווי ער, פריי זיין פון יעדן עול פון לערנען, האָט ער געקלעפּט אָן זיין יידיש חבר׳ל. גאַנצע טעג פלעגט ער אָפּליגן ביי פּסח מלמד אויפן הויף. כאָטש די חדר־יינגלעך האָבן אים געטריבן, נישט געוואָלט זיך מיט אים שפּילן ווייל ער איז א גוי, איז ער דאָך פון דאָרט נישט אָפּגעטרעטן.

— יעך קען רעדן יידיש בעסער פון ענק — האָט ער זיך געזוכט איינצו־קויפן אין יחוס.

— אָבער דו עסט חזיר און גייסט נישט קיין ציצי — האָבן יינגלעך אים צוריק אראָפּגעקלאַפּט. באַלעק איז אָבער נישט געווען פון די יינגלעך, וואָס פאלן ביי זיך אראָפּ. אבי נתן חיים האָט זיך מיט אים געשפּילט האָט אים נישט געארט וואָס אנדערע טרייבן אים.

יערמע דוד האָט פון דער חברשאַפט געהאַט גרויס עגמת נפש. נישט איינמאָל איז אים ס׳בלוט געצאַפּט געוואָרן זעענדיק אין שיינעם העלן טאָג, ווי דער תכשיט זיינער שלעפּט זיך מיטן שגץ איבערן מאַרק מיטן הונט פאַרױס. אפילו שבת, בעתן דאַוונען, איז דאָס שגצל געקומען אָנצולױפן באַרװעס, אין בלויזן קאָפּ און זיך געשטעלט מיטן הונט וואַרטן אין פּאָליש, כדי אוועקצונאַרן נתן חיימען אויף די פעלדער אַרויס. און טאָמער האָט ער זיך געמאַכט נישט זען, האָט אים תמיד עמעץ אַ צי געטאָן ביים טלית, ווי מ׳וואָלט זיך מיט אים גערייצט:

— יערמע דוד, דער שגץ מיטן הונט וואַרטן שוין דאָרטן אויפן תכשיט דיינעם...

יערמע דוד האָט געשלאָגן דאָס יינגל אָן רחמנות. ער האָט געמאַכט חנה לאָהן שוואַרץ שבת, געשאָלטן איר בויך, וואָס האָט אַזאַ ממזר געבוירן. ביי פּסח מלמד האָט ער זיך געבעטן רחמים:

— האָטס גאָט אין האַרץ, ר׳ פּסח. דער יינג עט דאָך מיר פאַרקערצן די יאָרן. הלוואי יעך זאָל מאַאָן מויל צו קאָן בייז נישט ברענגען. דער יינג עט זעך דאָך חלילה שמדן!

— טע, טע, טע — האָט פּסח מלמד מיטביידע הענט געטריבן פון זיך יערמע דוד׳ס בייזע רייד — ני, גיי, שוין גיי יערמע דוד, יעך בין שוין ב״ה פערציק יאָר מלמד און קיין תלמיד האָט זעך מיר נאָך חלילה נישט געשמדט, וועט מיך דער אויבערשטער וואַאָטער באַשערעמען. אָבער, זעסטי, יערמע דוד, דאָס איז יאָ אַ חידוש. אַ יינג שפּילט זעך מיט אַ הינט און דער קאָפּ איז אים חלילה נישט פאַרשטאָפּט. אדרבה. וואָלסט געמעגט הערן ווי ער קאָן ס׳חומש. אַז יעך זאָג דיר, יערמע דוד, דער קליינער איז אש, פייער און פלאַם!

אָט פאַר דעם טאַקע האָט ער דאָך מורא, יערמע דוד. יעדער זאָגט אויף דעם קליינעם „אש״. וואָס טויג אים אָבער פלינקע קעפּ? ער איז אַ פּראָסטער ייד, יערמע דוד, און ער וויל זיינע קינדער זאָלן זיין ווי ער, זיי זאָלן גיין אין זיינע וועגן.

איין גאָט ווייסט, אַז פּסח מלמד האָט חלילה נישט געזשאַלעוועט נתן חיימען דעם קאַנטשיק. אָבער ער האָט אים נישט געקאָנט אָפּגעוויינען פון אַרויסגנבענען זיך פון חדר, פון פאַרפאַלן ווערן אויף האַלבע טעג מיטן שגץ און זיין הונט. נישט נאָר האָט ער נתן חיימען געשלאָגן, נאָר ער האָט אים אויך אָפּט פאַרשעמט פאַרן גאַנצן חדר קינדער. נישט זעלטן האָט ער אים געשטעלט אין ווינקל מיט אַ פאַרהויבן קאַפּאָטקעלע און אַ פאַרדרייט היטל, אים געגעבן אַ בעזעם אויפן אַקסל און געהייסן די יינגלעך אויפזינגען: „קוימען־קערער, פליס־פּעדער, פּאַל אַראָפּ, טשופּ־טשופּ!״ עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, נתן חיים איז אַלץ פאַרלוירן געוואָרן פון חדר. איינמאָל איז אפילו נאָך אַזאַ פאַרלוירן ווערן פאָרגעקומען אַן אמתע מלחמה צווישן רבין און תלמיד.

דאָס איז געווען אין מיטן ווינטער. נתן חיים איז שוין געווען איבער זעקס יאָר. זיצנדיק נאָך ווארעמעס אין אָנגעהייצטן חדר, אין מיטן א שפּיל מיט א קנויל יינגלעך אין בלינדע פּעטש, האָט ער פּלוצים דערזען באַלעקן אריינקוקן דורכן פענצטער. דאָס שגצ׳ל, נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אין קאַלטן דרויסן נתן חיים זאָל ארויסקומען, האָט זיך ארויפגעכאַפּט צום פענ־צטער און צוגעלייגט דאָס רויט־פאַרפרוי־רענע נעזל מיט די דערוואַרטנדיקע אויגן צו דער פאַרלאָפענער שויב.

נתן חיים האָט זיך זייטיקלעך ארויסגעשלייכט פון קרענצל יינגלעך און ארויס אין פּעדער־הויז, וואָס איז געווען נאָס פון אָנגעטראָגענעם שניי און בלאָטע. דער קליינער באַלעק, אָן אָנגעפּעלצטער אין דער מאַמעס א סטאַניקל און דעם פאָטערס א סוויטקע. וואָס האָט אים געגרייכט ביז די קנעכל, איז שוין דאָרטן געשטאַנען אין בלויזן קאָפּ, מיט א רויט־פאַרפרוירן פּנים, ווי אָן אָפּגעיאָגט גנב׳ל:

— קים זעך גליטשן — האָט ער גיך א זאָג געטאָן.

— יעך דאַרף באַלד לערנען ס׳חומש — האָט נתן חיים געזאָגט.

— די נאָר לערנען — האָט דאָס שגצ׳ל אומצופרידן א מאַך געטאָן מיטן לאַנגן אַרבל, וואָס האָט געהאַט איינגעשלונגען זיין קליין, קינדיש הענטל. באַלד האָט ער נתן חיימען א צי געטאָן: —די מאָרגן לערנען!

דער קליינער נתן חיים איז נעבעך געבליבן ווי צווישן צוויי פייערן. פון איין זייט האָט געלאָקט דער שנייאיקער דרויסן און מיט פריידיקן גליטש הינטער דער שטאָט. זיין קינדיש הערצל האָט זיך געקורטשעט און אים געצויגן אהין, צו דער קינדישער פרייד. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער געשטאַנען דער רבי מיט דער ווייסער באָרד און דעם קאַנטשיק אין האַנט. אויך דעם טאַטן האָט ער געזען מיטן דיקן פּאַסעק. און טאָמער איז דאָס ווינציק, לויערט נאָך ס׳גיהנום מיט ברענענדיקע פּעססער סמאָלע. וואָרום מבטל זיין ס׳לערנען איז א גרויסע עבירה, אזוי זאָגט די מאַמע!

— קים — האָט אים באַלעק נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן און אים געטאָן א צי נאָך זיך פון בריקל אראָפּ.

מיט איינמאָל האָט נתן חיים פאַרגעסן אָן רבין, אָן טאַטן, אָן גיהנום, אפילו אָן דער מאַמעס גוטע שטראָף־רייד האָט ער פאַרגעסן. די פרישע, פראָסטיקע לופט, א בלויע, אָן אָנגעזאַפּטע מיט זון און קעלט, האָט געהיצט זיינע קינדישע געבליטן. דאָס בלאַסלעכע חדר־פּנימל איז געוואָרן רויט, די פיסלעך אין די צו גרויסע שטיוול, אומרואיק טרייבנדיק אים איבערן ווייסן, האַרטן שניי, גיכער, גיכער ארויס אויף דעם גליטש!

אָפּגעיאָגטע, פאַרשוויצטע, זענען די צוויי חברים׳לעך מיטן הונט פאַראויס געקומען אָנצולויפן הינטער דער מיל. עס האָט זיך דאָרטן איצט געטאָן א לעבעדיקע וועלט. שקצים, פרייע ווי דער ווינט, אָנגעטאָן אין פּעלצלעך און

באראנקאָווע היטלען איבער די אויערן, זענען געפלויגן איבער דעם שאַרף־אויסגעריבענעם גליטש. אויך יידישע הפקר־יינגלעך, אויף וועמען קיינער קוקט זיך נישט אום, האָבן זיך דאָ געגליטשט, שרייענדיק און טומלענדיק אזש די בלוי־פראַסטיקע לופט האָט געהילכט. ווייטער אוועק, האָבן שיקסלעך און שקצים, אויף אייגן געמאכטע שליטעלעך, זיך געיאָגט בארג אראָפּ, זיך געוואָרפן קוילן שניי און פריידיק געלאכט.

נתן חיים איז גאָר צעיאכמערט געוואָרן. זיינע געקרויזטע פּיאה׳לעך האָבן זיך פריי צעווינטלט. די פּאָלעס פון זיין לאנגן בגד׳ל האָבן זיך צעפּע־כערט ווי די פליגל פון א פריי־געוואָרענעם פויגל. ער האָט איצט גאָרנישט געדענקט, אז גליטשענדיק זיך רייבט ער אויס די זוילן פון די שטיוול, וואָס דער טאטע טאפּט ארום אזוי באדויערנדיק, אלע נאכט, ווי נאָר ער טוט זיי אויס צום שלאָפן גיין. ער האָט אויך נישט געדענקט אָן די קלעפּ, וואָס ער וועט קריגן, נישט נאָר פארן ארויסגנבענען זיך פון חדר, נאָר אויך פאר די אויסגעריבענע זוילן. אויסגעטאָן פון יעדן יאָך, ווי די שקצים, פריי ווי דער ווינט אין פעלד, איז ער איצט געפלויגן הין־און־צוריק איבער דעם גליטש. אים האָט גאָרנישט געאַרט וואָס אַלעמאָל כאפּט אים אן אנדער שגץ אָן ביי א פּאה און טוט אים א געשריי אין אויער אריין:

— זשידקו, אין חדר אריין!

בעת נתן חיים האָט דאָרטן אזוי פריידיק ארומגעשוועבט אויף דעם גליטש, האָט פּסח מלמד אים דאָ, אין חדר, ארומגעזוכט. ווי נאָר זיין ריי איז געקומען צו לערנען ס׳חומש, האָט דער רבי זיך געכאפּט, אז דער יינג האָט זיך ארויסגעגנבעט.

ערשט פארנאכט, אז אין די קליינע פענצטערלעך פון דאָרפישע כאטעס האָבן זיך גענומען ווייזן צאנקענדיקע ליכטלעך, האָט זיך נתן חיים דערמאָנט אָן חדר און ווי א געשלאָגן הינטל זיך גענומען שארן צוריק אין שטאָט אריין.

געמיינט האָט ער, אז ער וועט זיך פונקט אזוי שטיל צוריק ארייַנשלייכן, ווי שטיל ער האָט זיך ארויסגערוקט פון חדר. צום סוף, ווי נאָר ער האָט שטיל געעפנט די טיר, האָבן יינגלעך פון אלע זייטן אָנגעהויבן שרייען:

— רבי, ער איז דאָ! נתן חיים איז דאָ!

פּסח מלמד האָט פּאַוואָליע אָנגעבויגן דעם לאָמפּ, וואָס האָט געהאָנגען לעבן אים, פון סופיט אראָפּ, אזוי אז דער גאנצער שיין פון לאָמפּ איז געפאלן אהין, צו דער טיר, וווּ דער קליינער נתן חיים איז געשטאנען אָן איינגעקור־טשעטער, ווי א קליין חיה׳לע, וואָס מ׳האָט פארטריבן אין א טעמפּ ווינקל. צוזאמען מיטן שיין פון לאָמפּ האָט דער אלטער אהין אָנגעשטעלט דעם שאַר־פן, בייזן בליק פון זיינע פארטרערטע, גרויע אויגן, וואָס האָבן איצט געקוקט איבער די שפּאקולן אריבער. א היבשע ווילע האָט דער רבי אזוי געקוקט אויפן זעקס־יעריקן תלמיד. עפּעס האָט דער יינג איצט גאָרנישט געהאַט קיין

צורה פון קיין ייד. דאָס פּנים — אָפּגעיאָגט, רויט, ווי ביים פּעטער עשו. דאָס היטל, די פּיאות, די פּאָלעס פון בגד, די שטיוול, אלץ איז געווען פּיטש־נאַס פון וואלגערן זיך דעם גאנצן נאָכמיטאָג אין די טיפע שנייען.

— קים נאָר הער, זינעשי — האָט פּסח מלמד מיט געמאכטער צערט־לעכקייט א זאָג געטאָן.

נתן חיים האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. נתן חיים האָט שוין געוווסט, אז וואָס בייזער דער רבי איז, אלץ גלאַסענער זאָגט ער: „קים נאָר אהער זינעשי". ער האָט אויך געוווסט, אז דער רבי האָט ליב מען זאָל צו אים צוגיין. אז א יינגל פאָלגט, אז ער גייט אליין צו און קנעפּלט זיך אליין אָפּ די הויזן, קריגט ער בלויז דריי שמיץ. טאָמער אָבער איז ער אן עקשן און דער רבי דאַרף צוגיין אים אפּערשלעפּן פון אונטער דער שטענדער־באנק און נאָך אים אויפקנעפּלען די הויזן, שמייסט ער דענצמאָל מיטן קאַנטשיק וויפל עס קאָן נאָר אריין.

איז אָבער נתן חיים נישט געווען פון די, וואָס יאָגן זיך נאָך מציאות. ער געהערט נישט צו די, וואָס לייגן זיך אליין אריבער. שוין קליינערהייט איז אים פרעמד געווען דאָס מאכן פּשרות. האָט ער פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. נישט נאָר האָט ער נישט געפּרווט צוגיין נענטער צום רבין, נאָר ער האָט זיך גאָר גענומען שארן אין ווינקל אריין, ווו ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אזוי, אז דעם רבין זאָל נישט לייכט אָנקומען דאָס צוקריגן זיך צום לעדנדל פון זיינע הויזקעס.

נתן חיים האָט לחלוטין נישט קיין מורא געהאַט פאַר די שמיץ. אין זיין יונג לעבן האָט ער שוין נישט איינמאָל געקראָגן מיטן רבינס קאַנטשיק און מיטן טאַטנס דיקן רימען, איבערן קאָפּ, איבער די פּלייצעס. וואָס אים האָט דאָ געשראָקן איז געשמיסן צו ווערן אויפן הוילן לייב פאַרן גאנצן חדר אין די אויגן. און אויך דאָ האָט ער נישט קיין מורא געהאַט פאַרן ווייטיק, נאָר פאַר דער חרפּה. א געשמיסענעם זינגט דערנאָך דאָס גאנצע חדר אנטקעגן:

„אָפּגעשמיסענער תחת,
מיט אַלע פיר ברכות,
ביזטו אַ קליגער לייג זיך אַליין,
ביזטו אַן עקשן, פאַרבייס מיט די ציין!"

ניין, נתן חיים וועט זיך אליין נישט לייגן!

— אזוי, ביזט נאָך אן עקשן — האָט פּסח מלמד אָפּגעלאָזט דעם לאָמפּ, וואָס האָט זיך גענומען וויגן הין־און־צוריק, צעוויגנדיק מאָוימדיקע שאָטנס איבערן גאנצן חדר. איצט, אויפשטעלנדיק זיך פּאַוואָליע פון דער איינגעזעסענער פּאָטער־שטול, האָט ער גענומען דעם קאַנטשיק און אָנגעהויבן גיין איבערן חדר, אהין צום ווינקעלע, ווו נתן חיים איז אזוי עקשנותדיק געשטאַנען.

אין חדר איז געוואָרן שטיל. אלעמאָל, ווען פסח מלמד האָט זיך מכין געווען צו דער שמייס־עבודה, איז אין חדר געוואָרן שטיל ווי אין אן אויער. די יינגלעך וואָס האָבן געוויינלעך אָנגעמסרט איינער אויפן אנדערן, האָבן דענצמאָל חרטה געהאַט אויף זייערע מסירות. די מיידלעך, וואָס פלעגן שטענ־דיק זיין ארום בעלפער, וועלכער האָט נאָר מיט זיי געלערנט, פלעגן זיך צונויפדריקן און זיך פארשטעלן די אויגן. בלויז די רביצין, א הויכע יידענע, מיט א רויט, כעסדיק פנים, אין אן אטלאסענעם האָר־בענדעלע מיט א קאָ־לירטן טשיפיק, ווי א קרוין אויפן קאָפּ, האָט זיך דענצמאָל געטאָן א יאָווע אריין פון דער קיך אין דער אָפענער חדר־טיר און געבליבן שטיין אריינ־געפאסט ווי א פאָרטרעט אין א ראַם, גרייט הנאה צו האָבן פון דער חתונה, וואָס גייט זיך דאָ אָפשפילן. די רביצן, די הויכע טויבע, איז געווען א דם שונא דעם גאַנצן חדר מיט יינגלעך. אין אירע אלטע יאָרן האָט זי שוין מער נישט געקאָנט פארטראָגן קיין געטומל. די יינגלעכס געשרייען פלעגט זי מאכן ווילד. איר אָפט ארייַנפאלן פון קיך מיט א בעזעם אָדער א לאָפּעטע און שלאָגן איבער די קעפּ, האָט לאנג נישט געהאָלפן. אין א מינוט ארום האָט דאָס חדר ווידער געקאָכט ווי דער סמבטיון. האָט זי זיך דאָס פאר א שמייסן אריינגעיאָוועט קילן איר אלט, אויפגעברויזט בלוט.

— קנעפּל־אָפּ די הויזן און לייג זיך אריבער — האָט פסח מלמד געזאָגט און זיך צוגעזעצט אויף א שטענדער־באנק לעבן תלמיד, האָבנדיק גרייט נישט נאָר דעם קאָנטשיק, נאָר אויך די שויס.

נתן חיים האָט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז פארוקט די הענט אהינטער און עקשנותדיק זיי איינגעקלאמערט אין די קנעפּלעך פון הויזן־לעדנדל.

— קנעפּל־אָפּ די הויזן, האָב יעך געזאָגט — איז שוין דער אלטער בייז געוואָרן.

— וויל יעך נישט — האָט דאָס יינגל שטיל אָבער טראָציק געענטפערט, קוקנדיק דערביי אויף דעם ייד מיט דער ווייסער באָרד מיט אזא דרייסטקייט, גלייך נישט ער דארף דאָ קריגן שטראָף, נאָר ווי ער וואָלט גאָר געווען א גלייכער צד אין א מלחמה.

— הע — האָט פסח מלמד אָפּגעקרעכצט — ביזטי דאָך א שגץ אויך. רעדסט גאָר אקייגן?

דאָס איז שוין געווען צופיל פארן אלטן פסח. אויף אזא בגידה האָט ער זיך נישט געריכט. ביז איצט האָט נאָך קיין תלמיד אים נישט געזאָגט מיט אזא העזה: „וויל יעך נישט".

— קנעפּל־אָפּ די הויזן, זאָג יעך!

אָנשטאָט ענטפערן האָט גאָר דער קליינער אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט מער קיין מורא נישט געהאַט פאר דעם אלטן, נאָר פשוט אים מבטל געווען.

דער אלטער איז געוואָרן ווייס פון כעס. זיינע ביינערדיקע הענט האָבן געציטערט פון אויפרעגונג. מער פעלט אים דאָ נישט, נאָר א גאנץ חדר מיט מתבלים זאָלן זען ווי דער קליינער שניעק פירט אויס דאָס זייניקע!

— מאיר, — האָט ער א רוף געטאָן דעם בעלפער. — קים נאָר אהער!

דעם בעלפער איז אפילו דאָס שמייסן דערווידער. אָבער אז דער אלטער רופט, איז נישטאָ קיין ברירה. איז ער צוגעגאנגען און געפרוווט א נעם טאָן דעם קליינעם. נתן חיים האָט גענומען קאָפּען מיט די פיס, בייסן מיט די ציין און ווי נאָר דער אלטער איז אויפגעשטאנען העלפן, האָט ער אים גענומען רייסן די באָרד. אָבער די צוויי פּאָר הענט זענען דאָך שטארקער געווען. מיט רציחה האָט דער אלטער פארקלעמט זיינע פיסלעך צווישן זיינע אלטע, האר־טע, קנאָכיקע קני.

די גאנצע צייט, סיי ביים ראנגלען זיך און סיי ביים שמייסן אים, האָט נתן חיים פארביסן געשוויגן. פונקט ווי ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט דער טאטע זאָל אים הערן וויינען ביים שלאָגן אים, אזוי האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט, אז דער רבי און די יינגלעך אין חדר זאָלן הערן אים א וויין טאָן. אָבער, ווען מ׳האָט אים, ווי א צולאָג צום שמייסן, „געמאכט ס׳פּעקל" און אים אוועקגעשטעלט מיטן פארהויבענעם העמדל צו דער פּלייצע, אָפּדעקנדיק דאָס נאקעטע, געשמיסענע לייב פארן גאנצן חדר, האָט ער מער נישט גע־קאָנט איינהאלטן דאָס געוויין.

פאר דעם קליינעם נתן חיים איז דאָס געווען די ערשטע דערנידערונג, וואָס האָט געמאכט א טיפן קארב אין זיין קינדישער נשמה. נישט די שמיץ. קלעפּ האָט ער אלעמאָל פארנומען און אָפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן. אדרבה, קלעפּ האָבן שטענדיק ארויסגערופן אין אים א טראָציקייט, א צולהכעיס. איצט אָבער האָט ער געוויינט. שטיל און טיף, ווי א דערוואקסענער מאן, האָט ער איצט געוויינט אויף דער טיפער חרפה, וואָס מ׳האָט אים דאָ אָנגעטאָן. געוויינט האָט ער אויך, וואָס קיינער האָט זיך פאר אים נישט אָנגענומען און וואָס ער אליין איז שוואך און האָט נישט געהאט קיין כוח בייצוקומען דעם רבין מיטן בעלפער.

אין זיין טיפער חרפה האָט נתן חיים געוואָלט שטארבן, כאָטש זיין קינ־דערישער מוח האָט נאָך רעכט נישט באנומען וואָס דאָס איז אזוינס שטארבן. ער האָט אָבער געוואָלט נקמה נעמען. אָפּטאָן עפּעס דעם גאנצן חדר מיטן רבין און דער רביצן, וואָס איז געשטאנען אין דער טיר ווען מ׳האָט אים געשמיסן און געשריגן: „גיט אזוי, בעסער נאָך, אזא עשו!" וואָס קומט אָבער דערויס, ער איז קליין און אלע זענען גרויס און קיינער וועט זיך פאר אים נישט אָננעמען!

א צעווייטיקטער, א פארוויינטער, האָט ער זיך קוים דערוואַרט מען זאָל אים אָפּבינדן דאָס פּעקל און אים אָפּלאָזן צוזאמען מיטן חדר. ער איז אָבער

ניִשט אוועק אהיים, ווי דאָס גאַנצע חדר ייִנגלעך. ארויפקומענדיק אין פינצ־טערן דרויסן האָט ער זיך געטאָן א שייל ארויס פון צווישן די קינדער און גענומען לויפן טיפער אין הויף אריין צו דער פארשנייעטער קופּע מיט שטיי־נער. מיט פארקירצטע ציין און אומגעדולדיקע הענט האָט ער ארויסגע־גראבלט א שטיין, צוריק זיך דערנענטערט צו פסח מלמד׳ס פענצטער און מיטן גאנצן כוח געטאָן א שליידער דעם שטיין אין די שויבן אריין.

ערשט איצט האָט זיין כעס אים נאָכגעלאָזט און ער האָט גענומען לויפן פון הויף ארויס אויף וויפל די כוחות האָבן אים נאָר געטראָגן.

קאַפּיטל פֿערצן

נאָכן אויסזעצן די שויבן אין רבינס פענצטער, איז נתן חיימל נישט געלאָפן אהיים. דאָס זעקס־יאָריקע ייִנגל האָט שוין גוט געוווּסט, אַז נאָך דעם היינטיקן גליטש און נאָך דער שויבן־מעשה, וועט ער פֿון טאַטן קיין קניפּ אין בעקל נישט קריגן. ער האָט, דעריבער, גלייך פֿון חדר זיך פֿאַרקערעוועט צו קאָנזשמינסקין אויפֿן הויף, צו זיין חבר׳ל באָלעק מיט זיין פריינט וואַצוש.

לכתחילה איז נאָך נתן חיים געלאָפן מיט אימפּעט, ווי ער וואָלט געוועזן זיכער אין זיין אנטרינונג. וואָס לענגער אָבער ער האָט געצויגן איבערן פֿינצטערן מאַרק, שלעפנדיק די צו־גרויסע שטיוול אין ברודיקן שניי, אַלץ מער איז די זיכערקייט אין אים אויסגערונען און א געפיל פֿון מורא און חרטה האָט אים אָנגעהויבן ארומצונעמען. צוגעקומען צו פראַנצישעקלס געפרוירן פענצטערל, איז ער שוין זייער שפּל, ווי א געשלאָגן הינטל, מיט א נאָגענדיקער שולדיקייט. פול מיט הכנעה האָט ער א גראַבל געטאָן אין שייבל: באָלעק?

ביי פראַנצישעקלען אין שטיבל איז איצט געווען קאַלט און פינצטער, ווי אין א הייל. א קינדעלע אויף דער פּליטע האָט נישט געברענט. בלויז אין ווינקעלע, אונטערן סופיט, האָט, ווי א גלי־ווערעמל, געפינקלט דאָס נר־תמידל, וואַרפנדיק א קאַרגן, רויטלעכן שיין אויפן פּנים פֿון דער „הייליקער מאַמע". די פראַנצישקאָווע איז איצט, ווי יעדן מיטוואָך אויף דער נאַכט, נישט געווען אינדערהיים. ווי תמיד איז זי אויך איצט מיט ביאַנקאַן, דאָס שיקסל אירס, ארומגעקראָכן איבער מאַדזשיצער שטיבער, אָפּטראָגנדיק די אויסגעוואַשענע וועש און צונויפשלעפנדיק אַנדערע פּעק ברודיק גרעט, כדי עס ווידער אויסצוּוואַשן און עס ווידער פאַנאַנדערצוטראָגן שבת ביינאַכט, ווען דער הייליקער זונטיק רייט שוין ביי איר אויפן קוימנדל. פראַנצישעקל ווידער איז, ווי אַלע אויפדערנאַכט, געלעגן אין דער ראָגאָווער שענק און געשניפּט ווי א הונט ארום די טישלעך, טאָמער וועט אים עמעץ אונטעררוקן א קעלישעקל אָקעוויט. אינדערהיים, אין קאַלטן, פינצטערן שטיבל איז געווען איין באָלעק און זיין הינטל וואַצוש.

נאָך א גאַנצן טאָג אָנפרירן זיך אויף די גליטשן און שנייען, איז דאָס ייִנגל איצט געלעגן אָן איינגעדרייטער ווי א קנויל אויף דעם האָלצערנעם טאַפּטשאַן, דאָס איינציקע בעט פאַר דער גאַנצער משפחה און זיך געטוליעט אין אָנגעוואָרפענע שמאַטעס. לעבן אים, איינגעקורטשעט ווי ער, דעם דורכגעפרוירענעם פּיסק איינגעגראָבן אין אייגענעם בויך, איז געלעגן דער פריינט

זיינער, דער הונט. כאָטשביידע זענען געווען הונגעריק און געפרוירן, האָבן זיי דאָך רואיק געדרימלט. נישט פסח מלמד מיטן קאַנטשיק און נישט ירמיע דוד מיטן פּאַסעק האָבן נישט געהויערט איבער זיי פאַרן צעטרענצלען דעם טאָג אויף דעם פרייליקן גליטש און ווייס־בלענדנדיקן שניי.

דערהערט אז עמעץ גראַבלט דאָרטן פון יענער זייט שויב, האָט אייגנט־לעך וואַצוש. דאָס האָט ער געטאָן א שטעק אויס דעם קאָפּ מיט די האָרכענ־דיקע אויערן אין פינצטערן חלל אריין און טאַקע באַלד געטאָן א שפּרונג אַראָפּ צו דער טיר און גענומען בילן אַרויף, צו דער אייזערנער קליאַמקע, וואָס האָט אין דער פינצטער געלויכטן מיט דעם דורכגעזעצטן, ווייסן פראָסט, ווי א שטיק ברענענדיקער פאָספאָר. ערשט איצט האָט דער קליינער אונטער־געהויבן דעם צעקודלטן קאָפּ און פויל געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— יעך — האָט נתן חיים שטיל גערעדט אין דער שויב אַריין. — קים אַרויס, באַלעק.

— מיר קאַלט — האָט דאָס שגצ׳ל פויל צוריקגעלייגט דעם קאָפּ. — די קים אַריין.

— ניין, קים די בעסער אַרויס, יעך וויל דיר עפּעס זאָגן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל דער קליינער נתן חיים זאָל שטיין הינטער באַלעקס פענצטערל און נישט וועלן אַהין אַריינגיין. דאָס יינגל האָט זיכער נישט געוווסט די סיבה דערפון. ער האָט נישט געוווסט, אז דאָס איז די רעאַקציע נאָך דעם געשלאָגן ווערן, נאָך דעם הילפלאָזן איבערלעבן די דערנידערונג, די טיפע בושה פון געשמיסן ווערן אין די אויגן פון א גאַנץ חדר קינדער און גרויסע. ער האָט נישט געוווסט, אז דאָס איז א באַטירלעך געפיל ביי יעדן געשלאָגענעם, צו וועלן אַנטרינען, נישט צו וועלן זיך ווייזן פאַר קיינעם, אפילו נישט פאַר דער מאַמען, וואָס איז אים איצט אויך געווען פרעמד, ווייל אויך זי טרייבט אים אין חדר אַריין.

דעם שגצלס פויל צוריקלייגן דעם קאָפּ האָט וואַצושן אומרואיק גע־מאַכט. דער הונט האָט גענומען אימה׳דיק בילן. ער האָט געריסן מיט די פעד־דערשטע לאַפּקעס די קליאַמקע, וועלנדיק אליין עפענען די טיר און אַריינ־לאָזן זיין פריינט נתן חיים. נישט קאָנענדיק דאָס דורכפירן האָט דאָס שטומע באַשעפעניש געטאָן א שפּרונג צוריק אַרויף אויפן טאַפּטשאַן און גענומען מיטן פּיסק שלעפן און טרייסלען באַלעקן, ביז דאָס שגצל, א בייזער, שפּייענ־דיק און זידלענדיק זיך איז אַראָפּגעקראָכן און געעפנט די טיר.

— ני, וואָס שטייסטו אין דרויסן? — האָט ער פויל, שיבערענדיק זיך, באַגעגנט זיין חברל אין פינצטערן פעד׳ער־הייזל.

— ס׳איז מיר קאַלט — האָט נתן חיים זיך גענומען טוליען צום הונט, וואָס איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען מיט א צאַרט געבילעריי, לעקנדיק אים ס׳פנים און די הענט.

— די נישט מורא — האָט באַלעק ארויפגעלייגט אויף נתן חיימ׳ס אקסל זיין הענטל, וואָס איז געווען פארשלונגען אין גרויסן ארבל פון פראנטשיש־עקל׳ס סוויטקע. — קים אריין, טאטע נישטאָ, מאמע אויך נישטאָ.

— יעך וויל נישט — האָט נתן חיים אוועקגעדרייט ס׳פּנים, קוים איינ־האלטנדיק זיך פון געוויין.

— פארוואָס ? — האָט באַלעק אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן און אינסטינקטיוו ארומגענומען זיין חבר׳ל אויף מיטן צווייטן, האלב־ליידיקן ארבל.

— דער רבי האָט מיך געשלאָגן — האָט נתן חיים ענדלעך ארויסגעבוכעט אין א שטיל און טיף געוויין. ערשט איצט האָט דאָס קינד זיך באַכגעלאָזט. לעבן באַלעקן, דאָס נאָענטסטע נפש אויף דער וועלט, האָט ער געקאָנט פריי אראָפּרייסן אלץ וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אויף זיין קינדיש הערצל. אָנשפּארנדיק זיך מיט אַן אקסל אָן דער וואנט, ווי א גרויסער, איז ער געשטאנען לעבן זיין חבר׳ל, געקוקט אויף די פארמאכטע לאָדנס פון דיווארעמע שטובן און אים דערציילט וואָס מיט אים איז געשען נאָכן צוריק־קומען פון דעם גליטש.

— מ׳דארף דאַאַן רבין דערהרגענען — האָט דאָס שגצ׳ל זייער גערירט געזאָגט און דערביי זיך שטייפער איינגעוויקלט אין דער גרויסער סוויטקע, אָט, פונקט ווי דער טאטע זיינער, פראנטשישעקל טוט דאָס.

— מ׳טאָר נישט ! — האָט נתן חיים אזש אויפגעציטערט, גלייך ער וואָלט שוין גענומען ראטעווען דעם רבין פון זיין חברלס הענט. — גאָט שטראָפט פאר הרגענען א מענטש !

— די גיי נישט מער צו אזא רבין — האָט דאָס שגצ׳ל כאָטש מיט דעם געוואָלט אים העלפן.

א ווײַלע איז געווען שטיל. נתן חיים האָט אויפגעהערט העשען. די צוויי פארשווינדלעך זעגען געשטאנען אָנגעשפּארט אָן דער וואנט פאר־טראכט ווי צוויי דערוואַקסענע לייט. דער הונט האָט זיך דערווייל איינ־געקנוילט לעבן זייערע פיס און אויך געשוויגן. פלוצים האָט זיך באַלעק דערמאָנט :

— נאָסקע, פארוואָס מוזן קליינע זשידקעס גיין אין חדר ?

אָנשטאָט ענטפערן אויף דער הארבער פראגע, האָט גאָר נתן חיים זיך דערמאָנט נאָך וואָס אייגנטלעך ער איז דאָ אַהערגעקומען :

— קים זעך באהאלטן, באַלעק, יעך האָב מורא. דער טאַטע וועט מיך קימען שלאָגן.

דער קליינער באַלעק, האָט מיטאיינמאָל פארגעסן אָן זיין קשיה און אָן אויפגעלעבטער זיך צוגערוקט צו זיין חבר׳ל. אים איז געפעלן דאָס באהאלטן זיך. שפּילן זיך אין באהעלטערלעך האָט ער אלעמאָל ליב :

— גיט, לאָמיר זעך באהאלטן אין וואצושס בודע. קיינער עט אינז נישט געפינען!

— ניין, יעך מיין אויפן רעכטן אמת, האָט נתן חיים זיך אויפסניי צעווײנט. יעך על שוין קיינמאָל מער נישט אהיימגיין.

— אפשר אויפן היי־בוידעם? — האָט דאָס שגצ׳ל שוין גאָר ערנסט פאָר־געלייגט. — דאָרטן אהין עט דאַאָן טאטע נישט טרעפן.

בערציקס היי־בוידעם, וואָס איז געווען דריי הייף אוועק פון קאָזש־מינסקיס הויז, א בוידעם איבער פערד־שטאלן, טיף אראָפּ אין לאנגן הויף, איז שוין נתן חיימען יאָ געפעלן ווי א באהעלטעניש. אהין האָט ער אלעמאָל זיך ליב צו פארקלייבן. זומער־צייט, ווען דער בוידעם איז אָנגעפילט מיט פריש־געשניטן היי, כאפן זיך די צוויי לייט אהין ארויף, בראַיען דאָרטן ארום און אז קלאָס, בערציקס גויאישער משרת, זעט נישט, טוען זיי זיך א לאָז אַראָפּ דורך די בוידעם־לעכער גלייך אויף די פערד ארויף און אזוי, רייטנדיק, קיצלען זיי די פערד אין די בייכער, טשמאָקען מיט די ליפּן, הייבן זיך פון גרויס הנאה, אקוראט ווי די פערד וואָלטן מיט זיי געלאָפן אין א גאלאָפּ.

נתן חיים האָט שוין מער נישט געטראכט. ער האָט א צי געטאָן באָלעקן, יענער האָט א רוף געטאָן דעם הונט: „קים, וואצוש!" און אלע דריי האָבן זיך געלאָזט לויפן איבער קאָזשמינסקיס הויף אין אריין אין ווינטערדיק פארלאָזענעם סאָד. ווי אמתע פארשווערער, האָבן די צוויי לייט שוין נישט געוואָלט זיך ווייזן אין אָפענעם מארק נאָר געשפרונגען איבער פלויטן, געקראָכן ביז די קני אין דעם בלוי־בלענדענדיקן, אומבארירטן שניי, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו בערציקן אויפן בוידעם.

איבערגליקלעך פון דער פארשווערונג האָבן זיך די צוויי חברה־לייט פארקליבן אין א ווינקעלע, הארט אונטער די סטריכעס, זיך צונויפגעוויקלט מיטן הונט אין איין קנויל און געבליבן ליגן מיט איינגעהאלטענע אָטעמס, גלייך אונטן, אויפן הויף, וואָלט חלילה עמעץ געשטאנען און זיך צו זיי איינגעהערט. טאָמער האָט דער הונט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ זיך ארומ־צוקוקן און זיך א ביסל אויסבילן, האָבן די צוויי לייט אים גיך געטאָן א דעק איין דעם קאָפּ מיט א פאָלע און שטיל אים ארייגעמורמלט אין די הינטישע אויערן:

— טשיכאָ, וואצוש! שטיל זיי.

און עס איז טאקע געווען שטיל, אזוי שטיל אז זיי האָבן שארף גע־הערט קלאָסן טרעטן אין סקריפּענדיקן שניי און אז קלאָס האָט ארויפגע־צויגן א וויאדרע וואסער האָבן זיי קלאָר געהערט דעם פּליעסק פון אביסל וואסער, וואָס איז צוריק געפאלן פון פולן עמער אין דער טיפער ברונע

אריין. ביסלעכווייז זענען די טריט אויסגעגאנגען, ווייטער, ווייטער און עס האָט זיך שוין מער נישט געהערט ווי דאָס שווערע קייען פון פערדישע ציין, אונטן, אין שטאַל. צומאָל איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורכן פאַרסקען פון פערדישע נאָזדרעס אין דער קאָרעטע מיט האָבער, אָדער דורך א מעכטיקן זעץ פון אן אומרואיקן, פערדישן פוס אין דער שווערער בערווינע־וואַנט.

נאָך א ווײַלע ליגן שטיל און קוקן דורך די שינדל־לעכער אין די שטיקלעך בלוי־נאַכטיקן הימל, האָט באַלעק פלוצים אונטערגעהויבן דאָס צעפלאַשעטע קעפל, זיך אָנגעבויגן נענטער צו נתן חיים׳ען און אים א פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס, נאָסקע, די בינסט א ייד און יעך — א גוי ?

נתן חיים האָט נישט באַלד געענטפערט. עפּעס האָט ער נישט גלייך באַנומען די קשיה. זיין קינדישער דמיון איז גאָר איצט געווען אינגדערהיים זיינער. ער האָט איצט גאָר נאָכגעקוקט דעם טאַטן זיינעם, מיט דער לאַנגער, רויטער באָרד, ווי ער שטייט ארומגעגארטלט מיטן האַנטעך, אנטקעגן דער מזרח־וואַנט און שאָקלט זיך ביי דער מעריבדיקער שמונה־עשרי. אויך זי, די מאמע, האָט ער איצט געזען, ווי זי ליגט איבערן וויגל און זייגט דאָס שוועסטערל, אסתר פערעלען און זי וויינט אוודאי, די מאמע, שטיל־ערהייט, דער טאַטע זאָל נישט הערן, וואָס ער, נתן חיים, איז נישט אהיים געקומען און וואָס ער האָט גאָרנישט געגעסן פון וואַרעמעס אָן. און ער האָט איצט געפילט ווי ליב ער האָט די מאמע, וואָס נעמט זיך שטענדיק אָן פאַר אים און אים, דעם טאַטן, האָט ער פיינט, פיינט ! אזא טאַטע מעג שטאַרבן !

אָט דאָ, ביים טאַטנס שטאַרבן, האָבן די היים־בילדער זיך איבערגעריסן און זיין קינדישער דמיון איז קריקגעקומען אין שטאַל אריין. מיט איינמאָל האָט ער באַנומען דעם חבר׳לס קשיה :

— ווייל יעך קים ארויס פון יעקב׳ן און דו פון עשיו׳ן — האָט ער פויל ארויסגעלייגט דאָס ביסל וויסן, וואָס ער האָט שוין אָנגעזאמלט אין שטוב און אין חדר.

דער קליינער באַלעק איז פון דעם פּזמון גאָרנישט קלוגער געוואָרן. עפּעס האָט ער נישט געכאַפּט דעם זין פון די ווערטער. אין זיין ביסל יידיש לשון, וואָס ער האָט אויפגעקליבן דורכן שפּילן זיך מיט נתן חיימען, זענען אזוינע ווערטער ווי יעקב, עשיו, גאָרנישט געווען. יאַנקל, א יידישער נאָמען, דאָס האָט ער יאָ געהערט, אָבער נישט יעקב. ער האָט אפילו די ווערטער נישט געקאָנט נאָכזאָגן. ער האָט דעריבער א ווײַלע נאָכגעטראַכט, זיך ווידער געטאָן א זעץ אויף און אויפסביי געטאָן א פאַר ארויס :

— אין פאַרוואָס גייסטו צו א ראבין אין יעך נישט ?

— גוישקער קאָפּ — האָט זיך שוין נתן חיים צעבייזערט. — יעדן האָב דאָך דיר געזאָגט, יידן קימען ארויס פון יעקבֿ'ן דארפן זיי לערנען די תורה!

— און פין וואנען ווייסטו דאָס? — האָט באַלעק, נישט פארשטייענדיק סיי ווי דעם נייעם פּזמון, אים ווידער געפרעגט און דערביי, פון לאנגווייל, זיך גענומען קראצן דאָס צעשויבערט קעפל, וואָס איז געווען פול מיט היי און זיך שיבן די פּלייצע אָן דער קראָקווע פון דאך.

— מאַאַן מאמע האָט דאָס מיר געזאָגט — האָט נתן חיים מיט גרויס שטאָלץ אים געענטפערט.

— אין מאַאַן טאטע מיר געזאָגט, דאַאַנע זשידעס דערהרגעט אונזער גאָט! — האָט דאָס שגצ'ל מיט נישט ווינציקער שטאָלץ געטאָן א פּאָר־ארויס מיטן ביסל וויסן, וואָס פראנטשישעקל האָט אין זיינע שיכרות־אויס־ברוכן אין אים ארייגעקנאָוועט.

— א ליגן! — האָט נתן חיים זיך געטאָן א זעץ־אויף, גרייט צו דורס'ן דאָס חבר'ל. מאַאַן מאמע האָט מיר געזאָגט, אז ענקער גאָט איז נישט קאַ גאָט. ער איז גאָר א ייד. ווייל ער האָט גענומען פּליען אין דער לופטן, האָט אונ־זערס א רב זיך אויפגעהויבן העכער פון אים און אים אראָפּגעוואָרפן אויף א קרויט־פעלד, זענען געקומען די גויים און אים געמאכט פאר א גאָט און אים אוועקגעשטעלט מיט צעשפּרייטע הענט אויף אלע וועגן.

כאָטש נישט אלץ אין דער מעשה האָט באַלעק באנומען, האָט ער זיך דאָך געפילט געפּלעפט. זיין גאט האָט א זשידאָווסקע ראבין אראָפּגעוואָרפן אויף א קרויט פעלד? דאָס האָט אים דער טאטע זיינער גאָרנישט דערציילט. דערווייל אָבער, נישט וויסנדיק ווי ווייטער צו פירן דעם דיספּוט, האָט ער זיך שטילערהייט צוריקגעלייגט אין היי אריין און גענומען דעם הונט אויף זיך.

פאר א ווייל זענען די צוויי לייט געלעגן אָפּגערוקט איינער פון אנדערן, ממש ברוגז. באלד אָבער האָט דער קליינער באַלעק פארגעסן אָן גאנצן גאָט־דיספּוט. דער פריערדיקער הונגער האָט איצט שטארקער געריפּעט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאָפּ הייסע הירזש, וואָס די מאמע מוז שוין דאָרטן איצט האָבן פארטיק אויף וועטשערע.

— און ווי עט מען נעמען עסן? — האָט ער זיך צוגערוקט צו נתן חיימען.

אויך נתן חיים איז געווען הונגעריק. כל זמן די בושה פון געשמיסן ווערן האָט נאָך אָנגעהאלטן, האָט ער נישט געדענקט אָן עסן. איצט אָבער, אז די איבערלעבונג האָט זיך אלץ ווייטער פון אים אָפּגערוקט, איז דער הונגער געוואָרן שארפער. אויך ער האָט זיך פארטראכט: — טאקע, וואָס עט זיין? ווו וועט ער נעמען עסן?

האַו, האַו! — האָט זיך וואַצוש פּלוצים געטאָן א כאַפּ־אויף און גענומען בילן ארויף צום דאך, גלייך אויף ער וואָלט א פרעג געטאָן: „טאַ־קע, וווּ ווערט מען נעמען עסן?"

די צוויי קינדער האָבן גאָרנישט געוווּסט אז בעת זיי ליגן דאָ אויפן היי־בוידעם און אמפּערן זיך איבער געטער, האָט זיך דערווייל אין שטאָט צעשפּילט א זוכעניש איבער אלע הייף און שטאלן, אויף אלע וועגענער און אין די טיפע בייכער פון די מארק־טישלעך. זיי האָבן גאָרנישט־געוווּסט, אז צוליב זייער באהעלטעניש האָבן אזוי פיל מענטשן זיך ארויסגעלאָזט מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך אין די הענט און אלערליי לאמטערנעס און גייען דערשראָקענע ארום נישטערן אין אלע ווינקעלעך. דאָס האָט ער, וואַצוש, ליגנדיק איינגעקנוילט לעבן זיי אין היי, דערשנאָפּט די אָנקומענ־דיקע טריט פון ווי ווייט אוועק און זיך אזוי פריי און היימישלעך צעבולן.

דאָס זוכעניש האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן שוין שפּעט אין אָוונט. תחילת האָט חנה לאה אפילו מורא געהאט צו דאכטן דעם יינגלס נאָמען. ירמע דוד האָט אין שטוב געמאכט שווארץ שבת:

— אזא ממזר! ער עט זעך בא מיר נישט אויפכאָוון! שטיינער גאָר אין די פענצטער? לאָז ער נאָר אהיימקימען! יעך על אים דערהרגענען!

בגנבה האָט חנה לאה ארויסגעשיקט די יינגלעך זיי זאָלן זוכן נתן חיימען. אויך זי איז בגנבה ארויסגעלאָפן און גענומען אריינשניפן אין די פינצטערע קאמערן און שטאלן. אז זי האָט דאָס קינד נישט געפונען האָט די מורא אין איר גענומען שטייגן. זי קאָן נתן חיימען. דער יינג קאָן נאָך חלילה זיך א מעשה אָנטוען:

— נתן חיים! — נתן ח—יי—ם! — האָט זי געריפן און דאָס איבערגע־שראָקענע קול האָט זיך צעטראָגן איבערן פינצטערן מארק און צוריק גע־ברענגט א פחדיקער ווידער־קול: נ—ת—ן ח—יי—ם!

אויף אירע געשרייען זענען זיך צונויפגעלאָפן שכנים, וואָס האָבן זיך מיט איר אוועקגעלאָזט איבער די פינצטערע הייף, נישטערנדיק מיט די לאמטערנעס און אָנגעצונדענע ליכטלעך אין אלע ווינקלען.

אויך ירמע דוד האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן אומרואיק. ווער ווייסט צי דער יינג האָט טאקע נישט א מעשה זיך אָנגעטאָן?

— לייבל משה! לייבל משה! — האָט ער געריפן דעם עלצטן בחור, לויפנדיק אליין מיט דער לאמטער און מיט א צעפּעכערטער באָרד פול מיט שרעק: לייבל משה! אין פייער־שאָפע האָסטי אריינגעקיקט?

די שרעק אין שטאָט איז גאָר געשטיגן ווען די פראנטשישקאָווע, זעענ־דיק אז אויך איר באָלעק איז נישטאָ, האָט זיך צעלאָזט איבער דעם פאר־שנייעטן מארק, מיט די צעבומענע עקן פון איר פאטשיילע, ווי אן איבער־געשראָקענער פויגל און גענומען רופן:

— באַלעק! ב—אַל—טשו—ו—ו!

אויף דער גויעס געשרייען איז אָנגעלאָפן פראַנטשישעקל און נאָך אים פון שענק אַרויס, דער שענקער מיטן ברודיקן פאַרטוך אויפן גרויסן בויך. באַלד האָבן זיך געיאָוועט די סטראַזשניקעס און די זעלנערישע פּאַטרולן מיט די ביקסן אין די הענט. אויך ציווילע גויים האָבן זיך געוויזן אין מאַרק. נאָר אָנשטאָט זיי זאָלן זיך, ווי די יידן, אוועקלאָזן מיט אָנגעצונ־דענע לאַמטערן זוכן, האָבן זיי זיך גענומען פאַרדעכטיק קלייבן אין טונ־קעלע ווינקעלעך און שוין איז דער האַלב־שיכּורער פראַנטשישעקל גע־לאָפן ווי א ווילדער, אין בלויזן קאָפּ און געשריגן:

— די זשידקעס האָבן מיר פאַרשלעפּט ס'ייִנגל! זיי וועלן אים אויסצאַפּן ס'בליט אויף זייער זשידאָווסקע פּסח!

ערשט איצט איז געוואָרן אן אמת'ע מהומה אין שטאָט. אין דער מהומה האָבן זיך געיאָוועט שקצים, וואָס האָבן אונטערגעשטעלט פיסלעך די צע־שראָקענע יידן מיט די אָנגעצונדענע לאַמטערן אין די הענט.

— יעזוס־מערדער — האָבן זיי געשריגן. — ווו האָט איר פאַרשלעפּט דאָס קאַטויליש ייִנגל?

אָט דענצמאָל, ווען דער אויפגעלויף איז געוואָרן אזוי גרויס, האָט זיך דאָס וואַצוש צעבולן, און א האַלבע שטאָט מיט מענטשן, מיט אָנגעצונדענע לאַמטערן, מיט ברענענדיקע ליכט, וואָס האָבן זיך געלאָשן אין ווינט, זענען דאָס געקומען אָנצולויפן צו בערציקן אויפן הויף אַרויף.

גיכער פון אַלעמען זענען געלאָפן חנה לאה און דער הויכער אייזיק. ביידע האָבן געוווסט אז כאָטש יערמע דוד האָט אָפּגעפּאַסט ביי זיך דאָס ייִנגל נישט אָנצורירן, וועט ער איצט, נאָכדעם ווי דער קלייִנער האָט זיך טאַקע אָפּגעזוכט, זיך נישט קאָנען איינהאַלטן.

— יערמע דוד — האָט דער הויכער אייזיק מיטן טריפנדיקן ליכטל צווישן די פינגער געזאָגט צו דעם ייד מיט דער רויטער באָרד — יעך וואָרן דיך זאָלסט גיין מיט דעם ייִנגל מיט גיטן. האאַנט האָט ער זעך בלויז באַהאַלטן, ער קאָן אָבער חלילה אָפּטאָן א מיאוסע מעשה. ער איז פון דעם גאַטונעק, געדענק, יערמע דוד!

קאַפּיטל פופצן

דאָס באַהעלטעניש אויף בערציקס היי־בוידעם האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין יערמע דוד'ס שטוב. צומאַרגנס, נאָך דער באַהעלטעניש, איז שוין נתן חיים נישט אַרויס פון דער שלאָף־באַנק. ביז אַ שטיק אין טאָג אַריין איז ער געשלאָפן און מען האָט באַשיינפּערלעך געזען אַז ער גליט פון היץ. שפּעטער, ווען ער האָט געעפנט די אויגן און געוואָלט אויפשטיין, איז אים דער קאָפּ צוריקגעפאַלן צום קישן. מיט איינמאָל איז ער געוואָרן ווייך און שלאַבעריק. די ליפּן זענען אים געווען בלוי און פאַרטריקנט און שטיקלעך הויט האָבן זיך געשיילט פון זיי ווי דינע שניצעלעך פּאַפּיראָס־פּאַפּיר.

ווי תמיד, בעת אַ קרענק אין שטוב, האָבן זיך די ראָלן איבערגעביטן. בעת אַ שלאַפקייט פלעגט יערמע דוד ווערן אַן אַנדער מענטש, ער פלעגט ווערן ווייך און נאָכגעביק צו די קינדער. אַלע ווײַלע פלעגט ער צוגיין צום קראַנקן קינד, זיך איבערבויגן איבערן בעט, עס אָפּלעקן דעם שטערן, עס אָפּהוטן און אויסשפּייען דריי מאָל: „פּו, פּו, פּו", אַ סגולה צו אַן עין הרע. אויך איצט איז ער צוגעגאַנגען צו דער שלאָף־באַנק, זיך איינגעבויגן איבערן ייִנגל, אָזש די רויטע באָרד האָט באַרירט דעם קינדס גליענדיק פּנים:

— וואָס טוט דיר וויי, זינעשי?

ווי אַלעמאָל בעת אַן אומגליק איז שוין יערמע דוד נישט געגאַנגען אין מאַרק אַריין, נאָר אַ גאַנצן טאָג געהיט, דאָס פייער אונטער דער פּליטע זאָל נישט אויסגיין, און געווען גרייט מיטן בייטעלע געלט:

— נאַ, חנה לאה, ברענג אַ קוואַטירל מילך, קויף אים אפשר אַ זעמעלע?

חנה לאה דאַקעגן פלעגט אין אַזעלכע פאַלן זיך נישט פאַרלירן. בטבע אַ רואיקע, אַ געלאַסענע, מיט אַ סך בטחון אין האַרץ, פלעגט זי דעם מאַן טרייסטן:

— צאַפּל זיך נישט אַזוי, גאָט עט העלפן. ער עט זיך איבערליגן עט אים מיט גאָטס הילף בעסער ווערן. ס'איז דען אַ חידוש? אַ גאַנצן טאָג אויף דעם גליטש, דערנאָך זיך אָנגעפרוירן אויפן בוידעם. דערבײַ האָט זי שטילערהייט אָפּגעבן אַ שבח צו זיין ליבן נאָמען: „וואָס ער טוט איז נאָר צום גיטן. ערשט אין אַ בויט זעט מען ער איז פּאַרט אַ טאַטע. אַזוי דאַכט זיך ס'ייִנגל אַרט אים גאָרנישט. איצט ערשט זעט מען..."

ווי אַ געניטע מאַמע האָט זיך חנה לאה אַליין געפּאַרעט אַרום ייִנגל,

אים געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, געשטעלט אים אַ פּלייצע טרוקענע באַנקעס, צוגעלייגט אים א גאָרטשיצע־פּלאַסטער צום הערצל. אזוי זענען אוועק עטלעכע טעג. אברהם יאנקל איז דערווייל געשלאָפן מיט בתן חיימען אין דער זעלבער שלאָף־באַנק, ווי תמיד, ביז, איינמאָל אינדערפרי, האָט שוין אויך ער נישט געקאָנט אויפשטיין. ער האָט געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי, די פיס ברעכן אים.

— גאָט ווייסט וואָסער געלעגערל עס בעט זיך מיר דאָ! — האָט חנה לאה שטיל געזיפצט און זיך געבראָכן די הענט.

איצט האָט שוין יערמע דוד מער נישט געוואָלט וואַרטן. דעם זעלבן טאָג האָט ער גערופן אהרן פעלדשער. יענער, ווי זיין שטייגער, איז געקומען אָנצוגיין מיט גרויס אָנשטעל, זיך גענומען זייפן די הענט, ווי דאָקטאָר סאָכאַצקי, געקלאַפּט מיטן מיטלסטן פינגער איבער די יינגלעכס ריפּלעך, ווי סאָכאַצקי, און צום סוף געהייסן רופן סאָכאַצקין.

— ווי דען? — האָט חנה לאה געזאָגט נאָכן פעלדשערס אוועקגיין. — א האנט וואַשט א האנט. סאָכאַצקי רירט זיך נישט אָן אים און ער רירט זיך נישט אָן סאָכאַצקין.

דערווייל אָבער, ביז מען האָט גערופן סאָכאַצקין, איז הינדע פייגע אויך איינגעפאַלן. דאָס דרייצן יעריקע מיידל איז שוין פון עטלעכע טעג אַרומגעגאַנגען ווי א דעררופענע. זי האָט נישט געגעסן, זי האָט נישט געקאָנט פארהייבן די הענט זיך צוצוקעמען די צעפּלאָשעטע האָר, ביז, איינמאָל, ביים זיצן און שיילן אַ פּאָר קאַרטאָפל, איז איר דאָס מעסער אַרויסגעפאַלן פון די הענט און מען האָט זי שוין געמוזט אויסטאָן און ווי אַן עופהלע צוטראָגן און זי אַריינלייגן אין בעט.

איז שוין דאָקטאָר סאָכאַצקי געקומען צו דריי חולאים מיט אַמאָל. אין איין בעט האָט ער געטראָפן ס׳מיידל מיט א צעוואָרפענעם קאָפּ קופּער־רויטע האָר. אין אַנדערן בעט איז געלעגן איין קראַנק יינגל. אין דער שלאָף־באַנק — נאָך אַ קראַנק יינגל און אין מיטן שטוב, אין ווינקעלע, זיצט גאָר אַ קינד, ווייזט אויס נאָך אַ געזונטס, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר, מיט א בלאס פּנימל און גרויסע, יידישע, סאַמעט־ווייכע אויגן. און טאָמער איז דאָס ווינציק קריכט די זשידוווקע אַרום מיט אַ הויכן, פאַר־ריסענעם בויך, אָט, אָט ווידער זיך צו לייגן אין קימפּעט אַריין.

דער אַלטער דאָקטאָר, אין טכויערנעם פעלץ, מיטן ווייכן, קאַראַקור־לענעם היטל, ווי א שיפּעלע אויפן קאָפּ, איז א ווייל געשטאַנען, געקוקט אַרום זיך און געמורמלט פון אונטער די ווייסע, שווערע וואָנסעס אַפּער:

— באָזשע מאָי, וואָס דאָ טוט זיך?!

דעם אַלטן גוי האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט נעכטן איז ער דאָ געוועז.

אַט ערשט האָט ער די זשידוווקע אַרויסגעראַטעוועט פון אַ טויטלעכער קימפּעט און איר אָנגעזאָגט זי זאָל מער קיין קינדער נישט האָבן. דאָ, נאַדיר! אַט איז שוין איינס אין וויגל און נאָך איינס אין בויך און גאָט ווייסט וויפל נאָך די זשידוווקע קאָן אַזוי אָנהאָבן!

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט ער זיך געטאָן אַ דריי אויס צו אַהרן פעלדשער, וואָס איז, ווי תמיד, געשטאַנען הינטער אים, גרייט אים צו באַדינען, ווי א משמש דעם רבי'ן — אַראָן, וואָס קינדלען זיי אַזויפיל דיינע זשידקעס? זיי ווילן דאָך פאַרפלייצן פוילן מיט יידעלעך!

— זאַלץ אין די אויגן און פעפער אין די נאָז, — האָט חנה לאה שטילער־הייט געזאָגט און דערביי איינגעצויגן דעם אַרויסשטאַרצענדיקן בויך — ווי אים קריכן דאָס די אויגן אַרויס אויף מיינע קינדער.

אַן אַנדערן וואָלט יערמע דוד פאַר אַזוינע רייד אַרויסגעטריבן ווי מען טרייבט אַרויס אַ הונט. סאָכאַצקי אָבער איז דאָך אין תוך אַ דימענט פון אַ גוי. ער מיינט דען חלילה שלעכטס? אַט רעדט ער, ווי אַלע פּריצים!

סאָכאַצקי האָט סוף כל סוף אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טוליפּ, אויסגעטאָן די מאַרינאַרקע, זיך געלאָזט פון אהרן פעלדשער אַרויפשאַרצן די אַרבל פון ווייס־בליאַנקענדן העמד, גוט אויסגעזייפט די הענט און אַט אַזוי, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, אין דער גרין פּליושענער וועסט מיט דער גאָלדענער קייט פון איין וועסטל־קעשענקעלע צום צווייטן, איז ער געגאַנגען פון בעט צו בעט, געהאָרכט מיט די רויטע, אָנגעפּרוירענע אויערן צו די אויסגעוואָרעמטע פּלייצעלעך, געקלאַפּט מיטן מיטל־פינגער איבער די ריפּלעך, ווידער געגאַנגען פון בעט צו בעט און פּלוצים געבליבן שטיין שטיל און גענומען קוקן, דאָ אויף יערמע דודן, דאָ אויף חנה לאהן, און דאָ גאָר אויף אהרן פעלדשער, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אים נאָכ־געפאָלגט מיט פרעגענדיקע אויגן און, מאָדנע, אַנשטאָט, ווי אַלעמאָל, נעמען זיי טרייסטן, זאָגן זיי אַ גוט וואָרט האָט ער גאָר גענומען טופּען מיט די פיס און שרייען צום פעלדשער:

— אָשאָל דו! אייזל קאָפּ! א קאָפּ האָסטו? א ת... האָסטו אויף די פּלייצעס! אַ פעלדשער ביזטו? א צירולניק ביזטו! מאָרדעס דאַרפסטו גאָלן! אַזויפיל יאָר ביזטו לעבן מיר און ווייסט נאָך אַלץ נישט די סימנים פון א טיפוס? און דו, רויטער קאָזשאָל — האָט ער זיך פּלוצים געטאָן א דריי אויס צו יערמע דוד'ן — קינדער פּלאָדיעסטו אָן, כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דיין ווייב קאָן נאָך שטאַרבן אין די קימפּעטן

פון סאָכאַצקעס גאַנצן טופּען מיט די פיס און שרייען איז בלויז דאָס וואָרט טיפוס געבליבן אין אַלעמענס אויערן. אַלע איבעריקע רייד זיינען זיך צעקראָכן ווי רויך. אָבער דאָס איינע וואָרט האָט אָנגעטראָגן

אַ יללה אין שטוב. נישט נאָר ירמע דוד און חנה לאה, אויך אהרן פעלדזשער איז געווען זיכער, אַז אַלע קינדער זענען חלילה אויף טיפוס. לייבל משה, כאָטש שוין אַ זעכצן יעריקער חתן־בחור, וואָס איז צוליב די קינדערס שלאָף־ווערן נישט געגאַנגען אין בית־מדרש אַריין לערנען, דערהערנדיק דאָס וואָרט טיפוס, האָט ער אָוועקגעדרייט דאָס פּנים און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ירמע דוד האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין, ווי ער וואָלט חלילה אַראָפּ פון זינען. בלויז חנה לאה, אַ פרוי אין די הויכע חדשים, כאָטש זי איז געוואָרן ווייס ווי קרייד, דערהערנדיק דאָס וואָרט און די קני האָבן פון שוואַכקייט ביי איר געציטערט, האָט זי זיך דאָך איינגעהאַלטן און געלאַסן געפרעגט:

— וואָס זאָל מ׳איצט טאָן, פּאַניע דאָקטאָר?

סאָכאַצקי איז געוואָרן גערירט פון איר געלאַסנקייט. אַ רגע האָט ער געקוקט אויף איר מיט די אַלטע קלוגע אויגן:

— ביזט עפּעס גאָרנישט קיין יידישקע — האָט ער איר געמאַכט דעם העכסטן קאָמפּלימענט: — ווי קומסטו צו דעם קאָזשאָל? — האָט ער זי געפרעגט, ווייזנדיק אויף ירמע דוד׳ן, וואָס איז געשטאַנען ביי דער פּליטע און זיך געבראָכן די הענט און געקלאָגט אויפן קול ווי אַ יידענע.

— וואָס טאָן? — האָט דער דאָקטאָר איבערגעחזרט איר פראַגע. — שוין ארויס פון דאנען! דו און אלע קינדער! בלויז דאָס מיידל זאָל דאָ בלייבן און זיין מיט איר זאָל דאָ דער טאַטע, דער קאָזשאָל דיינער.

— אָבער וווּ גיין? דאָקטאָר האַרציקער?

שכנים אויפן הויף האָבן זיך געסודעט. יעדער האָט געהייסן דעם אַנדערן זיך מרחם זיין און טאָן אַ מצוה. ביז דער הויכער אייזיק האָט זיך אַריינגעמישט:

זיין שטוב? אדרבה ואדרבה! ביז דער אויבערשטער וועט שיקן א רפואה שלמה!

ווייבער האָבן אפילו שטילערהייט געברומט:

— וואָס מאַכט ער זיך פאַר אזא גוטן? אַז קיין אייגענע קינדער זענען נישטאָ, וואָס־זשע שטעלט ער דאָ איין?

ערשט איצט האָט מען געוווּסט, אַז בלויז דאָס מיידל איז איינגעפאַלן אויף טיפוס. די צוויי יינגלעך קרענקען גאָר אויף אַנדערע חולאתן. ס׳אַ סברא, אַז אפילו סאָכאַצקי ווייסט נישט אקוראַט וואָס זיי איז.

וואָכן זענען אַוועק, דורך דער צייט האָט ירמע דוד דעם מאַרק פאַר די אויגן נישט געזען. ער איז געווען אָפּגעזונדערט אין שטוב מיטן מיידל, ווי אַ מצורע. יעדן צווייטן טאָג, פּינקטלעך דריי אזייגער, איז סאָכאַצקי געקומען. ביים אַריינגיין האָט דער גוי אָנגעטאָן אַ ווייסן כאַלאַט

און ביים ארויסגיין אים אויסגעטאָן. ביי יעדן מאָל אוועקגיין האָט ער נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן יערמע דודן ער זאָל קיינעם איבער דער שוועל נישט אַריבערלאָזן.

אין אַ קורצער צייט איז יערמע דוד ממש געבליבן אין איין העמד. אויפן גלאָז־שענקל און אויפן טיש, ביי אים אין שטוב, ווי ביים הויכן אייזיק, ווו חנה לאה מיט די קינדער זענען אַריינגענומען געוואָרן, זענען געווען אָנגעשטעלט פלעשלעך און סלאָיקלעך און שאַכטלעך פול מיט מעדיצינען און זאלבן און אלערליי פילן און יעדעס מאָל האָט מען פארשריבן נייע און יערמע דוד האָט חלילה נישט געזאָגט, שוין גענוג! אדרבה, יעדעס מאָל האָט ער געעפנט ס׳געלט־בייטעלע און זיך געבעטן ביים דאָקטאָר:

— אין איין העמד לאָז מיך, אָבי ראַטעווע מיר די קינדער.

און דאָקטאָר סאָכאַצקי האָט זיך מער נישט גַעבייזערט אויף אים און אים מער נישט גערופן: „רויטער קאָזשאָל״. פאַרקערט, ער האָט אים געטרייסט: „גאָט וועט העלפן״. און אַז ער האָט געטראָפן אַן אָפן סידורל אויפן טיש האָט ער יערמע דודן פאָטערלעך געקלאָפּט איבערן אַקסל:

— גוט אַזוי, זשידקו, בעט גאָט, נאָר גאָט קאָן העלפן!

און חנה לאה, יעדעס מאָל וואָס דאָקטאָר סאָכאַצקי האָט באטראכט די יינגלעך און זיך פאַרנומען אַריינצוגיין באַטראַכטן ס׳מיידל, איז אים נאָכגעגאַנגען און זיך געשטעלט הינטער איר אייגן פענצטער. איר האַרץ האָט זיך געקורטשעט קוקנדיק דורך דער שויב אויף דעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ פון איר קינד, אויף דעם אויסגעצערטן, פארשפּיצטן פּנים. איר גאַנץ געביין האָט געציטערט און זי געצויגן אַריין אינווייניק, כאַפּן דאָס מיידל אין אירע הענט אריין, זי צודריקן צו איר ברוסט:

— קינד מיינס — האָט זיך אריינגעקלאָגט דורך דער שויב. — זאָלן דיינע גאָלדענע האָר זיין אַן אָפּלייזער פאַר דיר.

ווי נאָר דאָקטאָר סאָכאַצקי איז אַרויסגעקומען האָט זי אים ווידער גענומען נאָכגיין, ווי א הכנעה׳דיק הינטל א האר, טאָמער וועט ער זיך אומקוקן און איר זאָגן אַ וואָרט פון טרייסט. באַלד אָבער איז זי צוריק צוגעלאָפן צום פענצטער ווידער צוגעלייגט דאָס בלאַסע פּנים צו דער שויב און אַריינגעפרעגט יערמע דודן:

— וואָס האָט סאָכאַצקי דיר געזאָגט? מיר וויל ער דאָך גאָרנישט זאָגן!

פונקט ווי חנה לאה׳ן איז צעריסן געוואָרן ס׳האַרץ, וואָס זי קאָן נישט זיין לעבן מיידל, אַזוי האָט יערמע דוד אינווייניק זיך געצאַפּלט, וואָס ער קאָן נישט זיין מיט די יינגלעך, אויף זיי אכטונג געבן. עפּעס ווי אָן אים וואָלט די יינגלעכס לעבן אָפּגעהאָנגען:

— און וואָס מאכט אברהם יאנקל? און נתן חיים? — האָט ער, צודריקנ־

דיק דאָס רויט־באַוואַקסענע פּנים צו דער שויב זי צוריקגעפרעגט פון שטוב אַרויס.

— האָסט נאָך ברויט? האָט חנה לאה זיך דערמאָנט אים צו פרעגן, באַדויערנדיק אין דער שטיל: „ווײ, ווי ער זעט שוין נעבעך אויס. מיט וואָס קומט ער דאָרט אָפּ די טעג!

וואָכן זענען דערווייל געגאַנגען. די פּרעסט זענען אַוועק. לינדע, מאַרצאָווע ווינטן האָבן געבלאָזן. דאָס גלאַנציקע אײז אַרום דער ברונע האָט גענומען שמעלצן. אַ בלאָטע איז אָנגעשטאַנען. לויטן חשבון האָט שוין חנה לאה באַדאַרפט זיך לייגן אין קימפּעט און דאָ האָט זי נאָך אַלץ אַרומגעהויערט איבער די חרובע יינגלעך, ווי א פויגל אַרום איר נעסט. און זי האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האַלט זי אויף די פיס און וואָס ער האָט געטאָן מיט איר אַ חסד, וואָס דאָס קליינע אסתר פּערעלע איז געזונט, וואָס דאָס פּיצל קינד איז נישט אָפּגעזענגט געוואָרן אין דעם פייער און וואָס לייבל משה גייט אַרום און זי האָט כאָטש ווער עס זאָל לויפן אין אַפּטייק נאָך די רעצעפּטן. און נאָך האָט זי געדאַנקט זיין ליבן נאָמען, וואָס עס זענען דאָ אַזוינע גילדענע מענטשן, וואָס אין דעם אומגליק האָבן זיי געעפנט פאַר איר מיט די קראַנקע קינדער זייער שטוב און איר אָפּגעגעבן די בעטן און אַליין וואַלגערן זיי זיך שוין וואָכן לאַנג אויף דער פּאָדלאָגע.

אָט אין מיטן די זעלטענע רגעס פון טרייסט און בטחון, ווען איר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער חושך צערינט, האָט זיך אומגעריכט דער הימל איבער איר קאָפּ אויפגעריסן און דער גרויליקסטער דונער, וואָס קאָן טרעפן אַ מאַמען, האָט זיך אויף איר אַראָפּגעלאָזט.

אין מיטן איינגעבן נתן חיים׳ען א לעפל מעדיצין, האָבן אירע אָנגע־שפּיצטע אויערן אויפגעכאַפּט אַ געשריי. כאָטש קיינער אַרום האָט לחלוטין גאָרנישט געהערט, איז זי געווען זיכער, אַז זי הערט יערמע דוד׳ן שרייען און נישט נאָר הערט זי, נאָר עס האָט זיך איר געדאַכט אַז זי זעט, גלייך די פיל ווענט צווישן איר דאָ און יערמע דוד׳ן דאָרטן, האָבן זיך אויפגעלעזט און זי זעט קלאָר ווי ער שלאָגט זיך מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ אַריין.

פון זיך אַליין איז דער לעפל מיט מעדיצין אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט. ווי געטראָגן פון אַן אומגעזעענעם כוח האָט זי גענומען לויפן. דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין לויפן נאָר א מין הויב און שוועב. מיטן שווערן לייב האָט זי געטאָן אשוועב, ווי עמעץ וואָלט זי א כאַפּ־געטאָן אויף אומגעזעענע פליגל. אין דעם שוועבן האָט זי קלאָר געהערט יערמע דוד׳ס קול:

— וואָס טויג מיר שוין מאַן לעבן...

חנה לאה איז שוין נישט דערלאָפן. אין מיטן הויף איז זי געטאָן אַ פאַל און אָנשטאָט אהין ווו יערמע דוד האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואנט און געשריגן „וואָס טויג מיר שוין מיין לעבן״, האָבן אָנגעלאָפענע שכנים. ווייבער און מאַנצלייט, זי געטראָגן צוריק צו אייזיקן אין שטוב אַריין. אין מיטן יערמע דוד׳ס קלאָגן אויפן טויט פון הינדע פייגען, האָט מען חנה לאהן געלייגט אין אַ פרעמד בעט אַריין ברענגען אויף דער וועלט אַן אַנדער לעבן און שפּעטער בעת צוויי חברה־קדישא ווייבער, איינגעהילטע אין שוואַרצע טיכער, זענען פון איין ווינקל שטאָט געגאַנגען פּאַוואָליע, מיט געמאָסטענע, נישט איילנדיקע טריט, צו יערמע דוד׳ן אין שטוב־אריין אָפּהייבן דאָס מיידל־מת, איז פון אנדערן ווינקל־שטאָט, פון סאמע קאָכיקן מארק אוועק, אָנגעלאָפן די אלטע שרה אין איר רויט־פּליושענער שובע, מיט אירע גיכע טריטעלעך, גיך, גיך צום הויכן אייזיק אין שטוב אריין, העלפן דעם רבונו של עולם גוט מאכן א שאָדן, אומקערן חנה לאה׳ן אַ לעבן פאַר אַ לעבן, אַ קינד פאַר אַ קינד.

און דער הויכער אייזיק, וואָס האָט געמוזט ארויס פון דער איינציקער שטוב, ווו אַן אשה גייט צו קינד, דערזעענדיק פון איין זייט די צוויי חברה־קדישא־ווייבער און פון דער אנדערער זייט די אלטע שרה, איז געבליבן שטיין, געטאָן א הילפלאָזן הייב מיט די אקסלען, א צענעם די צוויי הענט און אַרויפקוקנדיק צום הימל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— טאַטע זיסער, די ביזט גערעכט און דאַאָן משפּט איז גערעכט!

קאַפּיטל זעכצן

עס איז געווען אַ טריבער, רעגנדיקער טאָג ווען ירמיה דוד איז געגאַנגען צוריק פון בית עולם, טריב און טרויעריק ווי זיין געמיט. אַ פאַרשטומטער, אַן איינגעבויגענער, האָט ער געשלעפּט די שווערע, מידע פיס איבער דעם צעווייקטן, פוילישן וועג, וואָס פירט פון בית הקברות צוריק אין שטאָט אריין.

מיט ירמיה דודן צוריק פון דער לויה זענען געגאַנגען נאָך פיר פאַרשוין. פון זיין רעכטער זייט, איינגעבויגן און פאַרשטומט ווי ער, איז געגאַנגען לייבל משה, דער אונטערגעוואַקסענער בית מדרש בחור. אין דער לינקער זייט, שטיל און פאַרטראַכט, די הענט פאַררוקט אין די ארבל, איז געגאַנגען דער הויכער אייזיק און פון הינטן, א פּאָר טריט אוועק, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט צוויי ווייבער, צוועטל, ירמיה דוד׳ס שוועסטער און רויזע, דעם הויכן אייזיקס ווייב, די איינציקע צוויי קלאָגערינס אויף דער פאַריתומטער לויה.

פּאַוואָליע, טריט ביי טריט, האָט די קליינע פּראָצעסיע געצויגן צווישן די נאַקעטע, טריבע פעלדער, אונטער דעם דין־עסנדיקן רעגנדל. נישט געווען איצט וואָס זיך צו איילן. אהין־צו־וועגס, צום בית עולם, האָבן די פּאָר אבלים נעבעך געדאַרפט אלעמאָל אונטערלויפן, כדי נאָכצויאָגן די פור מיטן איבערגעדעקטן מת. שלמה׳לע זעלנער, דער חברה־קדישא־שמש, אַן אַלטער באַלעגאָלע מיט אַ רויט־פאַרשיכורטער נאָז, האָט זיך אַרויפ־געכאַפּט אויפן וואָגן פון מת און געבומען טרייבן ס׳פערד, גאַרנישט ווי צו אַ לויה. ער האָט געיאָגט גלייך ער וואָלט געפאָרן אויף אַ חתונה! אומשטיינסגעזאָגט, אַן אָרעם מת און נאָך כמעט א ילד דערצו, וועט זיך שלמה זעלנער מאַכן דערמיט אַ צימעס, אפשר גאָר אָפּפּטרן אַ גאַנצן טאָג דערביי?

— ווײ, ווײ, אזא געכער בראָך! — האָבן די צוויי ווייבער אלעמאָל ארויסגעהעשעט און באלד צוריק שטיל געוואָרן. נאָך אלעמען, אפילו קלאָגן קאָן מען נישט לאַנג אַליין. און נאָך קיין ווייבערישע מיטגייערינס, וואָס זאָלן אונטערהאַלטן דאָס קלאָגן, זענען נישט געווען. אפילו דער מאַמען איז נאָך נישט באַשערט געווען צו זיין ביי דער לויה. אַ צוגעשמידטע צום בעט, מיט אַ ניי־געבוירן עופה׳לע ביי דער זייט, איז זי דאָרטן געלעגן

אין אַ פרעמדער שטוב און אין אַ פרעמד בעט באַקלאָגט דעם טויט פון איר קינד.

צוקומענדיק נאָענט צו דער שטאָט, האָט זיך דער הויכער אייזיק אָנגעבויגן צו יערמע דודן און געזאָגט:

— פאָלג מיך יערמע דוד, זיץ אָפּ שבעה ביי מיר. זאָלסט נישט מער איבערטרעטן דיין שוועל! נאָך שבעה, איה"ש, זאָלסטו משנה מקום זיין, אַזוי האָט בפירוש געזאָגט דער רבי זאָל לעבן. יעך האָב אַנימלט דיך מזכיר געווען ביים רבין, האָט ער געזאָגט זאָלסט תיכף משנה מקום זיין. וואָרום ס'שטייט בפרוש: משנה מקום משנה מזל. אין אַ נייער דירה וועט דער אויבערשטער העלפן אין וועסט שוין באַהיט ווערן פון צער.

יערמע דוד, כאָטש זיין געמיט איז געווען אזוי צעבראָכן און ס'האַרץ זיינס — אין פריש־פאַרשאָטענעם קבר, האָט ער דאָך באַנומען דעם הויכן אייזיקס שטילע, האַרציקע רייד און אַ וואַרעם געפיל פון גרויס דאַנקבאַר־קייט האָט אים אַרומגענומען צו דעם שכן, וואָס איז אים געטרייער ווי אַ ברודער. אַ ברודער וואָלט אפשר נישט געטאָן אַזויפיל ווי דער דאָזיקער פרעמדער ייד טוט. עס איז אמת, רויזע, ס'ווייב זיינס, האָט עטלעכע מאָל געלאָזן פאַלן א וואָרט, וואָס האָט געשניטן שאַרפער ווי מעסערס. כאָטש קריקגעשמועסט, קאָן מען דען פאַראיבל האָבן אויף איר? אין דער בהלה, ווען מען האָט אויף גיך אַרויסגעכאַפּט די ייגגלעך און זיי אַריינגעטראָגן צו אייזיקן און חנה לאה מיטן קליינעם און אסתר פּערעלע זענען נאָכ־געקומען, האָט יעדער געמיינט, אז דאָס איז נאָר אויף א ווייל. וואָרום ביי דער רויזען איז דען א שפּיטאָל? אָדער כאָטש א געררים הויז פון עטלעכע שטובן? אינגאַנצן איין שטוב, אַרבעט דאָרט אייזיק מיט צוויי געזעלן און אַ קונה קומט דאָך אויך אַריין און אַליין איז מען דאָך אויך לעבעדיקע מענטשן. כאָטש, וואָס אַן אמת, קיין קינדער האָבן זיי נעבעך נישט, אייזיק און רויזע. נאָכן ערשטן קינד, וואָס איז אין קימפּעט אָוועקגעקומען, האָט זיי גאָט געשטראָפט און פאַרשלאָסן איר טראַכט. ווען זי האָט אָפּגעטראָטן איר און אייזיקס בעט, איז רויזע זיכער געווען אַז דאָס איז נאָר אויף אַ טאָג־צוויי, אפשר אַ וואָך. דאָ, נישט פאַר קיין ייד געדאַכט, האַלט עס שוין אַן וואָכן און איצט האָט זיך גאָר חנה לאה דאָרטן געלייגט אין קימפּעט אריין.

— ניין, אייזיק, כ'על ליבערשט...

— ני, ני, זיי נישט קאַן עקשן, יערמע דוד — האָט אים אייזיק גיך איבערגעשלאָגן. — קריק צו דיר קאָנטסי סיי ווי נישט גיין. סאָכאַצקי האָט דאָך פאַרחתמ'עט די טיר. ווי זשע וועסטו גיין?

יערמע דוד האָט גאָרנישט געענטפערט. פויל און מיד האָט ער

געשלעפּט די פּיס און פּויל און מיד האָט ער זיך אונטערגעגעבן ווי ער וואָלט שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט זיך צו שטעלן קעגן, נישט נאָר קעגן די קלעפּ, וואָס גאָט האַמערט איבער זיין מידן קאָפּ, נאָר אויך נישט קעגן אייזיקס ווילן.

לעבן אייזיקס טיר האָט אַ געזעלן זיינער באַגעגנט די אבֿלים מיט אַ שעפּ און אַן עמער וואַסער. איינער נאָך איינעם האָבן זיי אויסגעשטרעקט די הענט און דער יינג האָט געגאָסן אויף זיי דאָס קאַלטע וואַסער. דערנאָך, מיט נאַסע הענט, היטנדיק זיך גאָרנישט צו באַרירן ביז די הענט וועלן אָפּטריקענען, זענען אַלע אַריין אין שטוב.

דער הויכער אייזיק איז צוגעגאַנגען צום שניידער־טיש, וואָס לעבן די מאַשינען, וווּ די געזעלן האָבן גענייט. יערמע דוד ווידער האָט, ווי אַ שעמעוודיקער מענטש אין אַ פרעמדער שטוב, אויסגעטאָן די שטיוול און געבליבן זיצן אין די זאָקן אויף אַן איבערגעקערטער קיך־טאַבורעטקע, שטום און מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ. אויך לייבל משה האָט אויסגעטאָן די שטיוול און זיך געזעצט שבֿעה אויף אַ קליין פּיסן־בענקעלע, לעבן טאַטן.

חנה לאה, הינטערן פאַרהאַנגענעם קימפּעט־ליילעך, האָט גוט געהערט דאָס שטילע פאַריתומטע צוריקגעקומען פון דער לויה. ביז איצט האָט זי נעבעך מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן אין זיך דאָס קלאָגן, וואָס האָט זיך געריסן פון איר צעווייטיקט האַרץ. פאַרט אַ פרעמדע שטוב! ווי קאָן מען דען און ווי מעג מען דען פרעמדע מענטשן אַזוי פיל מצער זיין? זי האָט דעריבער שטילערהייט אויסגעשטרעקט איר מידע, געל־אָפּגעצערטע האַנט און פאַוואָליע אָורעקגעשאַרט אַ שפּיץ פון הענגענדיקן ליילעך. דערזעענדיק יערמע דוד׳ן מיט לייבל משה׳ן אויף די שבֿעה־בענקלעך, האָט זיך דער איינגעהאַלטענער שטראָם טרערן אַ ריס געטאָן אין האַלדז אַריין:

— ווי מיר, ווי מאַאַן מזל! כ׳בין אַרויס פון שטיב אין זי שוין מער נישט געזען!

חנה לאה׳ס געוויין האָט אויך ביי יערמע דוד׳ן אויפסניי אויפגעריסן די ווונד:

— אַזאַ יינג בליט! אַזאַ קרוין ליגט אין דער ערד אין יעד האַלט דאָס אויס!

— ניי, גענוג שוין! — האָט דער הויכער אייזיק זיך אויסגעדרייט פון שניידער־טיש מיט דער שער אין האַנט. — מ׳טאָר נישט אַזויפיל וויינען! ווער אומשטיינסגעזאָגט איז דען דער מענטש וואָס זאָל פרעגן קשיות ביים רבונו של עולם?

אויך די ווייבער, צוועטל און רויזע, וואָס זענען גיך צוגעלאָפן צו דער קימפּעטאָרין, כאָטש ביי זיי אַליין זענען די טרערן גערונען

שטראָמענוויז, האָבן זיי דאָך חנה לאה׳ן געטרייסט, געגלעט אירע אָדעריקע הענט און אירע פּאַרווייניטע, געל אויסגעצערטע באַקן:

— חנה לאה׳שי, האָב רחמנות אויף זיך אַליין, דאַרפסט דאָך נאָך זײַן אַ מאַמע צו דײַנע שוואַלבן.

אויך די ייִנגלעך, אין צווייטן בעט, הערנדיק דעם טאַטנס און דער מאַמעס געוויין האָבן זיך גאָר צעכליפּעט אויפן קול. ביז איצט, כל זמן דער טאַטע איז נאָך דאָרטן געווען מיט דער שוועסטער, האָט מען פון זיי קיין פּיפּס נישט געהערט. אפילו אז אברהם יאנקל, דער עלטערער ברודער, וואָס איז געלעגן שלאָף אין זעלבן בעט, האָט נתן חיימען געקניפּט און געשטורכעט אין די זייטן: „אַלץ איבער דיר”!, האָט נתן חיים נישט געוויינט און אפילו זיך נישט באַקלאָגט פאַר דער מאַמען. אדרבה, ער האָט דאָס שטורכען אים און דאָס קנייפּן אָנגענומען פאַר ליב, ווי אַ פאַרדינטע שטראָף פאַרן האַקן שויבן און באַהאַלטן זיך אויף בערציקס בוידעם. שטילערהייט האָט ער אפילו גאָט געבעטן אברהם יאנקל זאָל געזונט ווערן, הינדע פייגע זאָל געזונט ווערן. ער אַליין איז באַדיי גרייט צו שטאַרבן! אפילו די ביטערע וואַסערלעך און פּילן, וואָס סאָכאַצקי האלט אין איין פארשרייבן האָט ער פאר ליב גענומען. און אז די מאמע האָט אים געטאַפּט דעם קאָפּ: „וואָס איז דיר? קינד מיינס”, האָט ער נישט אויסגעזאָגט, אז אברהם יאנקל קנייפּט אים, נאָר גאָר געקושט די מאַמעס הענט און געזאָגט: „גאָרנישט, מאַמע, יעך בין געזינט”. איצט אָבער האָט ער מער נישט געקאָנט אויסהאלטן. דערזעענדיק פּלוצים דעם טאַטן, נאָך אַזויפיל וואָכן אים נישט זעען, אַן איינגעבויגענעם, אויף אַ נידעריקע, איבערגעקערטע טאַבורעטקע אין בלויזע זאָקן מיט א טיפן ריס אין לאַץ, די ערשטע קריעה, וואָס דאָס קינד האָט געזען, האָבן די טרערן אים גענומען שטיקן אין האַלדז און אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן ער זאָל רחמנות האָבן אויפן טאַטן. עס איז אָבער אויך געווען ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן ער זאָל זען אַזאַ טאַטן! ביז איצט האָט ער תמיד געזען אַ בייזן ייד מיט א רויטער באָרד, פאר וועמען מען מוז מורא האָבן, און איצט זעט ער פּלוצים אַ דערשלאָגענעם טאַטן, וואָס זיצט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, די באָרד צווישן די קני און קלאָגט אויף דער ערד אַראָפּ:

— אַזאַ ייִנג בליט, אין שוין עס געלייגט אין דער ערד אריין...

נישט נאָר רחמנות, ער האָט איצט ליב געקראָגן דעם טאַטן. אַ טאַטע וואָס וויינט אַזוי, מוז דאָך זיין אַ גוטער! ווען ער קאָן, וואָלט ער דעם טאַטן אַרומגענומען:

— וויין נישט טאטע, יעך על שוין פאָלגן...

א טיף חרטה־געפיל איז איצט אויפגעגאנגען אין דעם ייִנגל׳ס הארץ. ער וואָלט איצט פאר ליב געגומען אברהם יאנקל זאָל אים וואָס מער קנייפּן און שטורכען.. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט צום ברודער, וואָס איז געלעגן מיטן פּנים צו דער וואנט, א פּארוויינטער און אים געוואָלט פרעגן: „אברהם יאנקל, הינדע פּייגע עס שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען? קיינמאָל נישט?" ער האָט אָבער נישט געפרעגט. ער האָט פּשוט מורא געהאט צו לאָזן הערן זיין קול, צו לאָזן וויסן, אז ער אָטעמט, אז ער לעבט. דאָס שווערע שולד־געפיל האָט אים געדריקט זיין קינדיש געמיט. שטיל און פון זיך אַליין זענען די טרערן געגונען איבער זיינע דאַר־אויסגעצערטע באַקן, ביז ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און געטאָן אַ בוך־אויס הויך, אויפן קול:

— כ׳על שוין נישט מער!

אלע אין שטוב האָבן זיך אומגעקוקט. אויך יערמע דוד האָט אונטער־געהויבן דעם אראָפּגעזונקענעם קאָפּ. באלד איז ער אויפגעשטאנען פון שבעה־בענקל, אין די הוילע זאָקן צוגעגאנגען צום בעט, זיך איבערגעבויגן און צארט א גלעט־געטאָן נתן חיימען:

— וואָס וועסטו שוין נישט, זינעשי?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל יערמע דוד זאָל אזוי שטיל און אזוי צארט רעדן צו נתן חיימען. פון זינט דאָס ייִנגל איז געקומען אויף דער וועלט, האָט ער איצט, דאָס ערשטע מאָל, געפילט אויף זיך דעם טאטנס צארטע האנט. אויסער שלאָגן און שרייען האָט ער פון דעם ייד קיינמאָל גאָרנישט געהאט. דעריבער, דערפילנדיק איצט דעם טאטנס לאשטשענדיקן ריר, האָט דער גאנצער עקשנות, זיין גאנצער קידער־ווידער נאָכגעלאָזט און א דערלייזנדיקער שטראָם טרערן האָט א פלייץ געטאָן אין זיין האלדז אריין. ער האָט איצט גאָרנישט מורא געהאט צו וויינען. אויך פאר דעם טאטנס שווערע, רויט האָריקע האנט, האָט ער איצט נישט מורא געהאט. אדרבה, ער האָט די האנט געדריקט צו זיך, צו זיין צעפלאמט פּנים און זי באדעקט מיט הייסע, פון טרערן דורכגעווייקטע קושן:

— כ׳על שוין נישט מער, טאטע, — האָט ער געהעשעט.

דער הויכער אייזיק, וואָס האָט דורך דער גאנצער סצענע געהאלטן דעם קאָפּ געווענדט אהין, צו די ייִנגלעכס בעט, צו דערגיין וואָס דער קליי־נער האָט זיך פלוצים אזוי צעהעשעט, האָט זיך צעשמייכלט און א הויכן לאך געטאָן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געדענקט, אז עס זענען דאָ אבלים אין שטוב:

— נא ט׳האָסטו דיר א נייעם בעל תשובה גאָר!

יערמע דוד איז שטיל אוועק פון בעט און זיך צוריק אראָפּגעלאָזט אויפן נידריקן שבעה־בענקל.

קאַפּיטל זיבצן

די זיבן טעג שבעה אין דער פרעמדער שטוב, האָבן זיך געצויגן ווי זיבן לאַנגע יאָר. באַגין און פאַרנאַכט זענען זיך יידן צונויפגעקומען אין א מנין דאַווענען, ירמיה דוד האָט געזאָגט קדיש פּאַוואָליע און מיט א שטיל געבראָכן קול, ווי ער וואָלט זיך געהיט נישט נאָכצולאָזן מיט זיין טרויער אין שכנס הויז. שבת איז ער אוועק אין בית המדרש און א נאָמען געגעבן די נייגעבוירענע: רחל, פּראָסט א נאָמען איר געגעבן אָן א קאָפּ בראָנפן אפילו צום מזל־טוב.

צו דער וואָך, ווי נאָר חנה לאה איז ארויס פון בעט און די שבעה איז אריבער, זענען מאַן און ווייב אוועק דינגען אָן אנדער דירה, משנה מקום זיין, ווי דער רבי זאָל לעבן האָט געהייסן.

וואָס אָן אמת, שוין לאַנג אז חנה לאה האָט געוואָלט ארויס פון יענעם דראָשקאַרסקן הויף. ירמיה דוד׳ס מסחר האָט שוין לאַנג באַדאַרפט א דירה נאָענט צום מאַרק. חוץ דעם, חנה לאה האָט שוין לאַנג געזאָגט אז דאָס שטיבל איז איר נישט מזלדיק. דערצו נאָך איז עס דאָך פּשוט א זינד צו וווינען אין איין חדרל מיט אונטערגעוואַקסענע קינדער. לייבל משה איז שוין, אָן עין הרע, א חתן־בחור און, אים צו לאַנגע יאָר, הינדע פייגע איז דאָך אויך שוין געוועזן אָן אונטערגעוואַקסן מיידל. איז וואָער ווייסט צו זי איז נישט נעבעך געגאַנגען פון דער וועלט איבער די עלטערנס זינד.. ווי האָט מען דאָס גאָר געמעגט? נישט איינמאָל האָט זי צו אים געטענהט:

— ירמיה דוד, מ׳טאָר דאָך נישט אזוי. א ייד טאָר נישט לעבן ווי א גוי. עשו, להבדיל, כאָליעט מיטן ווייבערל און מיט די שרצים אויף איין געלעגער. א ייד אָבער, בפרט אז ער האָט אונטערגעוואַקסענע קינדער, דאַרף זיך אָפּזאָגן פון ביסן ברויט אבי צו האָבן כאָטש צוויי חדרימלעך...

פריער האָט ירמיה דוד אויף די דאָזיקע טענות נישט געענטפערט. ער האָט פּשוט געשוויגן און קיין גרוימערע דירה נישט געדונגען. נישט חלילה מחמת ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר אָן אויסברענגעניש. וואָרום, וואָסי? ער איז דען נישט קיין טאַטע? ער וויל חלילה זיינע קינדער זאָלן גיין אויף קרומע וועגן? ער האָט אָבער מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אזא הוצאה. טאָמער קאָן ער דאָס נישט אויסהאַלטן? טאָמער איז דאָס איבער זיינע כוחות? וואָס זאָל ער טאָן אז ער קאָן פאַרט נישט נאָכזינגען חנה לאה׳ס

פזמון, אז דער רבונו־של־עולם ווארעמט יעדן נאָך זיינע קליידער נאָך. אז ווי איינער נעמט זיך פאַר, אזוי העלפט אים גאָט. איר, א יידענע, איז זיך גרינג אזוי צו זאָגן.. ער אָבער ווייס זיך זיינס: אז ס'קווארטאל יאָגט אָן און ער האָט חלילה נישט די ראטע דירה־געלט גרייט, איז ער אָן א קאָפּ. ער קאָן נישט, ווי די אנדערע סוחרימלעך, די דריי־קעפּ, לויפן, כאפּן, באָרגן, זיך מעקן דאָ און זיך שטעלן דאָרט. ער, אז ער האָט נישט, קאָן ער זיך קיין עצה נישט געבן און דערציילן עמעצן וועט ער אויך נישט. אָבער ער ווייסט, אז חנה לאה איז גערעכט, דערוואקסענע קינדער!

ווי יעדער מענטש נאָך שווערע קלעפּ, איז אויך יערמע דוד איצט געוואָרן ווייכער און נאָכגיביקער. חנה לאהס איצטיק באַשטיין אויף א שטוב מיט א קיך איז אים נישט פאַרגעקומען מער קיין אויסבערענגערײַ:

— זאָגסט אזוי, חנה לאה, זאָל זיין ווי די זאָגסט. גאָט עט דאָך אינץ נישט פארלאָזן.

צוליב יערמע דודס הסכמה אויף דער גרוימערער דירה, האָט שוין אויך חנה לאה נאָכגעגעבן יערמע דודן אין זיינע טענות וועגן לייבל משהן. פריער, איידער די קינדער זענען איינגעפאלן, האָט יערמע דוד געהאט אָפטע איבעררײַדן מיט איר מכוח דעם אונטערגעוואקסענעם חתן־בחור. יערמע דוד האָט נישט געוואָלט ביי אים זאָל אויסוואקסן אַ ליידיקגייער, א בית־מדרשניק. אים האָט קנאַפּ־וואָס געווארעמט לייבל משהס גוטער קאָפּ, זיין באגערן צו לערנען און דאָס לויבן אים, וואָס יעדער האָט אים געלויבט. אז קיין זון א רב וויל ער נישט. ווי קומען צו אים רבנים? אז נישט זיין טאטע, נישט זיין זיידע זענען געווען ספּאָדעק־יידן, וועט ער זיך גאָר אויס־האָדעווען א זון אין א ספּאָדעק?

יערמע דוד האָט חלילה נישט געהאט בדעה צו מאכן פון זון א בהמה־טרייבער! אָבער א בעל מלאכה אויך נישט?

— וואָסי, חנה לאה'לע — פלעגט ער נישט איינמאָל מיט גיפט זי א פרעג טאָן, — א בעל־מלאכה שטייט דיר שוין אויך נישט אָן?

חנה לאה האָט געקארגט דעם ביסן אין מויל אריין אבי לייבל משה זאָל ווייטער לערנען. נישט חלילה, ווי יערמע דוד האָט געשריגן, ווייל זי בראָקט זיך מיט א בעל־מלאכה:

— זעסט דאָך אליין — האָט זי שטיל און מיטן גוטן געטענה'ט צום מאן, — דאָס יינגל איז איידל, קיין בלוטס־טראָפּן נישט אין פנים און ער באגערט צו לערנען, ווי האָט מען דאָס א יהדות אים צוצונעמען און מאכן אים פאר א שוסטער?

— ווער זאָגט דען א שוסטער? האָט יערמע דוד איר צוריקגעענטפערט. ווינציק איידעלע בחורים ווערן היטל־מאכער, זייגער־מאכער, נאָר מאָאָן זיהן מיז דאָס זאָן א רב?

— ווער וויל דען א רב? — האָט חנה לאה געפּרוּווט אראָפּלאָזן פון טאָן.

— יעדן מיין, א ייִנגל וואַקסט קאָן עין הרע אינטער דארף מ'טראכטן וועגן א תכלית. ווייסט דאָך, אן איידעלער ייִנגערמאַן, נעמט א באלעבאטיש מיידל. נאָך דער חתונה, אז גאָט העלפט, נעמט דער שווער אראַאן אין מסחר. א בעל־מלאכה אָבער, בלאָאבט שטענדיק בא דער נאָדל אָדער בא דער דראַטווע...

מילא, געגן חנה לאהס ריידעלעך וואָלט זיך נאָך ירמע דוד אן עצה געטאָן. האָבן זיך אָבער אריינגעמישט מענטשן, דער עיקר יודל מלמד, ביי וועמען לייבל משה האָט געלערנט פולע פיר זמנים איידער ער איז אוועק אין בית מדרש לערנען פאר זיך.

געוויינלעך איז זיך דער דאָזיקער יידל מלמד געווען א שטילער ייד, א וויכער, פון זיינעטוועגן האָט מען זיך געקאָנט צונעמען די גאנצע וועלט. דאָס חדר זיינס איז באשטאנען פון דריי און אמאָל פון פיר תלמידים, נגידישע זינדלעך, וואָס האָבן שוין געהאט גילדענע זייגערס מיט קייטלעך, ווי חתן־מתנות. לייבל משהן האָט ער געהאלטן נישט צוליבן שכר לימוד. וואָרום וויפל, אומשטיינסגעזאָגט האָט אים דער ירמע דוד אינגאנצן געצאָלט? אים איז געגאנגען אין בחור, וואָס האָט אזא גוטן קאָפּ.

נישט איינמאָל, הערנדיק, אז ירמע דוד וויל דאָס ייִנגל אוועקנעמען פון לערנען, האָט זיך דער דינער, אויסגעדאַרטער ייד, מיט דער שמאָלער, לאנגער פון טאַבאַק־פארגעלטער באָרד, מטריח געווען אויפן דראָשקארסקן הויף, צו ירמע דודן:

— אן עבירה, זאָג יעדן — האָט דער אלטער יודל מלמד אויפסניי ארייַנ־געשניפּט א בערגעלע טאבאק אין די גרויסע, האָריקע נאָז־לעכער. — הערסט, ירמע דוד, מ'דארף אָפּפאָרן א האלבע מדינה צו געפינען זאַאַנס־גלאאכן.

— אָבער ר' יידל — האָט ירמע דוד זיך פּראָסט געפרעגט — וואָס זאָל טיען אן אָרעמאַן אז ער קאָן נישט אָסהאלטן א זיהן א לערנער?

— אין די האַאַזער גייט מען! — איז שוין דער אלטער יידל בייז געוואָרן

— ברענגען א קינד צו ביטול תורה איז אן עבירה!

אויך דער הויכער אייזיק פלעגט זיך אריינמישן:

— און יעדן זאָג: אזא כלי פילט מען נישט אָן מיט סמאָלע, אפילו נישט מיט קיין נאָדל־פאָדעם. אז דער אויבערשטער האָט דיר יאָ געגעבן אן אור תורה, א ליכט אין שטוב אריין, לעש עס נישט אויס, ירמע דוד!

איז מילא, האָט ער געמוזט נאָכגעבן, ירמע דוד. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט מושווה ווערן מיט חנה לאה'ס באשטיין דער בחור זאָל זיך גאָר לערנען שרייבן. א שטאָט מיט יידן היט זיך פאר די שקאָלעס ווי

פאר פייער, נאָר זי, חנה לאה׳לע, שיקט דעם ייִנג הינטער זיין וויסן צו נח לערער ער זאָל דאַרטן, חס ושלום, אראָפּגעפירט ווערן פון יידישקייט. באשר, חשבונ׳ען!

— וואָסער סוחר, שרייט זי, קאָן מען שוין אומשטיינסגעזאָגט זיין, אז מען דארף ווי ער, יערמע דוד, חשבונ׳ען מיט רינגעלעך און שטריכעלעך...

אָט דאָס האָט יערמע דוד׳ן געברענט. רק ער געפעלט איר נישט. פריער דאָס טרייבן בהמות. איצט זיין חשבונ׳ען. וועט ער נאָך אליין, מיט די אייגענע הענט זיך אויסהאָדעווען א זון, אן איידלמאן, וואָס זאָל זיך אויך שעמען מיטן טאטן?

א שטיק צייט איז אזוי אָנגעגאנגען די מחלוקה. יערמע דוד האָט אלעמאָל צעריסן די העפטן, וואָס ער האָט געפונען ביי לייבל משה׳ן און חנה לאה האָט געשפּאָרט פון מויל ער זאָל זיך קויפן אנדערע העפטן און זיך קאָנען ווייטער לערנען ביי נח לערער.

דאָס איז אָבער אלץ געווען פריער, פאַרן אומגליק. איצט אָבער, ביים אריינציען זיך אין דער נייער דירה, א שטוב מיט א קיך אין א באלעבאטישן הויף, ביים נעמען אויף זיך אזא גרויסע הוצאה, האָט יערמע דוד ווידער א פרעג געטאָן די אלטע קשיה:

— וואָס עט פאַרט זאאן דער תכלית פון ייִנגס פּוסט און פּאסעווען? וויפל איז דער שיעור?

האָט חנה לאה נאָכגעגעבן. פּונקט ווי יערמע דוד האָט, הייסט עס, איינ־געזען אז זי איז גערעכט, אז מ׳דארף נישט קוקן אויף דער הוצאה און נעמען א גרעסערע דירה אבי לייבל משה זאָל נישט דארפן שלאָפן אין איין חדר מיט טאטע־מאמע, אזוי האָט זי איינגעזען, אז יערמע דוד איז דאָך נאָך אלעמען אויך גערעכט. ווי קאָן דען א בחור זיצן און לערנען, אז ווען ער קומט אהיים האָט זי נישט פאר אים ס׳שטיקל ברויט אויף צו געבן אים ווארעמעס. און עס שטייט דאָך טאקע: אם אין קמח אין תורה. האָט זי דעריבער אליין גענומען לייבל משהן און אים אוועקגעפירט צו מאיר היטל־מאכער און אים דאַרטן אָנגעדונגען אויף דריי יאָר לער. ס׳ערשטע יאָר פאַרן בלויזן ביסל עסן און די אנדערע, צו צען קערבל׳עך א יאָר, דער בחור זאָל זיך קאָנען אָפּשפּאָרן א מלבוש אויפן לייב און א פּאָר שטיוועלעך אויף די פיס.

קאפיטל אכצן

צוליב דער לאנגער קרענק האָט נתן חיים נישט אָנגעהויבן צוריק צו גיין אין חדר אָנהויב זמן. דער עלטערער, אברהם יאנקל, האָט זיך גיך גע־שטעלט אויף די פיס. דעם קלענערן אָבער האָט סאָכאַצקי געהאלטן לענגער אין בעט. דעריבער, ווען מלמדים זענען חול המועד פסח, בעתן חדר־יאריד, געקומען מכוח נתן חיימען, האָט ירמיע דוד געהאַט איין ענטפער:

— זאָל נאָר ס׳יינגל זאַאן געזינט!

ווי יעדער טאַטע נאָכן פארלירן א קינד, איז ירמיע דוד געווען ציטע־ריק איבער די געבליבענע קינדער. אָפּט, זיצנדיק ביי דער פּליטע, אנט־קייגן פייער, צוואַרפנדיק אלעמאָל א שטיקל האָלץ און זי, חנה לאה, איז גראָד געזעסן און געשיילט קארטאָפל אין א טאָפּ אריין, פלעגט ער זאָגן:

— אז גאָט עט מיר נאָר העלפן, די קינדער עלן זעך מיר שטעלן צוריק אויף די פיס, על יעך זאַאן צו זיי גאָר אנדערש.

— יעך זאָג דאָך שטענדיק, אז מ׳דארף אָפּגעבן א שבת צו זיין ליבן נאָמען פארן חסד וואָס די קינדער האלטן זיך אויף די פיסלעך — האָט חנה לאה, שיילנדיק גיך איין קארטאָפל נאָך דער אנדערער, געפּרוווט אונטער־האלטן דעם מאַנס גרינג געמיט, דערביי האָט זי, ווי תמיד נישט פארזאַמט צו הייבן די מערכה פון די קינדער דער עיקר פון נתן חיימען:

— אין קריק־געשמיעסט, וואָס ווילסטו טאַקע פון די יינגלעך? אנדערע בענטשן זיך דאָך מיט זיי! און אפילו נתן חיים, וואָס איז דאָ אזא זינד אז ער שפּילט זיך מיטן שייגעץ?

חנה לאה האָט דאָ בכיוון ארייַנגעמישט דעם קליינעם באָלעק. בעת דער קרענק, כאָטש אין אייגענע צרות, האָט איר דאָך שוין געשניטן ס׳הארץ זעענדיק ווי מען טרייבט דאָס שייגעצל. דאָס קינד האָט נעבעך, דורך דער גאנצער צייט פון נתן חיים׳ס קרענק, ארומגעבלאָנקעט ווי בלודנע הינטל. אין זיין הויף האָט ער נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו שפּילן. צו די קינדער פון די באַלעבאַטישע שכנים, האָבן אים די דינסטן און מאַמעס נישט צוגעלאָזן. דאָס שוועסטערל ווידער, ביאַנקאַ, כאָטש אינגאנצן פינף יאָר עלטער פון אים, האָט געהאָלפן דער מאַמען טראָגן דעם יאָך, ווי זי וואָלט שוין געווען א גרויסע. אין די ווינטער־שבתים פלעגט זי, א באָרוועסע, אין דער מאַמעס סטאַניקל מיט דער צו־לאַנגער ספּאָדניצע, ארומלויפן

איבער די יידישע הייזער און מיט די קליינע, נאָך קינדישע הענטלעך הייצן די געפרוירענע פליטעס און אהיימברענגען א ביסל קופערנע זעקסערס און א פאַרטעך מיט שטיקלעך ברויט און חלה. א גאנצע וואָך איז זי געשטאַנען איבער דער באַליע, צוגלייך מיט דער מאמען און געריבן ס׳גרעט. פלעגט דעריבער דאָס שייגעצל מיט זיין הינטל אָפּשטיין שעה׳ן גאנצע הינטערן הויכן אייזיק׳ס פענצטער און קוקן מיט בענקעניש דורך די פאַרלאָפענע שויבן אין דער פרעמדער שטוב אריין, ווו זיין חבר׳ל, נתן חיים, איז געלעגן. וויפל מען האָט אים און זיין הינטל פון דאָרט נישט געטריבן, זענען זיי אַלץ צוריקגעקומען. דעם הויכן אייזיק׳ס געזעלן פלעגן דעם שייגעצל אָפּטאָן כלערליי שפּיצלעך. אין בעסטן, ווען דאָס קינד מיטן פייכטן נעזל אויף דער שויב, האָט זיך פאַרגאַפיעט, האָט וועלכער פון זיי געטאָן א וואָרף א קנעפל אין דער שויב אריין. אן איבערגעשראָקענער האָט זיך דאָס שייגעצל געטאָן א צאַפּל און א כאַפּ אוועק דעם קאָפּ פון פענצטער. טיילמאָל האָט זיך גאָר א שניידער־יונג אונטערגעגנב׳עט הינטערן שייגעצל מיט א שער אין האַנט, געטאָן א כאַפּ ס׳בינטל שטייענדיקע האָר אויף זיין ווילד־פאַרוואָקסן קעפּל און עס געטאָן א האַק אָפּ.

אויך איצט, אין דער נייער דירה, האָט באַלעק מיט זיין הינטל נישט אָפּגעטרעטן פון נתן חיימ׳ס פענצטער. די קינדער פון די אַנדערע שכנים האָבן מורא געקראָגן זיך צו ווייזן אויפן הויף. אַז וואַצוש איז צוגעלאָפן צו וועלכן קינד, געוואָלט עס אַרומשמעקן, זיך לאַשטשען, איז געוואָרן א גוואַלד:

— מאמע, א הונט!

עס האָט נישט געהאָלפן נישט באַלעקס און נישט נתן חיימ׳ס ווייזן ווי זיי אליין שפּילן זיך מיט וואַצושן, ווי זיי קיצלען אים, שטעקן אים א הענטל אין געעפנטן פּיסק, אפילו נישט זייער קינדיש פאַרזיכערן:

— האָב נישט מורא, וואַצוש איז א גוטער, ער בייסט נישט!

די מאמעס פון די איבערגעשראָקענע קינדער האָבן כלומרשט גענומען טרייבן דאָס פרעמדע שייגעצל מיט זיין הונט פון דעם הויף אראָפּ, נאָר געמיינט האָבן זיי אויך נתן חיימ׳ען, דעם נייעם שכנ׳ס תכשיט:

— וואָן אראָפּ פון דעם הויף — האָבן זיי געשריגן — געזען א ביסל? א הונט גאָר אהער אריינגעניאַדעט!

די ערשטע טעג האָבן זיך נאָך נתן חיים מיט זיין חבר׳ל געוועלט, נישט געלאָזט אראָפּטרייבן וואַצושן פון הויף. באַלד אָבער איז זיי מיאוס געוואָרן און זיי זענען מיטן הונט פאַרלוירן געוואָרן פון הויף אראָפּ.

די צוויי חברימ׳לעך האָבן זיך ארויסגעלאָזט אין דעם וואָרעמען, נאָך־פּסחדיקן דרויסן, ווי צוויי פריי־געלאָזענע זשרעבאַקעס. זיי זענען געלאָפן איבערן סאָד, געשפרונגען איבערן פּאַרקאַן, געמאַכט קאָזשלקעס אויף

דער ווייכער, גרינער לאָנקע, געשפּילט מיטן הונט אין באַהעלטעלעך. נאָר אָט זענען די צוויי לייט געבליבן שטיין פאַרגאַפּטע. איבערן צווייטן פעלד, וואָס איז געווען זומפּיק און פול מיט וואַסערלעך, שליימיקע און גרינע, פאַרוואַקסענע מיט געדיכטע, הויכע גראָזן און פול מיט קוואַקענדיקע זשאַבעס, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ באָטשאַן מיט צוויי מעכטיקע, ברייט צענויפגעלייגטע... מענע פליגל. אַ היבשע ווײַלע האָט דער ריזיקער פויגל געצירקלט נידעריק איבערן פעלד, ביז ער האָט זיך געטאָן אַ לאָז אַראָפּ אויף אַ בערגעלע גראָזן. מיטן לאַנגן, רויטן שנאָבל האָט ער אַ נישטער געטאָן אַרום זיך, אין דעם גרין שליימיקן וואַסערל. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעקוקט מאַיעסטעטיש און לאַנג. באַלד האָט ער פאַרהויבן איינעם פון זיינע הויכע, שלאַנק־דינע, רויטע פיס, בלייבנדיק שטיין אויפן אַנדערן אַ טיף פאַרטראַכטער.

ווי די צוויי יינגלעך איז אויך וואַצוש, דער הונט, געבליבן שטיין פאַרגאַפּט, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, די צונג, אַ נאַסע, אַ תאווה׳דיקע אינדרויסן, רייבנדיק מיט איר די אייגענע שאַרפע ציין. פּלוצים האָט זיך דער הונט צעבילט: האַו, האַו, האַו! און מיטן גאַנצן אימפּעט זיך געטאָן אַ יאָג אַהין צום פויגל. מאַיעסטעטיש האָט זיך דער באָטשאַן אַ הויב געטאָן, צעשפּרייט זיינע מעכטיקע פליגל און גענומען פליען נידעריק, נידעריק, כמעט איבער די דעכער, אַוועק אין שטאָט אַריין.

נישט נאָר דער הונט, אויך זיינע צוויי האַרן, נתן חיים אין לאַנגן קאַפּעטל מיט צעפלויגענע פּאָלעס און באַלעק, אַ באָרוועסער, אָן אַ היטל, מיטן בינטל האָר, ווי אַ טשוואָק אין מיטן קאָפּ, האָבן גענומען אין איין אימפּעט לויפן נאָכן שוועבנדיקן פויגל אין שטאָט אַריין.

פאַר דער אַלטער אַפּטייק, אַנטקעגן די צוויי הויכע טאָפּאָלן, איז די פּראָצעסיע געבליבן שטיין. דאָרטן, אויף די שפּיצן פון די הויכע ביימער, שמאָלע און גלייכע, זענען פון לאַנג־אָן געווען צוויי גרויסע נעסטן אויסגעפלאָכטענע פון דינע צווייגן און דיקע גראָזן, האָבן די צוויי נעסטן אויסגעזען ווי צוויי גרויסע טורבאַנען אויף די קעפּ פון די טאָפּאָלן. יאָר נאָך יאָר, אין האַרבסט, האָבן די באָטשאַנעס פון דאַנען־אויס זיך אַוועקגעלאָזט אויף זייער פּלי אין די ווייטע, וואַרעמע לענדער. און יאָר נאָך יאָר, אין פרילינג, זענען זיי צוריקגעקומען, אויספאַרריכט די נעסטן און זיך ווידער גענומען אויסבריען יונגע באָטשענדלעך, זיי אויסגעלערנט פליען און זיי אַרויסגעלאָזט בויען זייערע אייגענע נעסטן אויף אַנדערע ביימער.

פאַרכאַפּטע זענען די צוויי חברים׳לעך מיטן הונט געשטאַנען מיט פאַרריסענע קעפּ צו די ביימער־שפּיצן, איבער וועלכע דער באָטשאַן האָט געצירקלט, געצירקלט ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ נעסט און גענומען קלאַפּן מיט די צוויי העלפטן פון זיין מעכטיקן שנאָבל, ווי מיט צוויי

טרוקענע, האַרטע שטעקעלעך, דורכרעדנדיק זיך אַזוי אַרום מיט זיינע מיטווינער אין די נעסטן.

נאָר אָט, פּלוצים, אין מיטן רעכטן מיטן פון זיין הינגעריסנקייט, האָט גאָר נתן חיים דערפילט אַ קלעם, ווי אַ צוואַנג וואָלט איינגעקלעמט זיין אָרעם. אַ דערשראָקענער האָט ער אַ דריי אויס געטאָן דעם קאָפּ.

— אַזוי גאָר — האָט דער טאַטע זיינער, יערמע דוד, אים רוגזה׳דיק געפרעגט אין צעשראָקענעם פּנים אַריין — אויף אַרומצולויפן האָסטו כּוח? עסטי שוין באַ מיר האָבן כּוח צו גיין אין חדר אַריין!

יערמע דוד האָט שוין דעם תּכשיט נישט אָפּגעלאָזט. מיט איינמאָל האָט ער פאַרגעסן אָן סאָכאַצקיס וואָרעניישן דעם קלייעם צו פּילעווען. ער האָט אויך פאַרגעסן אָן זיינע אייגענע רייד מיט חנה לאה׳ן, אַז ער וועט שוין גאָר אַנדערש זיין צו די קינדער, אויב גאָט וועט אים נאָר העלפן און זיי וועלן צוריק געזונט ווערן:

— אַזאַ גוי׳טשיק — האָט ער געשריגן אַריינשלעפּנדיק נתן חיימען אין שטוב אַריין — ער פּאַטשט מיר שוין ווידער ס׳פּנים! ער לויפט שוין ווידער אַרום מיטן שייגעץ! נאָך האַאַנט גייט ער באַ מיר אין חדר אַראָאַן, נאָך האַאַנט!

עס האָבן מער נישט געהאָלפן חנה לאה׳ס טענות:

— יערמע דוד, ר׳איז דאָך אַזוי בלאַס, קאָאָם ער האַלט זעך אָף די פיסלעך.

— אוי־וואַ! — האָט יערמע דוד איר נאָכגעקרומט — ער האַלט זעך קאָאָם אָף די פיסלעך! האָסט בעסער געדאַרפט זען ווי ער איז געלאָפן אין מיטן מאַרק מיטן שייגעץ! גיכער פאַרן הינט איז ער דאָך געלאָפן!

ווי מיט דריי יאָר צוריק צו פּסח מלמד׳ן, אַזוי האָט יערמע דוד איצט, אין די ספירה־טעג, געשלעפּט דעם תּכשיט צו לייבל וואַטע־מאַכער.

אויך לייבל וואַטע־מאַכער האָט יערמע דוד אויסגעקליבן פאַר אַ רבין איבער זיינע בנים צוליב די אייגענע טעמים וואָס פּסח מלמד. אויך לייבל וואַטע־מאַכער איז געווען אַ שטרענגער ייד. תּלמידים האָבן מורא געהאַט פאַר זיין בליק. דערצו נאָך איז ער געווען יערמע דוד׳ס אַ ידיד.ביידע זענען פון זעלבן דאָרף, ביידע האָבן אַמאָל געלערנט אין איין חדר.

געווען איז דער לייבל וואַטע־מאַכער אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ייד אַ בעל כּוח, מיט אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד. געזאָלט האָט גאָר דער ייד זיין אַ באַלעגאָלע, ווי דער טאַטע זיינער. ער האָט אָבער געקאָנט אַ ביסל לערענען און דעם שווער איז נישט אָנגעשטאַנען קיין באַלעגאָלע פאַר אַן איידעם, האָט ער פאַרן נדן פאַרלייגט דעם יינגנמאַן אַ וואַטע־פאַבריקל. העלפט גאָט און דאָס פאַבריקל ווערט אָפּגעברענט ביז איין פאַדעם. לייבל

איז געבליבן ביים נאָמען וואַטע־מאַכער אָבער נישט ביי דער פּרנסה. האָט ער זיך גענומען צו מלומדות.

דאָס חדר זיינס איז באַשטאַנען פון איין שטוב. זענען דאָרטן געשטאַנען, לענג אויס איין וואַנט, צוויי טאַנדעטנע בעטן און לענג אויס דער אַנדערער — אַ שלאָף־באַנק. לעבן דער שלאָף־באַנק אַ נאַקעטער טיש, אַ צעקאַרבטער און צעשניטענער פון קינדישע מעסערלעך. ביי אָט דעם טיש, אויבן אָן, איז געזעסן לייבל וואַטע־מאַכער מיט זיינע צוועלף תלמידים, זעקס פון איין זייט טיש, אויף דער שלאָף־באַנק און זעקס פון דער אַנדערער זייט — אויף אַ פּראָסטער לאַנגער באַנק.

חוץ די צוועלף תלמידים און דעם רבין מיט דער רביצין, זענען נאָך אין דעם חדר געווען: אַ שענקל פאַר מלבושים מיט צעבראָכענע טירלעך אויף לעדערנע זאַוויעסעס, אַ פּליטע צום קאָכן, עטלעכע טאַבורעטקעס, אַ פּאַמעשאַף, צוויי אויסגעבלייכטע, קורץ־געוויקסיקע טעכטער מיט הויכע ביוסטן און אַן איינציקער זון, שמואל, אַ חתן־בחור, בלאָנד און בלאַס ווי די מאַמע, נאָר הויך און גלייך ווי דער טאַטע.

שוין דעם ערשטן טאָג וואָס נתן חיים האָט באַטרעטן די שוועל פון דעם חדר האָט ער פיינט געקראָגן דעם רבין און ליב געקראָגן דעם רבינ׳ס זון שמואלן.

דאָס איז געווען אַ שטילער בחור, אַ שעמעוודיקער, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבן די אויגן פון אונטער די בלאָנדע וויעס, אָט, פּונקט ווי די שעמעוודיקע מאַמע זיינע.

זומער און ווינטער, עלף אַזייגער צו דער רגע, פלעגט זיך דער בחור באַווייזן אין דער טיר. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן דאָס שוואַרץ־סאַמעטענע תפילין־זעקעלע, אַן אויסגעהאָפטנס מיט אַ גרויסן מגן דוד מיט אַ „ציון" אין דער מיט. שטילערהייט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, האָט ער געזאָגט „גיט מאָרגן", אַ וויש געטאָן די מזוזה און זיך גענומען וואַשן צום אָנבייסן. בעת ער האָט זיך געווישט די הענט אָן דעם שמאָלן האַנטוך ביי דער טיר, האָט אַ שוועסטער פאַרשפּרייט אַ סערוועטקעלע אויף אַ שפּיץ־טיש. די אַנדערע שוועסטער האָט געלייגט אַ רייפטל ברויט, אַ מעסער, געשמעלט אַ געפינגערט זאַלץ־מעסטל מיט זאַלץ און אַ קליין, גאָלדן־הויטיק ציבעלקעלע. די מאַמע ווידער האָט אים צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי, וואָס איז געווען בלאַס און קאַלט ווי זי און אַן איינציק שטיקל צוקער.

נעת דער שמואל האָט געגעסן דאָס דאָזיקע אָנבייסן איז אין חדר געווען שטיל ווי עס וואָלט זיך דאָ אָפּגעשפּילט אַ הייליקער צערעמאָניאַל. די יינגלעך האָבן שטיל נאָכגעפאָלגט מיט זייערע בייגעריקע אויגן ווי דער שמואל שניידט אָפּ אַ פּעניצל ברויט, צעשניידט דאָס פּעניצל אויף קליינע שטיקלעך און לייגט פרום און גאָטס־פאַרכטיק די געשניטענע שטיקעלעך

אין מויל אריין, אַנשטאָט בייסן פון שטיק, ווי אַן עשו. אויך דאָס שטיקל צוקער האָט ער פריער צעשפּאָלטן מיטן פּען־מעסערל אויף קליינע שטי־קעלעך און יעדערס שטיקעלע געלייגט פּאַוואָליע אין מויל און צוגעטרונ־קען די טיי. און פּונקט אַזוי פרום און אָפּגעהיט האָט ער זיך נאָכן עסן געוואַשן די הענט און געבענטשט.

נאָכן עסן איז דער שמואל נישט באַלד אַוועק אין בית מדרש אריין לערנען. פאַר אַ שעה צייט פלעגט ער נאָכדעם בלייבן אינדערהיים און זיך פאַרנעמען מיט עפּעס אַן ארבעט. אַמאָל איז דאָס געווען אַן איינגעפּאַלענע טאַבורעטקע, וואָס ער האָט צוריק אויספאַרריכט. אַן אַנדערש מאָל האָט ער איבערגעבונדן דעם בעזעם, וואָס איז צעפאַלן געוואָרן. מערסטנס אָבער האָט ער זיך פאַרנומען מיט איינע פון זיינע צוויי באַליבטע ארבעטן: מאָלן רייזעלעך און שניצן געצאַצקעטע שענקעלעך, ווי קליינע ארון־קודש׳לעך. ער האָט חלילה נישט געמאָלן קיין בילדער, ווי אַ גוי, להבדיל. אַ ייד מעג דען מאַכן בילדער? ער האָט אויסגעצייכנט אַן עקידת יצחק, מיטן ווייסן־ווידער און דעם זיידן אברהם מיטן אויסגעשטרעקטן חלף, וואָס אַ פליענדיקער מלאך האָט אָנגעכאַפּט איבער יצחק׳ס האַלדז. אָדער גאָר אַ המן הרשע, ווי ער פירט מרדכי הצדיק אויפן פערד און איבער זיי איז אויסגעכתביה׳עט: „ככה יעשה לאיש״.

נאָך קונציקער ווי זיינע רייזעלעך, פלעגט ער שניצן זיינע שענקעלעך און אַלערליי פּאָליצקעלעך, מיט דינינקע זעגעלעך, פלעגט ער אין די דינע ברעטעלעך אויסזעגן אַלערליי פייגל און לייבן, הירשן מיט פליגל און לעמפּערטן ווי זיי האַלטן מיט די פעדערשטע לאַפּקעס קונציקע מנורות. און בעתן ארבעטן האָט ער נישט געטריבן פון זיך די ייִנגלעך. ווען אַ ייִנגל האָט גענומען אַ זעגעלע, וואָס איז געווען שמאָל און דין, שיעור נישט ווי אַ נאָדל מיט ציינדלעך, האָט ער ביים ייִנגל דאָס נישט צוגענומען, אדרבא, ער האָט נאָך דעם ייִנגל געוויזן ווי מען דאַרף האַלטן אַזאַ איידעלע זאַך, עס זאָל נישט צעבראָכן ווערן.

צוליב דעם האָבן די ייִנגלעך אים געפּאָלגט, געלאָפן ווו נאָר ער האָט זיי געשיקט און אַז די שעה איז אריבער, ער האָט געדאַרפט צוריקגיין אין בית מדרש אריין לערנען און ער האָט גענומען איינפּאַקן דאָס געצייג, איז די ייִנגלעך געווען אַ שאָד וואָס די צייט איז אריבערגעלאָפן און זיי האָבן שוין גענומען וואַרטן אויף מאָרגן ווען דער זעלבער יום־טוב וועט זיך פאַר זיי ווידער איבערחזר׳ן.

צוליב דעם שמואלן האָט נתן חיים אויך ליב געקראָגן צו זיין אין חדר. ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף באָלעקן בעת יענער פלעגט ווי אַלעמאָל קומען מיטן הונט וואַרטן אויף אים. אינדערהיים האָט נתן חיים נאָר געזוכט נאָכצוטאָן דעם שמואלן. די מאַמע האָט אים געדאַרפט ווייטן

צום טיש, ווי מען גרייט שמואלן. ער האָט זיך אויך געוואַשן און פאַרמאַכט די אויגן ביים זאָגן „שאו ידיכם״, ווי עס טוט שמואל. און פּונקט ווי שמואל האָט ער אָנגעהויבן צו צייכענען רייזעלעך און שניצן אַלערליי טישעלעך מיט שענקעלעך. יעדערס שטיקל פּאַפּיר האָט ער באַמאָלן מיט פייגל און חיות. ווו נאָר אַ שטיקל ברעטל האָט ער עס צעשניצט.

מילא, די פּלוצימדיקע פרומקייט, האָט יערמיע דוד׳ן אוודאי נישט געאַרט. ער האָט נאָר גוטמוטיק געשמייכלט אין דער רויטער באָרד אַריין און אָנגעוויזן חנה לאה׳ן:

— זע נאָר ס׳אַ צדיקל, ער איז געוואָרן, דער קדיש דאָאַנער.

דאָס שניצן און צייכענען האָט ער אָבער שוין גאָרנישט פאַרטראָגן.

— אַ ניי אָנשיקעניש אויף זאַאן קאָפּ! ווו אַ מעסער מאַכט ער דערפון אַ תל! ווו מ׳גייט איז אָנגעשניצט!

— דאַנק גאָט דערפאַר — האָט חנה לאה שטילערהייט געזאָגט — אַרומשלעפן זעך מיטן הינט וואָלט בעסער געווען?

— און די מיינסט אוודאי ביזט שוין פטור מיטן הינט? — האָט יערמיע דוד איר נישט געלאָזט באַקומען ס׳נחת — הלוואי זאָל יעך אַ ליגנער בלאַאבן. ביזט נאָך נישט פטור נישט פון הינט און נישט פון שייגעץ!

קאפיטל ניינצן

אין מיטן ווינטער זענען אָנגעשטאנען גרויסע פרעסט. דער שניי אונטער די פיס האָט געסקריפּעט. די אייז־צעפּ פון די דעכער אַראָפּ זענען געווען דיק, לאנג און זיי האָבן געבלענדט אין דער פּראַסטיקער זון ווי בלענדיקע קרישטאָלן. מאָדזשיץ איז געלעגן אונטער א שווערער, קאַל־טער, תכריכים׳דיקער ווייסקייט.

באגין איז יערמע דוד אוועק צו דער באַן. אהיימגעקומען איז ער אין האַלבן טאָג אן איינגעבויגענער, דורכגענומען פון קעלט. זיין באָרד און וואָנסעס זענען איצט גאָרנישט געווען רויט. דער אויסגעהויכטער אָטעם, וואָס איז גלייך געפרוירן געוואָרן, האָט אים געמאַכט זילבערדיק און שטייף יעדערס הערעלע, ממש א זילבערנע באָרד.

אריינקומענדיק אין שטוב האָט יערמע דוד אָנגעטראָפן אַן אומגעריכטע סצענע. אין מיטן שטוב, אויף דער פּאָדלאָגע, איז געלעגן אין בלויזן קאָפּ דער קליינער תכשיט, נתן חיים, רויט, דערשוויצט פון וויינען. אלע ווײלע האָט ער אויפסניי גענומען האקן מיט די פיס אָן דער פּאָדלאָגע און געשריגן:

— יעך וויל א צווייער! יעך וויל נישט זאאן קא שנאָרער!

לעבן אים, מיטן קינד אויף דער האַנט, איז געשטאנען חנה לאָה, די מאמע און זיך געבעטן בא אים:

— ווי זאָל יעך דיר נעמען א צווייער? יעך דאנק גאָט כ׳האָב פאר ענק וואָרעמעס.

ביים טיש, איבער א שיסעלע רויטע בעבלעך מיט א מוציא שווארץ ברויט אין דער האַנט איז געזעסן דער עלטערער, אברהם יאנקל, און געגעסן שטילערהייט, ווי א סטאַטיקל, גלייך ער וואָלט מיט דעם שטיל זיין טאַקע געוואָלט ווייזן, אַז ער דאנקט גאָט וואָס ער האָט וואָרעמעס צו עסן.

די צוויי ברידערלעך, נתן חיים און אברהם יאנקל, זענען געווען אזוי פאַרשידן איינער פון אנדערן, ווי עס איז געווען פאַרשידן דער טאַטע פון דער מאַמען. דער עלטערער, אברהם יאנקל, האָט אין גאנצן אריינגעטראָטן אין דער מאַמען. ווי זי, אזוי האָט ער זיך אומעטום געפילט היימיש. ווי די מאַמע צווישן די ווייבער, אזוי איז ער תמיד געווען דער פירער צווישן די יינגלעך, וועמען ער האָט אָפט איבערגעקליגט. אים ווי דער מאַמען, האָט אויך נישט שטאַרק געאַרט, וואָס ער דאַרף אָנרירן יענעמס, וואָס ער האָט נישט קיין אייגענעם צווייער זיך צו קויפן א צוקערל, אָדער א מעסטעלע

באָב. פאַר אַלערליי קנעפּלעך, וואָס ער האָט תמיד געהאַט פולע קעשענעס, האָט ער ביי די יינגלעך אָפּגעקויפט דעם לעק נאַשוואַרג. און אים האָט גאָר נישט געאַרט וואָס די יינגלעך האָבן אים צומאָל גערופן שנאָרער. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז ער שנאָרעט גאָרנישט, אַז ער באַצאָלט ערלעך פאַר אַלץ וואָס ער נעמט ביי די יינגלעך.

נתן חיים'ען אָבער, ווי דעם פאָטער און ווי זיין חבר'ל באַלעק, איז געווען פרעמד דער מקח־וממכר שפּיל, בפרט דאָס אויסנאַרן עפּעס פאַר אַ קנעפּל. ער האָט פיינט געהאַט זיך צו שפּילן אין וואָג און מאָס, אין קויף און פאַרקויף, ווי אברהם יאַנקל און ווי די אַנדערע יינגלעך אין חדר האָבן זיך געשפּילט. אַנשטאָט די שפּילן איז ער גאָר שטענדיק געווען פאַרטאָן, ווי באַלעק, אין די קראַליקלעך, אויף קאַזשמינסקיס הויף, אין וואַצושן, אין אויפשטעלן שטייגן אין סאָד צו כאַפּן פייגל, אין קריכן אויף ביימער צו די נעסטן, זען ווי די פייגל ברינען־אויס זייערע פייגעלעך. און אים האָט שוין גראָד שטאַרק געאַרט אויב די יינגלעך האָבן אים גערופן שנאָרער. כאָטש ער האָט מיט אַלע כוחות זיך אָפּגעהיט נישט אָנצורירן עפּעס ביי די יינגלעך, איז דאָך דער יצר־הרע זיינער צו אַ צוקערל, אָדער עטלעכע הייסע באָב, געווען שטאַרקער. דעריבער, הייַנט, ווען די יינגלעך אין חדר האָבן אים גערופן שנאָרער, האָט ער זיך געשווירן פאַר אַלעמען, אַז ער וועט נישט צוריק קומען אין חדר, אויב ער וועט נישט האָבן אַ צווייער, צו קאָנען קויפן אַ מעסטל באָב און צוריקגעבן די יינגלעך, וואָס ער האָט ביי זיי גענומען.

צוליב דער אומגעריכטקייט פון דער סצענע, איז ירמע דוד געבליבן שטיין אָן אַ וואָרט, ווי ער וואָלט געוואָלט כאַפּן וואָס דאָ איז אייגנטלעך געשען. געוויינלעך אַז ער קומט אריין אין שטוב ווערט שטיל. די קדישים קאָנען זיך איבערנעמען ביי דער מאַמען אָבער נישט ביי אים. ער וואָלט טאַקע אָן אַנדערש מאָל גלייך אַראָפּגענומען דעם פּאַסעק פון די הויזן און דעם תכשיט מקיים פּסק געווען ער זאָל האָבן צוגעדענקען „צווייערס". אַ־צט אָבער איז ער עפּעס געשטאַנען איבער דעם יינגל גאָר צעטומלט. עפּעס איז ער געפעלפעט, וואָס גראָד ווייל ער איז דאָ אין שטוב עפּנט דאָס נתן חיים'ל אַ גרעסער פּיסקל. די מאַמע טענהעט: „דאַנק גאָט האָסט אַ שטיקל ברויט". צעשרייט זיך דאָס קדישל:

— יעך וויל נישט דאַנקען גאָט! יעך האָב דיך נישט געבעטן זאָלסט מיך האָבן!

ביידע, אי ירמע דוד, אי חנה לאה, זענען געבליבן אָן לשון. קיין אַנדער קינד האָט נאָך אַזוי נישט גערעדט ביי זיי. עפּעס האָבן ביידע, אייבצייטיק, דערפילט אַן אומקלאָרן פּחד פאַר דעם גורל פון דעם יינגל. ווער ווייסט וואָס פון אים וועט נאָך ווערן, וווּ ער וועט נאָך חלילה אָנשפּאַרן?

חנה לאה האָט זייטיק אַ קוק געטאָן צו יערמע דוד. עפּעס האָט זי יאָ געוואָלט ער זאָל זיך אַריינמישן, פון דער אַנדערער זייט האָט זי מורא געהאַט פאַר זיין אַריינמישן זיך. זי קאָן יערמע דוד׳ן. אַנשטאָט מיט גוטן, נעמט ער גאָר שלאָגן און זי ווייסט אַז מיט שלאָגן פירט מען גאָרנישט אויס.

יערמע דוד׳ן איז אָבער איצט גאָרנישט איינגעפאַלן צו נעמען שלאָגן. צופיל דערשלאָגן איז ער איצט געווען. נאָך פאַרן אַריינקומען אין שטוב איז ער שוין געווען אַ דערשלאָגענער. ביי דער באַן, וווּ ער איז אינדערפרי אַוועק צוליב מסחר, האָט ער געהערט, אַז ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיט יאַפּאַניע. לויט זיין חשבון וועט ער אויך גערופן ווערן מיט־צו־טאַנצן אויף דער אומגעבעטענער חתונה. שלעפּנדיק זיך צופוס אין דעם פראָסט, האָט ער אַ גאַנצן וועג זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַזוי ער זאָל דאָ, אין שטוב, אַרויספאָרן מיט דער וויסטער בשורה. דאָ גאָר, נאָדיר אַ מעשה מיט צווייערס!

יערמע דוד, אין דער גאַנצער אָנגעפּעלצטקייט, מיטן קאָלירטן, וואָלענעם שאַל אַרום האַלדז, איז געלאָסן צוגעגאַנגען צום ייִנגל, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און געהאַקט מיט די פיס, זיך איבערגעבויגן איבער אים און אים שטיל און כמעט צערטלעך געפרעגט:

— וואָס עסטי טיען מיטן צווייער?

— יעך על קויפּן ביבער אין אָפּגעבן די ייִנגלעך זיי זאָלן מיך נישט ריפּן שנאָרער.

יערמע דוד איז אַ ווײַלע געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אין ייִנגל. עפּעס האָט ער איצט, ס׳ערשטע מאָל דאַכט זיך, דערפילט אַן אָנגעהעריקייט צו דעם קינד. אויך ער האָט דאָך פיינט עמעץ זאָל טראַכטן וועגן אים ווי וועגן אַ שנאָרער! אויך ער וויל דאָך ביי קיינעם גאָרנישט נהנה זיין!

פּאַוואָליע האָט יערמע דוד אַרויסגעקראָגן פון הינטער דעם שווערן פּאַלטן דאָס לעדערנע געלט־בייטעלע, אַרויסגעגראַבלט אַ קופּערנעם צווייער און דערלאַנגט דעם ייִנגל:

— נאַ, אין גיי צוריק אין חדר אַראָאָן.

חנה לאה האָט נישט געגלייבט אירע אויגן. זינט זי קען יערמע דוד׳ן האָט ער נאָך אַזוינס נישט געטאָן. נישט אַנדערש נאָר גאָט האָט אים היינט צוגעשיקט אַ כשרע מציאה. אָן אַ וואָרט האָט זי געהאָלפן דאָס פאַרווייַנטע ייִנגל אויפשטיין פון דער ערד, אים אָפּגעווישט די טרערן און אַוועקגעזעצט אים ביים טיש צום שיסעלע קאַלט געוואָרענע בעבלעך מיט ברויט.

ערשט שפּעטער, ווען די ייִנגלעך זענען אַוועק אין חדר, גרייטנדיק יערמע דוד׳ן ס׳ביסל וואַרעמעס, קלייבנדיק דערביי פּאַסיקע רייד, צו פרעגן דעם מאַן ווי ס׳איז אים דערגאַנגען דער וועג, צי ער האָט עפּעס געקויפט ביי דער באַן, איז גאָר יערמע דוד אַרויסגעפאָרן מיט דער וויסטער בשורה.

מיט איינמאָל זענען חנה לאה׳ן הענט און פיס אונטערגעהאקט געוואָרן. איר בלאס פּנים איז געוואָרן געל ווי וואקס. עפּעס האָט זי איצט נישט, ווי איר טבע איז תמיד געווען, אים אויסגערעדט און אויסגעטייטשט דאָס בייזע צום גוטן. אָן א וואָרט האָט זי ארײַנגעזעצט דאָס קינד אין וויגל און אליין איז זי ארײַן אין קיך און זיך געזעצט אויף לייבל משה׳ס בעט, פרײַ־לאָזן דעם שטראָם טרערן, וואָס האָט איר א זעץ געטאָן אין האלדז ארײַן.

ירמיע דוד איז געבליבן זיצן ביים טיש. ער האָט זיך שוין נישט גע־וואשן צום ברויט און האָט אויך נישט אָנגערירט דאָס שיסעלע בעבלעך. ער איז געזעסן מיטן קאָפּ אין ביידע העגט, די עלנבויגנס אויפן טיש און שטאר געקוקט אויף אסתר פּערעלען, דער מאמעס נאָמען, וואָס האָט זיך געשפּילט נעבן אָנגעהייצטן אויוון, דריקנדיק א ליאלקע צו איר הערצל, ווי א קליין מאמעלע. פון איר האָבן זיינע אויגן אריבערגעוואנדערט צו רחלן, א פּיצעלעס נאָך, אין וויגל. אין דמיון זענען געטאָן א שווים ארויס די צוויי ייִנגלעך, וואָס זענען נארוואָס אוועק אין חדר און אויך לייבל משה, דער אונטערגעוואקסענער בחור. וואָס וועט דאָס פון זיי אלע ווערן? און זי? חנה לאה? ווי וועט זי זיך דאָ אַן עצה געבן, איינע אליין מיט די קינדער?

ירמיע דוד האָט שטארק געוואָלט ארײַנגיין אין קיך, וווּ חנה לאה האָט שטיל געהעשעט, שלינגענדיק די טרערן אין זיך ארײַן און איר אויסריידן און זי טרייסטן, אז מיטן אויבערשטנס הילף וועט מען אים נישט נעמען. א ייִד מיט אזא מחיש וועט מען נישט שיקן אין דער מלחמה ארײַן. אָבער גראָד די טרייסט האָט ער איר נישט געקאָנט ברענגען. ער האָט געוווּסט, אז דער מחיש זיינער איז א וווּנד אין איר הארץ. איר גאנץ אײַנשרומפּן יעדערס מאָל וואָס ער קומט צו איר, איז גראָד צוליב דעם מחיש. זי האָט דאָס חלילה קיינמאָל אים נישט געדאכט, אָבער ער ווייסט עס. און איין גאָט איז אַן עדות אז ער וואָלט ליבערשט געגאנגען אין דער מלחמה ארײַן גע־הרג׳עט ווערן, איידער א לעבן לאנג פילן די גָעפאלנקייט ביים דערנענטערן זיך צום אייגענעם ווייב.

די מלחמה־בשורה האָט אויך אין אנדערע שטובן געמאכט תשעה באָב. ייִדן מיט בערד ביז די גארטלען, טאטעס שוין פון אונטערגעוואקסענע קינדער, טייל פון זיי שוין זיידעס פון אייניקלעך, צוגלייך מיט נאָר־וואָס חתונה גע־האטע ייִנגע־לייט און חתנים פון כלות, ביי אלעמען זענען מיט איינמאָל די העגט אָפּגענומען געוואָרן. זיי האָבן אויפגעהערט צו קאָנען ארבעטן, זענען ארומגעגאנגען ווי אָן קעפּ און נאָך איידער מען האָט זיי גערופן האָבן זיי זיך שוין געקליבן פאר דער קאנצעליאר מיט די קלומיקלעך אונטער די אָרעמס, גרייט אוועקגעשיקט צו ווערן קיין סיביר מלחמה־האלטן מיט די יאפּאָנטשיקעס פאר פּאָרט ארטור און מוקדן.

אויף יערמע דוד האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אריין און ווען דער טאָג איז געקומען, איז ער אויפגעשטאַנען באַגין, פריער ווי תמיד, אָפּגע־דאַוונט, ארייַנגעלייגט דעם טלית און תפילין־זאַק אין קלומעקל, וווּ חנה לאָה האָט שוין געהאַט אריינגעלייגט עטלעכע שטיקלעך וועש, קלאָרע אָניצעס, א ווייס טיכעלע מיט א ביסל זאַלץ, עטלעכע ציבעלקעס און א גאַנץ קאָרן־ברויט.

אוועקלייגנדיק ס׳פאַרבונדענע קלומעקל אין קיך אויף א טאַבורעט, האָט זיך יערמע דוד געוואַשן און גענומען עסן דאָס לעצטע אָנבייסן, פאַרן אוועקפאָרן זיך שטעלן צו פּאָניע.

געגעסן האָט בלויז יערמע דוד אליין. חנה לאָה, מיטן קינד אויף דער האַנט, איז געזעסן אַנטקעגן, ביי דער אַנדער זייט טיש און שטיל געקוקט. יערמע דוד׳ס שעפּן מיטן לעפל דעם הייסן קרויט־באָרשט און זיין לאָמיך־דיק געווייין. אין אָט דער שטילקייט האָט עפּעס גאָר אומהיימלעך געקלונגען יערמע דודס שעפּן מיטן לעפל דעם הייסן קרויט־באָרשט און זיין לאָמיך־געמאַכטיק קייען דאָס אַלט־געבאַקענע שטיקל שוואַרץ ברויט. באַלד איז עס אים טאַקע נמאס געוואָרן. ער האָט אוועקגעלייגט דעם לעפל און א זאָג געטאָן:

— ני, כ׳האָב שוין גענוג!

חנה לאָה האָט אָפּגעזיפצט:

— אוודאי, אז דער האַלדז איז פאַרשלאָסן.

יערמע דוד האָט זיך באַנעצט די שפּיץ־פינגער און אָפּגעבענטשט. נאָכן בענטשן האָט ער זיך פּלוצים געווענדט צו אברהם יאַנקלען, וואָס איז געזעסן אין א ווינקעלע, צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי ברידער, טרויעריקע, שטילע, וואַרטנדיק זיך צו געזעגענען מיטן טאַטן:

— וואָס זאָגסטו, אברהם יאַנקל, ווילסט זאָגן א שיסטער? — און נישט וואַרטנדיק אויף דעם ייִנגלס ענטפער, האָט ער שוין גערעדט צו חנה לאָהן:

— יעדן מיין זאָלסט אים אַראָפּגעבן צום פליוק אויף דער לער. א גאַנץ גיטער שיסטער, לייזער פליוק. ער האָט פּרנסה ברווח. וואָס עט ער זיך אַרימוואַלגערן פּוסט אין פּאָס. קאַ רב עט ער דעך נישט זאָגן.

חנה לאָה׳ן איז דאָס מאָל אפילו נישט איינגעפאַלן צו דערווידערן איר מאַן. דעם עלטערן, לייבל משה׳ן וואָלט זי אוודאי נישט אָפּגעגעבן פאַר קיין שוסטער. א ייִדענער בחור און נאָך דערצו אזא גוטער קאָפּ צום לערנען. אברהם יאַנקלען אָבער נעמט נישט דאָס לערנען. אוודאי, ווען נישט דאָס אומגליק וואָלט ער נאָך געגאַנגען א יאָר־צוויי אין חדר. אזוי אָבער, ווער קאָן דען גאָר פון אזוינס קלערן?

— יאָ, אוודאי — האָט זי שטיל, אָן ווילן געענטפערט.

יערמע דוד איז ענדלעך אויפגעשטאנען פון טיש. ער האָט גענומען אסתר פערעלען אויף דער האַנט, א ווײַלע זי געדריקט צו זיך, איר געגעבן א קוש אויפן קעפּל. דערנאָך האָט ער גענומען די קלײנע רחלע פון חנה לאה'ס אָרעם אַרויס, עס א קוש געטאָן און עס איר צוריקגעגעבן. לײבל משה'ן האָט ער געגעבן די האַנט און געזאָגט:

— געדענק לײבל משה, היט אָפּ ײדישקײט.

אויך די צװײ קלענערע ײנגלעך האָט ער געגעבן די האַנט, זײ אָנגע־זאָגט זײ זאָלן זײן „גיט צי דער מאַמען":

— אין די, נתן חיים, — האָט ער דעם קלענערן אָנגעזאָגט — זאָלסט זעך נישט חבר'ן מיטן שײגעץ!

איצט האָט יערמע דוד גענומען דעם קלומעק אויף דער פּלײצע און א קוק געטאָן אויף חנה לאָהן. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן. דער עיקר האָט ער זי געוואָלט טרײסטן, אָבער אויף דעם האָט יערמע דוד קײנמאָל קײן ווערטער נישט פאַרמאָגט. אויך חנה לאה'ס בארעדעוודיקײט האָט זיך איר עפּעס אויסגענומען און זי איז געשטאַנען שטום, מיט בלוי־פאַרטריקנטע ליפּן און צוויי שטראָמיקע טרערן־ריטשקעלעך אויף די בלאַס־געלע באַקן.

יערמע דוד'ן האָט גענומען ווערגן אין האַלדז. כדי אײנצוהאַלטן דאָס אָנקומענדיקע געוויין, האָט ער א וויש געטאָן מיט דער האַנט־פלאַך איבערן מויל און אַזוי פּאַוואָליע דורכגעפירט די האַנט איבער דער לאַנגער, רויטער באָרד. באַלד איז ער צו צו דער טיר, א קוש געטאָן די מזוזה און, שוין אויף יענער זײט שוועל, האַלטנדיק די טיר אָפן אין פּראָסטיקן דרויסן אַרויס, האָט ער גיך א זאָג געטאָן אין שטוב אַרײַן:

— זאַאַטס מע געזינט...

ערשט איצט האָט זיך חנה לאה באַכגעלאָזט. אויך די קינדער האָבן אויס־געבראָכן אין א געוויין, די ײנגלעך שטיל, אין זיך, ווישנדיק מיט די אַרבל די נאַסע אויגן, און די צוויי מײדעלעך הויך, אויפן קול טוליענדיק זיך אין גרויס שרעק צו דער ווײנענדיקער מאַמע.

קאפיטל צוואנציק

די מלחמה האָט אין מאָדזשיץ אָנגעיאָגט סומנע טעג און לאַנגע, פּוסטע וואָכן. חנה לאָה איז אומגעגאַנגען אין אַנגסט און שרעק. אויף קיין בריוו האָט זי זיך נישט געריכט. נישט יערמע דוד קאָן שרייבן און נישט ער איז דער מענטש אָפּצוזוכן עמעץ, וואָס זאָל פאַר אים שרייבן. פונדעסטוועגן האָט זי אַלע טאָג געוואַרט אויפן בריוו־טרעגער, אפשר? טאָמער?

און דער ווינטער איז געווען אַ שווערער. גרויסע זאַווערוכעס האָבן זיך אָנגעטראָגן. דער ווינט האָט געפייפט, געריסן דעכער, געוואָרפן די לויז־הענגענדיקע לאָדנס הין און צוריק, געבייטשט די נאַקעטע ביימער, גע־בויגן זייערע הוילע צווייגן ביז דער ערד אַראָפּ. און דער שטורעם האָט אָנ־געיאָגט אַ שניי. טעג און נעכט איז דער הימל געווען פאַרכמורעט און דער שניי האָט נישט אויפגעהערט צו פאַלן, געדיכט און שווער. די הייזער האָבן געזונקען אין אַ ים פון שניי און אַלע אינדערפרי האָט מען אויפסניי גע־דאַרפט אַרויס מיט אַ לאָפּעטע דורכשניידן אַ שטעגעלע אין הויף אַריין און פון הויף אין מאַרק אַרויס. דערנאָך האָבן זיך ערשט אַראָפּגעלאָזט די פרעסט, גרויסע פרעסט! כאָטש די זון האָט געשיינט און די לופט איז גע־ווען בלוי און לויטער, האָט מען דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן. טויבן אין די טויבן־שלאַקן זענען פאַרפרוירן געוואָרן, אפילו די קראָען האָבן זיך נישט געוויזן פאַר לאַנגע טעג. מענטשן זענען געלעגן אין די שטיבער און מורא געהאַט אַרויסצושטעלן אַ פוס, און די, וואָס האָבן געמוזט אַרויסרירן זיך פון דער וואַרעמער שטוב, האָט דער פראָסט זיי דורכגענומען ביזן מאַרך און אַ סך זענען אַהיימגעקומען מיט אָפּגעפרוירענע נעז און אויערן.

דער מאָדזשיצער מאַרק איז געווען פּוסט און ליידיק. שוין וואָכן ווי קיין פויער האָט זיך נישט געוויזן אין שטאָט אַריין. די וועגן זענען געווען פאַרווישט און מ׳האָט נישט דערקאָנט ווו ס׳איז וועג און ווו פעלד. די פויערים האָבן מורא געהאַט זיך אַרויסצורירן פון זייערע דערפער זיי זאָלן נישט פאַרלוירן־גיין אין דעם ווייס־בלענדנדיקן שניי־ים.

ביי חנה לאָה׳ן אין שטוב איז געווען קאַלט און סומנע. די נויט האָט געהערשט אין יעדן ווינקעלע. קיין קונה האָט זיך איבער דער שוועל נישט געוויזן זינט יערמע דוד איז אוועק. דאָס ביסל האָלץ אין קאַמער און דאָס זעקל קאַרטאָפל אין קיך, האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעלאָזט. די פליטע איז געשטאַנען שוואַרץ, פינצטער, אויסגעלאָשן פון יעדן פונק־פייער.

שוין עטלעכע טעג ווי דער קליינער נתן חיים איז געזעסן אין חדר און ווארעמס. די צוויי קליינע מיידעלעך זענען גאנצע טעג געזעסן איינגע־טוליעטע אין בעט און חנה לאה, א בלאסע, און אויסגעצערטע, אנגעפעלצט אין דערעס און שובעס, האט זיך אלע ווייליע צוגעשארט צום פארפרוירענעם פענצטער, אנגעהויכט מיט איר ווארעמען אטעם א לעכעלע אויף דער אייזיקער שויב, צוגעלייגט אן אויג און ארויסקוקנדיק אין טויטן דרויסן אויפסניי איבערגעחזרט:

— ווען דער אויבערשטער העלפט, די קעלט לאזט נאר נאך!

אין איר איצטיקער נויט האט חנה לאה געהאט איין האפנונג: ווען די פרעסט לאזן נאך און זי קאן זיך אריבערכאפן אין דארף אריין צו יאנטעק קוטי, וואלט זי געוויס נישט צוריקגעקומען מיט ליידיקן. זי וואלט זיכער ביי אים געקראגן אויפן חוב א ביסל קארטאפל, א קרעגצל ציבעלעס, א זעקעלע בעבלעך, שטייען אבער אזוינע פרעסט. ווער קאן זיך דאס אונ־טערשטעלן אין אזא קרירה אוועקצולאזן זיך אין דארף אריין?

אבער גאט האט דאך געהאלפן, עס איז געווארן א שינוי אין דרויסן. דער מארק האט אויפגעלעבט. שליטעלעך מיט האלץ, ס׳גאיעס מיט עסנ־ווארג האבן זיך ווידער באוויזן אין שטאט און חנה לאה האט זיך געקליבן אין וועג אריין. זי האט זיך אבער געשלאגן מיט דער דעה, צי זי זאל גיין אליין אדער אויך מיטנעמען נתן חיים׳ען. ווארום וואס קאן זי שוין, אומשטיינסגעזאגט, אליין ברענגען אויף דער פלייצע? ס׳ייגגל אבער זאל מיטגיין קאן ער אויך נעמען א זעקל. איז אבער אן עבירה אים צוצונעמען פון לערנען. זי וואלט אוודאי בעסער מיטגענומען דעם עלטערן אברהם יאנקלען, האט זי אבער מורא. זינט זי האט זיך איינגעבעטן ביים מיינסטער מ׳זאל דעם ייגגל געבן ס׳ביסל עסן, ווארפן זיי זיך, די פליוקעס! זאל זי אים צונעמען אויף א האלבן טאג, וועלן זיי האבן א גוטן אויסרייד אים אינגאנצן אהיימצושיקן.

— זינעשי, עסט אפשר מיטגיין מיט דער מאמען צו יאנטעק קוטי?

— האט חנה לאה געפרעגט נתן חיימען, ווי נאר ער איז אהיימגעקומען עסן ווארעמעס.

דאס ייגגל, כאטש געפרוירן און הונגעריק, האט גלייך פארגעסן און עסן. מיטגיין און מיט־מחיה׳ן האט ער פון תמיד ליב:

— אוודאי! און באלעק וועט אויך מיטגיין, — האט ער שוין א כאפ געטאן דעם זאק, וואס די מאמע האט פאר זיך אנגעגרייט, — און וואצוש אויך!

מילא, און הונט קאן זי זיך אוודאי באגיין, אבער באלעק איז איר גארנישט געקומען אויפן זינען. וואס און אמת, ס׳איז אפשר נישט רעכט זיך צו באהעלפן מיט א פרעמד קינד, בפרט נאך אים שלעפן אזא וויטן

וועג. די מעגלעכקייט אָבער אַהיימצוברענגען אַ ביסל מער עסנוואַרג איז ביי איר געווען שטאַרקער איידער די אומרעכט. ווער שמועסט נאָך אז זי וועט דעם יינגל פּאַרגיטיקן מיט אַ ביסל עסן וואָס זי וועט אָפּקאָכן, ווי נאָר זי וועט, מיט גאָטס הילף, עפּעס אַהיימברענגען אין די זעקלעך. דאָס שגצ׳ל איז נעבעך תמיד הונגעריק.

כאַטש דער וועג אין דאָרף אַריין איז געווען האַרט, פול מיט געפרוי־רענע, פאַרשנייטע גרודעס, וואָס האָבן אויסגעדרייט די פיס און חנה לאה האָט געשטרויכלט און שיעור נישט געפאַלן, איז איר דאָך דער דאָזיקער וועג פאָרגעקומען זייער גרינג און זי איז געווען זיכער, אַז, אויב דער גוי וועט איר נאָר געבן, וועט זי און די יינגלעך מיט איר, קאָנען אַהיימ־טראָגן פולע זעק מיט עסנוואַרג.

ווען חנה לאה מיט די צוויי יינגלעך זענען אַריינגעקומען צו יאַנטעק קוטי אין כאַטע, איז דער גוי געזעסן אויף אַ נידריק בענקל מיט אַ בינטל שטרוי ביי זיין רעכטער האַנט און אַ זאַק מיט ציבעלעס ביי דער לינקער. געדולדיק און פאַוואָליע האָט ער געפלאָכטן שטרוי־קרענץ, ווי לאַנגע, בלאָנדע צעפּ, אַריינפלעכטנדיק אין זיי רייען גאָלד הויטיקע ציבעלעס.

אַנטקעגן אים, נאָענט צו דער אונטערגעהייצטער פּליטע, ביי דער וועב־שטול, איז געזעסן די יאַנטקאָווע, אַ שוואַרצע גויע, מיט אַ שאַרפן, ווייסן שרונט אין מיטן קאָפּ. פלינק און ריטמיש האָט זי געוואָרפן דעם וועב־הוק, הין און צוריק, אַריינוועבנדיק צווישן די פאַרצויגענע וואָל־פעדים, העל־פאַרביקע שטרייפן, אָט אַ פּאַס רויט, אָט שוין אַ פּאַסיקל בלוי און באַלד גאָר עטלעכע דינע שטרייפעלעך זוניקן געל, אויסוועבנדיק אַזוי־אַרום אַ פאַרביק טוך, פון וואָס די פּוילישע פּויערטעס מאַכן זיך זייערע פּיל־קאָלירטע פּעלערינעס, דעקעס אויף די בעטן און קילמעס צו לייגן אויף די דילן אָדער אויפצוהענגען אויף די ווענט

אַ ליבע, זויבערע וואַרעמקייט האָט חנה לאה׳ן אַרומגענומען אין דער כאַטע. ווי ביי איר איז געווען קאַלט אַזש וואַסער אין פּעסל האָט געפרירט, אַזוי איז דאָ געשטאַנען אַ וואַרעמקייט, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן. און פּונקט ווי ביי איר האָט געהערשט אַ מוראַדיקע נויט, האָט זיך אין דער כאַטע געשפּירט אַ גוידערדיקע זעט, אַ זעט פון פולע שפּייכלער תבואה, גריבער קאַרטאָפל, קאָנען מילך און וואַרשטעס האַלץ לענג אויס די ווענט. אַזש ביז די שטרוי־דעכער! שוין ביים אַריבערטרעטן דאָס פאָרטקעלע פון גער׳טל, וואָס צאַמט אַרום דעם הויף, האָט די זעט אַ שלאָג געטאָן חנה לאה׳ן אין פּנים אַריין. פון אַלע זייטן איז געוואָרן אַ געלויפעריי, אַ געפלי־עריי, אַ געקוואַקעריי און אַ געבילעריי. הינט, הינער, קאַטשקעס, גענדז, אינדיקעס און טויבן, גאַנצע טשאַטעס טויבן, וואָס האָבן זיך אַלע ווײלע געטאָן אַ טראָג אין דער לופט, ווי אַ כמאַרע, פון איין שטרוי־דאַך צום

אַנדערן און פון דאַך, אַראָפּ אויפן הויף קלייבן קערנער צוזאַמען מיט די עופות.

— גוטן טאָג, — האָט געזאָגט חנה לאה, שטיל און נישט דרייסט, ווי נאָר זי האָט געעפּנט די שווערע, דאַרפישע טיר מיט דער האַלצערנער קליאַמקע.

— אַהאַ, ווענען איך זע, ווענען איך זע — האָט דער גוי זיך געחידושט און דערביי האָבן זיינע לאַנגע, גרויסע הענט אויפגעהערט צו פלעכטן דעם ציבעלע־קראַנץ.

— ס'קאַצל קומט, — האָט אויך די יאַנטקאָווע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו חנה לאהן, אַפּשטעלנדיק דאָס וואַרפן דעם וועב־הוק הין און צוריק.

— אז ס'אייז הייבט אָן לאָזן, יאָוועט זיך די פייגל, — האָט דער גוי געלאַכט מיט זיין פול מויל ווייסע ציין פון הינטער די שווערע, שוואַרצע, פרענזלדיקע וואָנסעס אפּער. — זיץ, יערמאָוואַ — האָט ער מיט א ווונק אָנגעוויזן אויף אַ לאַנג בענקל, לעבן דער טיר.

— און ווו איז דער קאַזשאַל דיינער, מיט דער רויטער בראָדע? — האָט די גויע זיך גענומען אויספרעגן. — אויך אוועק אויף דער מלחמה? געמיינט ער איז שוין אַלט, ווי מיינער.

— יאָ, יאָ, יאַנטקאָוואַ טייערע, — האָט חנה לאה איר געענטפערט און נישט דרייסט זיך צוגעזעצט אויפן בענקל. — אים צוגענומען און מיך געלאָזט אַליין מיט די קינדער און אָן אַ קינדעלע האַלץ, אָן אַ קאַרטאָפל אין שטוב. און דיר, יאַנטקו, א דאַנק פאַרן הייסן מיך זעצן. א שווערער וועג אהער, זיך אויסגעדרייט די פיס. ווענסט דאָך מיך נישט אַהיימלאָזן מיטן ליידיקן. וועל אָפּנעמען דעם חוב מיט וואָס נאָר איר וועט מיר געבן: א ביסל קאַשע, א קרענצל ציבעלעס, א זעקעלע בעבלעך.

בעת דעם לאַנגן באַגריסעניש זענען דערווייל די צוויי יינגלעך, נתן חיים און באַלעק, געשטאַנען ביי דער טיר מיט די היטלען אין די הענט, שטילע, ווי סטאַטיקלעך, נישט וואַגנדיק צו שטעלן ווייטער אַ טריט פון די טיר אַוועק. אָבער ווי נאָר חנה לאה האָט זיך צוגעזעצט, האָבן זיך די צוויי לייט אויך דערפילט היימישער. נתן חיים האָט זיך זייטיקלעך צוגעשאַרט אין ווינקעלע, צו יאַנטעק קוטיס הויכע בייטש מיט די רויט־וואָלענע קוטאַסלעך, איינגעפלאָכטענע אין אויבערשטן טייל פון יוכטענעם רימנטל. באַלעק ווידער האָט זיך אַראָפּגעזעצט שיפּקע און זיך גענומען שפּילן מיט יאַנטעק קוטיס הונט, אַ גרויסער, ברוינער כלב, מיט אַ ווייסן פלעק אויפן שטערן, וואָס איז פויל געלעגן אויף דער ערד און געדרימלט.

— ווענסט דען קאָנען טראָגן? — האָט דער גוי ערנסט אַ פרעג געטאָן חנה לאהן.

— מיט גאָטס הילף — האָט חנה לאה געזאָגט און כדי ער זאָל נישט

מיינען אַז זי האָט די יינגלעך מיטגענומען בלויז פון היימלעכקייט־וועגן, האָט זי אַריינגעוואָרפן: — די יינגלעך וועלן אויך טראָגן, זיי זענען שטאַרק.

— שוין ווידער שילדיק פאַר בראָנפן! — האָט די גויע אַ וואָרטשע געטאָן און זיך בייז גענומען צוריק צום וועבן.

— גאָט איז מיט דיר, יאַנטקאָווע, — האָט חנה לאה גענומען באַרואיקן די גויע. — אַ גאַרניטור האָט דיין „גאָספּאָדאַרש" גענומען, אַ גאַרניטור אין קאָשטשאָל אַריין.

— און דו, באַבאָ, — האָט דער גוי בייז אַ קוק געטאָן צום ווייבערל, באַלעבאָטשע נישט דאָרטן! נישט דיין וואָגן און נישט דיין פערד און מיש זיך נישט אריין.

יאַנטעק קוטי האָט זיך אויפגעשטעלט פון די קרענץ מיט ציבעלעס. ער האָט אָנגעטאָן דעם ברוינלעך־רויטן שאָפּן־פּעלץ, זיך ארומגעגארטלט מיט א ברייטן רימען, געכאפּט די שמוישענע קוטשמע אויפן קאָפּ און א רוף־געטאָן חנה לאהן:

— קום, יערמאָוואָ!

זיי זענען ארויסגעגאנגען. דער גוי פאָראויס און חנה לאה מיט די יינגלעך נאָך אים. אויך דער הונט איז אַרויס און גענומען לויפן דעם באַלעבאָס פאַר די פיס.

טיף אין הויף, לעבן די שייערן, איז דער גוי געבליבן שטיין לעבן אַ בערגל, וואָס איז געווען דיק אַרומגעבעט מיט בערג שטרוי און געדיכט־געפלאָכטענע צווייגן. יאַנטעק קוטי האָט געעפנט אַ טירל און זיך אַראָפּ־געלאָזט אין גרוב מיט חנה לאה׳ס זאַק אונטערן אָרעם.

חנה לאה, דערזעענדיק דעם גרוב פול מיט קאַרטאָפל, איז איר דאָס שפּייעכץ געקומען אין מויל אַריין. פול מיט קנאה האָט זי צו זיך אַליין אַ ברום געטאָן:

— ווי אָנגעשטאָפּט זיי זענען, טאַטע זיסער!

דער גוי האָט דאָרטן דערווייל אָנגעשאָטן אַ האַלבן זאַק קאַרטאָפל און, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ אַרויפגעפרעגט חנה לאהן, אונטערהייבנדיק די משא:

— גענוג? יערמאָוואָ!

חנה לאה׳ן איז נעבעך געווען א שאָד. אַלץ איינס איז זי שוין דאָ, זאָל ער צולייגן נאָך עטלעכע קאַרטאָפל. דער גוי האָט זיך נישט געאַמפּערט. אָט, ווען די זשידוווקע דאַרף נעמען דעם זאַק אויף אַ וואָגן אַרויף, וואָלט ער נישט געווען אַזוי גוט. אָבער אַז זי וויל דאָס נעמען אויף די פּלייצעס? זאָל זי! זי וועט שוין שפּעטער דערפילן צי ס׳איז גענוג...

דאָס אייגענע דינגעניש איז אָנגעגאַנגען ביים אָנפילן די זעקלעך פאַר די יינגלעך, איינס מיט אַביסל מייערן און ציבעלעס און דאָס צווייטע

מיט ביסלעך הירזש, קאשע און בעבלעך. יעדעס מאָל, וואָס דער גוי האָט מיט זיין כיטרע שמייכעלע א פרעג געטאָן: „געגוג, יערמאָוואַ?" — האָט חנה לאה א הויב געטאָן ס'זעקל:

— ס'איז דאָך גאָרנישטאָ, יאַנטקו, ס'איז לייכט ווי אַ פעדערל!

נאָכגייענדיק דעם גוי אין די שפייכלער און שייערן האָט חנה לאה שאַרפער געפילט די נויט ביי איר אין דער היים. אַבי דער גוי וויל נאָר געבן, וועט זי אים זאָגן שוין, גענוג?

— שיט נאָך צו אַביסל, יאַנטקו, גאָט וועט דיר אָפּגעבן 10 מאָל אזויפיל!

ענדלעך האָט דער גוי פאַרבונדן די זעק. איינציקווייז האָט ער זיי אויפגעהויבן, זיי געהאָלפן נעמען אויף די פלייצעס, באַגלייט חנה לאהן מיט די ייִנגלעך צום פורטקעלע און איר צוגעווונטשן:

— גיי מיט גאָט, יערמאָוואַ, און זאָל דיר דער קאָזשאָל אינגיכן אַהיימקומען!

— און דיר, יאַנטקו, זאָל גאָט באַצאָלן! — האָט חנה לאה, אַן איינגעבויגענע אונטער דעם זאַק קאַרטאָפל, אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און אים צוריקגעווונטשן.

דעם גאַנצן וועג, פון דאָרף אַרויס, האָט חנה לאה גאָרנישט געפילט די משאָ. מיט גאָטס הילף וועט זי דערגיין אהיים. זי וועט באלד אָפּשיילן אַ טעפל קאַרטאָפליעס. כאָטש היינט נאָכט וועלן די קינדער האָבן אַ קאַרטאָפל צו זעט. געלויבט איז גאָט! זי איז געגאַנגען און געשוויגן. אויך די צוויי ייִנגלעך זענען געגאַנגען שטיל, איינגעבויגן ווי זי און געטראַכט פון דעם פייער, וואָס וועט באַלד ברענען און די קאַרטאָפל, וואָס זיי וועלן באלד בראָטן. וואָס ווייטער אָבער זיי זענען געגאַנגען אלץ שווערער זענען די זעק מיט משאָ געוואָרן. חנה לאה איז שוין געגאַנגען אַזוי איינגעבויגן, אַז זי האָט נישט געקאָנט זען ווייטער ווי די שפּיצן פון אירע אייגענע שיך. אויך די ייִנגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן. און זי האָט אַלע ווײַלע געמוזט אויפסניי זיך שטעלן רוען, אָבער נאָכן רוען זענען די זעק געוואָרן נאָך שווערער.

חנה לאה מיט די ייִנגלעך זענען אָפּגעגאַנגען אין שוייס. די זייטן האָבן געבראָכן און די פיס זענען געוואָרן שווער, ממש נישט זיי צו דערשלעפּן. ווידער און אָבער זענען די צוויי ייִנגלעך מיט די זעק אויף די פלייצעס געבליבן הינטערשטעליק און חנה לאה האָט אַלעמאָל פון דאָס ניי געדאַרפט, פון אונטער איר משא אָפּער, אויסקערעווען דעם קאָפּ אויף הינטערווײַלעכץ און מינטערן די קינדער:

— די גייסט, נתן חיימל? אין די, באַלעק? דערבאַרעמט ענק קינדער, די נאַכט פאַלט צי!

און דער טאָג איז טאַקע נישט געשטאַנען. דער הימל, אַ גרויער, אַ פאַרכמורעטער, האָט גענומען טונקלען. דערצו נאָך האָט א קאַלטער

ווינט געבלאָזן און כסדר צעיאָגט די עקן פון חנה לאה׳ס פאַטשיילע און די פאָלעס פון די ייִנגלעכס בגדימ׳לעך.

חנה לאה איז געבליבן אָן כח. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם זאַק אויף דער ערד און אויך אַראָפּגענומען די זעקלעך פון די ייִנגלעכס פּלייצעס:

— רבונו של עולם, — האָט זי אַ פאַרלוירענע געהויבן די אויגן צום הימל, — טו מיט מיר אַ חסד. שיק מיר אינטער אַ פערד און וועגעלע, אין די קינדערס זכות, טאַטע, פאָטער!

זי איז געשטאַנען, געבענטשטערט מיטן בליק אין אַלע זייטן, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוויזן. פּוסט און ווייס און טויט זענען געלעגן די פעלדער און פּונקט אַזוי פּוסט איז געווען דער פאַרשנייטער וועג. אפילו דער פליגל־פּאַך פון קיין קראָ האָט זיך נישט געהערט. נאָר אָט האָט דאָרטן העט, העט ווייט זיך געזען אָנקומען אַ דראָשקאַרסקע שליטעלע. אָבער ווער האָט דאָס ס׳יהדות אָפּצושטעלן אַ דראָשקאַר ער זאָל דיך פירן בחנם? אַ גוי, אַ גאָספּאָדאַרש, מילא! אָבער אַ דראָשקאַר? האָבער פאַר פערד קריגט ער דען בחנם? ווידער באַצאָלן אים? ווי ווי! ס׳גאַנצע לאָקאָמען זיך צו גיין אין דאָרף אַריין איז דאָך געווען זיך איינצושפּאָרן אַ גילדן!

נאָך אַ לאַנגער ווײַלע זיך אַרומקוקן האָט חנה לאה געטראַכט אַ ביסל גרינגער צו מאַכן די זעק. עס האָט איר אָבער גלייך פאַרקלעמט ביים האַרץ. די קינדער גייען איר נעבעך אויס פאַר אַ ביסן און זי גאַר טראַכט אָוועק־צוואַרפן עסנוואַרג.

— רבונו של עולם, — האָט זי ווידער פאַרהויבן די אויגן צום הימל, — איז נאָך מאַאַן בעכער אַלץ נישט פיל?

זי האָט אויפסניי אַרויפגעלייגט די זעקלעך אויף די ייִנגלעכס פּליי־צעלעך, אויך איר זאַק האָט זי ווידער אַרויפגעשלעפּט אויפן רוקן און, קוים שלעפנדיק די פיס, האָט זי גענומען שטאַרק זיך אליין און צו־געבן מוט די קינדער:

— נתן חיימל, באַלטשו, עץ זעט די פייערלעך אין די פענצטער? דאָס איז שוין די שטאָט, יאָ, יאָ, די שטאָט! אָט באַלד עט מ׳זאַאַן אין דער היים. מ׳עט אָנלייגן אַ פייער, מ׳עט בראָטן קאַרטאָפליעס, יעך על קאָכן וועטשערע, אַ פילן טאָפּ! עץ הערט, קינדער? אַ פילן טאָפּ מיט וועטשערע!

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

ווי אומגעריכט און גיך יערמע דוד איז אוועק אויף דער מלחמה, אַזוי אומגעריכט און גיך איז ער צוריקגעקומען. נאָכן אָפּוואַלגערן זיך אַ וואָכן זעקס אין מיליטערישע שפּיטעלער און זעלנערישע זאַמלפּונקטן, האָט ער איינמאָל, אין אַ כמורנעם פאַרנאַכט, זיך שטילערהייט אַריינגעשלייכט אין שטוב אריין מיטן זעלבן קלומיקל אונטערן אָרעם. ווי אַ שעמעוודיקער אורח איז ער אריינגעקומען, געטאָן אַ קוש די מזוזה און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— גיטן אָוונט.

ווי אַלעמאָל, זינט ער איז אַוועק, איז אין שטוב געווען סומנע און קאַלט און אויסער די צוויי מיידעלעך, וואָס זענען שטילע געזעסן אין דער מאַמעס בעט און לײַדנשאַפטלעך געזייגט די אייגענע פינגער, איז קיינער אין שטוב נישט געווען.

יערמע דוד האָט אין קיך, אויפן קופּערט, אַוועקגעלייגט דאָס קלומיקל און פון געוווינהייט, געטאָן אַ שניף אין וואסער־פאַס, וואָס איז געווען לער. נישטאָ, הייסט עס, ווער עס זאָל דאָס פאַס אָנפילן מיט וואַסער. ער האָט אויך געכאַפּט אַ קוק צווישן אויוון און געזען, אַז אויך קיין האָלץ איז נישטאָ. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעגראַבלט פון קלומיקל צוויי לעקעכ־לעך, האַרט־געבאַקענע, אין דער פאָרם פון מענטשעלעך, מיט צוקערנע אויגן און נעז און מיט זיי אַריין אין אַלקער, וואָס איז שוין געווען טונקל פון דער גיך־צופאַלנדיקער נאַכט. די מיידעלעך, דערזעענדיק דעם טאַטן, זענען אויפגעשפּרונגען און זיך אויף אים אַרויפגעכאַפּט, ביידע מיטאַמאָל:

— טאַטע, טאַטע!

יערמע דוד האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל דאָ, אין דער קאַלטער, פינצטערער שטוב נעמען פריער טאָן. געדאַרפט וואָלט ער זיך שטעלן דאַווענען מנחה. ער האָט זיך אָבער אויף גיך גענומען צונויפשטעלן עטלעכע שפּענדלעך און זיך גאָר געשטעלט אָנלייגן אַ פייער. ער האָט זיך זייער געאײַלט און שטאַרק געבלאָזן די העלצלעך זאָלן זיך וואָס גיכער צעברענען, עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דעם ביסל וואַרעמקייט דערפרייען דאָס האַרץ פון חנה לאה'ן וואָס וועט דאָ אוודאי באַלד אַריינקומען. וואָרום כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז חנה לאה וועט דאַנקען און לויבן זיין ליבן

נאָמען, וואָס ער איז בשלום אַהיימגעקומען, וועט אָבער די באַהאַלטענע וואונד אין איר האַרץ ווערן טיפער. זי וועט דאָך וויסן, אַז אָפּגעלאָזט האָט מען אים בלויז צוליב זיין מחיש. אפילו פּאַניע וויל אַזאַ איינעם ווי ער איז, נישט האָבן, אפילו נישט אין דער מלחמה אריין. זאָל ער איר פאַרדענקען וואָס זי שרימפּט איין ווי נאָר ער דערנעענטערט זיך צו איר?

אין מיטן יערמע דוד׳ס פאָרען זיך ביים צעבלאָזן דאָס פייער איז חנה לאה, אַן איינגעהילטע אין דער שווערער פּאַטשיילע, אַריינגעקומען. זי איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר ממש ווי געליימט:

— יערמע דוד! געלויבט איז דער אויבערשטער, געלויבט איז דער אויבערשטער — האָט זי שטיל געמורמלט, אראָפּשלינגענדיק צוריק די טרערן וואָס האָבן איר א שטראָם געטאָן אין האלדז אריין. באלד האָט זי זיך געכאַפּט: וואָס שטיי יעך? ביזט נעבעך אוודאי הונגעריק?

— כ׳ווייס? — האָט יערמע דוד נישט דרייסט געענטפערט — אין די גאָרקיכן בין יעך נישט געגאַנגען.

חנה לאה האָט זיך גיך גענומען שיילן קארטאָפל און יערמע דוד האָט אָנגעצונדן דאָס נאָפט־לעמפּל. עס איז געוואָרן ליכטיק אין שטוב און אויך וואַרעם. די מיידעלעך זענען מער נישט געזעסן אין בעט און גענאָגט די פינגער. זיי זענען איצט פול געוועזן איבער דער גאנצער קיך. אויך די יינגלעך זענען זיך באלד צונויפגעלאָפן. שעמעוודיק, נישט דרייסט, האָבן זיי געגעבן דעם טאַטן שלום. ביסלעכווייז האָבן זיך אויך שכנים גענומען ווייזן. די מאַנצלייט האָבן גענומען אויספרעגן יערמע דודן ווו אַלץ ער איז געווען, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט און צי ס׳איז טאַקע אמת וואָס מ׳שמועסט, אז די יאַפּאַנטשיקעס זענען אַזוינע בריות און שלאָגן „פּאָניען״? די ווייבער האָבן זיך געקליבן אַרום דער פּליטע, לעבן חנה לאהן, איר געווונטשן „ליבער ענקער גאַסט״, און שטילערהייט געשנאָרוועט מיט די ליפּלעך און פול מיט קנאה זיך איבערגעוואָרפן איינע מיט דער אַנדערער: — באַ לאַאַטן האָט מען דאָס מזל!

כאָטש די אַלע טאַטעס, מענער און זין זענען נישט אַזוי גיך ווי יערמע דוד צוריקגעקומען, האָט זיך דאָך דאָס געדריקטע מלחמה־געמיט אין מאָדזשיץ גאָר גיך אויסגעלייטערט. מאָדזשיצער יידן האָבן זיך ארומגעזען, אַז די מלחמה גיט פּרנסה, און טאקע א סך פּרנסה! האָט מען גאָר גיך פאַרגעסן, אז ערגעץ ווו שלאָגט מען זיך, בלוט ווערט פאַרגאָסן. בלויז אַמאָל, אַז דער בריוו־טרעגער האָט אין וועלכער שטוב אַריינדערלאַנגט א בריוו מיט א רויטן שלאַק ארום קאָנווערט און א מאַמע, צו גאָר א ווייב, נאָכן הערן איבערלייענען די וויסטע בשורה, האָט זיך צעיאָמערט: „וויי מאַאַן וועלט, אזא קרוין״, האָט מען זיך דערמאָנט, אז ערגעץ אין מאַנדזשוריע ווערן מענטשן געהרג׳עט און די פּרנסה איז אויף א ווייל געבליבן

שטעקן אין האלז. באלד אָבער האָט מען צוריק אָן דעם פֿאַרגעסן און מען האָט זיך ווידער גענומען מאַכן אַ קערבל.

און אין מאַדזשיץ האָט זיך דענצמאָל דער רובֿ ממש געוואָלגערט אין גאַס. דאָס מיליטער האָט גאַרנישט געטראַכט פֿון איינהאַלטן דעם גראַשן. די געהיימע שענקלעך אין שטאָט האָבן איצט געטריבן דעם מסחר מיט בראַנפֿן פֿראַנק און פֿריי. מ׳האָט אַפֿילו נישט באַדאַרפֿט פֿאַרהענגען מער די פֿענצטער. טאָג און נאַכט האָבן זיך אין שטאָט געוואָלגערט שיכּורע זעלנער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן, באַלד זיך געקושט און געאָרעמטערהייט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער אַלטער פֿאַרשטאָט אין באָרדעל אַריין.

און די אָפֿיצירן האָבן גאָר געלעבט אַ הפֿקרדיקן טאָג. זייערע איינגעפֿונדעוועטע היימען האָבן זיי אויפֿגעגעבן, ס׳מעבל פֿאַרקויפֿט און די ווייבער און קינדער אַוועקגעשיקט אַהיים, קיין ראַסיי. וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן דענצמאָל פֿערד און וועגן, אָנגעלאָדן מיט טייער מעבלוואַרג, געצויגן פֿון פֿעסטונג אין שטאָט אַריין. יידן און קריסטן האָבן דענצמאָל באַנייט זייערע שטובן מיט געטאָקטע בעטן און שענק, מיט געשליפֿן גלאָזוואַרג און טייערן פֿאַרצעליי. אויך קאַזנאַ־אייגנטום, וואָס וואָלט אין אַנדערע צייטן פֿון אָרט נישט גערירט געוואָרן, איז איצט אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן אויף די פֿילע פֿעסטונגס־ליציטאַציעס. פֿאַר קליין־געלט האָבן יידן אָפּגעקויפֿט אוצרות מיט סחורה. יעדער אָפֿיצירל, האָט געזוכט צו גנבֿ׳נען אונטער דעם אַנדערנס וויסן, צו קאָנען פֿרעסן און זויפֿן איידער ער גייט אויף דער מלחמה. אָפֿטמאָל האָט מען די געקויפֿטע זאַכן גאַרנישט גערירט פֿון אָרט. די אייגענע אָפֿיצירן האָבן די סחורות צוריק אָפּגעקויפֿט פֿאַר קאַזנאַ, צאָלנדיק מיט פֿרישע, קנאַקנדיקע באַנקנאָטן. דער גאַנצער משא־ומתן איז גאָר באַשטאַנען פֿון שרייבן אַהין און שרייבן אַהער און אַזוי אַרום אָנפֿילן די אייגענע קעשענעס. אָנשטאַט אויפֿריכטן דעם זעלנער, פֿאַרן אָפּגיין צום וויטן, קאַלטן, סיבירער פֿראָנט מיט וואַרעמע שינעלן, נייע הויזן און מונדירן, שטאַרק־געזוילטע שטיוול, און ווייכע אונטערוועש, ווי דער געבאָט איז געווען, האָט מען די זעלנער אָנגעטאָן אין אַלטע, אויסגעריבענע קליידער, אין אָפּגעטראָגענע שטיוול, וואָס זענען זיך צעפֿאַלן נאָך איידער זיי האָבן באַטרעטן דעם געפֿרוירענעם באָדן פֿון דער וויטער מאַנדזשוריע.

די שפֿע, וואָס איז געגאַנגען פֿון קאַזנאַ צו דער שטאָט, האָט אויך געטראָפֿן צום פּויער, אין דאָרף אַריין. אויך ס׳דאָרף איז געוואָרן הייטערער און די יאַרידים שווערער. דער מאַרק האָט געװעש׳ט מיט עופֿות און בהמות, מיט קוויטשענדיקע חזירים און הירזשענדיקע פֿערד. די וועגענער האָבן זיך געבראָכן פֿון תּבֿואות, וואָס יידן האָבן אויפֿגעקויפֿט, געלאָדן אין וואַגאָנעס און צוגעשטעלט צו קאַזנאַ.

ווי אַמאָל, בעתן בויען ס׳פֿעסטונג, זענען אויך איצט אויפֿגעקומען

אין מאָדזשיץ נייע נגידים, פּאָדריאַטשיקעס, וואָס האָבן זיך געגומען שטעלן געמויערטע קאַמעניצעס מיט בלעך־געדעקטע, רויט־געפאַרבטע דעכער.

כאָטש יערמע דוד האָט נאָך נישט געהאַלטן ביים שטעלן זיך קאַמע־ניצעס, איז אָבער אויך ביי אים געוואָרן גראַמער אין דער פּרנסה, און חנה לאה האָט ביי אים געפועלט ער זאָל, נאָך יעדער ליציטאַציע אין פעסטונג, דערהאַלטן עפּעס פאַר דער שטוב. ביסלעכווייז האָט זי אַזוי אַרום אָפּגע־שפּאָרט אַ פּאָר טונקל־פּאָלירטע בעטן מיט געטאָקטע קעפּ־שטיק, אַ ברייטע קליידער־שאַנק מיט אַ קאַמאָד פאַר גלאָזוואַרג. שפּעטער האָט זי זיך דער־כאַפּט אַ דעמבענעם טיש מיט אַ ווייכע קאַנאַפּע און פיר געבעטע שטולן. אויך געשליפן גלאָזוואַרג און קליאַשן און אַ שטיי־לאָמפּ וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ וואַזע מיט צוויי אויערן. די שיין פון דעם לאָמפּ איז געווען פון מאַט־גלאָז, געשליפן און געפינגערט און געפאַלדעוועט אין די ברעגן. אין דעם מאַטן גלאָז פון דער שיין זענען געפלויגן מלאכים׳לעך מיט צענג־מענע פליגל, האַלטנדיק שווערע הענגלען ווייַנטרויבן אין זייערע פּוכקע הענט.

אויך מיטן ביסן אין מויל איז ביי יערמע דודן געוואָרן בעסער. איצט, ווען גאָט האָט געהאָלפן און דער גרויסער, גרינער קופערט אין קיך איז געווען פול געפּאַקט מיט סחורות, דער בוידעם איז געווען פול מיט זעל־נערישע שינעלן און שטיוול, מונדירן און וועש, דאָס שפּייכלערל, אין ווינקל־הויף, אָנגעפּאַקט מיט מעבל־שטיקער און געגנוצטע שטוב־זאַכן, מיט אַלט־אייזנוואַרג און פערדישע געשפּאַנען און צו דעם נאָך אַ לויז־קערבל אין ברוין־לעדערנעם טייסטער, האָט שוין יערמע דוד נישט אַזוי געקאַרגט דעם ביסן אין מויל אַריין. כאָטש קיין פעטע שפּאָנדרעס און גרויסע פישן, ווי די נייע נגידיסטעס, האָט זיך חנה לאה נישט פאַרגינען, אָבער חלות אויף שבת און אַ געבעק ברויט אויף אַ גאַנצער וואָך האָט זי שוין אַ דאנק זיין ליבן נאָמען געבאַקן.

און די שבתים זענען אויך שוין נישט געווען אַזוינע כמורנע, ווי אַמאָל. דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייס טישטוך. אויבן אָן, אָנגעשפּאַרט איינער אָן אַנדערן און איבערגעדעקט מיט חנה לאה׳ס אויס־געהאָפּטן חלה־טישטעכל, זענען געלעגן צוויי פרישע, ברוינע קוילעטשן. אין מיטן טיש, אין גלאַנציק געשייערטע לייכטער, האָבן געברענט פינף סטערינאָווע ליכט. אויך אין די מעשענע העסעס, איבער די טירן, האָבן געברענט ליכט. דערצו נאָך איז דער עלפער לאָמפּ, אין מיטן שטוב, געווען אָנגעצונדן און עס איז געווען ליכטיק פרייטיקצונאַכטס אין יעדן ווינקל. יערמע דוד איז געקומען פון קבלת שבת אָן אויפגעהייטערטער. די רויטע באָרד האָט, נאָכן פרייטיקדיקן מרחץ, געפלאַמט נאָך רויטער.

ער האָט זיך געזעצט צום טיש און הויך און מיט הנאה געזאָגט שלום עליכם, מלאכי השרת. נאָכן קידוש איבער חנה לאה׳ס ראָזשינקע־ווײַן האָט ער זיך געוואַשן און געטיילט המוציא׳ס פון פרישן קוילעטש. נאָך די פיש האָט ער געזונגען זמירות, געלאָסן און מיט הרחבה און נתן חיימל, דער אייניקער פון די יינגלעך, וואָס איז נאָך געבליבן ביים טאַטנס טיש, מיט נאַסע פיאה׳לעך, און צעפּלאַמט פון בייטאָגיקן מרחץ ווי דער טאַטע, האָט אים מיטגעהאָלפן מיטן יינגלשן אַלטל:

„מנוחה ושמחה אור ליהודים".

און חנה לאה, ביים אויסטיילן די יויך מיט די געבאַקענע פערפל, האָט שטילערהייט, פון קיך ארויס מיטגעזונגען אין גרויס מתיקות:

„יום שבתון, יום מחמדים!"

איז דאָך אָבער יידן נישט באַשערט צו האָבן מנוחה און אוודאי נישט קיין שמחה, האָט דאָרטן, אין מאַנדזשוריע, אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פּערטער אראָפּ. די קליינע יאַפּאַנטשיקלעך, וועמען דער רוסישער קיסר האָט געזאָלט פאַרוואַרפן מיט זיינע זעלנערס היטלען, האָבן עפּעס דאָרטן געהאַט גאָר א לייכטן שליט־וועגס. ניקאָלייס סאָלדאַטן, הונגעריקע, שלעכט אָנגעטאָענע, האָבן זיך עפּעס גאָרנישט געשלאָגן ווי עס באַדאַרף צו זיין. אין די טויזנטער זענען זיי דאָרטן פאַרפרוירן געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן א שאָס געטאָן. אין די צענדליקער טויזנטער זענען זיי געפאַלן אויף די ווייטע, פאַרשנייטע, פעלדער. גאַנצע שיפן זענען מיט זיי אונטערגעגאַנגען אין די דאָרטיקע, אייז־קאַלטע ימים.

מיט איינמאָל האָט זיך דאָס רוסישע לאַנד א וויג געטאָן. די מפּלות ביי פּאָרט ארטור, די גסיסה־קולות פון די מאַנדזשוריער פעלדער האָבן אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער רוסישער מדינה. ווי אן עכאָ פון יענע קלעפּ האָבן זיך אין די שטעט אָנגעהויבן בונטן. בונטן קעגן קיסר מיט זיינע לייט, די אדמיראַלן און גענעראַלן, קאַפּיטאַנען און פּולקאָווניקעס, וואָס האָבן פאַרפרעסן און פאַרזויפן די געלטער פון קאַזנאַ און געלאָזט דעם רוסישן זעלנער אומקומען א נאַקעטן, א הונגעריקן אין די ווייטע ווילדערנישן. באַלד אָבער זענען די דאָזיקע בונטן קונציק אויסגעקערעוועט געוואָרן אין דער יידישער זייט אריין. פון די גערעכטע פאָלקס־בונטן זענען גאָר גיך געוואָרן כיטרע פאָגראָמען אויף יידן, גוט אויסגערעכטע, קונציק צוגעגרייטע!

אין מאָדזשיץ האָט מען דעם דאָזיקן קער תיכף דערפילט. די פרעמדע סוחרים, וואָס זענען אזוי אָפט אראָפּגעקומען קיין מאָדזשיץ אויפקויפן די סחורות פון די היגע לייט, זענען ווי אין וואַסער אריין. דערצו נאָך איז דאָס פעסטונג געוואָרן פאַרמאַכט, אָפּגעשלאָסן, עפּעס ווי עס וואָלט מיט אמאָל אויסגעוואַקסן א וואַנט צווישן פעסטונג און שטאָט. ציווילע לייט, דער עיקר יידן, האָבן מער קיין טויער פון פעסטונג נישט געטאָרט אריבערטרעטן. און

די זעלנער אין שטאָט אַריין האָט מען אויך מער נישט אָפּגעלאָזט. זענען די זונטיקס מיט איינמאָל געוואָרן פּוסט, שטיל. די זיצערקעס ביי די שטעלכלעך און די קרעמער אין די געוועלבער, זענען געשטאַנען ווי די פידלער, גע־גראַבלט מיט די נערוועזע הענט אין די ליידיקע, איינגעפאַלענע געלט־טאָרבעס און זיך אויסגעקוקט די אויגן אַ זעלנער זאָל זיך ווייזן געבן צו לייזן אַ גראָשן. אומזיסט זענען זייערע אויגן, טאָג איין און טאָג אויס געווען געווענדעט צום שאָסיי, וואָס איז אַזוי גלייך, אָבער אויך אַזוי פּוסט געלאָפן אין פעסטונג אַריין. אויך די צוויי קאַטערינשטשיקעס, לעבן דער ראָגאָווער שענק, האָבן אויסגעזען נעבעכדיק און פאַרלאָזן. די פלינקע אויגן זייערע, אונטער די גלאַנציקע דאַשקעס, זענען מיט איינמאָל געוואָרן מאַט, פאַרצויגן מיט אַן אומהיימלעך זאָרג־פאַריערהענגעלע. אומזיסט האָבן זיי געגרימפּלט אויף די קאַטערינקעס אין פּוסטן מאַרק אַריין. דער פרייילעכער מאַרש: „ראַזלוקאַ טי ראַזלוטשי", וואָס האָט אַלעמאָל געהייטערט ס׳געמיט, האָט איצט געדריקט מיט מורא. און ווי דער קאַטערינשטשיק, אַזוי איז געשטאַ־נען די גרין־געלע פּאַפּוגאַי אויף דעם שטאַפּעלע איבער די קאַטערינקע, טרויעריק און פאַרלאָזן. קיין איין זעלנער האָט זיך נישט געוויזן צו שטערן איר אין איר דרימל, וואָס האָט זיך פאַרצויגן איבער אירע רונדע, קלוגע אויגן.

די זעלנער און קאָזאַקן, וואָס האָבן מיט ביקסן אויף די אַקסלען פּאַט־רולירט די שטאָט, זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעט, בייז. קוקנדיק אויף זיי איז ס׳האַרץ איינגעפאַלן פאַר פּחד.

אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז יעדע נאַכט, איידער די זעלנער גייען שלאָפן, חזרט נאַטשאַלסטוואָ איין מיט זיי די תורה, אַז יידן זענען שפּיאָנען. יידן האָבן פאַרקויפט רוסלאַנד צום יאַפּאָנטשיק. דאָס האָבן יידן איבערגעגעבן פאָרט אַרטור צום שונא, און צוליב יידן האָט דער צאַר פאַר־שפּילט די מלחמה!

אַ ווייסטער קאָשמאַר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט. יידן האָבן מורא געהאַט זיך צופיל צו ווייזן אין מאַרק און פאַרנאַכט, ווי עס האָט נאָר געגומען טונקלען האָבן יידן פאַרהאַקט די געוועלבער און געבליבן אין די שטובן הינטער פאַרקייטלטע טירן.

גאָר ביטער איז געווען מיט די קאָזאַקן, וואָס זענען פון תמיד אָן גע־ווען צעשטעלט איבער דער שטאָט. ערשט נעכטן זענען זיי געווען פּשוטע גויים, אַראָפּגעקומענע אהער פון ערגעץ לעבן דאָן, האָבן געטרונקען מיטן ייד, אָפּגעזעסן גאַנצע שעהן אין יידישע שענקלעך, ביי יידישע שוסטער און שניידער, געלאָזט יידישע קינדער זיך שפּילן מיט זייערע שווערדן, אַ דריי טאָן דאָס קלינגענדיקע רעדעלע ביי זייערע שפּאָרן, און דאָ, פּלוצים, ווי איבערגעקערט! עפּעס זענען דאָס מער נישט קיין מענטשן! רוצחים

דרייען זיך ארום אין שטאָט. פון אונטער זייערע קליינע, לאַקירטע דאשיק־לעך, וואָס אין די רויט־לאַמפּאַסדיקע, קאָזאַצקע היטלען, קוקן גאָרנישט קיין מענטשלעכע אויגן אַפער. דאָס זענען עפּעס קאַלטע, גזלנישע, מיט רציחה־אָנגעגאָסענע, וואָלפישע קוקערס. גייענדיק איבער דער שטאָט, אין זייער טונקל־בלויען הולך, מיט די ברייטע, רויט־לאַמפּאַסדיקע הויזן איבער די שטיוול־כאַליעווס, האַלטן זיי שטענדיק גרייט די נאַהייקע מיט דעם שווערן שטיק בליי, גרייט עס אַראָפּצולאָזן איבער אַ יידישן קאָפּ, אַ יידישע פּלייצע. און זאָל מען חלילה נישט אַזוי גיך פאָלגן זייער רציחה׳דיקן געשריי: „ראַזאַידיס״! כאַפּן זיי גלייך די ביקס פון אַקסל אַראָפּ.

תשעה באָב איז געוואָרן אין שטאָט. ס׳בית מדרש פּוסטעוועט. יידן כאַפּן אָפּ ס׳דאַווענען און לויפן גלייך אַהיים. און לערנערס ווייזן זיך אינגאַנצן נישט אַריין. און די יאַרידים זענען אָפּגעפאַלן, געוואָרן שיטער, סוכאָטנע. אַז יידן טאָרן זיך אין פּעסטונג נישט ווייזן, איז דער האַנדל מיטן דאָרף אומ־געפאַלן. דער פּויער האָט נישט מיט וואָס צו קומען אויפן יאַריד איינקויפן זאַלץ און צוקער, נאַפט און סמאָלע, שטיוול און אַ סערמינגע, וואָס דער קרעמער און דער בעל מלאכה האָבן זיך געמיט פאַר אים אָנצוגרייטן.

אַ וויסטער, פינצטערער וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן איבער דעם מאָ־דזשיצער הימל!

קאפיטל צוויי און צוואנציק

מאָדזשיץ האָט געוווסט, אז די מלחמה האָט שמחה׳לע פוטערפליאמען גוט געדינט. בעת דאָרטן, אויף די מאנדזשוריער פעלדער, איז אָנגעגאנגען די שחיטה, האָט ר׳ שמחה פוטערפליאם דאָ זיך געטאָן א רוק גאָר הויך. פון א בלויזן ברוקיר־פּאָדראטשיק איז ער געוואָרן דער גאנצער ראש באווינער אין פעסטונג. פון א דאך איבער א קאזארמע ביז שטיוול און שינעלן פאר די זעלנער, פון תבואות און פלייש ביז מעדיצינען אין שפּיטאָל אריין, אלץ איז געגאנגען דורך שמחה׳לע פוטערפליאמס הענט.

מיט קנאה האָט מאָדזשיץ צוגעזען ווי אין סאמע ברען פון דער מלחמה, בעת אנדערע יידן זענען געזעסן שבעה נאָך זין און טאטעס, האָט שמחה׳לע פוטערפליאם זיך נאָר גענומען שטעלן א נייע קאמעניצע מיט אן אויבער־שטן שטאָק און א גרויסע אָפּיצינע. וואָכן נאָכאנאנד האָבן צו אים געצויגן פערד און וועגן, באלאָדענע מיט ציגל און זאמד, מיט קאלך און געהילצן. אָבער וואָס יידן האָבן זיך אממערסטן געחידוש׳ט זענען געוועזן די שווערע, פריש־געטשעשעטע קלעצער, ווי טעלעגראַף־סלופּעס, וואָס זענען גראָד דענצמאָל אָפּגעוואָרפן געוואָרן לענג אויס דעם שאָסיי, אָפּגערוקט איינער פון אנדערן אויף וואָסערע הונדערט איילן און, דער עיקר, וואָס דעם לעצטן סלופּ האָט מען אָפּגעוואָרפן לעבן שמחה׳לע פוטערפליאמס קופּעס מיט בוי־ווארג.

עס איז דענצמאָל געווען פאר פסח. עס האָט געשמעקט מיט ווארעם־צעפּארעטער ערד און פריש־געבאקענע מצות. אין זוניקן דרויסן האָבן זיך געווימלט יידן און ווייבער און קליינווארג, אויסגעטאָענע פון די ווינטערדי־קע שובעס און וואטוווקעס, האָבן זיי פלינק און האָפּערדיק געקאלכט די שטובן, געשייערט די בעטן, צעלייגט בעט־געוואנט, צעהאָנגען מלבושים און צעשטעלט טישן מיט צעעפנטע ספרים צום לופטערן און געלאָזן די בלעטער פריי זיך מישן און פלאטערן אין ווארעמען פרילינג־ווינט.

אָט, אין מיטן דעם פאָרען זיך ביים אריינפירן דעם פסח, האָבן יידן געפונען צייט ארויסצוגיין פאר די טירן, פארלייגן א האנט ווי א דעכעלע פאר די אויגן און קנאה׳דיק נאָכקוקן די באלאָדענע וועגן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט פארבייצוציען. אָבער ערשט יום טוב, אויסגערוטע פון דער לאנגער ווינטער־האָרעוואניע, אויסגעשלאָפענע נאָך די לאנגע נעכט אויפ־זיין, זאטע און פרייע פון די וואָכעדיקע זאָרגן, האָבן זיי אויף אן אמת זיך

ארויסגעלאָזט ארומשניפן די קופּעס מיט בויוואַרגן און, דער עיקר, די סלופּעס. אז דאָס זענען טעלעגראַף־סלופּעס, האָט מען גלייך געזען, נאָר צו וואָס מען דאַרף זיי, האָט קיינער נישט געוווּסט. סיידן קאַזנאַ זאָל זיך נעמען דורכלייגן א באַן־ליניע דורך דער שטאָט, אראָפּ צום פּאָלוואַרק. יידן האָבן אפילו געזען אין דעם א שכל. ווארום צו וואָס זאָל מען פירן די תבואות מיט פערד און וועגן צו דער באַן? אז מען קאָן דאָך ציען א ליניע צום פּריצס שפּייכלערס און דאָרטן גלייך לאָדעווען אין די וואַגאָנעס אריין! בלייבט אָבער א קשיה: אויב קאַזנאַ גייט יאָ ציען א באַן־ליניע צום פּאָלוואַרק, וואָס־זשע האָט מען דעם לעצטן סלופּ אָפּגעוואָרפן לעבן שמחה פּוטערפליאַם?

יידן האָבן אזוי לאַנג געשניפּט און געשמעקט ביז מען איז דערגאַנגען, אז עס איז נישט קיין באַן און נישט קיין פּריץ. נאָר גאָר א נייע פּאָטשט פאַר מאַדזשיץ! שמחה׳לע פּוטערפליאַם הייסט עס, האָט א ניי געשעפטל. ער שטעלט זיך נישט בויען א קאַמעניצע אזוי זיך! ער טוט דאָס ווייל ער האָט ארייגעקראָגן א קאָנטראַקט פון קאַזנאַ צו האָבן די פּאָטשט פאַר א שכן אין דעם געבוי!

— אָט דאָס הייסט מזל פון א גוי! האָבן יידן געריעדט מיט קנאה — נאָך אדער ער לייגט דעם ערשטן ציגל, האָט ער שוין ס,גאַנצע הויז פאַרדונגען, און צו וועמען? צום קיסר אליין! און דאָס נישט אויף א קוואַרטעלע, נאָר אויף גאַנצע פופציק יאָר!

פאַר איין־וועגס האָבן זיך שוין יידן אויך דערוווּסט, אז שמחה׳לע פּוטערפליאַם האָט שטילינקערהייט אָפּגעקויפט און גייט לאָזן אויסהאַקן א שטיק פון קאַזשמינסקיס סאָד, כדי דאָרטן צו שטעלן די אָפּיצינעס צו דער קאַמעניצע!

כאָטש געוויינלעך פלעגט דער סאָד ווייניק־וואָס אָנגיין מאַדזשיצער יידן, סיידן אין א שבת, אין די גרויסע היצן, נאָכן טשאָלענט, ווען א ייד האָט זיך געקאָנט פאַרגינען דעם תענוג פון א ביסעלע עולם הזה, פון א קאַפּ אָפּדרעמלען אין שאָטן פון א בוים. ווארום, וואָס זענען זיי עפּעס שררות מיט גרינגע קעפּ, די מאַדזשיצער יידן? וואָס קאָנען טראַכטן פון גערטנער און ביימער? אפילו בעתן טועם זיין אן עפּל, א באַרן, א פלוים, ווען א ייד האָט פרום און מיט כוונה געמאַכט א ברכה: „בורא פּרי העץ", האָט ער אויך נישט געטראַכט פון בוים, נאָר בלויז געזען די פּרי. איצט אָבער האָבן יידן מיט איינמאָל דערזען די ביימער און די רציחה, וואָס דער שמחה׳לע קלייבט זיך איבער זיי אָפּצוטאָן, האָט זיי אָנגעהויבן אָנגיין. וואָס הייסט א ייד גייט לאָזן האַקן אויבסט ביימער? מען מעג דען? נאָך דערצו איצט, פּסח־צייט, ווען מען האָט נאָר־וואָס געבענטשט טל און געבעטן דעם רבונו של עולם ער זאָל געבן טוי, טוי אויף דער ערד און טוי אויפן בוים, עס זאָלן אויפגיין

די תבואות און עס זאָלן וואַקסן די פּירות. גייט זיך א ייד אַזוינס אונטער־שטעלן? איצט, ווען דער סאָד בליט־אויף, ווען אָט, אָט צעוויקלען זיך די בלעטער און דאָס אויבסט הייבט זיך אָן אויספּיקן, וועט דאָס א ייד נעמען און אָפּטועָן אַזאַ נבלה?

— אָפּגעהאַקטע יאָרן וועט ער דאָך האָבן!

ווי ראש השנה צו תשליך, זענען איצט יידן געגאַנגען צו קאָזשמינס סאָד. צוליב דער אייביקער מורא פאַר פראַנטשישעקלען און פאַר זיין הונט, זענען זיי געגאַנגען לענג אויס דער דרויסנדיקער זייט פון פּאַרקאַן. זאָרגלאָז, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, אין די נייע, פּסח׳דיקע קאַשקעטלעך, אין די יומטובדיקע קאַפּאָטעס, זענען זיי געגאַנגען מיט פאַרריסענע קעפּ און באַ־דויערט די נאַסע ביימער, דורכגעווייקטע פון די לאַנגע ווינטער־רעגנס, וואָס האָבן שוין געהאַלטן אין אויפבליען און זענען געווען פול מיט רויטלעך־ברוינע קנאָספּן. אַלע ווילע האָט זיך עמעצער פון די קרענצלען יידן דער־נענטערט צום גרין־שימלדיקן, שיטערלעכן פּאַרקאַן, אַריינגעקוקט אינע־ווייניק אין סאָד און גערעדט מער צו זיך, ווי צו די מיטגייער:

— איר זעענט כאָטש א מבין ס׳א ביימער? ניי, מעג נישט אַזאַ ייד האָבן המנס מפּלה?

מיט די טאַטעס איז אויך מיטגעלאָפן ס׳קליינוואַרג. פאַר זיי, נאָך איי־דער א שאַרף פון א האַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף א בוים, איז שוין דער סאָד, מיטן פּאַרקאַן אַרום, געווען הפקר. גאַנצע מחנות האָבן זיי זיך איצט, אין פרייען חול המועד, א לאָז געטאָן צו דעם גרין־מאָכיקן פּאַרקאַן, וואָס איז געווען גליטשיק פון נאַסקייט. זיי האָבן געריסן די ברעטער, איינגעלייגט סלופּקעס, געקראָכן אויף ביימער מיט אַזאַ ברען, ווי זיי וואָלטן כאָטש אַזוי אַרום נקמה גענומען אָן פראַנטשישעקלען, אָן זיין הונט, אָן באַלעקן און דער עיקר אָן נתן חיימען, וואָס האָט געשלאָגן בלאַט מיטן שגץ און לאָזט נישט קיין יידיש ייִנגל דעם סאָד איבערטרעטן.

די ייִנגלעך האָבן נישט געוווּסט, אַז פאַר פראַנטשישעקלען דאַרפן זיי שוין נישט מורא האָבן. דער גוי האָט שוין פון לאַנג א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלץ, וואָס איז אין דעם הויף אָנגעגאַנגען. זינט דער אַלטער פּולקאָוו־ניק האָט פאַרקויפט דאָס הויז און די יידן זענען דאָ געוואָרן די „גאַספּאָ־דאַרזשעס״, גייט דאָס הויז דעם גוי מער נישט אָן. זאָלן די קליינע זשידעק־לעך ברעכן וויפל זיי ווילן!

באַלעק און נתן חיים האָבן אָבער אַזוי נישט געטראַכט. זיי האָבן אויך נישט געוווּסט, אַז עמעצער האָט אָפּגעקויפט א שטיק פון סאָד און אָט, אָט ברעכט מען אויף דעם פּאַרקאַן און מען וועט מיט העק נעמען אונטערהאַקן ביימער. פאַר זיי איז דער סאָד מיטן הויף נאָך אַלץ געווען אָן אָפּגעשלאָסן

קיניגרייך, ווו נאָר זיי קאָנען פריי און אומגעשטערט טאָן, וואָס זייער האַרץ גלוסט.

ווי פאַראיאָרן, זענען זיי איצט, אין זוניקן חול המועד, געווען שטאַרק פאַרטאָן אין ווינקל־סאָד איבער אַן אויפגעגראָבן שטיק ערד. ביידע, בשותּפות, האָבן זיי געהאַלטן פראַנטשישעקלס הויכן רידעל און מיט אַלע כּוחות געקאָפּעט די ערד, איבערגעוואָרפן זי און געמאַכט בייטלעך אויף צו פאַרזעצן ציבעלקעס און מייערן, אַרבעס־שויטן און בוראַקלעך.

די צוויי קינדער זענען געווען אַזוי פאַרטאָן אין דעם גאָרטן, אַז זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט ווי וואַצוש, דאָס רויט־קודלאַטע הינטל, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אָן דער זייט אַן איינגעקנוילטער און דרימלענדיק זיך געוואַרעמט אויף דער זון, האָט זיך פּלוצים געטאָן אַ שטעל אויף מיט האָרכענדיקע אויערן און אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ און געגנומען האַווקען:

— האַו, האַו, האַו!

דאָס האָט ער, וואַצוש אין מיטן דרימלען, אויפגעכאַפּט מיט זיינע הינטיש־וואַכע אויערן די זייער ווייטע אָפּקלאַנגען פון דעם אָנגעלויף אויף יענער זייט פּלויט.

— האַו, האַו, האַו — האָט ער געבולן און ווי אַ פייל אויסן בויגן זיך געטאָן אַ יאָג צווישן דיביימער. אפשר אַ רגע איז דער הונט געווען פאַרשווּנדן. באַלד אָבער, זעענדיק, אַז זיינע צוויי הערן קומען נישט נאָכצולויפן, איז ער גיך אָנגעלאָפן אויף צוריק, פול מיט רוגזה׳דיק געבילערײ און געגנומען שלעפן מיט די ציין, דאָ נתן חיימען ביי אַ פּאָלע פון זיין יומטובדיקן קאַפּאָטקעלע און באַלד גאָר באַלעקן, דאָס באָרוועסע שגצל, ביי אַ נאָגעוויצע פון זיינע געלאַטעטע הויזקעס:

— האָו, האָו — האָט ער ווי גערעדט צו זיי. דאָרטן צעלייגט מען דעם סאָד און איר זייעט גאָר אַ גאָרטן, האַו, האַו, האַו!

די יינגלעך, שטאַרק פאַרטאָענע אין זייער אַרבעט, האָבן געטריבן פון זיך דעם הונט אפילו נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים:

— גיי צום טייוול! — האָט באַלעק אים אַ קאָפּ געטאָן מיטן באָרוועסן פיסל אויף הינטנווייל׳עכס, — לאָז אָפּ די הויזן!

וואַצוש האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט ביז די צוויי הערן זיינע האָבן זיך אויסגעדרייט און אויך געבליבן שטיין מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי ער, איינהאָרכענדיק זיך צו די אָפּגעריסענע שטיקלעך עכאָס, וואָס האָבן אַהערגעגרייכט פון יענער זייט פּאַרקאַן.

ערשט איצט האָבן די יינגלעך ווי באַנומען דעם הונטס בילן. זיי האָבן געלאָזט פאַלן די לאָפּעטע און פּונקט ווי וואַצוש זיך געטאָן אַ יאָג אַריין צווישן די ביימער:

— גיכער, נאָסקע! — האָט דאָס באָרוועסע שגצל געמונטערט נתן חיימען,

וואָס האָט צוליב די פּאַלעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע און די אייביק צו־גרויסע שטיוול, נישט געקאָנט אַזוי פלינק מיטהאַלטן אין לויף — געשווינד, מען צעברעכט דעם פּלויט!

כל זמן די צוויי לייט זענען נאָך געלאָפן און זיי האָבן בלויז געהערט אָפּגעריסענע קולות, האָבן ביידע געמיינט, אַז, ווי נאָר זיי וועלן צוקומען וועלן זיי די יינגלעך דאָרטן דורס׳ן. אָבער קומענדיק נענטער און דערזעענ־דיק דעם איינגעבראָכענעם פּאַרקאַן און נישט בלויז עטלעכע יינגלעך, נאָר גאַנצע מחנות און נישט ווי אַלעמאָל בעתן דורכגיין דעם סאָד, הכנעה׳דיק און פול מיט מורא, נאָר פאַרקערט, האָפערדיקע און מיט שטעקנס, איז ביי די צוויי חברימלעך גאָר אָפּגעפאַלן דער מוט. זיי זענען נעבעך געבליבן שטיין פון ווייטנס, צווישן די ביימער, ווי געליימט. זייערע קינדישע מוחות האָבן נישט געקאָנט באַנעמען וואָס דאָ איז געשען, וואָס הייסט מען ברעכט דעם פּלויט פון סאָד?

וואצוש אָבער האָט מיט זיין הינטיש קעפּל זיך נישט געשטעלט טראַכטן. האָבנדיק די צוויי הארן מיט זיך, איז ער אָנגעלאָפן מיט אימפּעט און מיט א רוגזה׳דיק געבילעריי גענומען בייסן יינגלשע ליטקעס, רייסן פּאַלעס פון נייע יידישע קאַפּאָטקעלעך. נאָר מאָדנע, אָנשטאָט די יינגלעך זאָלן, ווי תמיד בעת זיי דערזען אים, נעמען אָפּציען, האָבן זיי גאָר איצט פאַר־פירט מיט אים אן אמתע מלחמה! מיט געשרייען און געפילדער זענען זיי פון אַלע זייטן אים באַפאַלן, אים געקאַפּעט מיט די נייע, פּסח׳דיקע שטיוועֿ־לעך אין זיינע ווייכע, רויט־פוכיקע זייטלעך.

— האו, האו — האָט דאָס הינטל נאָך יעדן שטאַרך אין זייט אויסגע־דרייט ס׳קעפּל צו זיינע צוויי הארן, וואָס זענען געשטאַנען צווישן די ביימער אין איין מורא צו שטעלן נענטער א טריט צו דער דאָזיקער אומגלייכער מלחמה. — האו, האו — האָט עס געמאָנט ביי זיי, ווי עס וואָלט גערעדט, „וואָס שטייט איר פון ווייטנס? וואָס נעמט איר זיך נישט אָן?" נאָר אָנשטאָט הילף פון די הארן זיינע, האָט גאָר וואצוש געקראָגן פון א יינגל א זעץ מיט א שטעקן איבער די הינטערשטע פיסלעך. פון גרויס ווייטיק האָט דאָס הינטל געטאָן א שפּרונג אָפּ און גענומען היילן מיט אזא דיק, צערפול קולכל, ווי, להבדיל א קינד, וואָס האָט געקראָגן א צו־ווייטיקדיקן קלאַפּ.

ארויסגעשלאָגן פון די כוחות, האווקענדיק מיט פאַרוואורף אויף באַלעקן און נתן חיימען, וואָס האָבן אים געלאָזן אליין אין דעם אומגלייכן געשלעג, האָט דאָס הינטל נעבעך גענומען אוועקהינקען פון שלאַכט־פעלד, לעקנדיק דאָס פאַרוואונדיקטע פיסל, דריקנדיק עס, פון גרויס ווייטיק, צום אייגענעם, ווייך־פוכיקן בייכל.

קאפיטל דריי און צוואנציק

אין מיטן זומער האָבן זיך קיין מאָדזשיץ אראָפּגעיאָוועט געסט, וואָס געוויינלעך פלעגן זיי זיך נאָר וויזן ערב פסח און ערב סוכות. גאָר אומגע־ריכט האָבן זיי אָנגעהויבן אהיימצוקומען, די מאָדזשיצער זין און טעכטער, פון וואַרשע און לאָדזש, וווּ זיי האָבן געאַרבעט אין שוסטערייען און שניי־דערייען, אין וועש־ווערקשטאטן און סטאָלאַרניעס, אין שניט־סקלאַדעס און אין קאָלאָניאַל־געשעפטן. זיי זענען איצט נישט פאַרפּאָרן, ווי אין די ערב יום טוב׳ס, אויף דראָשקעס, מיטן קנאַק, די נייע גאַרניטערס און פרישע, פּאַפּירענע מאַנישקעס פאַרפּאַקט אין קיישלעך און וואַליזקעס. איינציקווייז און שטיל, מיט קליינע קלומיקלעך אונטער די אָרעמס, זענען זיי איצט אהיימגעקומען.

פון די געסט האָט זיך מאָדזשיץ דערוווּסט, אַז אין וואַרשע און אין לאָדזש און אין אַלע גרויסע שטעט פון דער רוסישער מדינה טוט זיך חושך! די פאַבריקן שטייען. די אַרבעטאָרער מאַרשירן מיט רויטע פענער און שרייען הורא, און נידער מיטן קיסר! אין אַ סך ערטער ראַבעוועט מען און וואַרשע, שמועסט מען, ריכט זיך אויף אַ פּאָגראָם.

צוזאַמען מיט די מאָוימדיקע מעשות וועגן פּאָגראָמען, האָבן די לייט אויך מיטגעבראַכט אַנדערע, אומגעהערטע געשיכטעס, וואָס האָבן אי גע־הייטערט דאָס געדריקטע געמיט, אי אָנגעיאָגט אַ פּחד אין די הערצער. עפּעס האָבן די געסט דערציילט וועגן באָיוווקעס, וועגן אחדות צווישן גויים און יידן, וועגן ברענענדיקע פּליטעס און זודיקע טעפּ וואַסער, וואָס מען האַלט גרייט צו גיסן אויף די פּאָגראָמשטשיקעס פון די פענצטער אַראָפּ.

ווי די שקאָלע־גזרה פריער, אַזוי האָבן איצט די מעשות געשאַפן צוויי צדדים אין שטאָט. פון איין זייט זענען געווען די טאַטעס און מאַמעס פון די אַראָפּגעקומענע זין און טעכטער און מיט זיי אַלע פּראָסטע לייט, די בעלי־מלאָכות, קצבים, דראָשקאַרעס, פורמאַנעס, אַלץ פאַרשווינען וועמענס בלוטן ריזלען שטאַרק; יידן מיט פויסטן ווי פודיקע געוויכטער; מענטשן, וואָס האָבן נישט געוווּסט פון אַראָפּבייגן די קעפּ; נאָר תמיד מכבד געווען דעם אָנפאַלער מיט צוויי קלעפּ פאַר איינעם, חברה־לייט, וואָס האָבן געטרענט די אָדערן אפילו זעלנער. אָט די דאָזיקע יידן האָבן זיך דערפילט אויפגעהייטערט פון די מעשות וועגן „באָיוווקעס״, וועגן רעוואָלווערן און קינזשאַלן, מיט וואָס מען גרייט זיך צו באַגעגענען די פּאָגראָמשטשיקעס. פון בלויזן הערן האָבן

שוין זייערע בלוטן געזאָטן און זייערע הענט האָבן זיך געביילט אין רציחה.
פון דער צווייטער זייט זענען געווען די מיינסטערס, וואָס האָבן גע־האַלטן געזעלן און מיט זיי אַלע שיינע לייט אין שטאָט. און דאָ איז שוין נישט געווען קיין חילוק, ווי אַמאָל, צווישן אבעלען און שמחה'לע פּוטער־פליאַם. יעדער, סיי דער חסיד דער געוועלבניק און סיי דער יוסטער באַלע־באָס דער פּאַדראַטשיק, האָבן אין די דאָזיקע מעשות דערשפּירט מרידה, מרידה קעגן גאָט און קעגן מלכות, מיט דעם איינעם חילוק, וואָס ביי אבעלען און זיינע לייט זענען דאָס געווען מרידות פון אַ חברה „גאָלע בראָדניקעס״, מחללי שבת און ביי שמחה פּוטערפּליאַם און די מיינסטערס איז דאָס געווען אַ מרידה פון שוסטער־ייִנגען און קעכנס, וואָס ווילן איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף. און ביידע, סיי דער פרומער, אַסקעטי־שער אבעלע און סיי דער גוט־געכאַליעטער שמחה'לע פּוטערפּליאַם, דער אויפגעקומענער גביר מיטן היבשן בייכל און גלאַט־אויסגעגאָלטן, רויטן קאַרק, ביידע האָבן אויסגעהוזקט און מבטל געמאַכט סיי די דערציילער און סיי די אויפגעהייטערטע הערער.

שמחה'לע פּוטערפּליאַם האָט אַפילו געסטראַשעט די אַראָפּגעקומענע חברה. אַרומגערינגלט אין מיטן מאַרק פון אַ קרענצל ייִדן, וואָס האָבן אים, דעם גביר און וועלט־מענטש, געקוקט אין מויל אַריין מיט חניפה און מורא, האָט ער הויך געדראָט:

— אין מאָדזשיץ זאָג יעך עט מען נישט סטרייקן! די לאַטקעס מיט די צעריסענע תחתונים עלן דאָ די קעפּ נישט אָפּהייבן! דאָ איז אַ פעסטונג און אַ קאָמענדאַנט איז נאָך ב״ה דאָ אויך דאָ!

מיט דעם ייִנגוואַרג זענען אויך אַראָפּגעקומען דריי מאָדזשיצער זינד־לעך, וואָס יעדער איינער איז נעבעך געווען אַ לאָך אין האַרץ און אַ חרפה אין פּנים די אייגענע טאַטע־מאַמע. דאָס זענען געווען איזאַק קאַנטראָוויטש, דעם פּורים־סוחר'ס זינדל, וולאַדימיר הורוויץ, יואל קצב'ס תכשיט און יעקב הערשעלע, משה לייזערס בן.

די דריי זינדלעך זענען נאָך פון פריער געווען קידער־ווידער מיט דער שטאָט און מיט זייערע עלטערן.

דעם פּורים־סוחר'ס בכור האָט נעבעך גאָר פאַרפּאַטשט דעם טאַטן ס'פּנים. אָן דעם זינדל האָט דער ייִד געהאַט אָנגעהאָנגען זיין גאַנצן חלום. אַליין האָט ער זיך נישט געקאָנט אוועקרייסן פון דעם גלות'דיקן מקח וממכר, פון דעם אייביקן האַנדל־וואַנדל, האָט ער דערפאַר געחלום'ט אויפ־צוציִען דעם בכור לויט זיין אידעאַל, צו מאַכן פון אים אַ נייעם ייִד, וואָס וועט אַוועק קיין אַרץ־ישראל העלפן בויען דאָס הייליקע לאַנד.

און דער פּורים־סוחר האָט זיך חלילה נישט פאַרלאָזט אויף נסים. ער האָט נישט אָנגעטרויט דאָס ייִנגל צו די מאָדזשיצער מלמדים, ביי וועמען אַ

שטיקל תנ״ך איז געווען טריף, חדרים ווו מען האָט נאָר געשטאָפּט די תלמידים מיט גמרא. אזוי ווי עס איז נאָך געווען פאַרן אראָפּברענגען דאָס ליטווישע מלמד׳ל, האָט ער אליין געלערנט מיטן ייִנגל. יעדן טאָג, נאָך מעריב, האָט ער געלאָזט די קראָם אויפן ווייבס הענט און אליין זיך געזעצט צום טיש מיטן ייִנגל אריינקנאָווען אין אים נישט נאָר א שטיקל ישעיה און ירמיה מיט דיקדוק, נאָר אויך די לשון קודש׳דיקע הצפירה. און נאָך איידער מאַ־דזשיק האָט אפילו געהערט פון א שקאָלע, האָט ער שוין געשיקט דאָס ייִנגל זיך לערנען פּויליש און רוסיש און ווי ר׳איז נאָר געוואָרן בר מצווה, האָט ער אים אויסגעריכט אין א סטודענטסקע היטל מיט א לאַקירטן דאשעק, אים אָנגעטאָן א ראַניעץ מיט ביכער אויף די פּלייצעס און אים אוועקגעשיקט אין דער אגראָנאָם־שול לעבן טשענסטאָכאָוו.

דער בלייכער, האלב־שווינדזיכטיקער, שטענדיק־איינגעמעליקטער פּו־רים־סוחר האָט כסדר געהאָפט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט קאָנען אויס־ריכטן דעם בכור קיין ארץ־ישראל. אזוי, אז די קלענערע ייִנגלעך זאָלן קאָ־נען נאָכקומען ביז דער אויבערשטער וועט אים העלפן און ער וועט קאָנען א שליידער טאָן וואָג און מאָס און ער וועט אליין קאָנען פאַרן זיך באזעצן אין הייליקן לאנד. איז גאָר יצחק׳ל אוועק אויף אנדערע דרכים. די אגראָ־נאָם־שול האָט ער אוועקגעוואָרפן און איז גאָר אריין אין ווארשעווער פּאָ־ליטעכניקום. נאָר מילא, דאָס וואָלט נאָך געווען א האלבע צרה. צום בויען ארץ־ישראל דאַרף מען אינזשיניערן פּונקט ווי אגראָנאָמען. ערגער איז אָבער וואָס מיט דער אגראָנאָם־שול האָט ער אויך אוועקגעוואָרפן דעם ציוניסטישן אידעאַל. קיין לשון קודש וואָרט קומט אים מער נישט אין מויל אריין און אָנשטאָט דעם חלום אויסצולייזן ארץ־ישראל ברענט ער גאָר אויסצולייזן פּוילן. פּוילן, זאָגט ער, איז זיין היים, נישט פּאַלעסטינע! אפילו ס׳יידישע לשון קומט אים נישט אויף זיינע ליפּן ארויף, נאָר פּויליש און פּויליש! און עס העלפט נישט דעם טאטנס רעדן און דער מאמעס וויינען. אוודאי וואָלט ער, דער טאטע, געקאָנט געפינען א וועג מושווה צו ווערן מיטן זינדל. וואָ־רום ווו שטייט עס געשריבן, אז ער מוז אויף זיינע אויסגעמאַרעטע פּלייצעס אויסטראָגן דעם ייִנג ביז ער וועט ווערן א פאָלנער אינזשיניער און, פאר איין וועגס, א פאָלנער פּוילישער פּאַטריאָט? עס וואָלט אפשר מער מצווה געווען ער זאָל דאָס חודש־געלט, וואָס ער שיקט יצחק׳לן, שפּאָרן כדי ער זאָל קאָנען פריער אוועקוואַרפן ס׳קרעמעריי און זיך ארויסראַטעווען קיין ארץ־ישראל, איידער די קלענערע ייִנגלעך וואַקסן אונטער און ווערן אריבערגעפירט פון גרעסערן? האָט אים אָבער גאָט געשטראָפט און יצחק׳ל האָט געירשנט נישט נאָר זיין עקשנות, נאָר אויך זיינע שוואכע לונגען. סך הכל איז דאָס יצחק׳ל הויט און ביין און אזש גרין פון בלאסקייט, אָן א בלוטס־טראָפּן נע־בעך! זאָל אָט דאָס יצחק׳ל טאַקע מוזן גיין ארבעטן אין א פאבריק, ווי ער

סטראשעט צו טאָן און, אין די נעכט, נאָך ליגן איבער די ביכער און לערנען, וועט באַלד נישט זיין מיט וועמען זיך צו אמפּערן איבער יאָ ציון אָדער נישט ציון, יאָ פּוילן אָדער נישט פּוילן. לאָזט אים טאַקע נישט דאָס הארץ איינ־רייסן מיטן יינגל. אפשר מיט גוטן וועט ער נאָך עפּעס פּועלן. האָבן זיך אָנ־געוועקט אזעלכע אומרואיקע צייטן און דער יינג האָט גאָר, אַנשטאָט לער־נען, זיך ארומגעשלעפּט איבער ווארשעווער קעלערס און בוידעם־שטיבלעך! עפּעס גאָר א „פּראָלעטאַריאַט" מיט א „פּ. פּ. ס." אויף אלע שונאימס קעפּ! טאָג און נאכט לויפט ער אויף פאַרזאַמלונגען און אסיפות און רעדט פון זיך די סוכאָטנע לונגען ארויס. ווען ער, דער טאַטע, לויפט נישט גיך קיין ווארשע אים אהיימברענגען, ווער ווייסט ווו ער וואָלט נאָך אָנגעשפּארט, אויב ער וואָלט נישט, חלילה, פאַרפוילט געוואָרן אין תפיסה!

דער אנדערער אראָפּגעקומענער פּארשוין, יואל קצב'ס תכשיט, איז גאָר געווען דער היפוך פון יצחק'לען. ווי יצחק'ל איז געווען בלאַס און גרין, אזוי איז וועלוועלע געווען רויט און געזונט, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אוועק פון יאַטקע־קלאָץ. ביז א שטיק נאָך בר מצווה איז דער יינג געווען א בית מדרש'ניק. נאָר אָנשטאָט גמרות האָט ער גאָר שטילערהייט זיך צוגעכאַפּט צו די ביכער און פּאַוואָליטשקע זיך צוגעגרייט צום עקזאַמען אויפן אוניווער־סיטעט.

נאָר איידער וועלוועלע האָט שוין דערלעבט צו פאָרן אין אוניווערסי־טעט אריין, האָט אים דער טאַטע זיינער, יואל קצב, א ביסטרער ייד, מיט א פּאָר שווערע, בייזע אויגן־ברעמען, געטאָן אין דער גאל אריין. נישט איינ־מאָל האָט אים דער טאַטע געוואָלט אונטערהאַקן די זשעבערעס און די מל־חמה וואָלט טאַקע נישט געווען אויפגעהערט, ווען דער יינג, וואָס האָט געהאַט דער מאַמעס, יכבד'ל דער קצב'טעס שמאַדאַלסקע קאָפּ אויף די פּליי־צעס, וואָלט נישט געווען געפאַלן אויף א גאָלדענער המצאה. אין מיטן טאַ־טנס סטראַשען, אז ער וועט אים ארויסטרייבן פון שטוב, אים אראָפּציען די שטיוול און אים נישט געבן א ביסן ברויט אין פּיסק אריין, איז אים איינגע־פאַלן א זאָג צו טאָן:

— על יעך מעך שמדן!

אָט דאָס זאָגעלע האָט געווירקט ווי כישוף. יואל קצב איז פון דעם זאָ־געלע געוואָרן באַטויבט ווי אן אָקס, ווען ער קריגט מיט דער דובינע איבערן מוח. פון שרעק פאַר שמד איז ער געוואָרן ווייך ווי פּוטער. ער האָט זיך בע־בעך אָפּגעווישט ס'מויל, און אלע עסקים מיטן זון איבערגעגעבן דעם ווייב, יכבד'לען, א יידענע אויף א קאָפּ העכער פון אים, א ווייבל א קאָזאַק מיט א מאַנסבילשע שטים, פאַר וועמען די ווייבער, אין יאַטקע, האָבן געציטערט אימת מוות. אָט די יכבד'ל, פּונקט ווי זי האָט געקאָנט זיין שאַרף, באַפעלע־ריש, אזוי האָט זי געקאָנט, ווען זי האָט נאָר געדאַרפט, באַהאַלטן די שאַרפ־

קייט אירע, זי איינוויקלען אין זיסע חניפה־טענדעלעך און רעדן מיטן מאַנבילשן קול אזוי ווייך, אז ממש בוימאייל האָט זיך איר געגאָסן פון ברייטן, גרויסן מויל. דאָס האָט זי, יכבד׳ל, הערנדיק פון זינדל שמדן, א זאָג געטאָן צום מאַן:

— ני לאָז שוין מיך, יואל. יעד על שוין מיטן יינג מושווה ווערן!

וואָס אַן אמת, טיף אין הארץ האָט יכבד׳ל די קצב׳טע געפילט, אז עס איז נאָך חלילה נישט קיין סכנות. דער יינג לויפט נאָך נישט צום גלח. ס׳איז בלויז אזא שמד־שטיקל. פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט געוואָלט רייצן מיטן שטן. זי האָט זיך דעריבער אָנגעגורט מיט א זיס האָניג־טענדעלע, איז ארויף אין שטוב, זיך ברייטלעך אוועקגעזעצט אנטקעגן וועלוועלן, ארויפגעלייגט די צווי קצביש־פארבלוטיקטע הענט אויפן טיש און גענומען ווייך און זיס איינטענהען מיטן זינדל:

— וואָס־זשע עט פּאָרט זאאַן דער תכלית, וועלוול? לערנען ווילסטו נישט, טיען עפּעס אין יאטקע אויך נישט, א מענטש מיז דעך עפּעס וועלן!

— יעך וויל שטודירן — האָט דער יינג, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון איבערן ביכל, רואיק און שארף א זאָג געטאָן.

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען „שטענדירן”? ווי עט מ׳דאָס נעמען אויף דעם?

נו, וועגן דעם האָט זיך שוין וועלוול נישט געזאָרגט. די מאמע מיטן טאטן מעגן טאקע ווייִנען, אז זיי דארפן חלילה גיין איבער די הייזער, ווייסט ער אָבער, אז פון זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און דער טאטע האָט דורך שמחה׳לע פּוטערפליאַם אָנגעהויבן צושטעלן פלייש אין פעסטונג אַריין, ווערט אים דער לעדערנער בוזעם־טייסטער געשוואָלענער מיט יעדן טאָג. נישט נאָר דאָס איינע הויז מיטן אויבערשטן גאָרן, אפילו א געמויערטע קאמעניצע קאָן ער זיך שטעלן, דער טאטע.

— מען דארף גאָרנישט אזויפיל ווי דו מיינסט — האָט ער די מאמע באַרואיקט.

נאָך דעם מדובר איז נאָך צווישן זינדל מיט דער מאמען אָנגעגאַנגען א דינגעניש ביז ער האָט ענדלעך אויסגעפירט זיינס. יואל קצב האָט נעבעך געקרעכצט און געגעבן געלט און יכבד׳ל האָט אויסגעריכט דעם זון מיט וועש און אָנטועכץ, מיט געלט אויף הוצאות און א חודשלעך געהאלט און אים געלאָזט אוועקפאָרן. לכתחילה האָט מען אפילו נישט געוווּסט ווּהין דער יינג איז דאָס אוועק. שפּעטער איז מען געוווּיר געוואָרן, אז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין פּעטערבורג און דאָרטן לערנט ער דאָס אויף דאָקטאָר. איצט איז ער דאָס אהיימגעקומען, אָבער שוין נישט מער וועלוועלע יואל קצב׳ס, נאָר וולאַדימיר הורוויץ, א סטודענט מעדיצין, אין א שווארץ סאטינען העמדל, פארקנעפּלט ביז דער געגאָלטער מאָרדע, מיט א רויט־זיידן גארטע־

לע און א געדיכטע, שווארצע טשופרינע איבערן שטערן, א פאַלנער „ציצי־ליסט״.

דער דריטער תכשיט, יעקב הערשעלע, איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען קיין סטודענט. ער האָט אפילו יאָ געוואָלט שטודירן, ער איז אָבער געבליבן ביים וועלן. דער טאַטע זיינער, משה לייזער, אַן אָפּגעפּוצטער ייד מיט א שווארצער, ציכטיק־אויסגעקעמטער באָרד, א בעל מיוחס פון סאמע פאַן ארויס, א וואלד־סוחר מיט צווייערליי מלבושים — צו גאָט און צו לייט. א שטריימל מיט אַן אטלאסענע קאפּאָטע — אויף שבת, צום דאוונען ביים רבין. צום וואָכעדיקן וואלד־מסחר — א געקירצטע קאפּאָטע, א געהאַקטע און פון עלעגאנטן, גרויען שטאָף. אויך ס׳היטל איז געווען א שמאָלס, מיט א קליין דענקעלע, יידישלעך און דאָך פאצעטיש.

אָט דער משה לייזער האָט זיך נישט דערשראָקן פאר שמד, ווי דער פּראָסטאַק, יואל קצב. ער האָט אויך נישט מורא געהאַט פאַרן זונס סטראַ־שונעק, אַז ער וועט אים פארשווארצן דעם יחוס זיינעם און ווערן א בעל מלאָכה. משה לייזער איז געווען פון אבעלעס לייט. כאָטש נישט קיין גע־רער, נאָר גאָר א מאָדזשיצער חסיד, איז ער דאָך געווען אַן עקשן און א תקיף, א ייד וואָס באַשטייט אויף זיינס: אָדער דער זון גייט אין זיינע דרכים, אָדער — ארויס פון שטוב! און געוואָלט האָט גראָד דער משה לייזער, אַז זיין יעקב הערשעלע, דער איינציקער זון פון ערשטן ווייב, זאָל זיין ווי ער אליין, צו גאָט און צו לייט. ער האָט נישט געקאַרגט און אים געהאַלטן ביי די בעסטע מלמדים, ער האָט אים אויך געלאָזט לערנען שרייבן און חשבונען. וואָרום א ייד אָן א פען איז ביי משה לייזערן ווי א בלינדער אָן א שטעקן.

האָט דאָס אַלץ יעקב הערשעלע נישט געוואָלט. ער האָט אפשר אליין נישט געוווסט וואָס ער וויל. א יתום, אָן השגחה, פון קינדווייז אָן מיט א שטיף מאַמע, דער טאַטע אייביק אונטערוועגנס, אָדער אין דאנציק אָדער אין די וועלדער, איז דאָס יינגל אויפגעוואַקסן אָן דרך ארץ, טראַציק, אין שטענדיקן קידער־ווידער מיט יעדן איינעם. משה לייזער וואָלט אים אפשר געווען גע־לאָזט פאַרן שטודירן, האָט ער אָבער מורא געהאַט אים אָנצוגעטרויען געלט, נאָך דערצו זיין אַליין אין דער פרעמד. שוין אינדערהיים, אונטערן טאַטנס דאָך, איז דער יינג קיין לייט נישט געווען. נעמט נישט קיין ספר אין האַנט און וואָס נאָך ערגער, א גנב! ווי נאָר דער טאַטע פלעגט פרייטיק פארנאכט איינשליסן אין קאָמאָד דעם טייסטער מיט געלט, האָט ער, מיט א נאָך־שלי־סעלע, אום שבת, זיך צוגעקראָגן צום טייסטער און ארויסגעשלעפּט נישט נאָר פאר זיך, נאָר אויך פאר אנדערע יינגען, מיט וועמען ער האָט זיך ארומ־געשלעפּט אין די גאָרקיכן, געפרעסן פערטלען גענדנזס, געזויפן אָקעוויט און ביר און זיך ארומגעטליקעט מיט די מיידן. און טאָמער האָט משה לייזער אזוי באַהאַלטן דעם טייסטער, אז דער יינג האָט אים נישט געקאָנט געפינען,

האָט ער ארויסגעשלעפּט און פאַרקויפט פון שטוב וואָס נאָר ער האָט געקאָנט. ער האָט אַזוי ארום ארויסגעשלעפּט און פאַרטאַכליעוועט דעם טאַטנס גאָלדע־נע פּאַפּיראָסן־פּושקע, משה לייזערס ערשטע חתן־מתנה!

א שטיק צייט האָט זיך יעקב הערשעלע ארומגעריסן מיטן טאַטן, ער זאָל אים געבן געלט צו פאָרן קיין וואַרשע זיך צוגרייטן אויפן אוניווערסיטעט. דערווייל אָבער, ביז וואָס־ווען, האָט ער זיך שוין אין מאָדזשיץ געלאָזט אָנ־וואַקסן לאַנגע האָר, ווי גאָרקי, וועמענס בילדל ער האָט, דעם טאַטן להכעיס, אויפגעהאָנגען איבערן בעט, זיך צוקאָפּנס. אויך א העמדל, מיט א זיידן גאַר־טעלע מיט צוויי טראָלדן ביי דער זייט, ווי גאָרקי, האָט ער זיך באַצייטנס אָנ־געטאָן. דענצמאָל, דערזעענדיק דעם זון אין אַזא הולך, האָט דאָס משה לייזער, אַנשטאָט געלט ער זאָל קאָנען גיין אין אוניווערסיטעט, אים אינגאַנצן ארויס־געטריבן פון שטוב. דענצמאָל טאַקע איז דאָס דער יינג אוועק קיין ראַדאָם און אָפּגעטאָן דעם טאַטן, אים פאַרשוואַרצט דעם יחוס און געוואָרן א בעל־מלאָכה, א קאַמאַשן־שטעפּער.

איצט, אין דער אָנגעשטרענגטער מהומה איז ער אויך אהיימגעקומען, יעקב הערשעלע, א פאָלנער סאָציאַליסט און כאָטש נישט קיין סטודענט, האָט ער דאָך, צוליבן יחוס זיינעם, זיך געחבר'ט נאָר מיט די סטודענטן, וולאַדימיר הורוויץ און איזאַק קאַנטראָוויטש, מיט וועמען ער האָט זיך געהאַלטן אין איין ארומרייסן, זיי גערופן אַסימילאַטאָרן, מה יפית'ניקעס, וואָס רק זיי טאַנצן אויף פרעמדע חתונות. נישט איזאַקס פּ. פּ. ס. און א באַפרייט פּוילן, און נישט הורוויצעס בונד מיטן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט, האָט ער געטענה'ט, וועלן העלפן דעם יידישן פאָלק. נאָר א יידישע פּראָלעטאַריזאַציע און צוריקקער קיין ארץ־ישראל וועלן לייזן די יידישע פּראַגע.

ביסלעכווייז איז דאָס אראָפּגעקומענע יינגוואַרג מיט די דריי פאַרשוינען בראש, געוואָרן די באַלעבאַטים אין מאָדזשיץ. זייער וואָרט איז געווען גע־באָט. אויף זייער באַפעל האָבן זיך ווערקשטאַטן אָפּגעשטעלט און אויף זייער ווונק זענען די געזעלן צוריקגעגאַנגען צו דער ארבעט. זיי האָבן באַשטימט וויפל שכירות די מייסטער זאָלן צאָלן און וויפל שעה אין טאָג מען זאָל אַר־בעטן. צו זיי זענען דינסט־מיידלעך געקומען זיך קלאָגן אויף זייערע באַלע־באָסטעס און ביי זיי האָבן קבצנים געזוכט יושר קעגן אלערליי עוולות. אפילו מיט לאָדענישן האָט מען אויפגעהערט צו גיין צום רב און, להבדיל, אין קיסרס געריכט אריין. נישט נאָר אָרעמע לייט האָבן פון די יינגען געהאַלטן אַן עולם ומלואו, נאָר אפילו יואל קצב, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט שלום געמאַכט מיטן זינדל, האָט הינטערן זינדלס אויגן געזאָגט, אַז אַזוי פּסקנען א דין תורה ווי זיין וועלוועלע, קאָן אפילו דער מאָדזשיצער רב נישט!

מאָדזשיץ איז ממש איבערגעקערט געוואָרן מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף. געזעלן זענען מער נישט געווען פּאַני־בראַט מיט זייערע באַלעבאַטים.

נישט זיי האָבן מער געשפּילט צוזאַמען אין קוויטלעך און נישט זיי זענען מער געגאַנגען באַנאַנד אין בית המדרש אַריין דאַוונען. אפילו די לערן־ייִנגלעך זע־נען עולה לגדולה געוואָרן. באַלעבאָסטעס האָבן זיך מער נישט געטאָרט מיט זיי שאַפן, זיי געבן צו ניאַנטשען די קינדער און זיי הייסן שלעפן די פּאָמוי־שעפער.

מיט אַ געמיש פון מורא, דרך ארץ און חוזק, האָבן מיינסטערס זיך צוגע־קוקט ווי זייערע געזעלן וואַרפן זעקס פאַרנאַכט די אַרבעט, וואַשן זיך אָפּ, טוען זיך איבער, נעמען שטעקעלעך אין די הענט אַריין און לאָזן זיך אַוועק איבערן שאָסיי, שפּאַצירן הין און צוריק, ווי עס וואָלט געווען חול־המועד אינדערוואָכן!

און די פּאָליציי האָט זיך אַפילו נישט געמישט. די סטראַזשניקעס מיט זייער עלצטן פלעגט מען גאָרנישט זען, עפּעס פלעגן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין דער ראַגאָוועוער שענק און פון הינטער די פאַרהאַנגענע פויערהאַנגען אַ־רויסקוקן דרויסן און שמייכלען אין די אייגענע וואָנצעס אַריין. די גוים זע־נען עפּעס גאָר געוועזן צעטומלט. זייערע פּויערישע קעפּ האָבן גאָרנישט גע־קאָנט באַנעמען, וואָס דאָ איז געשען, פאַרוואָס די גובערניע שווייגט, פאַר־וואָס מען האָט זיי באַפוילן זיך נישט צו מישן און פאַרוואָס דאָס פעסטונג מאַכט זיך אויך נישט וויסנדיק. אַפילו די זעלנערישע פּאַטרולן און אויך די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך געדרייט איבער דער שטאָט מיט געלאָדענע ביקסן, האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק און אַז עמעצער האָט פון וועלכן ווינקל אַ געשריי געטאָן „נידער מיט דער זעלבסט־הערשאַפט! הוראַ!‟ — האָבן זיי אַ שמייכל געטאָן און געגאַנגען ווייטער, ווי נישט זיי מיינט מען.

עפּעס אַ מין זוניקער, פון פרייד־פאַרשיכורענדיקער יום טוב, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט.

קאפיטל פיר און צוואנציק

כאַטש האלב מאַדזשיץ האָט זיך מיטגעפרייט מיטן יינגווארג אין זייער יום־טוב־אינדערוואָכן, איז אָבער יערמע דוד׳ן דער דאָזיקער יום־טוב נישט געפעלן. צוליב דעם לאנגן יום־טוב האָט מען געמוזט עסן פון גרייטן. די שטאָט איז טאקע געווען פול מיט גויים, וואָס האָבן פונקט ווי די יידישע געזעלן מארשירט אויף און אָפּ דעם שאָסיי, זיך אומעטום געמישט, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט געוויזן איבער דער שוועל צו געבן צו לייזן א גילדן. און ווי לאנג קאָן מען דאָס לעבן פון גרייטן? א תהום נעמט זיך דאָך אויך אויס:

— דו הערסט, חנה לאה, יעך זאָג, אז קיין גיטס עט פין דעם נישט ארויסקימען!

— דאנק גאָט, וואָס לייבל משה איז כאָטש נישט קיין מחותן אויף דער חתונה — האָט חנה לאה, ווי תמיד, אויך אין דער צרה געפונען עפּעס, מיט וואָס צופרידן צו זיין. — וואָס וואָלסטו געטיען, ווען ער טאנצט אויך חלילה מיט? ער איז דאָך שוין אויך א געזעלן!

אין דער שטיל האָט טאקע יערמע דוד געדאנקט זיין ליבן נאָמען, וואָס דער בחור גייט זיך זיין וועג. זינט די שטרייקער האָבן איינגעפירט צו ארבעטן פון שעה צו שעה, פון זעקס אינדערפרי ביז זעקס פארנאכט, קומט לייבל משה אהיים, ווי נאָר ער לייגט אוועק די ארבעט. אָנשטאָט פוסט און פאס צו מארשירן הין און צוריק איבערן שאָסיי, ווי די אנדערע יינגען, מיט די שטעקעלעך אין די הענט, קוקט ער גאָר אריין אין א ספר׳ל אָדער ער כאפט זיך אריין אין בית מדרש דאווענען מנחה־מעריב מיט מנין.

שלעכט איז נאָר מיטן קליינעם יינג. צוליב דער מהומה אין שטאָט האָבן די מלמדים קנאפּ השגחה און די חדר־יינגלעך לויפן אָפּט ארום אויף הפקר. נתן חיימל איז דעריבער אומעטום פול. קלייבט זיך א קרענצל אין מארק, איז ער אינדערמיט. נעמען די יינגען און מיידן מארשירן אין רייען, לויפט ער פאַראויס און שרייט פונקט ווי זיי:

— הורא, דאלאָי!

און טאָמער גיט נתן חיימ׳ל דעם טאטן ווינציק צו שמעקן, האָט גאָר דער מיטלסטער, דאָס קוועק־זילבערדיקע אברהם יאנקעלע, אים גאָר פארפאטשט ס׳פּנים. שטילינקערהייט איז ער אוועק צו דער חברה שטרייקערס און פארמסר׳ט דעם מיינסטער מיט די זין.

ביז איצט האָט דאָס אברהם יאנקעלע מיטן שמאָלן פנימל און לאנגן, דינעם העלזל, ווי ביי א פאַרהונגערט הענדל, קיינמאָל זיך נישט געקלאָגט, אז עס איז אים נישט גוט ביי די פליוקעס. כאָטש ער האָט דאָרטן געהונגערט און נאָך דערצו געקראָגן געשלאָגן פון מיינסטער און די זין, האָט ער דאָך אינדערהיים גאָרנישט דערציילט. צו וואָס ? דער טאטע, האָט ער געוווּסט, וועט אים נישט העלפן. ער וועט, ווי תמיד, גאָר לייגן די שולד אויף אים. א מצוה, וועט ער זאָגן, אז א יינג פאָלגט נישט, זאָל מען אים אפשר א קוש טאָן אין פיסקל דערפאר ? די מאמע ווידער ? וואָס קאָן איר די מאמע העלפן ? אָפּנעמען אים אין מיטן זמן ? וועט דאָך פארפאלן גיין די שכירות, די פאָר שטיוול, וואָס די פליוקעס האָבן אים צוגעזאָגט אויף יום־טוב.

האָט דעריבער דער עלף־יאָריקער געזעלן געליטן און געשוויגן. ווי א הכנעה׳דיק הינטל האָט ער פארנומען די קלעפּ און צוריק צוגעקומען צום ווארשטאט מאכן דראטווּעס, סמאָלעווען זוילן און זיין גרייט מיט דער צונג ארומצולעצן א פּאָדעשווע, ווען נאָר ווער פון די זין האָט זיך גענומען אָפּצוגלאנצן א פאָר פארענדיקטע שטיוול און נישט געוואָלט זיי אליין ארומלעקן. פונקט אזוי איז ער געווען גרייט צו דינען איר, דער פליוקעכע, א יידינקעלע ווי אן איינגעטריקנט שוועמעלע, מיט א קול׳כל, וואָס האָט געהאלטן אין איין רופן פון קיך ארויס :

— אברהם יאנקל, כ׳האָ ניש א לעק וואסער ! אברהם יאנקל, ס׳פּאָמוישאָף גייט איבער ! אברהם יאנקל, ברענג אראאן אן אָרעם האָלץ !

איצט אָבער, אז אברהם יאנקעלע האָט זיך דערוווּסט, אז די שטרייקערס נעמען זיך אָן אויף פאר לערן־יינגלעך, איז ער אוועק צו זיי און אלץ דערציילט. וואָסי, אנדערע לערן־יינגלעך מעגן ?

יערמע דוד האָט פון דער מעשה גאָרנישט געוווּסט. געוויר געוואָרן איז ער דאָס פונעם פליוק אליין.

אין א מיטוואָך אינדערפרי, אין מיטן עסן אָנבייסן, עפנט זיך די טיר און לייזער פליוק, אין פארסמאָלעטן פארטוך און פארשארצטע אָרעמס איבער די עלענבויגנס, שטעלט זיך אריין מיט א טענה :

— ני זאָג אליין, יערמע דוד, איז מיר דאָס געקימען ?

געוויינלעך וואָלט לייזער פליוק זיך נישט געגאנגען קלאָגן אויף קיין לערן־יינג. ער וואָלט אזא „ראָצער" גוט אריינגעציילט מיטן שוסטער־רימען און פאר א צולאָג אים נאָך געגעבן א קאָפּ אין דארן הינטנדל און : „וואָן אראָאָס פין מאאן שטיב" ! איצט אָבער האָט ער אפילו מורא ס׳מויל צו עפענען. נאָכדעם ווי די שטרייקערס האָבן אים געוואָרנט : „געדענקט ר׳ לייזער, טאָמער רירט איר נאָך אמאָל אָן דאָס יינגל, וועט מען אייך צעשניידן אלע שטיוול !" האָט ער שוין מורא צו זאָגן דעם „סמארק" א וואָרט ! ער אָבער, דער טאטע, מעג דאָך אזא יינג צעברעכן כאָטש איין ריפּ :

— ני זאָג אַליין, יערמע דוד, איז מיר דאָס געקימען? פאַר מאאַן גיטס? כ׳האָ דאָך אים באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד!

דער הויכער ייד מיט דער קופּערנער באָרד האָט נעבעך אַרויסגעלייגט די טענות מיט אַזאַ תמימות און מיט אַזויפיל האַרץ, אַז יערמע דוד איז שוין גרייט געווען אַוועקצוּרוקן דעם טעלער גריץ און גלייך לויפן מיטן פּאַסעק אַהין צום פליוק מקיים־פּסק זיין דעם ייִנג, ער זאָל האָבן צו געדענקען פאַרן מסר׳ן אויף אַ מײַנסטער. איז אָבער חנה לאה, ווי תמיד, געטאָן אַ וואַקס אויס פאַר אים:

— עסט ניש גיין, יערמע דוד!

חנה לאה האָט חלילה נישט געמיינט, אַז ס׳ייִנגל האָט גוט געטאָן. אַוודאי וואָלט בעסער געווען, ווען ס׳ייִנגל שרעקט זיך נישט אַזוי פאַרן טאַטן און ער קומט אַהיים דערציילן און דער טאַטע גייט אַריבער צום מײַנסטער איבער־שמועסן הלמאי מ׳באַגייט זיך אַזוי מיט אַ פרעמד קינד? וואָרום ס׳האַרץ האָט איר אַלעמאָל געזאָגט, אַז דעם ייִנגל איז נישט גוט אויף דעם אָרט. מען זעט דאָך ווי ער זעט נעבעך אויס, הויט און ביין!

— ס׳איז דען חס ושלום ליגן, ר׳ לייזער? — האָט חנה לאה נישט דרייסט איבערגעפרעגט דעם ייד מיט דער קופּערנער באָרד, וואָס איז געשטאַנען פאַרלוירן צווישן איר און יערמע דוד. — אינדעהיים, וואָס אַן אמת, האָט דאָס ייִנגל גאָרנישט דערציילט. ס׳פּנים אָבער איז אַ מסור. אַ בלינדער קאָן זען, אַז ער באָדט זיך נישט ביי אייך אין קיין שמאַלץ.

— אין ביי דיר, חנה־לאה׳לע, האָט ער געהאַט מאַרצעפּאַנעס אויפן טע־לער? — האָט לייזער פליוק מיט איינמאָל פאַרלוירן דאָס תמימות׳דיקע קול און געוואָרן איין שטיק רויטע רוגזה.

איז מילא, דאָ האָט זיך יערמע דוד געמוזט אָפּווישן ס׳מויל. אַז דער קליינער פענדריק האָט אַליין גענומען און געמאַכט די לייט פאַר זיינע אַפּוט־רופּסים! ער וויל אָבער נישט זיי זאָלן האָבן עסקים מיט לייבל משה׳ן. וואָרום אויך אים ווילן זיי זאָגן דעות!

כאָטש קיינער האָט זיי נישט פאַרבעטן האָבן זיי פּלוצים, אין אַ שיינעם, העלן שבת נאָכן עסן, זיך געטאָן אַ שטעל אַריין צו אים אין שטוב. ער אַליין, יערמע דוד, האָט נאָר וואָס געהאַט אַראָפּגעצויגן די שטיוול, אָנגעטאָן דאָס פאַרפעדערטע קאַפּל און זיך צוגעלייגט אַזוי זייטיקלעך אויפן בעט און פאַ־וואַלינקע איינגעדרימלט.

אין שטוב איז געווען טונקל און שטיל און קיל. די לאָדן זענען געווען צוגעלענט. לענג־אויס, אויפן טונקעלן דיל, זענען געלעגן צוויי ציטערנדיקע לאַנגע ליכט־שטרייפן, אַריינגעפאַלענע דורך די לאָדן־שפּאַרעס פון זוניק־בלענדיקן דרויסן.

אין קיך, אויפן בעט, זייטיקלעך ווי דער טאַטע און מיט אַ האַנט אונטער

דער באק, איז געלעגן לייבל משה און אויך געדרימלט. די צוויי בנים, נתן חיימ׳ל און אברהם יאנקעלע, האָבן נאָך פריער שטילערהייט זיך ארויסגע־מאכט פון שטוב און אנטלאָפן ערגעץ הינטער דער שטאָט צו די געזעמלען און דאָרטן מיטגעשריגן:

— הורא! דאָלאָי!

חנה לאה מיט די צוויי מיידעלעך זענען געווען פאר דער טיר. די קינדער האָבן זיך געשפילט און זי, די מאמע, אין שבת׳דיקן שייטל, אין א ווייס סטאניקל און א ברייט־געפאלבטע, סיצינע ספודניצע, איז געזעסן אויף א נידעריק בענקעלע, דעם גרויסן, לעדער־געבונדענעם טייטש־חומש אויף דער שויס און געלאסן פאָרגעלייענט די סדרה. ארום איר, אין א האלבן קרייז, איז געזעסן א בינטל ווייבער, שכנות, ווייס־זומערדיקע ווי זי. פרום האָבן זיך די ווייבער מיטגעוויגט און מיטגעמורמלט יעדערס וואָרט, וואָס חנה לאה האָט פאר זיי פאָרגעלייענט. פלוצים, אין מיטן פארטיפטן לייענען, האָט איין יידענע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און א זאָג געטאָן:

— מזל טוב, געסט עלן קימען.

די ווייבער האָבן זיך אומגעקוקט. אויך חנה לאה האָט אויף א רגע ארויסגענומען די אויגן פון טייטש־חומש.

אנטקעגן, אויפן דאך, לעבן רויט־ציגעלנעם קוימענדל, איז געזעסן א גרוי־ווייסע קאץ און מיטן פאָדערשטן לאפּקעלע זיך מיושב׳דיק געוואשן דאָס פנימל.

עס איז איצט געווען נאָך האלבן טאָג. די זון איז געשטאַנען הויך. די לופט האָט געגליט פון היץ און ליכט. אין ברודיקן וואסערל, אין מיטן הויף, וואָס טריקנט קיינמאָל נישט אויס, האָבן קאטשקעס געשאַרוועט מיט די בריי־טע שנאָבלען זוכנדיק פרישע ווערים. הינער און פייגל האָבן איבערן הויף געקליבן קערנער און קרישקעס ברויט און אלע ווילע איינס ס׳אנדערע געטאָן א יאָג און א פּיק מיטן שנאָבל. אין א זייט, באזונדער, א משפחה פאר זיך, איז געגאנגען א רויטלעך־ברוינע קוואָקע, אן אָנגעבלאָזענע, די פעדערן צאָרנדיק אויפגעשטעלט און ארום איר, צעשפרייט, האָבן מיטגעצויגן א כאַ־ליאסטרע קליינע, געל־פוכיקע הינדעלעך. פּישטשענדיקע ווי פייגעלעך זע־נען זיי זיך אלע ווילע צעלאָפן און באלד ווידער קריק געקומען צו דער מאַ־מען, וואָס האָט וואך און דראָענדיק געהיט יעדן קער פון דער קאץ אויפן קעגנדיקן דאך.

מיט איינמאָל איז צווישן די עופות געוואָרן א געקוואָקעריי און א גע־פליעריי. חנה לאה האָט ווידער אויפגעהערט צו לייענען און די ווייבער האָבן אויפסנײ ארויסגעדרייט די קעפּ און דערזען א גרויס חזיר מיט א קליין ווידעלע אויפן מעכטיקן זאָדיק. אין מיטן הויף איז עס געשטאנען, דאָס חזיר, און גע־קוקט מיט די שמאָלע, גרין־חזירשע אייגעלעך. דער נאסער, ראָזעווער שנוק

האָט געשנאַפּט, געשניפּט און געשנאַרכט. באַלד האָט עס גענומען גיין, וואַר־פנדיק דעם פּעטן, ווייכן בויך אויף ביידע זייטן.

— א הוש, א הוש! — האָבן די ווייבער זיך גיך אויפגעשטעלט און גענו־מען טרייבן דאָס חזיר אַרויס פון הויף:

— ני, בין יעך נישט גרעכט געווען? — האָט זיך אָנגערופן די יידענע, וואָס האָט פריער פאַרגעזאָגט, אַז געסט וועלן קומען.

— ס׳עלן קימען נאָך געסט — האָט זיך אַריינגעמישט אַן אַנדער יידענע — די קאַץ וואַשט זיך נאָך אַלץ ס׳פּרצוף.

ביסלעכווייז האָבן די ווייבער זיך צוריק איינגעזעצט אויף די נידעריקע בענקלעך. חנה לאה האָט ווידער אָנגעהויבן פאַרצולייענען פון טייטש־חומש, נאָר איידער נאָך די ווייבער האָבן זיך איינגעשטילט ווייטער צו הערן, האָבן זיך ווידער באַוויזן געסט, דאָס מאָל אמתע געסט. צוויי מאַדזשיצער זינדלעך, וואָס זענען צוליב די אומרואן אהיימגעקומען ליגן אויף טאַטע־מאַמעס קאַרק. איינער, בערעלע שטריק, יחיאל שניידערס בן, איז געווען א הויכער, דאַרער יינג, א שניידער ווי דער טאַטע, מיט א שאַרף, ביסטרע, פויגל־פּנים און א גרויסן, אומרואיקן קנאָפּ אין לאַנגן, דאַרן האַלדז.

דער צווייטער, שמאַי׳לע בעקער, רויזע דער זיצערקעס תכשיט, איז געווען נידעריקער פון אים אויף גוטע אַנדערטהאַלבן קעפּ און געפּאַקט ווי א דיקער, געזונטער, דעמבענער פּיען, א יינג מיט א רויטלעך, רונד פּנים, וואָס האָט געשפּראָצט מיט כוח און דערביי האָט עס געשמייכלט גוטמוטיק, ווי א תמימות׳דיק יינגל. אויפן קוק האָט זיך געדאַכט, אַז דער שמאַי׳לע איז נישט מסוגל אָנצורירן א פליג אויף דער וואַנט. אינדעראמתן האָט דער פאַר־שוין געקאָנט אוועקלייגן א מענטש מיט א מעסער און זיין שמייכלדיק פּנים זאָל זיך אפילו נישט פאַרקרימען.

ביידע לייט האָבן זיך באַוויזן אין שוואַרץ־סאַטינענע העמדלעך איבער די הויזן, פאַרגאַרטלט מיט רויטע, זיידענע גאַרטעלעך און פאַרשלייפט ביי דער זייט מיט באָכהענגנדיקע, ווייכע קוטאַסלעך. ביידע האָבן געטראָגן שוואַרצע קאַפּעליושן מיט ברייטע ראַנדן, ווי די גלחים און ביידע מיט שטעקעלעך אין די הענט, כאָטש עס איז געווען שבת אויף גאָטס וועלט.

— גיט שבת — האָבן זיי געזאָגט צום בינטל ווייבער מיט אזא פאַרדעכ־טיקטער גוטמוטיקייט.

די ווייבער האָבן נישט גלייך געענטפערט. כאָטש שטאָטישע יינגען, וואָס אַלע קענען זיי, האָט אָבער דער הולך זייערער געשראָקן און מאַדזשיצער יידן האָבן זיך אָפּגעקערט פון זייער וועג, געזוכט זיי אויסצומיידן.

— ווי איז עפּעס דאָס זיידענע יינגערמאַנטשיקל, אייער לייבל משה׳לע?

— האָט בערעלע שטריק כלומרשט גוטמוטיק און מיט א שמייכעלע גע־פרעגט חנה לאה׳ן, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טייטש־חומש און

מיט שרעק געקוקט אויף די ייִנגען, — וואָסי, ס׳שטייט אים נישט אָן צו מישן זיך מיט אונז?

חנה לאה האָט דערפילט ווי עפּעס אין איר רייסט זיך אָפּ פאַר פּחד. עס איז דאָך אמת, איר לייבל משה וויל טאַקע נישט האָבן קיין געשעפטן מיט דער חברה. ער שטעלט זיך חלילה נישט קעגן. ווי אַנדערע געזעלן, לייגט ער אויך אוועק די אַרבעט, ווי נאָר די שטרייקערס באַווייזן זיך, טוט אָן ס׳שוואַרץ־ריפּסענע כאַלאַטל, שטויבט זיך אָפּ די שיך און גייט אַרויס אין גאַס. אמת, ער לאָזט זיך נישט אוועק מאַרשירן מיט די ייִנגען, פּוסט און פּאַס איבערן שאָסיי. פון קינדוויַיז אויף געוווינט צו זיין מיט עפּעס פאַר־נומען, האָט ער נישט געקאָנט אין די פריַיע פאַרנאַכטן, ווען די זון שטייט נאָך הויך, פלוצים נעמען אַרומגיין ליידיק. עס איז אויך אמת, אַז די אַראָפּ־געקומענע ייִנגען און מיידן, מיט זייערע פּענער און הוראַ־שרייען, זענען אים געווען פרעמד. נישט ער האָט זיך געחבר׳ט מיט זיי קליינערהייט און נישט ער גייט צו זייערע פאַרזאַמלונגען אין ריקער וואַלד איצט. איז ער דעריבער געווען, ווי תמיד שבת נאָכן עסן, אינדערהיים און רואיק געדרימלט.

— מאַאָן לייבל משהן? — האָט חנה לאה מיט געמאַכטער רואיקייט איבערגעפרעגט, — דאָ זיכט עץ אים? עץ ווייסט דאָך ווי ער אַרבעט...

די מאַמע האָט דאָ בכיוון געוואָלט פאַררעדן די ייִנגען די ציין. אַז די מחבלים וועלן זיך נאָר אוועקשלעפּן צום מייַנסטער, וועט זי גיך אויפוועקן לייבל משהן, ער זאָל שוין לויפן זיך יאָווען, וואָרום מ׳איז דאָך צו זיי פאַר־קויפט ווי אַן עבד כנעני. זיי האַלטן דאָך יעדן געזעלן אויפן אויג!

די ייִנגען זענען אָבער געווען מבין אויף חנה לאה׳ס טראַכטענישן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט ממזרישע אייגעלעך און, אָנשטאָט אוועקצו־גיין, גאָר פאַרנומען זיך צו דער טיר, וואָס איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט אין זוניקן דרויסן אַרויס.

חנה לאה האָט דערפילט מיט וואָס דאָס שמעקט. זי איז דעריבער געטאָן אַ שפּרונג אויף ווי אַ קאַץ און מיטן טייטש־חומש אין די הענט זיך געטאָן אַ שטעל אין דער אָפענער טיר:

— וואָסי, כ׳האָב חלילה אַ קלויסטער באַגנב׳עט, וואָס מ׳קומט צו מיר זיכן?

אויף ס׳בינטל ווייבער, שטומע, דערשראָקענע, האָבן זיך אויפגעשטעלט און עס איז געוואָרן אַ גערודערייַ פון בענקלעך און איבערגעקערטע טאַ־בורעטן. פון דעם אָנגעשטאַנענעם געטומל האָט זיך דערוויַיל יערמיע דוד אויפגעכאַפּט. באַרוועסערהייט, די רויטע באָרד פאַרשלאָפן ־ צעקנייטשט, ס׳פאַרפעדערטע שלאָף־קאַפּל אויפן קאָפּ, דער טלית־קטן מיט די ציצית צע־פלויגן איבער די הויזן, איז ער געטאָן אַ לויף אָן פון טונקעלן אַלקער אין דער מיט־זון־באַגאָסענער קיך אַריין. נישט ווויסנדיק אפילו וואָס דאָ איז גע־

שען, נאָר בלויז צוליבן דערזען מיט די פאַרזשמורעטע אויגן די צוויי לייט מיט שטעקעלעך אין די הענט אום שבת, איז שוין זיין בלוט אויפגעקאָכט געוואָרן און ער האָט גענומען שרייען:

— גויים, אוועק פון מאַן שטיב!

די צוויי לייט האָבן זיך אָבער נישט וויסנדיק געמאַכט, נישט פון יערמע דוד׳ס שרייען „גויים״ און נישט פון חנה לאה׳ס פאַרשטעלן זיי דעם וועג. מיט כוח האָבן זיי געטאָן אַ שטופּ אָפּ יעדע פון דער אָפענער טיר און, ווי עמעצער וואָלט זיי געהאַט אָנגעוויזן, גלייך גענומען גיין צום קיך־בעט, וואָס האָט מיטן אייגענעם קאָפּ שטיק פאַרשטעלט לייבל משה׳ן, וועלכער האָט גאַנץ גוט געהערט, וואָס דאָ טוט זיך, נאָר בכיוון געמאַכט זיך שטאַרק שלאָפן.

— איידעלער ייִנגערמאַנטשיק — האָט בערעלע שטריק אַ טאָרע געטאָן דעם כלומרשט־שלאָפנדיקן לייבל משה׳ן.

לייבל משה האָט געעפנט די אויגן און כלומרשט פאַרשלאָפן געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— אַזוי, ווייסט נעבעך גאָרנישט? — האָט אים בערעלע שטריק איבערגעקרימט און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש, אַז זיין קאָפּ האָט זיך אַזש אָנגעשלאָגן אָן בעט־ווענטל, — אָט האָסטו פאַר באַהאַלטן זיך!

— געוואַלד, ג־ע־וו־אַ־ל־ד! — האָט חנה לאה גענומען שרייען, און זיך הילפלאָז געקניפּן די אייגענע באַקן. — געוואַלד! — האָבן איר די ווייבער אין דרויסן מיטגעהאָלפן. און יערמע דוד האָט גאָר געכאַפּט דעם בעזעם און זיך פאַרמאָסטן אויף די ייִנגען:

— אַרויס, גויים פון מאַן שטיב!

אויף די געוואַלדן זענען זיך צונויפגעלאָפן פאַרשלאָפענע ייִדן אין קאַפּלען, טייל באָרוועס, אין די בלויזע הויזן מיט די לייבסערדאַקן און ציצית פון אויבן. אויך ווייבער אין האַלקעס און שלאָף־קאָפּקעס אויף די קעפּ און אַ פולער הויף מיט קינדער. נאָר די ייִנגען האָבן זיך הפנים נישט דערשראָקן. אדרבא, ס׳איז זיי געפעלן די העצע, וואָס איז דאָ, זיי צוליב, אָנגעשטאַנען און בערעלע שטריק האָט אויפסניי דערלאַנגט לייבל משה׳ן אַ פּלאַם אין פּנים, דאָס מאָל אין דער צווייטער באַק אַריין, און דערביי אים געזאָגט מיט אַ רואיק שמייכעלע אויפן ביסטרען פויגל־פּנים:

— און דאָס איז זאָלסט חלילה נישט שיקלען אויף אַן אייגעלע...

און שמאַי׳לע בעקער האָט פּונקט אַזוי רואיק צוגעגעבן:

— איצט, ייִדן ייִנגערמאַנטשיקל, וועלן מיר זען, צי וועסט זיך נאָך אויסבאַהאַלטן פון פאַרזאַמלונגען.

קאַפּיטל פינף־און־צוואַנציק

פון זינט די חברה שטרייקערס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט קיין מאָדזשיץ, איז נתן חיים געווען גאָר צעיאַכמעט. להיפוך דעם טאַטן זײַנעם, איז אים גראָד יאָ געפעלן דער יום־טוב־אינדערוואָכן און וואָס די ייִנגען און מיידן האָבן אַזוי פרײַ אַרומגעמאַרשירט און געשריגן הורא אפילו, ווען די זעלנער און קאָזאַקן האָבן געהערט. אָבער מער פון אַלץ איז אים געפעלן דער הולך פון די אַראָפּגעקומענע ייִנגען. די לאַנגע האָר זייערע און די שוואַרצע העמד־לעך מיט גאַרטעלעך און נאָכהענגענדיקע קוטאַסלעך, האָבן גאָר גערייצט זײַן קינדישע פאַנטאַזיע. עפּעס גאַרנישט ווי זײַן ברודער, לייבל משה, וואָס, כאָטש ער איז אַ געזעלן, ווי זיי, טראָגט ער גאָר אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ ייִדיש היטל און פירט זיך אויף ווי אַ טאַטע. שבת נאָכן עסן, אַנשטאָט צו זײַן אין וואַלד אויף די פאַרזאַמלונגען, שלאָפט ער גאָר אין שטוב!

נתן חיים האָט אפילו שטילערהייט הנאה געהאַט, וואָס לייבל משה האָט געכאַפּט פעטש. „אַ מצווה אויף אים! זאָל ער זיך נישט אויסבאַהאַלטן!״.

גאָר גרויס דרך ארץ האָט נתן חיים געקראָגן פאַר די לײַט צוליב דער געראַכטיקייט, וואָס זיי האָבן אויסגעטיילט אין שטאָט, וואָס נישט נאָר פאַר געזעלן און דינסט־מיידלעך, נאָר אפילו פאַר לערן־ייִנגלעך האָבן זיי זיך אָנגענומען און וואָס צוליב זיי שלאָגט מען מער נישט אברהם יאַנקלען. וואָרום ער האָט גראָד יאָ געוווּסט, אַז די פּליוקעס שלאָגן דעם ברודער און אַז מען גיט אים דאָרטן קנאַפּ צו עסן. נישט איינמאָל האָט ער, דער טאַטע זאָל נישט וויסן און די מאַמע זאָל נישט זען, אַרויסגעבערעגעט פון שטוב שטיקער ברויט פאַר אברהם יאַנקלען און אָפּט זיך געטיילט מיט אים מיט זײַן שיסעלע געקעכץ, וואָס ביידע האָבן אײַנגעשלונגען, שטייענדיקערהייט, אין ווינקל הויף, צווישן די קאַמערן און שפּייכלער.

כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז מען טאָר דאָס נישט, אַז דער טאַטע, ווען ער כאַפּט אים, וואָלט אים דערפאַר געשלאָגן, האָט דאָך נתן חיים ליב גע־האַט צו זען ווי די ייִנגען טאַנצן מיט מיידלעך. אין די שבתים, נאָכן עסן, פּלעגט ער זיך אונטערגנב׳ענען מיט באַלעקן, אַמאָל אויך מיט אברהם יאַנ־קלען, הינטער די פענצטער פון אַזעלכע שטובן און זיך צוקוקן ווי די ייִנגען און מיידן ווײַלן זיך. נישט נאָר טאַנצן זיי צוזאַמען, נאָר זיי זיצן מיט די מיידלעך אויף די בעטן, האַלטן זיך אַרומגענומען, טרינקען ביר, וואָס מען

צאַפּט פֿון אַ פּעסעלע, דורך אַ מעשענעם קראַן אין די גלעזער אַריין און דערבײַ זינגען זיי אַזעלכע שיינע לידער. איין ייִנג זינגט:

„אוי, ווער וועט מיך צידעקן?
און ווער וועט מיך אויפוועקן?"

און אַלע, אין כאָר, ענטפערן אים:

„דער בלאַט פֿין בוים וועט דיך צידעקן,
און דער ווינט פֿין טאָג וועט דיך אויפוועקן!"

איצט זינגען שוין אַלע צוזאַמען:

„אוי, דריי דיר איבער דאָס קלייד,
אויף דער לינקער זייט,
און לייג זיך שלאָפֿן אויפֿן גרינעם גראָז,
און שלאָף זיך אויס ווי אַ ייִנגער האָז!"

איז אָבער באַשערט געווען נתן חיים זאָל זיך גאָר גיך אַנטוישן אין דער חברה און אין זייער גערעכטיקייט.

און געשען איז דאָס אין אַ פּראָסטן פֿרײַטיק. די שטאָט איז יענעם אינדערפֿרי געווען פֿול מיט שרײַענדיקע פֿישער, מיט צעיאַכמערטע קצבים, מיט ייִדן און ווײַבער, וואָס האָבן געשמייעט איבערן מאַרק מיט קײַשלעך און טאָרבעס, גייענדיק איבער די צעשטעלטע טישן און אָפֿענע געוועלבער, אײַנקויפֿנדיק די מאַרק־שפּע אויפֿן הייליקן שבת.

אין מיטן אָט דער האַוועניש און געפּילדער, האָט זיך אין מאַרק אָנגעטראָגן אַ שגצ׳ל פֿון אַ יאָר אַכט, באָרוועס, אין אַ פּאָר געלאַטעטע הייזעלעך, מיט אַ צעריסן, ברודיק העמדל, אין בלויזן קאָפּ, די פֿלאַקסענע האָר — ווילד אין די אויגן. דאָס קינד האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך דאָס אַנטלויפֿן וואָלט אויף אים געברענט. לויפֿנדיק האָט ער יאָמערלעך געשריגן:

— אָליאַ באַגאַ, ראַטויטאַ!

געלאָפֿן איז דאָס קינד פֿון אויבערשטן טייל פֿון מאַרק, ווו עס איז געשטאַנען אַ פֿערד געשפּאַנט אין אַ גרויסן, רויטלעך־געפֿאַרבטן קאַסטן אויף פֿיר רעדער. דער קאַסטן איז געווען לאַנג און שווער געקאָוועט מיט אײַזערנע שטאַבעס און האָט געהאַט אַ קליין, פֿאַרגראַטעוועט טירל צווישן די צוויי הינטערשטע רעדער.

פֿון דעם קאַסטן האָט זיך געטראָגן אַ מורא׳דיק געהיילערײַ פֿון הינט וואָס, אָט ערשט זענען זיי אַרומגעלאָפֿן פֿראַנק־און־פֿרײַ אַרום די יאַטקעס, זיך געלאָזט ווילגיין מיט אַ צוגעוואָרפֿענעם ביין און אָט האָט זיך אומגעריכט באַוויזן דער הינט־שלעגער. ווי אַ גנב האָט ער זיך שטילערהייט געצייעט מיטן היצל־שלייף. אויף די שפּיץ־נעגל, הינטן אַרום, האָט ער געטאָן אַ וואָרף דעם שלייף איבער דעם הונטס קאָפּ און שוין איז אַ פּעטליע פֿאַר־

צויגן איבערן האלדז פון דעם אָרעמען באשעפעניש. אָנשטאָט געזונט, פריי־לעך בילן, רייסן זיך שוין שטילע, דערשטיקטע קרעכצן פון דעם הונטס צעעפנט מויל. מיט אַלע כוחות קלאַמערט דער הונט זיינע בעגלדיקע לאַפּקעס אין זאַמדיקן באָדן. ער וויל זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס, זיך ראַטעווען, אָבער די פּעטליע ציט, שלעפּט דעם געפאַנגענעם קאָפּ פאָרויס, שטיקט דעם האַלדז אַזש די אַרויסגעשטעקטע צונג ווערט בלוי ווי אַ מילץ. פול מיט געבעט קוקן דעם הונטס פייכטע, קלוגע אויגן צו די מענטשן אַרום. זיי בעטן שטר־מערהייט: „ראַטעוועט, האָט רחמנות!” אָבער אומזיסט, קיינער קוקט זיך נישט אום, קיינעם גייט נישט אָן דער צער־בליק פון דעם צום טויט־געפאַנ־גענעם באַשעפעניש. בלויז אַ קליין שגצ׳ל לויפט איבערן טומלדיקן מאַרק און שרייט הילפלאָז:

— ראַטעוועט!

פאַר אַ רגע בלויז איז וואַצוש, באַלעקס קליין, רויטלעך הינטל מיטן ווייסן שטערנדל, אַרויס יענעם פרייטיק אינדערפרי פאַרן טויער פון קאָזש־מינסקיס הויף און שוין צאַפּלט עס זיך צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע הינט אין דעם לאַנגן, פינצטערן קאַסטן. ער דראַפּעט זיך דאָרטן און בייסט זיך מיט די אַנדערע הינט פאַר אַ שטיקעלע אָרט, פאַר אַ ביסעלע לופט לעבן דעם פאַרגראַטעוועטן טירל. הילפלאָז שטופּט עס דאָס נאַסלעכע, שוואַרצע מאָר־דעלע צווישן די אייזן־גראַטעס אַזש די שלייפן אַרום די אויגן ברענען עס פון ווייטיק. עס בייסט מיט די ציין און רייסט מיט די לאַפּקעס די שטאַבעס און בילט מיט אַזאַ וויינענדיק געבעט:

— האַו, האַו, האַו.

ווען באַלעק האָט זיך געכאַפּט, וואָס מיט זיין וואַצושן האָט געטראָפן, האָט ער אָן אָטעם גענומען לויפן צום הינט־שלעגערס שטייג. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך דורכגעשטופּט דורך דעם אָנגעלויף פון נייגעריקע צוקוקער, וואָס זענען געשטאַנען גלייכגילטיק און זיך נאָך גערייצט מיט די געפאַנגענע באַשעפענישן, שטופּנדיק צו זיי אַ שטעקן דורך די קראַטן, וואָס די אָרעמע הינט האָבן מיט אַזוי פיל האָפענונג אָנגעכאַפּט, האַלטנדיק עס מיט די ציין און נעגל, מיינענדיק, אַז דאָס וועט זיי אַרויסראַטעווען.

עס איז געווען אַ צער צו זעען דאָס באַגעגעניש פון דעם קינד מיט זיין הינטל. דאָס חיה׳לע, דערזעענדיק באַלעק׳ן, האָט נאָך שטאַרקער גענומען שטופּן דאָס קעפּל דורך די אייזערנע גראַטעס און גענומען בילן צו אים מיט אַזאַ פּיעשטשענדיק קול׳כל, ווי אַ קראַנק באַעוולה׳ט קינד, ווען עס דערזעט די מאַמע. און ער, באַלעק, דערזעענדיק דאָס טייערסטע, וואָס ער פאַרמאָגט, אין דעם טויט־קאַסטן, האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט און גענומען הילפלאָז רייסן דאָס פאַרגראַטעוועטע טירל מיט אַלע זיינע כוחות אַזש דער גאַנצער

וואָגן האָט זיך געטרייסלט, דערביי האָט ער גערעדט צום הינטל מיט פּאָר־ווורף און צערטלעכקייט:

— וואָצוש, טייערער, פּארוואָס ביזטו ארויס פון הויף אָן מיר?

באַלעק, אין זיין מורא׳דיקער הילפלאָזיקייט, וואָלט זיכער דעם קאסטן נישט געוועַן אָפּגעלאָזט, האָט אָבער איינער פון די הינט־שלעגער אים גע־נומען שלאָגן מיט דער בייטש איבער די הענט, איבערן קאָפּ, איבער די באָרוועסע פיסלעך אזוי, אז דאָס קינד האָט געמוזט אָפּלאָזן די גראטעס און געגומען אויפסנביי לויפן איבערן מארק און ווייטער שרייען אזוי הילפלאָז:

— אָליאַ באָגאַ, ראַטויטאַ!

אינסטינקטיוו איז דאָס יינגל געלאָפן אהיים. ער האָט זיך אָבער באלד אומגעקערט צוריק אין מארק אריין מיט נאָך מער פּחד אין זיין קול. נישט די מאמע און נישט דער טאטע און אפילו נישט דאָס שוועסטערל זענען געוועַן אינדערהיים. די מאמע זיינע, די פראנצישקאָווע מיטן שיקסל, זענען געוועַן ביים טייך פּראלן די שווערע פּעק גרעט. און פראנצישעקל, דער פּאָטער, איז שוין פון טעג געוועַן אוועק פון דער היים. דער גוי האָט שוין לאנג זיך געקלאָגט, אז די יאָרן גייען און ער זעט נישט אָן קיין קאָשטשאָל פאר די אויגן. אין שטאָט האָבן די פארשאָלטענע מאָסקאלעס, צוליב זייער פעסטונג, נישט דערלויבט קיין קאטוילישן קלויסטער. זיין כשר־קריסטלעכע נשמה האָט דעריבער אלעמאָל געלעכצט נאָך א ביסל הייליקייט. האָט ער גראָד דענצמאָל אלץ איבערגעלאָזט אויף דעם ווייבערלס הענט און זיך מיטגעכאפּט מיט א מחנה עולה־רגל׳ניקעס, וואָס האָבן דורכגעצויגן דורך מאָדזשיץ. אויף גיך האָט ער פארוואָרפן די שטיוול איבערן אקסל, גענומען א האלב־ראזאָווע ברויט אונטערן אָרעם, זיך אָנגעהאָנגען א בלעכן קווערטל אויף וואסער און מיטגעצויגן קיין טשענסטאָכאָוו, כאָטש איינמאָל אין לעבן נידערצוקניען אין דעם גרויסן קאָשטשאָל פאר דער הייליקער מאריע.

באָלעק איז דעריבער געלאָפן פון זיין פוסטער היים מיט טויט־פּחד אין די אויגן. נישט טרעפנדיק קיינעם אין שטוב איז זיין הילפלאָזיקייט נאָך מער געשטיגן. זיין קינדיש הארץ האָט זיך געצאפּלט: טאָמער פאָרט דער הינט־שלעגער אוועק, איז א סוף צו וואָצושן. ער וועט אים דערהרגענען און אָפּשינדן זיין פעל. איז ער איצט געלאָפן אָן אָפּשטעל צו זיין באָעגטסטן חבר׳ל, צו נתן חיים׳ען. מיטן גאנצן אימפּעט, ווי א וויכער, איז ער געטאָן א פלי־אריין אין דער אָפענער טיר פון לייבל וואָטע־מאכערס חדר:

— נאָסקע, דער היצעל! — און שוין איז ער געלאָפן צוריק צום געפאנ־גענעם וואָצוש.

נתן חיים, צוזאמען מיט אלע אנדערע תלמידים, האָט איצט, ווי יעדן פרייטיק אין דער צייט, געהאלטן אין מיטן מעביר זיין די סדרה. פארשוויצטע פון דער גרויסער חמימה, צעקנעפלטע, אין די ציצה־כנפות׳ן איבער די

העמדלעך, זענען די ייִנגלעך געזעסן אַרום טיש, איבער געעפנטע חומשים און געציקלט די געדרייטע פּזר׳ס און לאַנגע שלשלת׳ן, וויגנדיק זיך הין־און־צוריק, אַלע צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן געווען באַהאָפטן איינער אָן אַנדערן. און דער רבי, לייבל וואַטע־מאַכער, מיט די שווערע, שוואַרצע ברעמען און נאָך שוואַרצערע באָרד, איז געזעסן אויבן־אָן, אין קאַפּל, מיטן גרויסן וואָלע־נעם טלית־קטן איבערן העמד און זיך מיטגעוויגט, ווי אויך ער וואָלט געווען באַהאָפטן און פון איין שטיק מיט די תלמידים זיינע:

— פּ—ז—ר—ר—ר, — האָט ער לאַנג געציקלט, און די תלמידים מיט אים.

האָט דעם שגצ׳לס פלי־אַריין ווי מיט אַ מעסער איבערגעהאַקט דאָס דאָזיקע ציקלענדיקע געזאַנג. לייבל וואַטע־מאַכער איז געבליבן מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן, אָן לשון. אויך די תלמידים זענען געבליבן מיט אָפענע מיילער, ס׳געזאַנג איז פון זיי אַרויסגעפלויגן ווי אַ טשאַטע איבערגעשראָקענע פייגל. בלויז איין נתן האָט גיך באַנומען, וואָס דאָ איז געשען. ווי אַ ווינט האָט ער געטאָן אַ פלי, אַ כאַפּ ס׳כאַלאַטל און גענומען נאָכציען, שרייענדיק מיט אַלע כוחות:

— שטיי, באָלעק, וואַרט!

דאָס שגצ׳ל האָט אים אָבער נישט געהערט. אַ באָרוועסער, אָן אָטעם, האָט ער געצויגן פּאַרויס און נתן חיים, אין די אייביק צו־גרויסע שטיוול, מיט צעפּלויגענע פּאָלעס, האָט געיאָגט נאָך אים.

אַ פאַרשוויצטער איז נתן חיים אָנגעלאָפן צום היצעלס שטייג. דערזע־ענדיק הינטער גראַטעס זיין באַליבט הינטל, דערהערנדיק דאָס צער׳פולע היילן, דאָס הילפלאָז שטרעקן צו אים די רויטלעכע לאַפּקעס, האָט עס אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ און ער האָט זיך ביטער צעוויינט. ווי באָלעק, האָט אויך ער צוגעלייגט זיין פאַרוויינט פּנים צו די גראַטעס און זיך געלאָזט קושן און לעקן פון הינטל. און ווי באָלעק האָט ער אויך הילפלאָז צוריקגע־צערטלט און צוריקגעקושט דאָס געפאַנגענע חיה׳לע אויפן פייכטן נעזל, איבערן ווייסן שטערנדל, צווישן די ווייכע, קלוגע אויגן:

— וואָצוש, טייערער וואָצוש.

אַ היפּשע ווײַלע איז אַזוי נתן חיים געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און מיט פאַרוויינטע אויגן געגאַפיעט אויף די אָנגעלאָפענע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך געריכטעט מיט די געפאַנגענע הינט און נאָך מער מיט אים, זינגענדיק אים אין פּנים אַריין אַן אויפדערגיך פאַרפאַסט לידל:

„גוי, גוי, גמור גוי,
שיין אין גיט איז אַזוי,
האָסט קיין כלב שוין נישט מער,
גיי אַהיים אין קיש אַ בער!"

אָט דאָס לידעלע, האָט נתן חיים׳ען אויפגעוועקט פון זיין פארלוירנקייט. אָן אומרו האָט אים ארומגעכאפּט. ער מוז דאָך עפּעס טאָן צו ראטעווען וואצושן! אָבער וואָס זאָל ער טאָן? שוין פון לאנג ווייסט ער, אז קיינער קאָן נישט ארויסקריגן פון היצעל קיין הונט אָן א רובל אויסלייז־געלט. אָבער ווו זאָל ער נעמען א רובל?

מיט קנאה אין די פארוויינטע אויגן האָט ער צוגעזען ווי א מארק מיט מענטשן האָבן געלט אויף אלץ, אויף פיש און אויף פלייש, אויף לעקעכער און אויף פולע קוישן אויבסט, נאָר קיין רובל אויף אָפּצוראטעווען וואצושן וועט קיינער פאר אים נישט האָבן, וועט קיינער אים נישט וועלן געבן!

נתן חיים׳ס קעפּל האָט אָבער געארבעט. אין מיטן דער פארלוירנקייט איז אים עפּעס איינגעפאלן. ער האָט אצי געטאָן דאָס חברל: — קים, באָלעק! און שוין געזומען לויפן. ער איז אָבער נישט געלאָפן, ווי באָלעק, צו דער מאמען. וואָס קאָן אים די מאמע העלפן? אפילו ווען זי וואָלט געהאט איר אייגנס, וואָלט זי אים אויך נישט געגעבן א רובל. אויך נישט צום טאטן זיינעם איז ער איצט געלאָפן, דער טאטע וואָלט אים נאָך גוט אָנגעשלאָגן און געזאָגט: „א שיינע, ריינע כפּרה! פּטור געוואָרן פון הינט!" נתן חיים איז גאָר איצט געלאָפן אהין, ווו אלע מאָדזשיצער באַעוולה׳טע לויפן לעצטנס מיט זייערע תרעומות. דער אכט־יאָריקער מאָדזשיצער איינוווינער האָט געוווּסט, אז אין פּורים־סוחר׳ס שטוב טיילט מען גערעכטיקייט. די סטרייקערס מיט די לאנגע האָר נעמען זיך פאר יעדערן אָן. אויך אברהם יאנקל איז דאָך אהין געלאָפן דערציילן, אז דער מייִנסטער און די זין שלאָגן אים.

כל זמן נתן חיים איז נאָך געלאָפן און דעם פּורים־סוחר׳ס שטוב בלויז געזען אין דמיון, איז ער געווען דרייסט און געהאט גרייט די ביטערע תרעומה, ממש אויפן שפּיץ צונג. אָבער ווי נאָר ער איז געקומען אָנצולויפן אויף יענעם הויף און דערזען, דורך די אָפענע פענצטער, די לייט מיט די לאנגע האָר, האָט זיך די גאנצע דרייסטקייט זיינע פון אים אָפּגעטאָן און אָנשטאָט אהין אריינגיין, איז ער גאָר געבליבן שטיין ביים טויער און מורא געהאט צו שטעלן ווייטער א טראָט.

באָלעק האָט אים אָבער נישט געלאָזט לאנג שטיין. אז נתן חיים איז נאָך געלאָפן און ער נאָך — אים, האָט ער געשוויגן. דאָס לויפן אליין איז אים פאָרגעקומען ווי זיי וואָלטן עפּעס געטאָן. אָבער, אז נתן חיים איז גאָר געבליבן שטיין אויף א פרעמדן הויף און טוט גאָרנישט, האָט זיך צוריק אין אים אויפגעכאפּט דער פּחד פאר וואצוש׳ס לעבן און ער האָט זיך אויפסניי צעוויינט:

— נאָסקע, וואָס עט זאַאָן?

באָלעקס געוויין האָט, אפשר, צוריקגעגעבן נתן חיים׳ען דעם פארלוי־

רענעם קוראזש. ער האָט א צי־געטאָן דאָס חבר׳ל: — קים, און זיך אריינ־געשלייכט צום פורים־סוחר אין שטוב.

ווי תמיד, זינט די אומרועץ, איז אויך איצט ביים פורים־סוחר אָנגעגאנגען איינע פון די אומאויפהערלעכע זיצונגען. נישט נאָר דער מאָדזשיצער דריילינג, איזאק קאנטראָוויטש, וולאדימיר הורוויץ און יעקב הערשעלע, צוזאמען מיט די אנדערע פני, אויך פוילישע חברים, פון די דערפער ארום, האָבן זיך באטייליקט אין דער זיצונג.

וויכטיקע זאכן האָבן דאָ באדארפט ארומגערעדט ווערן. שוין לאנג ווי ס׳מאָדזשיצער יונגווארג האָט געהאט טענות הלמאי אומעטום רודערט זיך, מען מאכט דעמאָנסטראציעס, מ׳גייט מיט פענער, נאָר דאָ איז שטיל, מער ווי א סטרייק ביי די שוסטער, א סטרייק ביי די שניידער און ווי א צולאָג, א סכסוך מיט א באלעבאָסטע איבער א דינסט־מיידל, קומט דאָ נישט פאָר!

די אומצופרידענע האָבן זיך שטארק געלאָזט הערן דורך יעקב הערשע־לען און שמאי׳לע בעקער. זיי האָבן געחוזקט אויס הורוויצן, וואָס וואָרנט קעגן אן ארויסטריט, מחמת דער קאָמענדאנט סטראשעט מיט א בלוט־באָד:

— א שיינער רעוואָלוציאָנער ביזטו — האָט יעקב הערשעלע אים אויפ־געוואָרפן. — אָט, דאָס איז דער „בונד״ דיינער, מיט זיין גלות־פסיכאָלאָגיע!

אויך דעם פאָרזיצער פון קאָמיטעט, איזאק קאנטראָוויטשן, דעם פע־פע׳עסניק, האָבן זיי אויפגעוואָרפן, וואָס נישט נאָר זעט ער נישט די פוילישע באפעלקערונג פון דער געגנט זאָל עפעס טאָן, נאָר אפילו די פוילישע מוליא־רעס, אויף שמחה׳לע פוטערפליאַמ׳ס קאמעניצע, קאָן ער נישט אָפשטעלן פון דער ארבעט:

— די יידישע שניידערלעך און שוסטערלעך סטרייקן — האָט ער מיט גרויס הנאה געוואָרפן קאנטראָוויטשן אין פנים אריין — אָבער דיינע פוילישע פראָלעטאריער, די מוליארעס און טעסלערס, שטייען אויף די רושטאָוואניעס און שמחה פוטערפליאַמ׳ס געביידע וואקסט, גלייך עס וואָלט געווען שא, שטיל, אין ניקאָלאַיקעס מדינה!

און גראָד זענען דענצמאָל די אומרועץ געשטיגן. אין אלע שטעט און שטעטלעך האָט מען זיך געשלאָגן אויף באריקאדן און א סלוך האָט זיך געהערט, אז די זעלבסט־הערשאפט האלט ביים פאלן און ס׳פאָלק וועט קריגן א קאָנסטיטוציע. מ׳דארף נאָר שטארקער דריקן, נאָך באריקאדן, נאָך סטרייקן!

זענען דאָס די פוילישע פאָרשטייער געקומען, כדי צוזאמען ארומצורעדן, אויב ס׳איז נישט מעגלעך אין א מיטוואָך, ווען ס׳פויערים־פאָלק איז אין שטאָט אויפן יאריד, עפעס אָנצוהייבן. זאָל כאָטש זיין אן איבערפאל אויפן מאָנאָפאָל! ווארום ס׳איז דאָך א חרפה! עס זעט דאָך שוין באלד אויס, אז מען פאָלגט דעם קאָמענדאנט. ער זאָגט: נישט, איז נישט!

— שמחה׳לע פּוטערפליאַם לאַכט דאָך אין די פויסטן אַריין — האָט שמאַיעלע בעקער זיך אַריינגעמישט. — ער באַרימט זיך דאָך אין מיטן מאַרק: „ני, וואָס האָב יעך געזאָגט? אין מאָדזשיץ עלן די לאַטקעס ווייט נישט פאַרפאָרן!״

עס איז געווען פאַרנע ביים פורים־סוחר אין עס־שטוב און שטאַרק אָנגערויכערט. דער עולם איז געווען מיד פון די לאַנגע רעדערייען און אמפּערנישן. די פריערדיקע אָנגעשטייפּטקייט פון דער זיצונג, איז עפּעס גאָר געווען אויסגערונען. חוץ איזאַק׳ן, דעם פאָרזיצער פון קאָמיטעט, א בלאָסער און דערשעפּטער, איז שוין קיינער נישט געווען אַרום טיש, שמאַי׳לע בעקער, צוליב דער אומרואיקייט זיינער, איז איצט האַלב־געזעסן און האַלב־געהאָנגען צווישן די פויערהאַנגען, אויפן ברייט־צעעפנטן פענצטער. ער האָט גערויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און געוואָרפן די מונדשטיקס אַרויס אין הויף־אַריין.

יעקב הערשעלע איז גאָר געלעגן אויסגעצויגן אויף דער שוואַרץ־צעראַטענער קאַנאַפּקע און לעבן אים, מיט א פּאָר צוויקער־ברילן אויף דער נאָז און א נאָכהענגענדיק שוואַרץ שנירעלע אַרום האַלדז, איז געזעסן פּעסל, א וועש־נייטערקע און זייטיקלעך זיך געשפּילט מיט זיינע געדיכטע, ווייך־זיידיקע האָר, וואָס האָבן זיך אים חוצפּה׳דיק געכוואַליעט איבערן בלאַסן שטערן. אויך זי האַלט מיט יעקב הערשן. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זאָל מען שוין באַנייען די פאָן, וואָס זי האָט מיט אַזויפיל ציטער אין האַרץ אויפגענייט!

וולאַדימיר הורוויץ איז אָבער נישט געווען פאַרטיק מיט זיך. איינגעבויגן און צעטראָגן, האָט ער געשפּאַנט הין־און־צוריק איבער דער שטוב, די גראָבע פינגער פון ביידע הענט פאַרשטעקט אין רויט־זיידענעם גאַרטעלע איבערן שוואַרצן העמדל, אָט, פּונקט ווי אַמאָל, אין די בית־מדרש־יאָרן, ווען ער פלעגט פאַרשטעקן די זעלבע פינגער אין דעם שוואַרצן גאַרטל איבער דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע. ער האָט נאָך אַלץ נאָכגעטראַכט:

„אוודאי, יעקב הערשעלען און שמאַי׳לען, די היץ־קעפּ, איז גרינג צו זאָגן: דעמאָנסטראַציעס! זיי ווילן נישט טראַכטן, אז דאָ איז נישטאָ קיין פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, אָבער א פעסטונג מיט מיליטער, א פּאָלק קאָזאַקן און רעגימענטן מיט זשאַנדאַרן זענען יאָ דאָ! נישט נאָר א בלוט־באָד, עפּעס ערגערס! זאָל דאָ קומען צו א שיסעריי, וועט נישט בלייבן קיינער צו פאַר־טיידיקן די פאָן. אָן די פּוילישע מאַסן, וועלן ס׳ביסל יידישע שוסטער און שניידער זיך צעלויפן ביים ערשטן שאָס!

די קריסטלעכע חברים, אין פּויערישע שטיוול ביז די קני, האָבן זיך שוין געקליבן צו גיין. שטייענדיק, מיט די פּוילישע מאַטשעיוווקעס אין די הענט, האָבן זיי נאָכאַמאָל פאַרזיכערט: אדרבה, מען דאַרף טאָן. זיי וועלן

אוודאי טאָן זייערס אין די דערפער און ביי דער באַן. מ׳דאַרף אָבער געדענ־קען, אַז די פּ.פּ.ס. האָט אַ קליינעם איינפלוס אויף די פּויערים און קיין סך קריסטלעכע אַרבעטער אין דער געגנט זענען נישטאָ. אַלאַ די מוליאַרעס אויף פּוטערפליאַם׳ס קאַמעניצע ? איז מעגלעך, אַז זיי ווילן נישט וואַרפן די אַרבעט, ווייל חבר קאָנטראָוויטש, אַ ייד, אַגיטירט זיי. איז, וועט מען שיקן אַ קריסט־לעכן חבר צו זיי.

אָט אין מיטן די דאָזיקע אַמפּערנישן, זענען דאָס נתן חיים און באַלעק אַריינגעפאַלן מיט זייער תרועמה. די צוויי קינדער וואָלטן זיכער געוועזן געשטאַנען אין פעדער־שטיבל, ווער ווייסט ווי לאַנג און נישט געוואַגט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון דער אָנגערויכערטער עס־שטוב. האָבן אָבער איזאַק און הורוויץ, אַרויסבאַגלייטנדיק די פּוילישע דעלעגאַטן, באַמערקט די צוויי פאַרשוינען, יערמע דוד׳ס בנאַק אין דער לאַנגער קאַפּאָטע מיט די צוויי לאַנגע פּיאות און פראַנצישעקלס באַרוועס שגצ׳ל מיטן טשוואַק־האָר אין מיטן קעפּל:

— וואָס ווילט איר דאָ, קינדער ? — האָט איזאַק זיי גוטמוטיק געפרעגט, אַרויפלייגנדיק זיינע הענט אויף די יינגלעכס שמאָלע אַקסלעך.

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט גאָר נתן חיים, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם פּזמון גרייט אויף דער שפּיץ צונג, געטאָן אַ בוך־אַרויס אין אַ געוויין און באַלעק, וואָס האָט זיך אויף טויט דערשראָקן פאַר די צוויי „פּאַנעס" מיט די לאַנגע האָר און רויטע קוטאַסלעך ביי דער זייט, איז גאָר געטאָן אַ לויף־אַרויס פון פעדער־הויז אין הויף־אַריין.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז די לייט ביים פּורים־סוחר אין שטוב זענען געוויר געוואָרן, אַז די צוויי קינדער זענען געקומען מען זאָל פון דאַנען־אויס, שיקן שליחים אָפּצונעמען ביים הינט־שלעגער זייער אויפגעכאַפּטן הונט.

פּונקט ווי פריער איז די שטוב דאָ געווען פול מיט ערנסט, אַזוי האָט איצט, די זעלבע שטוב, געקלונגען מיט געלעכטער און העכער פון אַלע האָט געלאַכט יעקב הערשעלע, וואָס האָט, נאָכן אויפשטעלן זיך אויך אָנצו־קוקן דעם פאַרשוין ביי דער טיר, זיך געמיטלעך צוריקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און אויפסנייט זיך אַ נעם־געטאָן צום פּאַרזיצער, איזאַק קאָנטראָ־וויטש, וואָס האָט נעבעך אויף יעדן רחמנות און פאַר יעדן לערן־ייִנגל און פאַר יעדן דינסט־מיידל איז ער גרייט זיך צו גיין אָנבנעמען:

— אָט האָסטו דיר אַ נייע דין־תורה — האָט ער אַלץ העכער און העכער געלאַכט. — איצט פעלט בלויז אַ מאַדזשיצער יידענע זאָל קומען פאַרקלאָגן דעם בעדער, הלמאי ער הייצט נישט די מקוה אין מיטן דער וואָך...

— און איך זע דאָ נישט קיין לעכערלעכקייט, — האָט דער בלאַסער, תמיד ערנסטער איזאַק געענטפערט, אויסדרייענדיק זיך פון דער טיר צו

יעקב הערשלען. — ביי מיר איז אומרעכט, אומרעכט, ווו עס ווערט נישט באגאנגען, אין פאבריק צום ארבעטער, אין קיך צום דינסט־מיידל אָדער גאָר פון הינט־שלעגער צו א הילפלאָז קינד, וועמען ער בארויבט פון זיין הינטל.

— נו, ביזט דאָך עפּעס דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט! — האָט יעקב הערשעלע כלומרשט ערנסט א זאָג־געטאָן. — אדרבה, לאָם איך טאקע זען ווי דו גייסט אריבער צום הינט־שלעגער זיך אויסטענה׳ן מיט אים מכוח די רעכטן דיינע!

— און מיר דאכט זיך, איר ווערט ביידע קאָמיש! — האָט וולאדימיר הורוויץ, וואָס האָט שווייגנדיק באטראכט נתן חיימ׳ען, שארף א זאָג־געטאָן און גלייך געגומען ס׳יינגל און מיט אים ארויס פאר דער טיר:

— גיי בעסער אהיים, יינגעלע, און זאָג דיין מאמען זי זאָל גיין מיט דיר אויסלייזן דעם הונט.

דאָס איז שוין געווען צופיל פאר נתן חיימען. אויף אזעלכעס האָט ער זיך נישט געריכט. מיט איינמאָל איז זיין גאנצע וועלט געטאָן אים א פאל איין. ביז איצט זענען די לייט געווען אין זיינע אויגן די סאמע גערעכטיקייט אליין און איצט זענען זיי געטאָן א פאל אראָפּ און געוואָרן גלייך מיט אלע־מען, ניין, ערגער, גלייך מיטן הינט־שלעגער!

און נתן חיים האָט זיך דאָס מאָל נישט צעוויינט. ווי א דערוואקסענער איז ער געשטאנען אויף דעם הויף און געקוקט מיט טיפן ביטול אויף דער דאָזיקער שטוב, וואָס אָט נאָר־וואָס איז זי געווען פאר אים א הייליקייט. ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער איצט געגעבן דעם טאטן גערעכט. יאָ, זיי זענען טאקע לאטקעס, יינגען מיט לייזיקע פּאָלקעס זענען זיי! פּונקט ווי אמאָל דעם שטיין צו פּסח מלמד אין פענצטער, אזוי איז ער איצט צו־געגאנגען, געטאָן א שפּיי אריין אין דער דאָזיקער שטוב און אנטלאָפן!

נתן חיים איז אָבער נישט געלאָפן, ווי דענצמאָל זיך באהאלטן אויף א בוידעם. ער איז אויך מער נישט געלאָפן צו קיינעם פון די גרויסע, מען זאָל אים העלפן. דעם קינד איז שוין איצט געווען קלאָר, אז נאָר אליין מוז ער זיך העלפן.

אוודאי האָט נתן חיים געוווסט, אז דער טאטע וועט אים שלאָגן פאר דעם וואָס ער גייט דאָ טאָן, מורא׳דיק שלאָגן, נישט מיטן פאסעק ווי אלעמאָל, נאָר מיט די פויסטן אין קאָפּ, אין פּנים, איבערן גאנצן לייב וועט ער אים שלאָגן, אָבער ער איז גרייט געווען אויף אלץ אבי צו קריגן געלט אויף צו ראטעווען וואצושן.

נתן חיימלס קעפּל האָט פיבערדיק געארבעט. עס ווערט שפּעט. דער הינט־שלעגער קאָן דערווייל אוועקפאָרן און אלץ וועט זיין פארפאלן. פון אומגעדולד האָט ער א שטופּ געטאָן דאָס וויינענדיקע חבר׳ל זיינס:

— לויף צום היצעל! ווארט דאָרט! יעך על באלד האָבן געלט.

נתן חיימל האָט זיך איצט אוועקגעלאָזט זיך ארײַנקריגן הינטן ארום אין טאטנס סחורה־שפּייכלערל. ווי א קאַץ האָט ער זיך ארויפגעכאַפּט אויפן דאַך, פון דאָרטן זיך אראָפּגעלאָזט צווישן צוויי בלינדע ווענט און דורך א לאָך אונטער דער בערווינע, זיך דורכגעגליטשט און באלד צוריק ארויסגעקומען מיט א פּאָר אַלטע שטיוול אונטערן אָרעם.

פון טאטנס שמועסן אין שטוב האָט דער תכשיט געוווּסט, אז כאַליעוועס פון געטראָגענע שטיוול זענען א גאנגבארע סחורה. ער האָט אויך געוווּסט, אז פישעלע לעדער־קרעמער, כאָטש ער איז א פרום ידעלע, מיט לאנגע פּי־אות און דאַוונט נאָר ביים צווייטן דאַוונען, איז נישט איבערקלײַבעריש ווער עס ברענגט אים ארײַן סחורה צו קויפן. נתן חיים איז דעריבער איצט געגאנגען אויף אן אײַזערנער בריק. איידער באַלעק וועט זיך דאָרטן אומדרייען וועט ער אונטערקומען מיט געלט און באלד וועט וואצוש זײַן פריי!

מיט די שטיוול אונטערן אָרעם, ווי אן אמתער סוחר, האָט ער זיך געטאָן א שטעל ארויף אויף פישעלע־קראַדניקס בריקל.

ר׳ פישעלע וואָלט זיכער געוועזן ארונטערגעשלונגען דאָס גנבה׳לע. איז אָבער ביי אים אין געוועלב גראָד געוועזן איינער פון די מאָדזשיצער סוחרים־לעך, וואָס האָט גוט געקאָנט יערמע דוד׳ס בנאָק. נאָך איידער דער לעדער־קרעמער האָט אפילו צייט געהאט א וואָרט צו זאָגן, האָט דאָס סוחר׳ל באַ־געגנט נתן חיימען אויפן בריקל און אים געפרעגט:

— צו פארקויפן?

— יאָ — האָט נתן חיים דרייסט, מעשה דערוואקסענער געענטפערט.

— וויפל ווילסטו פאַר דער סחורה? — האָט ער אים כלומרשט ערנסט געפרעגט און דערווייל ארויסגענומען די שטיוול פון ייִנגלס הענט.

— א קערבל און א האלבס — האָט נתן חיים פּונקט אזוי ערנסט געזאָגט.

מענדעלע, דאָס סוחר׳ל, א רבניש אייניקל, א ייִנגערמאנטשיקל, ווי א לולב׳ל, מיט א פלינק קעפּל, האָט דאָ גיך פארטראכט א פּלאַן ווי אזוי צו ברענגען צו יערמע דוד׳ן דעם תכשיט זיינעם מיט דער סחורה. זאָל ער זען, דער טאטע, וואָסער גנב׳ל ער כאָוועט אויף. ער האָט דעריבער ברייטלעך ארויסגעצויגן א צען־רובלדיקן באנקנאָט און א פּאַכע טוענדיק מיטן פּאַפּירל פארן ייִנגלס פּנים אים געפרעגט:

— א רעשט האָסטו?

נתן חיים, אין זיין גרויסן אייפער צו ראַטעווען וואצושן, האָט גאָרנישט באמערקט ווי דאָס מענדעלע האָט א ווונק געטאָן צו פישעלע קראַדניק, וואָס האָט זיך שטילערהייט צוגעקוקט צום שפּיל, יענער זאָל נישט פארלייגן צו צעבייטן דאָס צענערל.

— אזוי? — האָט מענדעלע כלומרשט זיך געחידושט, האָסט נישט קיין רעשט? קום זשע עלן מיר צעבייטן.

ווי א ייִנג ציגעלע וועמען מען נאַרט אַריין מיט א ביסעלע היי, אַזוי האָט מענדעלע איצט אַריינגענאַרט דאָס קינד האַלטנדיק פאַר זיינע אויגן דעם צענער־רובל:

— אָט דאָ, באַלד, אין יענעם געוועלב! דאָרט עט מען זיכער קריגן צו צעבייטן...

ביי די ערשטע עטלעכע געוועלבער איז נאָך נתן חיים געווען האָפערדיק. באַלד אָבער איז אים עפּעס געוואָרן קשה. עפּעס אין צו פיל געוועלבער זאָגט מען, אַז עס איז נישטאָ קיין קליין געלט. אויך איז אים געוואָרן אויפ־פאַלנד, וואָס מענדעלע פירט אים נאָר אין דער זייט, וואָס איז נאָענט צו זיין היים. נתן חיים איז שוין גרייט געווען צו טאָן א כאַפּ די שטיוול פון אונטער מענדעלעס אָרעם און א געשריי טאָן: „גנב, נאַרסט מיך אָפּ״, איז גאָר באַלעק געטאָן א פלי אָן מיט א פחד׳ימדיק געשריי:

— נאָסקע, דער היצעל פאָרט אוועק!

נתן חיים האָט שוין פאַרגעסן אָן מענדעלען און אָן די שטיוול. ווי א פאַרוואונדיקט חיה׳לע, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון א טויטלעכער קויל, האָט ער זיך געטאָן א צאַפּל און גענומען לויפן. מיט אַלע זיינע קינדישע כּו־חות האָט ער גענומען נאָכיאָגן דעם אַוועקפאָרנדיקן וואָגן מיט דער שטייג, ווו וואַצוש האָט זיך אַזוי הילפלאָז געדראַפּעט הינטער דעם פאַרקראַטעוועטן טירל און געקלאָגט מיט אַזויפיל צער:

— האַו, האַו, האַו, ראַטעווע!

קאפיטל זעקס־און־צוואנציק

יענער פרייטיק־צו־נאכטס איז ביי ירמע דוד׳ן געווען א פארשטערטער. כאָטש עס האָבן געברענט ליכט און ווײַן איז געווען און חלות אויך, האָט דאָך דער שבת קיין טעם נישט געהאט. חנה לאה האָט מורא געהאט זיך צו זעצן צום טיש, ווי זי טוט עס אלע פרייטיק־צו־נאכטס. אויך די צוויי מיידעלעך זענען שוין געזעסן מיט איר ביים קיך־טישל, ווו עס האָבן בלויז געברענט צוויי קליינע, חלב׳נע ליכטלעך, וואָס האָבן גיך אויסגעטריפט. איינער אליין ביים טיש האָט ירמע דוד געמורמלט די זמירות, ווי אין דער וואָכן ס׳דאוו־נען. אויך ס׳עסן, וואָס חנה לאה האָט אים דערלאנגט, האָט ער געגליאמדזשעט אָן אפעטיט און באלד אוועקגערוקט דעם טעלער:

— נא, נעם עס דיר צי! ס׳מזל אויף מאאנע שונאים א יאָך דאָס איז!

חנה לאה האָט געוווסט, אז עס איז נישט די יויך. אדרבה, די יויך איז איר גאָר געראָטן. אן אנדערש מאָל וואָלט ירמע דוד געסמאקעוועט: „ווייסט, חנה לאה, די יאָך האָט דאָך טויזנט טעם!״ זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, חנה לאה, ביים צונעמען דעם טעלער. זי האָט אויך נישט געדאכט דעם ייִנגלס נאָמען. שטילערהייט האָט זי אלעמאָל געכאפּט א קוק צו דער טיר, אפשר בלאָנקעט ער דאָרטן ארום אין פינצטערן דרויסן און וואַרט זי זאָל אים ארויסדערלאנגען א ביסן, דער טאטע זאָל נישט זען. פון אָנבייסן אָן האָט ער דאָך גאָרנישט געגעסן און איצט, שבת, וועער ווייסט ווו ער איז? אויף וועלכן בוידעם ער באהאלט זיך? און זי האָט אפילו מורא צו גיין אים זוכן. נישט נאָר דער טאטע, די שכנים קוקן שוין אויפן ייִנגל, ווי אויף אייבעם וואָס איז, וואָס אין דער קאָרט!

איז נתן חיים ווידער געווען אליין, אָן קיינעם צו וועמען זיך צו קערן. זיין חבר׳ל, באָלעק, האָט כאָטש געקאָנט אהיימגיין צו דער מאמען אויסקלאָ־גן זיין קינדישן צער אויפן טויט פון וואצושן. צו וועמען אָבער זאָל ער גיין? האָט ער זיך ארומגעבלאָנקעט אין ערב־שבת׳דיקן מארק ווי א בלודנע הינטל. גאָרנישט האָט ער שוין איצט געוואָלט. אפילו נישט וויינען מער. פאר וועמען? אז אפילו גאָט איז פאלש און שלעכט! אָנשטאָט העלפן אים ראטעווען וואצו־שן, שיקט ער גאָר אָן מענדעלע עליס, ער זאָל ביי אים אויסנארן די שטיוול און זיי אָפטראָגן צום טאטן. איצט ווייסן אלע, אז ער איז א גנב!

ווי אן אלטער, פון לעבן שוין רעזיגנירטער מענטש, האָט זיך נתן חיים צוגעשארט צו א בעקערישן געשטעל, וואָס האָט אונטערן טיש געהאט א

גרויסע פּאַליצע, ווי אַן אָפּענער קאַסטן און וואָס איז, צוליבן צופאַלנדיקן שבת, באַצײַטנס אָפּגעלײדיקט געוואָרן, און זיך אַהין אַרײַנגערוקט. כאָטש דער פּאַרנאַכט איז געווען אַ הײסער, אַ פאַרנער, האָט זיך דאָך דאָס קינד אײַנגעטוליעט, ווי עס וואָלט אים געווען קאַלט אין זײַן גאַנץ געביין. מיד און גלײַכגילטיק איז ער געלעגן און געקוקט דורך די שפּאַלטן פון די ברעטער ווי עס לײדיקט זיך אָפּ דער מאַרק, די ויצערקעס אײלן אַהײם מיט די שווערע קערב, די געוועלבער מאַכן זיך צו, אין פענצטער טיקן אויף אָנגעצונדענע ליכט און פון אַלע זײַטן גײען ײדן, אָפּגעוואַשענע, איבערגעטוענע, אין בית מדרש מקבל שבת זײַן.

ביסלעכווײַז איז געוואָרן טונקל, דערנאָך פינצטער און נתן חיים האָט אײַנגעדרימלט. אין זײַן קינדישן מוח האָבן זיך גענומען וועבן בילדער. די מאַמע איז געקומען אָנצולויפן אַ פאַרווײנטע: „נתן חײמ׳ל — האָט זי זיך ביי אים געבעטן, קום אַהײם. דער טאַטע עט דיך נישט שלאָגן״. „יעך על מער נישט אַהײמגײן!״ — האָט ער איר געענטפערט שאַרף און זיך פון איר אַוועק־געדרײט. באַלד איז איר צו הילף געקומען דער רב, ר׳ יחזקאל׳ע מיט דער בלאָנד־זײַדענער באָרד: „אַ ײנגל דאַרף פאָלגן אַ מאַמען!״ — האָט דער רב אים געשטראָפט. „יעך על קײנעם מער נישט פאָלגן״ — האָט ער דעם רב אַנטקעגנגערעדט: „אין דאַוונען על יעך אויך נישט מער!״. דעם רב׳ס בלויע, מילדע אויגן זענען געוואָרן פול מיט שרעק. ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן און זיך גענומען צו אים דערנענטערן אַזוי נאָענט, אַז ער האָט דער־פילט דעם רב׳ס באָרד אויף זײַן פּנים.

אַ דערשראָקענער האָט זיך נתן חיים אויפגעכאַפּט. אַ ווײַסע ציג מיט אַ שפּיציק בערדל האָט געשטאַן אַ שפּרינג אָפּ. קלײבנדיק מיט דער זשעדנער צונג די ברעקלעך ברויט און חלה פון דער פּאַליצע, האָט דאָס די ציג אים געטאָן אַ וויש מיט איר בערדל איבערן פּנים.

נתן חיים האָט זיך געטאָן אַ זעץ אויף און זיך גענומען אַרומקוקן. עס האָט שוין געמוזט זײַן שפּעט. די שבת־ליכט, וואָס האָבן פריער געפינקלט פון די פענצטער אַרויס, האָבן שוין געהאַט אויסגעברענט. עס איז געווען פינצטער, פינצטער און שטיל. אין דער טיפער שטילקײט האָט זיך געהערט אַ סודות׳דיק פליסטערן פון פאַרלעך, וואָס האָבן אַוועקגעשפּאַצירט אין זײַ־טיקע ווינקעלעך.

דאָס ײנגל איז אַפּגעקראָכן פון אונטער דעם שטעלכל און גענומען גײן, אַלײן נישט ווייסנדיק וווהין. פּלוצים האָט ער באַנומען פון דער ווײַט אַ שטיל רופן: נתן חיים! נתן חיים! נאָר אָנשטאָט ענטפערן האָט ער זיך געטאָן אַ דרײ אויס און זיך פאַרקערעוועט אין אַ געסל, וואָס פירט אַרויס פון שטאָט. אַרויף, עטלעכע מינוט גאַנג, זענען געלעגן די פעלדער, פינצטערע, שטומע. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט. די הײַזער, אין בײדע זײַטן גאַס, זענען

געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע לאַדן, איינגעטוליעטע, אומהיימלעכע.

נתן חיים האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיינערן בריקל. פון מידקייט איז אים דער קאָפּ אַהינטער געפאַלן. פּלוצים האָט זיך די טיר, הינטער אים, געעפנט און ער האָט געטאָן אַ שפּרונג אויף, ווי אַ געיאָגטע חיה, שוין גרייט ווייטער צו לויפן. ער האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז קיינער יאָגט אים נישט, אַז דאָס האָט ער אַליין, מיטן אָנשפּאַרן דעם קאָפּ, געעפנט די טיר. ער האָט אויך באַמערקט, אַז ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן בריקל פון שמחה׳לע פּור־טערפּליאַמס, אַלטאַנקעלע, דאָס פּראַנטאַווע פּעדער־הייזל, וואָס פירט צו דער רחבות׳דיקער דירה פון קריסטלעכן אַפּטייקער, וועלכער איז אַ גאַנצן זומער, מיט דער משפּחה, ערגעץ אין די פּריצישע אימעניעס און די סאַליעס דאָ, שטייען פאַרשלאָפן, מיט אַראָפּגעצויגענע ראָלעטן איבער די ווייס־גע־פאַרבטע פענצטער.

מיט מורא, ווי אַ הון, וואָס זעט אַן אָפענע שטוב און וויל אַהין אַריין זוכן שפּייז, אַזוי האָט איצט נתן חיים אַריינגעשטעקט דאָס קעפּל אין דער געעפנ־טער טיר און געקוקט אין אַלע זייטן צו זען אויב ער קאָן זיך אַריין־פאַרקלײַ־בן אין דעם אַלטאַנקעלע, מיט די קאָלירטע שויבן, וואָס בלויז גבירים, פון שווילטאָג, לאָזן זיך אויסבויען.

אַ גליקלעכער האָט זיך דאָס קינד געטאָן אַ ציִ אויס אויף דער רויט־געפאַרבטער פּאָדלאָגע. מיטן פּנים אַרויף, די הענט אונטערן קאָפּ, ווי אַ גרויסער, איז ער געלעגן און זיך איינגעהערט אין דער טיפער שטילקייט. פּלוצים האָבן זיינע וואָך־אָנגעשפּיצטע אויערן פאַרנומען טריט און אַ שטיל פליסטערן פון צוויי מענטשן. אַ דערשראָקענער איז ער אויפגעשפּרונגען און פאַרריגלט די טיר. די טריט און דאָס שטילע פליסטערן זענען דערווייל געקומען נענטער. ער האָט דערקענט די מאַמע און אַברהם יאַנקלען. ביידע זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס אַלטאַנקעלע. באַלד האָבן זיי זיך אומגעקערט און אַריינגעקוקט דורך די קאָלירטע שייבלעך: „נתן חיים? נתן חיים?" — האָט די מאַמע ווי געפרעגט. ער איז געזעסן איינגעקורטשעט אין ווינקעלע און נישט געלאָזט הערן פון זיך קיין שאָרך. באַלד זענען ביידע אַוועק און ער איז איינגעשלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך דורך אַ לייכטן ריר פון אַ ווייכן שטעק־שיך. דאָס האָט שמחה׳לע פּוטערפּליאַם אומגעריכט אויסגעפונען אַן אומבאַקאַנטן איינוווינער ביי זיך אין הויז.

ווי אַלעמאָל, שבת אינדערפרי, נאָך דער קאַווע מיט שמאַנט, איז אויך היינט שמחה פּוטערפּליאַם אַראָפּגעגאַנגען אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך דאָרטן אין זיין הויז און הויף. אַ גאַנצע וואָך איז ער פאַריאָגט אונטער־וועגנס. צוליב די אומרוען בלייבט ער אָפט שטעקן אין וואַרשע, אין לובלין און עס גייען אַוועק וואָכן און ער ווייסט אַפילו נישט ווי עס גייט דאָרטן

דאָס בויען די נייע פּאָטשט. צי האָט מען געבּרענגט די שטיינערנע שוועלן, צי ווען די קאָוואַלעס האָבן ארויסגעפּארטיקט די פּאַרענטשעס צו די טרעפּ און, דער עיקר, צי וועלן די בלעכאַרעס זיך קאָנען נעמען דעקן דעם דאַך איידער די רעגנס הייבן זיך אָן. זינט די בהלות, איז ער מיט גאָרנישט זי־כער, עפּעס רירט זיך גאָרנישט פון אָרט!

פּאַוואָליע איז שמחה׳לע פּוטערפליאַם געגאַנגען ארום די קופּעס מיט בויוואַרגן. שגצים האָבן ווי נעכטן, ווי אייער־נעכטן, געמישט קאַסטנס מיט וואַפּנע, אַנדערע האָבן אויף קאָזליעס געטאַסקעט שטויסן מיט ציגל אויף די רושטאָוואַניעס, ווו די מוליאַרעס זענען געשטאַנען און פלינק געמויערט א ציגל אויף א ציגל און געצויגן די ווענט העכער און העכער.

כאָטש דאָס בויען איז דאַכט זיך געגאַנגען געשווינד, האָט זיך שמחה־לען אויסגעוויזן, אַז עס איז עפּעס נישט דאָס! פריער, פאַר די אומרוען, אַז ער האָט זיך געוויזן אויפן געביי, איז דער אימפּעט ביי די באַלמעלאָכעס געשטיגן. עפּעס זענען דענצמאָל די ציגל ביי זיי געפלויגן פון האַנט צו האַנט, ווי פייגל, און די העק ביי די טשעשליאַרעס האָבן געבלישטשעט, ווי די שפּיגעלעך. און נאָך עפּעס, אַז זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אראָפּגע־כאַפּט די היטלען און אים אַנטקעגנגעשמייכלט: „דזיען דאָברי, פּאַניע גאָס־פּאָדאַרזשו!" איצט אָבער, אַז זיי זעען אים, קוקן זיי אין דער אַנדערער זייט און זיי שטומען איין מיט א ווערגנדיקע שטומעניש און כאָטש ער זעט נישט זייערע אויגן, פילט ער אָבער ווי זיי גליען מיט האַס צו אים, גלייך ער שמחה פּוטערפליאַם, וואָלט זיי אַלע די קאַטשקעס פון וואַסער אראָפּגע־טריבן און שולדיק אין דעם זענען דאָך אונזערע אייגענע יידעלעך, די אראָפּ־געקומענע ייִנגען און מיידן! וואָס א שטייגער אַרט עס זיי, אַז מאַטשעק און וואָיטעק אַרבעטן צוויי שעה לענגער א טאָג? וואָס גייט עס אַזוי אין לעבן יצחק׳לן, דעם פּורים־סוחר׳ס זונדל, די גויים זאָלן אַרבעטן פון שעה צו שעה? וואָסי, מאַטשעק און וואָיטעק האָבן ווינציק צייט צו שיכורן? און וואָס נאָך ערגער, צו וואָס דאַרפן דאָס די זשלאָבעס וויסן, אַז אין וואַרשע שטרייקט מען, אַז אין פּעטערבורג מאַרשירט מען מיט רויטע פענער. אויף דעם האָט אים דאָס דער טאַטע געשיקט אין די שקאָלעס, כדי ער זאָל אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אהערקומען ארויפקריכן אויף א באַרג ציגל און מיטן סוכאָטנעם קול׳כל נעמען רייצן די גויים, זיי זאָלן אוועקוואַרפן די אַרבעטן. א שווארץ יאָר אויף זייערע קעפּ, נאַדיר חברים גאָר!

ניין, שמחה׳לע פּוטערפליאַם האָט אויף זיין היינטיקן שפּאַציר ארום הויז און הויף קיין פיל נחת נישט געהאַט. מיט א סך האַרץ־עסעניש האָט ער זיך פאַרנומען צוריק אין שטוב אריין, זיך איבערצוטאָן צו גיין דאַוונען, נאָר דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אריינצוגיין צום אַפּטייקער אין דער דירה א קוק טאָן וואָס דאָרטן טוט זיך. די פּריצים דאַרפן שוין באַלד קומען פון זומער־

וווינונג, אפשר דארף מען עפעס פאררעכטן איידער זיי קומען אָן.

אויף דעם דאָזיקן שפּאַציר זיינעם איז מיט אים מיטגעגאַנגען דאָס ייִנגערע טעכטערל זיינס, חנה׳טשע, א מיידעלע פון א יאָר אַכט, מיט פולע, רויטע בעקלעך און גרויסע, שווארצע אויגן. פונקט ווי ער, דער טאַטע, איז נאָך געווען פרימאָרגנדיק, אין טערקישן שלאָפראָק, אין האלב־דייטשמערישן, זיידענעם קאפּל און אין די געמזענע שטעק־שיך, אזוי איז דאָס קינד שוין געווען אָנגעטאָן אין פאַלנעם שטאַט, מיט לאַקירענע לעטשלעך אויף די פיס און א רויטער אַטלאַס־שלייף אין די שווארצע האָר.

דעם קינד איז ווייזט אויס נמאס געוואָרן דעם טאַטנס פאַוואָליעדיק קרייכן. מילא, אין דרויסן, צווישן די בערג וואַפּנע און זאַמד האָט זי נאָך געלאָזט דעם טאַטן זי האלטן ביי דער האנט. דער מאַמעס וואָרענען זי זאָל זיך נישט איינריכטן, האָט דערצו מיטגעהאָלפן. אָבער איצט, אין אַפּטייקערס שטובן, וווּ עס האָט געשמעקט מיט טוכלער לופט און שטויב, האָט זי זיך געטאָן א דריי ארויס פון זיין האנט און געגומען פריי לויפן פון איין שטוב אין דער אנדערער ביז זי האָט געטאָן א פראַל אויף די שווערע ווייס־געפאַרבטע טיר אין אלטאַנקעלע אריין:

— טאַטעשי, טאַטעשי! — האָט דאָס קינד גערופן אין גרויס שרעק.

שמחה׳לע פּוטערפליאַם איז גיך געקומען אָנצולויפן און דערזען אויפן אָנגעשטויבטן, רויט־געפאַרבטן דיל פון אלטאַנקעלע, א בלאַס ייִנגל מיט א פּאָר לאַנגע פּיאה׳לעך, אין א פּאָר צו גרויסע שטיוול, אין א צעקנעפּלט כאַלאַטל, מיט א געלבלעכן טלית־קטן מיט לאַנגע ציצית. נעבן אים איז געלעגן אַן אויסגעטאָרליערט, פּאַרפּעצט יידיש קאַשקעטל.

פּאָר א היבשע ווײַלע איז אזוי שמחה׳לע פּוטערפליאַם געשטאַנען און באַטראַכט דעם אומגעריכטן גאַסט. אינסטינקטיוו האָט ער פעסט געדריקט צו זיך דאָס דערשראָקענע מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַר מורא געטוליעט צו אים. צומאָל האָט ער אראָפּגענומען די אויגן פון שלאָפנדיקן ייִנגל, וואָס איז געלעגן אַן אויסגעטאָרליעטער נעבן זיינע פיס און א קוק געטאָן אויף זיין קינד, אַן אויסגעוויקלטס אין סאַמע גוטס, א ריינס, א ציכטיקס, מיטן פּוס, וואָס אין ווייכן שטעק־שיך, האָט ער לייכט א ריר געטאָן דאָס ייִנגל:

— הער נאָר, דו!

נתן חיים האָט געעפנט די אויגן און זיי באַלד צוריק פאַרזשמורעט. צו־פיל ליכט, א רעגן־בויגן ממש האָט געפּלייצט אויף אים דורך די פיל־פאַרביקע שויבן. ער האָט א געגעץ געטאָן און ווידער געעפנט די אויגן. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אז עמעצער שטייט איבער אים. א דערשראָקענער האָט ער געטאָן א שפּרונג אויף פון דיל, געכאַפּט דאָס היטל און שוין געוואָלט לויפן. שמחה׳לע פּוטערפליאַם האָט זיך אָבער געטאָן א שטעל מיט דער פּלייצע אין דער טיר:

— ווארט נאָר, ייִנגעלע, וואָס לויפּסטי? זאָג מיר נאָר, ווער ביזטי?

נתן חיים האָט נישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען אין ווינקעלע, אַנטקעגן דעם ייִד, כלומרשט געהאַלטן די אויגן אַראָפּ, צום דיל, אינדערמתן האָט ער איבער די אייגענע וויעס אַריבער, געהיט שמחה׳לעס יעדן קער, צו קאָנען זיך טאָן אַ כאַפּ אַרויס, ווי נאָר יענער וועט זיך אַ רוק אָפּטאָן פֿון דער טיר.

שמחה׳לע פוטערפליאַם האָט זיך אָבער נישט גערירט. נעמענדיק די גוט־געכאַליעטע מאָרדע מיטן שוואַרצן, דיך־געשווירענעם זאַראָסטל אין דער האַנט אַריין, איז ער געשטאַנען און זיך גוט אײַנגעקוקט אין דעם ייִנגלס בלאַס־פאַרברודיקט פּנים, מיט די צוויי פאַרטריקנטע רערן ריגעלעך, וואָס זענען אים געלאָפן איבער די באַקן, אַראָפּ אין צעקנעפּלטן העלדזל אַריין. בשום אופן האָט ער נישט געקאָנט כאַפּן, ווער דאָס ייִנגל איז!

— אַז עסט מיר זאָגן ווי די הייסט על יעך דיך אַרויסלאָזן.

— וויל יעך נישט, — האָט נתן חיים טראָציק געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— זאָל דער טאַטעשי אים אָפּלאָזן — האָט די קלײנע חנה׳טשע גענומען מאַכן פּיסקעס צום וויינען. נאָר ער, דער טאַטעשי, ווי נישט אים מיינט מען, האָט נאָר אָנגעהויבן אויפּסנייי:

— ביזט אַנטלאָפן פֿון דער היים? ווי זשע האָסטי געגעסן?

די קלײנע חנה׳טשע, גערירט פֿון דעם, וואָס דאָס ייִנגל האָט נישט געגעסן, — האָט געטאָן אַ בוך אַרויס אין אַ געוויין און גענומען לויפן צוריק, דורך די האַלב־טונקעלע סאַליעס, אַרויף צו דער מאַמען.

— אין געדאַוונט האָסטי?

אויך אויף דעם האָט נתן חיים נישט געענטפערט.

אין מיטן דעם פאַרהער האָט זיך אין דער ברייטער טיר, פֿון דער סאַליע אין אַלטאַנקעלע אַריין, באַוויזן מירעלע פוטערפליאַם. פרימאָרגנדיק, אין דער פאַרביקער קימאָנע אויפן ווייכן, גוט געכאַליעטן לייב, די האָר פאַרבור־מען אין אַ קאָקס, איז זי געקומען אָנצושוועבן אין די רויטע, ווייכע לעטשלעך אויף די באַקעטע פיס, זעען, וואָס דאָ איז געשען, וואָס די קלײנע האָט זיך אַזוי צעוויינט.

אויך זי, מירעלע, איז געוואָרן זייער גערירט פֿון דעם בלאַסן, אין שטויב אויסגעטאַרליערטן ייִנגל:

— וואָסטי זיך אָנגעזעצט אויף דעם קינד? — האָט זי אַ פרעג געטאָן דעם מאַן.

שמחה׳לע פוטערפליאַם האָט געשמייכלט:

— אָנגעזעצט, יעך וויל נאָר וויסן ווער דער פאַרשוין איז.

— וואָסזשע, קענסט אים נישט? דאָס איז יערמע דוד׳ס יינגל, ווייסט דאָך, דער בהמה־טראאבער.

אין מיטן דעם געמיטלעכן שמועס צווישן מאַן און ווייב איז דערווייל אַנגעלאָפן די קליינע חנה׳טשע מיט אַ מאַנדל־ברייטל אין איר ווייס, פוכקע הענטל און עס דערלאַנגט נתן חיימען:

— עס, עסטי ניש זאַאַן הינגעריק.

נתן חיים האָט זייטיק און פון הינטער די וויעס אפער, אַ קוק געטאָן אויף דעם מיידעלע און, אָנשטאָט נעמען דאָס קיכל, גאָר באַהאַלטן די הענט טיף אין די קעשענעס פון זיין כאַלאַטל.

— נעם, נעם, — האָט מירעלע, גערירט פון דער טאַכטערס גוטסקייט, צוגעגעבן דעם יינגל מוט.

נתן חיים איז אָבער יערמע דוד׳ס זון. פונקט ווי דער טאַטע וועט ער ביי קיינעם גאָרנישט אָנרירן:

— יעך וויל נישט קא קיכלעך! יעך וויל אַראָאָס פין דאַנען! — האָט דאָס יינגל געטאָן אַ בוך אויס אין אַ געוויין.

— אין אַז מ׳עט אַראָאָסלאָזן, עסטי נעמען דאָס קיכל? — איז מירעלע פוטערפליאַם צוגעגאַנגען און ווי אַ מאַמע אים אַ גלעט געטאָן איבערן פאַר־ווייינטן פנים.

נתן חיים האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָפּגעשלונגען די טרערן און, זייטיק, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, גענומען דאָס קיכל פון מיידעלעס הענטל און שוין זיך געטאָן אַ שפּאַר צו דער טיר.

— וואַרט נאָר — האָט שמחה׳לע אים פאַרבאַהאַלטן, גייסט עסן אימגע־דאַוונט?

— לאָז אָפּ דאָס קינד — האָט מירעלע געטאָן אַ שטופּ אָפּ דעם מאַן פון דער טיר און נתן חיים האָט געטאָן אַ פלי אַרויס, אָט, ווי וואַצוש וואָלט געטאָן, ווען מען עפנט פאַר אים דאָס פאַרקראַטעוועטע טירל פון דער טויט־שטייג. אָן אָטעם איז דאָס יינגל געלאָפן אַרויס פון שטאָט, גלייך אין האָפּן־פעלד אַריין.

ערשט דאָרטן, אין דער קילער טונקלקייט, באַשיצט פון געדיכטן האָפּן אַרום און אַרום, ווו קיינער זעט אים נישט און קיינער יאָגט אים נישט, האָט זיך דאָס אַכט־יאָריקע יינגל געטאָן אַ לאָז אַראָפּ אויף דער ווייך־אויפגעקאָ־פּעטער ערד. אַ לאַנגע ווײַלע איז ער געזעסן און באַטראַכט דאָס מאַנדל־ברייט־טל. אוודאי ווייסט ער, אַז מען טאָר נישט עסן אומגעדאַוונט. אָבער טאַקע ווייל מ׳טאָר נישט, האָט ער עס איצט געוואָלט טאָן. צו להכעיס גאָט, וועט ער עסן אומגעדאַוונט! האָט דען גאָט געמעגט לאָזן אויפכאַפּן וואַצושן? און אונטערשיקן מענדעלע עליס ביי אים אויסצונאַרן די שטיוול, האָט ער גע־מעגט? מעג ער עסן אומגעדאַוונט!

קאפּיטל זיבן־און־צוואַנציק

דאָס גנבֿ׳ענען שטיוול ביים טאַטן וואָלט נתן חיים׳ען נישט געווען אָפּגעלאָפן גלאַט. אפילו דאָס אויסבאַהאַלטן זיך און דאָס ארומבלאָנקען ווי א „זניידאָק״ איבער א וואָך צייט, וואָלט אים נישט געווען געהאָלפן, ווען אין מאָדזשיץ וואָלט זיך דעמאָלט נישט געווען פארלאָפן עפּעס, וואָס זינט די שטאָט געדענקט איז נאָך אזעלכעס נישט געהערט געוואָרן.

מיטוואָך, אין מיטן מארק־טאָג, די שטאָט איז געווען פול מיט פּויערים און פּויערטעס, מיט פערד און וועגן, מיט בוידן און געשטעלן, די פּארבע, שפּעט־זומערדיקע לופט איז געווען געדיכט מיטן ליארעם פון געבונדענע עופות, מיטן מעקען פון בהמות און הירזשען פון פערד, האָט זיך פּלוצים דערהערט א געשיסעריי פון רעוואָלווערן, וואָס איז געקומען פון גאָר נאָענט, ממש אונטער די אויערן.

פאר א רגע האָט דער יאריד ווי איינגעשטומט. עס איז געוואָרן פיינלעך שטיל, גלייך בהמה און מענטש וואָלטן פון דער אָנגעשטאנענער שרעק אויפגעהערט צו אָטעמען. באלד האָט זיך די שטילקייט איבערגעבראָכן און זיך פארוואנדלט אין א וויסטער בהלה. דער מארק איז געוואָרן פול מיט באַנומענע קולות. פערד האָבן זיך צערעוועט און זיך געריסן פון די האָלאָביעס און דישליעס, קי האָבן אויפגעהערט מעלה־גירה׳ן און מיט פארהויבענע קעפּ פּחד׳ימדיק געמעקעט. דזשאדעס און באָבעס, וואָס אָט האָבן זיי פרידלעך געבלעקערצט און געשטרעקט זייערע פארחושכ׳טע הענט צו די פארבייגייענדיקע פּויערים נאָך נדבות, האָבן ווילד גענומען לויפן פון די איינגעזעסענע ביסלעך היי, איבערלאָזנדיק די קוליעס און שטעקנס, ווי זיי וואָלטן, אין דער אָנגעשטאנענער בהלה, פארגעסן, אז זיי דארפן זיין לאָם און קרום, שטום און קאליע. עופות האָבן געבונדענערהייט געפאָכעט מיט די פליגל און געשפּרונגען פון די וועגן אראָפּ, אונטער די רעדער ארונטער. פּויערים און פּויערטעס האָבן געשריגן: „אָליא באָגא!״ זיך געצלמ׳ט און אויף גיך גענומען קריכן אין די וועגן, וואָס פריער זיך ארויסצוכאפּן פון דער משוגע־געוואָרענער שטאָט. און די יידן האָבן זיך גאָר דערשראָקן אויף טויט! זיי האָבן אויף גיך גענומען פארהאַקן די געוועלבער און די טאַנדייטערס און קרעמערלעך פון די אָפענע געשטעלן און בוידן, האָבן אין גרויס איילעניש געכאַפּט פּאַקן די סחורות און שוין טאַסקען די פּעק גיך, גיך קריק אין די שטובן אריין.

אין מיטן דער בהלה האָבן זיך אָנגעטראָגן גויים אין די בלויזע קעפּ און

ווילד־צעפּאַטלטע האָר. זיי זענען נישט געגאַנגען נאָר זיך געטראָגן גרופּעס־ווייז, ווי שטיקער איפּבערויז און זייערע אויגן האָבן געבליצט מיט שגעון. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן פלעשער מיט אָקעוויט, אין די קעשענעס איז ביי זיי געווען פאַרשטעקט גרעסערע און קלענערע פלעשלעך מיט בראָנפן און לויפנדיק האָבן זיי אַלעמאָל פאַרוואָרפן די קעפּ אויף אַהינטער און אויפסניי א צי געטאָן אין האַלדז אריין א שטראָם מיט דער ברענענדיקער פליסיקייט. טייל, בגילופין שוין, האָבן פאַרהויבן די אָפענע פלעשער הויך איבער די קעפּ און מיט הייזעריק־שיכורע קולות געשריגן:

— וואַלנאָשטש, בראַטשע! (פרייהייט, ברידער!)

ווי מוטנע וואַסערן, דורך אויפגעבראָכענע שליוזן, האָבן די בינטלעך גויים מיט דעם אָנגעראַבעוועטן אָקעוויט זיך געטראָגן פון דעם גרויסן הויף, וווּ עס איז געווען דער רוסיש־קייזערלעכער מאָנאָפּאָל.

א סך פּויערים, וואָס פריער, דערהערנדיק די שיסערייען, זענען זיי שוין גרייט געווען זיך אָפּצוטראָגן פון שטאָט, זענען גאָר אראָפּגעשפּרונגען פון די פורן און זיך א לאָז־געטאָן צום מאָנאָפּאָל. דער אָנגעלויף דאָרטן איז וואָס א רגע געשטיגן. די לופט ארום איז געווען פול מיט געשלעג און געשריי. גויים און גוי'עס, צונויפגעקנוילט ווי א בארג מוראשקעס, האָבן זיך געוויגט, געשטויסן איינער דעם אנדערן, געקראָכן איבער די אומגעוואָרפענע, וואָס פריער זיך אריינצוקריגן אין דעם אויפגעבראָכענעם מאָנאָפּאָל.

און אינעווייניק, אין די בראָנפן־סקלאַדעס, איז אָנגעגאַנגען אן אמתער פּאָגראָם! עס האָט דאָרטן געשמעקט מיט הפקר! דער שאַרפער ריח פון אויסגעגאָסענעם ספּירט האָט פאַרשיכורט די געמיטער. דער געבראַזג פון צעבראָכן גלאָז האָט געררייצט די בלוטן. שקצים און יינגען, מיט רויכערנ־דיקע רעוואָלווערן אין די הענט, זענען ווילד געלאָפן איבער די נאַסע דילן פון די שטובן, אָנגעוואָרפענע מיט צעבראָכענע פלעשער, זוכנדיק אין אַלע ווינקלען, נישטערנדיק אין קעלער, טאָמער זענען נאָך קאַסטנס מיט פלעש־ער אָקעוויט ערגעץ פאַרשטעקט. דערביי האָבן זיי מיט די רעוואָלווערן געטריבן די אָנגעלאָפענע פּויערים, וואָס אָנשטאָט ברעכן דעם מאָנאָפּאָל, ראַבירן זיי גאָר דעם בראָנפן, שיכור'ן און אנטלויפן אין מארק אריין פול באַ־לאָדן מיט נישט געעפנטע שטאָפּן שפּירט.

אין מיטן גאַנצן האַראַמידער, איז אין א זייטיק חדר'ל, א פינצטערס, אָן אָפּגעשלאָסנס, געלעגן א געבונדענער דער לאָמער מאָנאָפּאָלטשיק, מיטן גראָען שפּיץ־בערדל, א צע'מזיק'טער, מיט בלוט־פלעקן אויף זיין העל־זומערדיקן, טשעסטשוּאַרענעם גאַרניטער, געבונדן צו אים, מיטן זעלבן שטריק, איז געלעגן ס'ווייבערל, דאָס אַלטע קליינע פריצה'לע און אויך די טאָכטער, די יינגע שיקסע מיט די גרויע, בייזע אויגן, וואָס, זינט די אומ־רוען, פלעגט זי שטיין אין אָפּגעשלאָסענעם מאָנאָפּאָל און דורך א קליין

טירעלץ, אין שוואַר־פאַרמאַכטן לאָדן, אַרויסדערלאַנגט די קונים די פּלע־שער בראָנפן. אין זעלבן חדר׳ל, אין אַנטקעגנדיקן ווינקעלע, זענען אויך געלעגן געבונדן די שומרים, וואָס קאַזנאַ האָט דאָ אוועקגעשטעלט, די דריי פּיעכאָטע־זעלנערלעך, וואָס, אַנשטאָט שיסן מיט די שטענדיק גרייט־געלאָדענע ביקסן, האָבן זיי גאָר אָפּגעגעבן ס׳געווער און ווי שטילע, תמימות׳דיקע קעלבער, געלאָזט זיך בינדן צוגלייך מיטן מאַנאָפּאָלטשיק און זיינע צוויי באַבעס!

דער ריח פון אָקעוויט און דער געבראַזג פון גלאָז האָט זיך אַלץ מער און מער צעשפּרייט איבערן מאַרק און געשטייגערט די בהלה, וואָס אומ־באַקאַנטע שקצים האָבן אויסגענוצט און גענומען וואַרפן בלעטלעך צווישן די פּויערים און רופן:

— נידער מיט די מאָסקאַלעס! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

באַלד איז אין מיטן שאָסיי אויסגעוואַקסן אַ מחנה, מאָדזשיצער ייִנג־וואַרג, אויסגעמישט מיט אָנגעפּאָדערנע שקצים, זינגענדיקע, שאַלנדיקע, האָבן זיי זיך געלאָזט מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען און גערופן די צעטר־מלטע און דערשראָקענע פּויערים, צו זיך אין דער מחנה אַריין.

די דאָרפסלייט האָבן זיך אומגעקוקט און תמימות׳דיק געשמייכלט. צום ערשט האָבן איינציקע, נישט דרייסט, זיך גענומען צושלייכן, באַלד אָבער זענען אַלע אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם מונטערן געזאַנג און זיך אַ לאָז געטאָן אין מיטן וועג אַריין. פון אַ קליינער מחנה איז די דעמאָנסטראַציע גיך אָנגעשוואָלן, ווי אַ געוויטער און ווי אַ געוויטער שוין מיטגעריסן מיט זיך אַלץ און אַלעמען.

אין מיטן שאַלנדיקן געזאַנג האָט זיך דערהערט אַ שאָס אין דער לופט און אַן אָפּהילך פון הונדערטער העלדזער: „זאָל לעבן די פרייהייט הוראַ!״ באַלד האָט אַ בלענד־געטאָן אַ רויטער פלעק און גלייך נאָך איינער און נאָך איינער און שוין האָבן רויטע פענער מיט גאָלד־געהאָפטענע אותיות גע־פלאַטערט איבער די אָפּגעדעקטע קעפּ פון דער מאַרשירנדיקער מאַסע.

אויסגערונען איז די בהלה. איינגעשטומט האָט דער שיכורער הפקר! רואיק און מיט ווירדע, מיט אַנטבלויזטע קעפּ, ווי אין אַ קירכלעכער פּראָצעסיע, איז דער עולם געגאַנגען אונטער די פלאַטערנדיקע פאָנען. דער הימל איז געווען בלוי, די זון האָט געשיינט, טויזנטער אויגן האָבן פּורכ־טיק געגאַפט און העכער און לויטערער האָט געקלונגען דער אַלטער: „פּאָוסטאַן זבוזש, פּאָבודקאָ גראָ נאַם יוזש!״ און „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט!״

פּאָוואָליע, פּאָוואָליע האָט זיך די זינגענדיקע מחנה דערנענטערט צו דער קאַנצעלאַריע. נישט אינעווייניק און נישט אַרום איז נישט געווען קיין סימן פון קיין פּאָליציי. די סטראַזשניקעס מיט זייער עלצטן זענען געווען

פארשטעקט אין די לעכער. אויך די זעלנער און קאַזאַקן־פּאַטרולן, וואָס פלעגן זיך תמיד ארומדרייען אין שטאָט, זענען געווען ערגעץ אויסגערונען. פראנק און פריי, אונטערן סאמע קיסרס אָדלער, וואָס איז געהאָנגען איבער דער ברייטער, ווייס־געפארבטער טיר פון דער קאנצעלאריע, איז אויף א טיש געשטאַנען א יונגער פּאָליאַק, א פּויער אין א פראַסטער קורטקע, אין פּויערישע שטיוול מיט א גראָב־לייענן העמד, פארבונדן ביים האלדז מיט א בלוי־פּויעריש סטענגעלע און גערעדט פּויעריש, שווער און האמעטנע און דער צונויפגעדרענגטער עולם, מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, איז געשטאַנען שטיל, אזוי שטיל, אז מ׳האָט געהערט דאָס פלאטערן פון די פאָנען און דאָס שאָרכלען פון די בלעטער אויף די אלטע קאשטאַנען ביימער, וואָס האָבן איצט געשפרייט אזא ווונדערלעכן וויכן שאָטן איבער די קעפּ פון דעם האָרכענדיקן פאָלק.

— ראציא, ראציא, גערעכט — האָט דאָס פאָלק געברומט.

נאָכן פאָליאַק איז אויפן טיש ארויף יצחק׳ל קאנטראָוויטש. ער איז געווען בלאַס. צוליב זיין בלאסקייט האָבן זיינע שווארצע האָר אויסגעזען נאָך שווארצער און דער ווייסער שרונט, אין מיטן קאָפּ, נאָך ווייסער. ער האָט געהאלטן זיין סטודענטן־היטל מיטן קאָקאַרדעלע פון ווארשעווער פּאָליטעכניקום, אין דער לינקער האנט, און די רעכטע, מיטן ווייז־פינגער אויסגעשטרעקט איבער די אָפּגעדעקטע קעפּ פון שטיל־האָרכענדיקן עולם. זיין קול, כאָטש הייזעריק און קרענקלעך, האָט זיך געטראָגן הויך איבערן שטיל־פארגליווערטן מארק. אלע ווילע, נאָך זיין יעדן רוף: „זאָל לעבן די פרייהייט, נידער מיטן צאריזם!" האָט דער עולם, ווי אן עכאָ אָפּגע־קלונגען:

— זאָל לעבן! הורא!

אין דער זעלבער צייט וואָס דאָ, אין מיטן מארק, האָט זיך אָפּגעשפּילט די אומגעוויינלעכע חתונה, האָט אין עק שטאָט זיך פאַרלאָפן אן אנדער געשעעניש. אומגעריכט האָט דאָרט שמחה׳לע פוטערפליאַם אויסגעפונען, אז ער איז א געפאנגענער אין שטאָט, ממש אין א תפיסה!

אינדערפרי האָט שמחה׳לע פוטערפליאַם, ווי אלעמאָל, זיך ארייגגע־זעצט אין זיין שווארץ־לאַקירט ברישקעלע, געטאָן א פאָך מיט דער בייטש אין דער לופט איבער דעם גוטן געכאַליעטן שפּאַקל און זיך אוועק־געלאָזט, ווי תמיד, אין פעסטונג אריין. זענען אָבער הינטער דער שטאָט געטאָן א וואַקס אויס, ווי א וואנט, פינף יונגען איבער דער גאנצער ברייט פון שאָסיי און שמאַי׳לע בעקער, לעבן זיי, האָט געטאָן א געשריי: „סטאָי!" און נאָך איידער ער האָט באוויזן זיך אומצוקוקן וואָס דאָ איז געשען, האָבן שוין צוויי פארשוין געהאלטן ס׳פערד ביים צוימל און שמאַי׳לע, מיטן

אַראָפּגערוקטן קאַפּעליוש איבער די אויגן, האָט צו אים אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— שמחה, השבינו נאַזאַד!

שמחה׳לע פּוטערפּליאַם איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ שפּרינג־מעסער. ער איז געוואָרן איין שטיק ניכפּה. דאָס רונדע, גוט־געכאַליעטע, רויטע פּנים, איז געוואָרן נאָך רונדער און נאָך רויטער און די שוואַרצע, גליאַיקע אויגן, נאָך שוואַרצער און נאָך גליאַיקער.

— אַ כאַליערע זיי אין די ביינער אַריין, די לאַטיקעס! זיי וועלן אים מאַכן אַ „זאַסטעמפּ דראַגע?" אים, שמחה פּוטערפּליאַמען, וועט מען פאַר־שטעלן דעם וועג? און ווו? אין מאַדזשיץ? אין זיין שטאָט? „וויאָ" האָט ער אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד!

שמאַי׳לע אָבער, אַנשטאָט זיך קאָכן, האָט זייער רואיק אַרויסגעצויגן דעם „שפּייער" און כלומרשט זייער פריינטלעך, אין אַ גוט־ברודערישן טאָן געזאָגט:

— יעדן מיין, שמחה, די ווילסט נאָך זאַאַן אַ טאַטע צי דאאנע קינדער. פאַלגזשע מיך און דריי אויס דעם דישעל!

שמחה פּוטערפּליאַם האָט פאַרלוירן ס׳לשון. עפּעס איז ער גאָר איינ־געשרומפּן, ווי ער וואָלט איינגעזונקען אין ווייכן געזעס אַריין. ווי אַ באַטויב־טער האָט ער געבלינצלט מיט די אַרויסגעזעצטע, צעשראָקענע אויגן, דאָ אויף די יונגען, וואָס קאָמאַנדעווען אַזוי פראַנק און פריי און דאָ אויף די פויערים, וואָס קומען, ווי ער, זיך אַרויסכאַפּן פון שטאָט און מוזן נעבעך אויסדרייען און פאָרן צוריק!

אויפגעכאַפּט זיך פון דעם אומגעריכטן באַגעגעניש, האָט שמחה׳לע פּוטערפּליאַם ווען אַ איינער פון די יונגען האָט אָנגענומען דעם שפּאַק זיינעם און אים במחילה אויסגעקערעוועט אויף צוריק, אים געטאָן אַ צי מיטן שטעקן איבערן הינטן און געטאָן אַ טשמאָקע „וויאָ!"

ס׳פערד האָט זיך צעהאָצקעט און שמחה׳לע פּוטערפּליאַם האָט זיך נעבעך מיטגעהאָצקעט און אין דעם האָצקעניש דערוויל באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר: אַריין אין שטאָט, הייסט עס, לאָזן די יונגען יעדן איינעם, אַרויס אָבער — קיינעם נישט!

כאָטש די ניכפּה האָט אין אים געזאָטן, האָט דאָך שמחה׳לע פּוטערפּליאַם אַ צי־געטאָן די לייצעס און פאַרקערעוועט אויף קריק. איז עס דאָך שוין טאַקע נישט אויסצוהאַלטן! מ׳קאָן דאָך שוין נישט לעבן! די אַרבעט אויף די קאָמעניצע האָבן זיי אָפּגעשטעלט. אַלץ איז דאַכט זיך געגאַנגען ווי געוווּנטשן. אָט וואָלט ס׳הויז פאַרטיק געוואָרן און די פּאַטשעט וואָלט זיך אַריינגעקליבן צום באַשטימטן טערמין. זעבען געקומען די לאַטקעס און אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. וואָס וועט ער איצט טאָן? לויטן

קאָנטראַקט דאַרף ס׳הויז זיין פּאַרטיק אויף די חגאוֹת און פאַרטיק ווערן וועט עס ווען? זאָל ער אזוי וויסן פון יצחק׳לס קאָפּ און לייב און לעבן! אמת, ער וועט קאָנען טענה׳ן: אומרוען! ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אז אויך ביי אים וועלן די שיכורים שטרייקן? ס׳איז אָבער פאַלג מיך א גאנג! גיי לאָד זיך מיט קאַזנא!

א דערשלאָגענער האָט זיך שמחה׳לע פּוטערפליאַם געשלעפּט אין דער בריטשקע איבער דער אויפגעשטורעמטער שטאָט. וואָס העכער עס זענען דאָרטן, ביי דער קאַנצעליאַריע, געוואָרן די הוראס, וואָס הייסער עס זענען געוואָרן יצחק׳לס אויסרופן: „נידער״! אלץ העכער איז אין אים געשטיגן די ניכפּה. דער יצחק׳ל איז דאָך זיין מלאך המות! דאָס האָט ער זיך פאַרלייגט אויף זיינע באַלמעלאָכעס. אָט, ווען דער תכשיט נעמט אזוי איין א מיתה משונה! אָדער ווען דער אויבערשטער העלפט אים, דאָס פעסטונג פאַרפאַקט אים ערגעץ ביז איבער די חגאוֹת! איין גאָט ווייסט, אז ער וואָלט נישט געוואָלט זיין קיין מסור! נאָך דערצו אויף אים, א פריינטס א קינד! אָבער וויפל איז דער שיעור?

— טראַ, טראַ, טראַ! — האָבן זיך דערהערט שאָסן.

שמחה׳לע פּוטערפליאַם האָט אינסטינקטיוו געטאָן אַ צי איין די ברייטע, גוט געכאָליעטע פּלייצעס. באַלד האָט ער געטאָן א צי מיט דער בייטש איבער דעם פערדס רוקן:

— וויאָ, פאַדלע!

קאַפּיטל אַכט-און-צוואַנציק

דעם זעלבן מיטוואָך ביינאַכט, נאָך דער שיסעריי, האָט שמחה׳לע פּוטערפּליאַם עוקר געווען פון שטאָט. ווי נאָר מ׳האָט זיך אַרומגעזען, אַז צווישן די געטראָפענע איז אויך דאָ יצחק׳ל, מיט אַ קויל אין אַקסל, האָבן זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט סלוכן, אַז אין דער מעשה שטעקט שמחה׳לע פּוטערפּליאַמס הענטל. דאָס האָט ער געמוזט אונטערטראָגן אַ מסירה׳לע ווו מען דאַרף.

כאָטש קיינער האָט נישט געזען פון וואַנען די שאָסן זענען געקומען, האָבן דאָך מענטשן געזאָגט, אַז דאָס האָבן זשאַנדאַרן אָפּגעפייערט פון הינטערן קוימען, אויפן אַנטקעגנדיקן דאַך. אַנדערע ווייבער האָבן גע־זאָגט, אַז דאָס האָבן איבערגעטאָענע „שפּיקעס״ געשאָסן פון צווישן עולם אַרויס. אָבער אַז אין דער מעשה מוז זיין פאַרמישט ר׳ שמחה פּוטערפּליאַם, זענען אַלע געווען זיכער. טאָמער וואָלט עמעץ געפּרוווט דאָס אָפּפרעגן, האָבן זיך באַלד געפונען אויגן־עדות, וואָס האָבן געשוווירן, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי שמחה׳לע פּוטערפּליאַם האָט זיך מיטוואָך אַרויסגעשלייכט פון שטאָט. זייטיקלעך, ווי ער וואָלט זיך געהיט מ׳זאָל אים נישט זען, האָט ער געצויגן אַריין אין האָפּן־פעלד, פון דאָרט, צווישן די בייטן קאָרן, אַראָפּ אין פאָלוואַרק און גלייך אַרויס אויפן דעמבלינער וועג איז צו וואָס האָט עס שמחה׳לע יענעם מיטוואָך, ווען די שטאָט איז געווען אָפּגעשלאָסן און מ׳האָט אים מיט דער בריטשקע געהייסן פאַרקערעווען קריק אַהיים, געדאַרפט זיך אַזוי בגנבה אַרויסשלייכן פון שטאָט? אויב נישט אין פעס־טונג אַריין, איז ווו דען? און אַ מסירה׳לע איז דען חלילה ביי אים אַ נאָווינע?

וואָס אָן אמת, שמחה׳לע פּוטערפּליאַם האָט נישט געוואָלט אָפּציען פון שטאָט. וואָס הייסט מ׳האָט אים געזען? ווער האָט אים געזען? חוץ דעם, בעת דער שיסעריי איז ער דאָך גאָר געווען אין שטאָט! אַלאַ שפּעטער? איז וואָסי? ער טאָר שוין אפשר נישט האַנדלען אויך? מילא, די אַרבעט אויף דער קאָמעניצע האָבן זיי אים אָפּגעשטעלט. עפּעס אַ קלייניקייט, „בראַטשע!״ וואויטעק און מאַטשעק און יצחק און שמאַי זענען געוואָרן ברידער! איז מילא, מ׳סטרייקט! אָבער פון ווען אָן טאָר ער שוין נישט גיין אין פעסטונג אַריין? און ווער וועט ליפערן די באַשטעלונגען? חוץ דעם, דער קאָמענדאַנט וועט דאָך זיין גערעכט. ער זאָגט שוין אַז אַלע

יידן זענען בונטאָווטשיקעס, און מען טאָר זיי נישט לאָזן איבער דער פעסטונג־שוועל! דאַרף ער, שמחה פוטערפליאַם, מאַכן מ׳זאָל אויך אים נישט אַריינלאָזן, ווי מען לאָזט נישט אַריין אַנדערע יידן?

— אָבער שמחה, — האָט זיך מירעלע, א וויינענדיקע, ביי אים שטיל געבעטן, — וואָס טויגן מיר פּאַדראַדן, אַז ביזט נישט זיכער מיטן לעבן. די יונגען עלן דאָך נישט שוואַגן! זיי עלן דיך קימען זיכן! אַז עסט אָבער נישט זאָאַן, עט זיי דער כעס אַריבער און אַלץ עט פאַרגעסן ווערן!

שמחה׳לע האָט נישט געענטפערט. ער איז געזעסן ביים טיש, אין דער פינצטערער עס־שטוב און, כאָטש ער האָט עס זיך אַליין נישט געוואָלט צוגעבן, האָט ער דאָך איינגעזען אַז ער איז אומרואיק. די שטילקייט אין דרויסן האָט געשראָקן. אים האָט זיך נאָר געדאַכט עמעץ גייט דאָרטן אונטן הין און צוריק. צומאָל איז אים פאַרגעקומען ער הערט טריט אויף די טרעפּ. אין האַרץ איז ער שוין צופרידן געווען, וואָס מירעלע האָט פאַרמאַכט טיר און לאָדן אויף די פרענטן און וואָס, חוץ אין קיך, האַלב אַריינגעדרייט, האָט זי אין קיין שטוב קיין לאָמפּ נישט אָנגעצונדן.

שעהן זענען אַזוי געגאַנגען. נישט נאָר מירעלע, אויך די קינדער, אין איין מורא צו גיין שלאָפן, האָבן זיך געטוליעט לעבן אים אין דער פינצטער:

— זאָל דער טאַטעשי פאָרן!

האָט שמחה׳לע פוטערפליאַם נאָכגעגעבן און פאַרטאָג עוקר געווען קיין וואַרשע. פשוט, געלאָזט אַלץ אויף הפקר און אַנטלאָפן. איז איצט אויך דאָס הויז און דער הויף, פונקט ווי די אָנגעהויבענע קאַמעניצע, געווען פוסט און פאַרלאָזן. די ברישקע איז געשטאַנען אין מיטן הויף, פול מיט שטויב און דורכגענעצט פון די רעגנס. נישט געווען ווער עס זאָל זי אַרונ־טערשטעלן אונטערן דעכל, וואָס שמחה׳לע האָט געהאַט אויפגעבויט אויף פיר סלופּעס, אין ווינקל פון הויף. אויך ס׳פערד אין שטאַל איז געשטאַנען פאַר׳יתום׳ט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אפילו ס׳געשפּאַן נישט אויס־געטאָן, אָט פונקט ווי שמחה׳לע האָט עס יענעם מיטוואָך אויף גיך געטאָן א לאָז־אַריין.

מירעלע, וואָס פלעגט אמאָל ציטערן צוגיין נאָענט צום פערד, האָט איצט געמוזט זיך פאַרען אין שטאַל, אַריינשיטן האָבער און סעטשקע אין דער קאַרעטע, אָנשטופּן היי אין אויבערשטן לייטערל, ס׳פערד זאָל האָבן צו עסן. פאַרט א לעבעדיק באַשעפעניש. מ׳קאָן דאָך עס נישט לאָזן אויסציען די קאָפּיטעס.

געווען אפילו טעג ווען מירעלע האָט חרטה געהאַט, וואָס זי האָט דעם מאַן געטריבן ער זאָל אוועק פון דער היים זיך אויסבאַהאַלטן. אפשר איז זי נישט גערעכט געווען? אָט זעט זי דאָך אַז קיינעם פאַלט נישט איין

צו קומען אים זוכן. איז אפשר זאָל זי אים הייסן צוריק אהיימקומען? אלץ גייט דאָ „איף אין אינטער!‟. ווען סטאַך, דער סטרוזש, וואָלט כאָטש געווען. האָבן זיי אפילו דעם גוי נישט געלאָזט דאָ זיין. מילא, מ׳זאָגט כאָטש ארבעטער! אָבער א פּראָסטער גוי? א סטרוזש צום פארקערן דעם הויף און אכטונג טאָן אויפן פערד מוז שוין אויך סטרייקן? איז דאָך שוין טאקע עק וועלט!

מירעלע האָט נעבעך געמוזט מיט זיך אליין פארשטעקן אלע לעכער. ס׳דינסט־מיידל איז נישטאָ. פון די אייגענע מיידלעך קאָן זי ווינציק בוצן האָבן. די עלטערע, ראָכטשע, די צוועלף יעריקע גימנאזיסטקע, וואָס איז צוליב די אומרוען געבליבן אינדערהיים, ווייל די גימנאזיע האָט זיך נישט געעפנט, זיצט טאָג און נאכט איבער די ביכלעך. צייטנווייז דאכט זיך אז זי איז אויף אן אנדער וועלט, זי געדענקט דאכט זיך גאָרנישט אז דער טאטע האָט געמוזט עוקר זיין פון דער היים. די קלענערע, חנה׳טשע, האָט אפילו יאָ געוווּסט וואָס אין שטוב גייט אָן, איז זי אָבער א קינד, אינגאנצן אכט, אין ניינטן יאָר. פון די צוויי קלענערע ייִנגלעך קאָן זי אוודאי קיין הילף נישט האָבן, האָט זי נעבעך מיט ווייטיק אין הארצן צוגעקוקט ווי עס װערט תיל־תל פון אלץ ארום.

איינמאָל, זוכנדיק דורכן קיך־פענצטער די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט ערגעץ אין הויף, האָט מירעלע געזען א קליין ייִנגל אין א קאפּאָטקעלע מיט לאנגע פאות. איר איז פאָרגעקומען אז דאָס איז דער זעלבער פענדריק, וועמען זיי האָבן געפונען שלאָפן אין אלטאנקאלע. דער קליינער איז איצט געשטאנען אין טויער אזא נישט־דרייסטער, געקוקט אין אלע זייטן, ווי אן עוף אין א פרעמדן פאָדוואָר.

מירעלע האָט נישט געוווּסט אז נתן חיימ׳ל קומט דאָ אהער טאקע צוליבן אלטאנקעלע, וואָס האָט אים זינט יענעם שבת אינדערפרי אזוי געלאָקט און געמאַניעט. ער האָט נישט געקאָנט פארגעסן דעם וווּנדער־לעכן פארבן־שפּיל, וואָס האָט אויף אים א פלייץ־געטאָן דורך די פּיל־קאָלירענע שייבלעך און איז אזוי פלוצים איבערגעריסן געוואָרן ביים דערזען ווי שמחה׳לע פּוטערפליאַם שטייט איבער אים. עס האָט אים געצויגן צוריק אהער ווי עס ציט שטענדיק קינדער ווידער צו הערן שפּי־נען א וווּנדער מעשה, וואָס איז זיי איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן. און אפשר האָט אים גאָר אהערגעצויגן צום מיידעלע מיט דער רויטער אטלאס־שלייף אין די שווארצע האָר, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאר אים און אים נאָך צוגעגעבן א מאנדל־ברייטל? אפשר? נאָר סיי ווי איז נתן חיים נאָך־אמאָל געקומען אהער באטראכטן דאָס אלטאנקעלע און ארומשניפן דעם הויף. א צווייט מאָל האָט אים שוין מירעלע באמערקט מיט נאָך א ייִנגל, א באָרוועס שייגעצל, אין בלויזן קאָפּ. נישט דרייסט זענען

די קינדער געקראָכן אויף דער בריטשקע, געפּרוווט פּאַכען מיט דער בייטש אין דער לופט, ווי זיי וואָלטן געטריבן א פערד. דערנאָך זענען זיי אריין אין שטאַל, זיך דאָרטן געזוימט א ווייל און באלד קריק ארויסגעקומען מיטן הילצערנעם עמער, אים אָנגעפילט ביים פּלומפּ מיט וואסער ביזן ראנד און אים צוזאמען צוריק אריינגעטאסקעט אין שטאַל אריין.

מירעלען איז די מעשה געוואָרן אויפּפאלנד. וואָס טוען זיי דאָרטן, די יינגלעך ? זי האָט אָבער באלד איינגעזען אז די יינגלעך שפּילן זיך לחלוטין נישט. ווי דערוואקסענע לייט שטייען זיי מיטן עמער וואסער, וואָס זיי האָבן אָנגעשפּאַרט אויף דער קאַרעטע און פּאָיען אָן דאָס פערד, דערביי פייפן זיי צו, ווי עס טוען געניטע דראָשקארעס, בעת זיי ווילן צוגעבן חשק די פערד זאָלן טרינקען.

מירעלע האָט צו זיך אליין געשמייכלט: — וואָס יינגלעך זענען! אזוי קליין און שוין אזוי געשיקט ביים אומגיין זיך מיט פערד!

פון גרויס צופרידנקייט האָט זי גענומען זוכן אין קעשענע עטלעכע צווייערס פאר די יינגלעך און פאַוואָליע זיך גענומען דערנענטערן צו דער שטאַל. א גוטער מלאך האָט זיך דאָך פשוט אויף איר מרחם געווען און איר צוגעשיקט אָט די צוויי יינגלעך. שוין א וואָך אז ס׳פערד איז נישט געווען אויף דער פּאַשע. איצט וועט דאָך דאָס שטומע באַשעפעניש אויפ־לעבן. אזעלכע קינדער וועלן דאָך די שטרייקערס מסתמא נישט פארווערן אכטונג צו געבן אויפן פערד.

נתן חיים און באַלעק האָבן נעבעך נישט געוווסט וואָס מירעלע טראַכט. דערזעענדיק די מאדאם מיטן גוידער אונטער דער גאָמבע, אין דעם העלן זומער־קלייד, אונטערטראָגנדיק מיט דער לינקער האנט דעם לאנגן שלעפּ, ווי עס טוען אלע רייכע מאדאמען, האָבן זיי געלאָזט פּאַלן דעם עמער מיטן נישט אויסגעטרונקענעם וואסער לעבן פערדס פיס און דערשראָקענע גענומען לויפן.

— שרעקטס ענק נישט, קינדער — האָט זי די לויפנדיקע יינגלעך באַרו־איקט — עץ מעגט זיך דאָ שפּילן געזונטערהייט.

פון דעמצומאָל אָן זענען שוין נתן חיים און באַלעק געקומען אויף דעם הויף ווי צו זיך אהיים. און פונקט ווי פריער וואצוש, אזוי איז איצט דאָס פערד געוואָרן זייער בשותפות׳דיק ליבלינג. ווי דערוואקסענע זענען זיי זיך אומגעגאנגען מיטן פערד, עס געקעמט מיט דער דראָטענער באַרשט און ארויסגערייניקט די איינגעקלעפּטע שטרוי און בלאָטע און מיסט, אזוי אז דאָס פערד איז ווידער געוואָרן ציכטיק און די פעל האָט צוריק גע־גלאנצט ווי א שפּיגל. אלע אינדערפרי, באגין נאָך, זענען שוין די צוויי פאַרשוין געקומען אָנצולויפן, אָנגעפילט די קאַרעטע מיט אָבראָק און דאָס לייטערל, איבערן פערדס קאָפּ, מיט א פרישן בינט היי, וואָס איינער פון

זיי האָט מעשה דערוואקסענער אראָפּגעוואָרפן פון היי־בוידעם. שפּעטער, אז נתן חיים איז אוועק אין חדר אריין האָט באָלעק ארויסגעפירט דאָס פערד אויף דער לאָנקע און עס געפּאשעט און געהיט א גאנצן טאָג און פארנאכט עס אהיימגעבראכט, עס אָנגעפּאָיעט און אריינגעפירט אין שטאל נעכטיקן.

די יינגלעך האָבן דערפילט ווי בוצלעך זיי זענען דאָ, זיי האָבן זיך דעריבער דאָ געפילט פריי און היימיש. זיי האָבן זיך געשפּילט אויף דער בריטשקע, געריטן אויפן פערד און אויך געלערנט חנה׳טשען רייטן. דאָס צעפּיעשטשעטע מיידעלע זאָל זיך נישט שרעקן פארן פערד, האָבן זיי גע־נומען ביסלעך האָבער אויף זייערע האנט־פלאכן און עס געקאָרמעט. און דאָס קלוגע באשעפעניש, ווי עס וואָלט פארשטאנען וואָס די יינגלעך זענען אויסן, האָט אזוי פאָרזיכטיק און אזוי צערטלעך, נישט זיי אָנצורירן מיט די געזונטע, פערדישע ציין, אראָפּגעגעסן מיט די וויכע, נאסלעך־האָריקע ליפּן דעם האָבער פון זייערע הענט און דערביי האָט עס, מיט די גרויסע, ווייך־סאמעטענע אויגן, געקוקט אויף די יינגלעך מיט אזויפיל דאנק־באַרקייט, ווי נאָר פערד קאָנען קוקן אויף די, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט זיי, וואָס זאָרגן פאר זיי.

לכתחילה האָט אפילו נתן חיים זיך געשעמט פאר דעם גבירישן מיידעלע, וואָס איז תמיד געגאנגען אזוי שיין אָנגעטאָן, תמיד אין שטייף־געפּרעסטע קליידלעך און האלבע לעטשלעך מיט קורצע שקאַרפּעטן און א רויטן אטלאס־שלייף אין די האָר. דאָס מיידעלע אָבער, א דרייסטע ווי נאָר רייכע קינדער קאָנען זיין, בפרט, צו אָרעמע, ווען זיי האָבן אמאָל עפּעס געגעבן, האָט נתן חיים׳ען לאנג נישט געלאָזט זיך רויטלען און שעמען. כאָטש נאָך קיין ניין יאָר נישט, האָט שוין דאָס קינד, ווי א דערוואקסענע פרוי געגומען פירן דעם „קאוואליער״ נאָך זיך, אים אלץ ווייזן און זיך פאר אים אויספּיינען:

— די קאָמעניצע איז אונזערע — האָט זי געזאָגט שטאָלץ, קאָקעטירנדיק מיטן רויטזאפטיקן פּיסקעלע, ווי א צעפּיעשטשעטע פרוי. — און דאָרט שטעלט טאטעשי נאָך איינע! — האָט זי אים א ווייז געטאָן מיטן ציכטיקן, ווייסן, גוט־געכאָליעטן פינגערל אויף דער צווייטער זייט פלויט, צו דער אָנגעהויבענער מויער, וואָס איז געשטאנען א פארלאָזענע, מיט אָפענע לעכער, אָנשטאָט טיר און פענצטער. — די מוליארעס סטרייקן — האָט זי אים מודיע געווען מיט א טרויעריקן, שיעור נישט וויינענדיקן קולכל. באלד אָבער האָט זי פארגעסן דעם טרויער אירן מיטן סטרייק און אים גאָר א שלעפּ געטאָן צו דער שטאַל: און דאָס פערד איז אָאָך אינזערס! דאַאָן טאטעשי האָט אָאָך א פערד!

נתן חיים האָט זיך דערפילט געפאלן. ערשטנס רופט ער נישט:

„טאטעשי". ביי אָרעמע לייט זאָגט מען פראָסט: טאטע. צוווייטנס האָט זיין טאטע נישט קיין קאמעניצע און קיין פערד מיט קיין ברישקע אוודאי נישט. עס איז אָבער נישט אין נתן חיימ׳ס טבע צו זיין ביי זיך אראָפּגעפאלן:

— אָבער יעך קען ראַטן אָף א פערד! האָט ער זיך צוריק בארימט און שוין זיך געטאָן א צי ארויף אויפן פערדס רוקן און גענומען טשמאָקן מיט די ליפן און זיך אונטערהעצקען, גלייך ס׳פערד וואָלט אויף אן אמת געלאָפן אין א גאלאָפּ.

— יעך קען בעססער ראאטן פאר אים — האָט דאָס באָרוועסע שייגעצל געטאָן א שפרונג אויף, גרייט צו קאָנקורירן מיטן חבר׳ל פאר די לאסקעס פון דער „דאמע". — ער ראאט פאר א מישנע, אין שטאל, ווען ס׳פערד איז צוגעבונדן, אָבער יעך ראט אָפן רעכטן אמת! קים אָף דער לאָנקע, עסטי זען!

נתן חיים איז פון דעם געוואָרן זייער טרויעריק. דאָס איז טאָקע אמת. ווען ער איז אין חדר, איז באָלעק מיטן פערד אויף דער לאָנקע און רייט דאָרטן ארום און אויך חנה׳טשע קומט דאָרטן אהין און זיי שפילן זיך. נתן חיים האָט צוליב דעם ווידער אָנגעהויבן פארלוירן צו ווערן פון חדר ארויס. כאָטש ער האָט זייער געוואָלט זיין אויף דער לאָנקע און ווייזן חנה׳טשען, אז אויך ער קאָן רייטן אויפן רעכטן אמת, איז אָבער דער דראנג צו זיין אליין מיטן מיידעלע, זי זאָל זיך נישט שפילן מיט באָלעקן, געווען ביי אים שטאַרקער און ער פלעגט דעריבער זיך פארקלייבן מיט איר אויפן שטאל־בוידעם, זיך שפילן מיט איר אין מאן־און־ווייב און קיסר־און־קיסר׳רינע.

איינמאָל, אין רעכטן מיטן שפיל אויפן היי־בוידעם, איז צווישן דעם „פּאָר־פאָלק" געקומען צו א רוגז. נתן חיים האָט זיך פלוצים געכאפּט, אז חנה׳טשע וועט נישט טאָרן זיין זיין ווייב. א ייד מעג דען האָבן א ווייב וואָס הייסט ווי זיין מאמע? אין גרויס זאָרג האָט ער דעם ווייב זייַנעם פארטרויט דעם טרויעריקן סוד.

— ווייסט חנה׳טשע, אינז קענען נישט זאַאַן מאן־אין־וואאב. די הייסט דאָך ווי מאַאַן מאַמע, חנה!

דאָ מיידעלע האָט זיך צום ערשט נישט געכאפּט. פארטאָן אין שפיל פון זיין א מאמע, פון געבן עסן דער ליאלקע, פון איר איבערטאָן א קליי־דעלע, האָט זי נישט באנומען וואָס דער „מאן"־אירער רעדט דאָרטן. באלד אָבער האָט זי זיך געכאפּט און דאָס ווייבעלע אין איר האָט זיך דערפילט געקרענקט. דערצו נאָך האָט זיך דער גביר׳ישער שטאָלץ געטאָן א וועק־אויף:

— יעך בין נאָר דאאן ווייב פאר א מישנע — האָט זי בייז א זאָג געטאָן און אים שוין אוועקגעשטופּט פון זיך, כדי אים צו ווייזן, אז זי וויל אים נישט.

האָט זי גלייך אַראָפּגעריסן פון קאָפּ דאָס טיכל, וואָס האָט אין שפּיל געדינט פאַר אַ קאַפּקע, וואָס אַלע חתונה־געהאַטע ווייבער דאַרפן טראָגן, ווען זיי גייען נישט דאָס האָר־שייטל. און כדי אים נאָך מער צו קרענקען האָט זי צוגעגעבן: — יעך וויל נישט קאַ מאַן, וואָס גייט נישט אין שקאָלע און קען נישט שראַבן!

נאָך אַזאַ „קריג" האָבן די צוויי לייט נישט גערעדט צווישן זיך. נתן חיים האָט זיך זייער געשעמט. ער האָט געפילט ווי צו וויינען. פאַרוואָס וויל נישט זיין טאַטע אים אָנדינגען צו אַ לערער? ער איז שוין גרייט געווען אַהיימצולויפן און זיך טאָן אַ וואָרף אויף דער ערד, ווי דענצמאָל, איידער דער טאַטע איז אַוועק אויף דער מלחמה, און ווידער נעמען האַקן מיט די פיס און שרייען: „יעך וויל קענען שראַבן!" איז אָבער חנה'טשע צוריק גוט געוואָרן. ווי יענעם שבת, ווען זי האָט געזען ער גייט וויינען און איז געלאָפן אים ברענגען אַ מאַנדל־ברייטל, אַזוי האָט זי איצט אויף אים רחמנות געקראָגן:

— ני שוין, ווין נישט — האָט זי אים צוריק צוגעצויגן צו זיך — יעך על דיך לערנען שראַבן.

טייל מאָל איז אויך אַזאַ שפּיל איבערגעריסן געוואָרן, ווייל זי, „ס'ווייב", האָט זיך פּלוצים אַרומגעזען, אַז איר געפעלט נישט קיין „מאַן" אָן קיין לאַנגע קאַפּאָטע מיט פּיאות, ווי ער, נתן חיים, גייט. אין אַזאַ פאַל האָט נתן חיים נישט געלאָזט שטערן דעם שלום־בית. שרייבן איז אַ וויכטיקער ענין, דאָס דאַרף מען זיך לערנען. אָבער אַ קאַפּאָטע און פּיאות?

— אַז יעך על גרויס ווערן על יעך מיר אָפּשערן די פּיאות און יעך על מיר מאַכן אַ קאָרצן גאַרניטער!

פונדעסטוועגן האָבן אים חנה'טשעס אויפוואורפן געמאַכט אומרואיק און פאַרטראַכט. ער פלעגט נאָך אַזאַ מעשה ליגן גאַנצע נעכט וואַך און מורא האָבן אַז חנה'טשע וועט אים טאַקע נישט וועלן פאַר קיין מאַן.

איינמאָל איז ער צוליב דעם אויפגעשטאַנען נאָך האַלבע נאַכט. שטילערהייט, באָרוועס, אין בלויזן העמד, מיטן פאַרפּעדערטן קאָפּעלע אויפן קאָפּ, האָט ער זיך צוגעשאַרט צו דער מאַמען מיט איר איבערצושמועסן דעם ענין.

די מאַמע איז דענצמאָל געזעסן אין קיך, לעבן דער פּליטע, ווי תמיד שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן, איז זי אויך איצט געזעסן און אויסגעלאָשעט וועש און אָנטועכץ פון איר גרויס הויז־געזינד. דאָס אַכטער לעמפּל, מיט אַ שטיק ברוין פּאַפּיר אויפן גלעזל, איז געשטאַנען אויף דער פּליטע און געוואָרפן אַ געדעקט, רויט, סומנע ליכט אויף אירע הענט, וואָס האָבן געניים גיך, גיך. אויבן און אַרום איז געווען טונקל און

שאָטנס זענען געפאַלן און דער שאָטן פון דער מאמעס איינגעבויגענער פּלייצע האָט זיך געוויגט אויף דער וואנט, ווי א ריזיקער הויקער.

— מאַמע, — האָט נתן חיים שטיל אַ מורמל געטאָן.

די מאַמע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פון דעם פּלוצימדיקן פליסטערן הינטער איר פּלייצע:

— שלאָפסט נאָך נישט? — האָט זי פּונקט אַזוי שטיל צוריק אַ פליסטער געטאָן, אויסבייגענדיק דעם קאָפּ צו אים.

— מאַמע, — האָט דאָס יינגל נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן אַז די מאַמע וועט אים גוט אויסהערן.

— כ׳הער — האָט די מאמע שוין מיט אומגעדולד געזאָגט.

— אמת אַ ייד טאָר נישט חתונה האָבן מיט אַ וואַאַב, וואָס הייסט ווי זאָאן מאַמע?

— אוודאי טאָר ער נישט!

שטיל. אין אַ רגע אַרום האָט ער ווידער געטאָן אַ פּאָר אַרויס:

— מאַמע.

— וואָס איז שוין ווידער?

— יעך וויל מעך לערנען שראַאַבן.

— שראַאַבן? — האָט חנה לאה איבערגעפּרעגט. אָט דאָס איז דאָך איר געשריי! איין גאָט ווייסט, אַז זי וואָלט וועלן אירע קינדער זאָלן קאָנען שרייבן און חשבונען. ווינציק האָט זי זיך אָנגעליטן איבער לייבל משה׳ן? אָבער וואָס יערמע דוד האָט נאָך געלאָזט פאַרן עלטערן, וועט ער נישט לאָזן פאַר אים! דעם קינד וועט זי דאָס אָבער נישט זאָגן. מ׳טאָר נישט פאַר א קינד אָנרעדן אויפן טאטן!

— שראַאַבן? — האָט זי נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט. — ווער לאָזט דיך דען נישט? נעם א שטיקל פּאַפּיר מיט א שראַאַב־פּענדל און לערן דיך.

— יעך מיין נישט אזוי, מאמע, יעך מיין באַ אַ לערער!

— באַ א לערער? אדרבה! פּועל באַם טאַטן ער זאָל דיך אָנדינגען.

— אין אַז דער טאַטע וועט אָנדינגען וואָס עט זאָאן?

— עט זאָאן גיט! אַז דער טאַטע דינגט אָן צאָלט ער! אַז יעך דינג אָן וויל ער נישט צאָלן.

— אין אַ קאָרצן גאָרניטור, וואָלסטי מיך געלאָזט אָנטיען? מאַמע.

— מאַאַנע שונאימס קעפּ! זע נאָר א וואַך־נאַכט ער מאכט דאָס מיר, גיי שלאָפן!

קאפיטל ניין־און־צוואנציק

נאָך צען טעג שווערע גסיסה איז יצחק קאָנטראָוויטש, אין א שבת אינ־דערפרי אויסגעגאנגען. ווי א ליכט וואָס צאנקט און צאנקט און טוט זיך א לעש אויס, אזוי האָט דער יינג זיך אויסגעלאָשן. וואָס דאָקטאָר סאָכאצקי און אהרן פעלדשער האָבן נישט געטאָן, האָבן זיי אלץ נישט געקאָנט פארהאמע־ווען די בלוט־שטורצן, וואָס האָבן אלעמאָל אויפסניי א פלייץ געטאָן דורך יצחק'לס געל־געוואָרענעם, פון ווייטיק־אויסגעקרימטן מויל.

כאָטש די שטאָט האָט מיטגעפילט דעם צער פון טאטן, דעם בלאסן, איינגעבויגענעם פורים־סוחר און דעם טיפן ווי פון דער מאמען, די שטילע, צניעות'דיקע חוה'לע, האָבן דאָך יידן הינטערווייַלעכטס געוואָרפן שטעך־ווערטלעך אויפן חשבון פון גוסס:

— וואָס געוואָלדעווען זיי אזוי? ער שטארבט דען? דער גאז גייט בלויז ארויס פון אים. זאָלן זיי אריינוואָרפן א פערציקער אין גאז־מעטער, וועט ווייטער ברענען...

אָט אין די שטעך־ווערטלעך, זענען געווען א סך תרעומות, וואָס די שטאָט האָט געהאט צו דעם יינג, תרעומות נישט אזוי פארן אָנרעדן געזעלן צו שטרייקן, ווי פארן אראָפפירן ס'יינגווארג פון גלייכן וועג. וואָרום דאָס האָט דאָך ער, יצחק'ל, אראָפגעבראַנגט פון די גויאישע שקאָלעס די מעשה, אז ס'איז חלילה בישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט! אז דער מענטש איז, לא עלינו, געגליכן צו א לאָמפּ. אז נישט אויבן, אין הימל, ווערט אָנגעחתמ'עט דעם מענטשנס גורל, נאָר דער לאָמפּ לעשט זיך אויס, ווייל עס איז אין אים בישטאָ מער וואָס עס זאָל ברענען, גלייך דאָס לעבן פון א מענטש וואָלט, רחמנא לצלן, געווען א מין נאפט אָדער גאז, אז דער נאפט אָדער גאז גייט אויס, גייט אויס דער מענטש!

כל זמן יצחק'ל האָט זיך נאָך געוויגט צווישן לעבן און טויט, זענען די קלאַנגען וועגן שמחה'לע פּוטערפליאַמ'ס שייכות מיט דער שיסעריי, געבליבן אין דער לופט. קיינעם פון מאָדזשיצער יינגווארג איז נישט געלעגן אין זין צו גיין צו שמחה'לען פאָדערן חשבון פארן ארויסגנב'ענען זיך, יענעם מיטוואָך, פון שטאָט. שמאי'לע, יעקב הערשעלע הורוויץ און פעסל זענען טאָג און נאכט געווען ארום זיין בעט, געלייגט די אייז־קאָמפּרעסן און אים איינגעגעבן די אלערליי וואסערלעך און פילן, וואָס סאָכאצקי האָט אים פארשריבן. די אנדע־רע פון דעם יינגווארג זענען סתם ארומגעגאנגען אָן קעפּ. גאנצע טעג האָבן זיי זיך געדרייט פארן פורים־סוחר'ס פענצטער, פון וואנען עס האָט זיך גע־

טראָגן דער ריח פון קאַרבאָל און די שטילקייט פון לויערנדן טויט.

ערשט שבת אינדערפרי, ווען הינטער דעם פורים־סוחר׳ס טיולענע פויער־האַנגען האָט די דראָענדיקע שטילקייט אויפגעריסן און עס האָט זיך אין פאַרנעם, זוניקן דרויסן דערהערט חוה׳לעס מורא׳דיק געיאָמער: „מאַאַן לעכ־טיקער יצחק!" ערשט דענצמאָל האָבן די קלאַנגען גענומען קריכן דעם ייִנג־וואַרג אין די קעפּ אַריין:

— טאַקע, צו וואָס האָט זיך שמחה׳לע, יענעם טאָג, אַרויסגעגנב׳עט פון שטאָט?

כאָטש קיינער האָט קיינעם נישט געשיקט, האָבן דאָך אַ חברה ייִנגען זיך אַ לאָז געטאָן צו שמחה׳לע פּוטערפליאַם, אַ נעם צו טאָן אים אויפן פאַרהער. דאָ אָבער האָט שמאַי׳לע אַ רוף געטאָן:

— העי, חברה, וואַרטס!

שמאַי׳לע האָט זיך געכאַפּט. אויב עמעצער דאַרף זיך פאַרהערן מיט דעם שיינעם ייִד, דאַרף ער דאָס טאָן! דאָס האָט ער דאָך, יענעם מיטוואָך, פאַר־קערעוועט שמחה׳לען מיט דער בריטשקע אויף קריק. האָט דער גראָבער טרעלבאַך אים איבערקליגט? וועט מען באַלד זען, ווער עלטער איז!

איז אָבער שמאַי׳לען נישט באַשערט געווען גלייך צו באַצאָלן אַ חוב. שמחה׳לע איז ווידער קלוגער געווען. ער האָט זיך, הייסט עס, באַצייטנס אָפּ־געטראָגן פון שטאָט?

אַ געפּלעפּטער איז שמאַי׳לע מיט דער חברותא געבליבן שטיין אין דער אויפגעפּראַלטער טיר פון שמחה׳לעס קיך. מירעלע, אַ בלייכע, אַ דערשראָ־קענע, אַ פרימאָרגנדיק־צעפּאַטלטע, אין בלויזן שלאַפראָק מיט די רויטע לעטשעלעך אויף די באָרוויסע פיס, האָט געטוליעט צו זיך די אָנגעלאָפענע קינדער, וואָס זענען געווען שטום פון שרעק ווי זי.

— אַזוי? — האָט שמאַי׳לע, כלומרשט שמייכלענדיק, אַ זאָג געטאָן — ער מיינט ער וועט זיך אויסבאַהאַלטן, דער טרעלבאַך? יעך וועל אים געפינען, זי דאַרפן זיך נישט זאָרגן — פול מיט ניכפה האָט ער זיך געטאָן אַ דריי אויס צו די שמשים זיינע:

— קימט, חברים! — און זיך אַ לאָז געטאָן טרעפּ אַראָפּ מיט אַזאַ רוגזה, אַז ס׳האָט זיך גערדאַכט שמחה׳לעס הויז פאַלט איין אונטער זייערע טריט.

נישט נאָר ביי מירעלען, אויך ביי אַבעלען האָט יצחק׳לס טויט פאַר־שטערט דעם שבת. אמת, דעם פורים־סוחר האָט ער, אַבע, פיינט. זיינע דרכים זענען אים דערווידער. וואָרום ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַ ייִד זאָל פון איין זייט זיך צערייסן דעם ספּאָדעק איבער ציון און פון דער אַנדערער זייט זאָל ער אויפכאַפּוען זין, גויים? אַזאַ ייִד האָט כשר פאַרדינט די דאָליע זיינע!

אויב אַבעלע האָט נישט געוואָלט יצחק׳ל זאָל שטאַרבן איז עס נישט געווען, ווייל דער ייִנג איז אים אַ שאָד געווען. אויך אים אַ דאגה! וועט זיין

מיט איין אפיקורס ווינציקער! אבעלע האָט זיך בלויז געשראָקן פאַרן יינגס טויט, צוליב דער חתונה, וואָס וועט זיך דאָ אָנהייבן איבער דער קבורה. די חברה וועלן דאָך געוויס וועלן אים קובר זיין ווי א גדול! וועט ער, אבעלע, דאָס דערלאָזן? א הורג און נאָך א כופר דערצו, אזא איינעם קומט דאָך קבורת חמור, א קבר ביים פלויט!

נאָך נעכטן, פרייטיק פאַר ליכט־צינדן, ווען דעם יצחק׳לס מאמע איז געלאָפן איבערן מאַרק א פאַרצוגטע, א פאַרוויינטע אויפפּראַלן דעם ארון־קודש אין בית מדרש און בעטן אויף א רפואה־שלימה, האָט ער, אבעלע, כאָטש ס׳איז נישט גלייך צו גרייטן קבורה פאַר איינעם, וואָס לעבט נאָך, זיך גאָר פאַרנומען צו ר׳ אהרן מילקעס איבערשמועסן מכוח קבורה פאַר דעם יינג. וואָרום ער, אבעלע, וועט דאָך בשום אופן נישט דערלאָזן די פושעים זאָלן באַגראָבן דעם הורג אויבן אָן, אויפן בית עולם!

ר׳ אהרן איז גאָר איצט, ערב שבת, געווען שטאַרק פאַרטאָן אין געוועלב, ביים פאַס נאַפט. ארומגערינגלט פון ווייבער און קינדער, איז ער געשטאַנען אָן איינגעבויגענער, געשעפּט מיט א בלעכן קווערטל די בלוילעכע פליסיקייט און זי געגאָסן, דורך א לועק, אין די ערדענע באַנקעס און גלעזערנע פלעשער. דערזעענדיק אָבער אבעלען אין דער אָפענער טיר, האָט ער גיך איבערגעגעבן דאָס מעסטן דעם נאַפט צום אייניקל, א גמרא־בחור, מיט צעפלויגענע פיאות און אליין, ווישנדיק זיך די פאַרנאַפטיקטע הענט אָן א ברודיקער שמאַטע, האָט ער געגומען אנטקעגן גיין אבעלען.

אָט דער ר׳ אהרן איז בטבע געווען דער היפוך פון אבעלען. ווי אבעלע איז געווען אומרואיק, אומגעדולדיק, תמיד גרייט זיך און יענעם צו דורסן איבער דער קלענסטער זאַך, אזוי איז ר׳ אהרן געווען געלאַסן, רואיק, איבער־געלייגט. אויך אין אויסזען איז ער געווען דער היפוך. ווי אבעלע איז געווען דין און שמאָל, מיט א קליין בערדל, וואָס האָט געסמאַליעט פון שוואַרצקייט, אזוי איז ער געווען ברייט און הויך און קרעפטיק און מיט א ברייטער, רחבות־דיקער, גרויער באָרד.

כאָטש א יורד, וואָס האָט נאָך דערצו, צוליב שלעכטע מסחרים, אָנגע־זעצט א סך נדנים, וואָס אָרעמע כלה־מיידלעך האָבן ביי אים איינגעלייגט, איז ער דאָך געווען פול מיט תקיפות, אָנגעהאַלטן זיין שטאָט אין בית המדרש אויף דער מזרח־וואַנט און געבליבן נישט נאָר גבאי, נאָר דער סאַמע ראש פון דער חברה קדישא. און כאָטש אונטער די אויגן האָבן יידן אים גערופן „אָנ־זעצער", האָט מען דאָך געהאַט פאַר אים גרויס דרך ארץ און אפילו חסידים, וואָס דוצן יעדן, האָבן אים געאירצט און אים גערופן ר׳ אהרן!

געלאַסן, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, איז דער אלטער געשטאַנען מיט אבעלען אויפן בריקל פון געוועלב און מיט קאָפּ אויסגעהערט וואָס דער ייד וויל דאָ:

— ס׳איז דאָך א חילול השם, ר׳ אהרן! א הורג, א כופר!

— וואָס־זשע ווילסטו טאָן, אבע? — האָט דער אלטער געלאַסן איבער־געפרעגט: — אפשר גיין זיך שלאָגן מיט דער חברה? ס׳אנדערע, — האָט דער אלטער, ווי צו בארואיקן אבעלען, א זאָג געטאָן, — ס׳מת לעבט דאָך נאָך! אפשר עט דער אייבערשטער העלפן ס׳עט גאָרנישט קימען צו קא מחלוקת.

האָט אָבער דער אייבערשטער נישט געהאָלפן, יצחק׳ל איז יאָ געשטאָרבן און אבעלע האָט א גאנצן שבת זיך קיין אָרט נישט געפונען. ער האָט זיך קוים דערוואַרט, מען זאָל קאָנען אָנצינדן א ליכט, ער זאָל ווידער קאָנען אריבער־גיין צו ר׳ אהרונ׳ען.

אָן א גוט־וואָך אפילו, איז ער געטאָן א פאַל אריין דורך דער הינטער־טיר צו ר׳ אהרנ׳ען אין שטוב:

— ני, ר׳ אהרן, עץ האָט כאָטש געהערט? זיי גייען דאָך באַגראָבן דעם פושע אויבן אָן. נאָך דערצי אָן טהרה און אָן א טלית־קטן אפילו! עט עץ דאָס שווייגן? עט דאָס קהל דערלאָזן?

ר׳ אהרן, נאָך א האלב־שבת׳דיקער, אין דער צעדריוולטער, אטלאסענער קאַפּאָטע מיט דעם פארגרינטן סאַמעטענעם קאַפּל אויפן קאָפּ, איז ווייזט אויס גאָרנישט נתפעל געוואָרן פון אבעלעס ידיעות. ער האָט שוין, אפנים, די בייעסן געהערט און זיך שוין צוגעוווינט צו זיי. אָנשטאָט אויפצושפּרינגען ווי אבעלע האָט דערוואַרט, האָט ער גאָר געלאַסן, ווי תמיד אויף דער פולער וואָך, פאַ־וואָליע צוגעלייגט דעם שבת׳דיקן טלית מיט דער זילבערנער עטרה, אים זאָר־געדיק ארייַנגערוקט אין בלוי־סאַמעטענעם טלית־זאַק און דערביי זיך צוגעזונגען דעם אלטן, אייביקן אמר יי ליעקב — אל תירא עבדי יעקב, גלייך נישט נאָר די קבורה פון דעם הורג, נאָר אפילו די אומרוען, וואָס קומען איצט פאָר אויף דער וועלט, וואָלטן אים אויך נישט אָנגעגאַנגען.

ערשט נאָך דער דאָזיקער עובדה זיינער, האָט זיך דער אלטער אוועקגע־זעצט צום טיש, אויבן אָן, ווו עס האָט זיך נאָך געזען דער פלעק פון פאַרגאָ־סענעם ווייַן פון דער הבדלה. ער האָט צוגערוקט נענטער צו זיך דעם לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן טיש, אים א ביסל ארויסגעדרייט, זאָל זיין ליכטיק ביי יידן אויף דער פולער וואָך. ערשט איצט האָט ער זיך ווי דער־מאָנט איבערצופרעגן אבעלען:

— וואָס־זשע זאָגסטי, אבע, זאָל מען טיען?

אבעלע האָט ממש געזאָטן פון כעס. דעם אלטנס געלאַסנקייט האָט אים אונטערגעהויבן. ער איז טאַקע נישט קיין חברה־קדישא מאַן, ער וועט אָבער אזוינס נישט דערלאָזן. דאָס איז א קהל׳שער ענין!

— וואָס מ׳זאָל טיען? — האָט ער מיט רוגזה איבערגעפרעגט און זיך גע־טאָן א זעץ אוועק נעבן אלטן. — וואָס הייסט וואָס מ׳זאָל טיען? נישט לאָזן!

— אזוי, נישט לאָזן? — האָט דער אַלטער מיט חוזק איבערגעחזר׳ט דאָס וואָרט. — אדרבה, ווער זאָל נישט לאָזן? אין מיט וועמענס כוח זאָל מען נישט לאָזן?

— וואָס הייסט ווער? וואָס הייסט מיט וועמענס כוח האָט זיך אבעלע געטאָן א שטעל אויף, ווי ער וואָלט שוין גרייט געוועזן צו דורשן א וועלט: — אין קהל ווי איז? — האָט ער א פרעג געטאָן מיט אזא תקיפות, אז עס האָט זיך אזש געדאכט, אז די האָר פון זיין סמאַליעדיק בערדל ווערן ווי שפּיזן, ממש ווי אמאָל די האָר אויף דער ברוסט פון יהודה׳ן, ווען ער איז אין כעס געוואָרן און געווען גרייט צו גיין אייבער אליין אויף גאַנץ מצרים.

— או ווא, קהל! — האָט דער אַלטער שוין אויף אן אמת פון אים אָפּגעשפּעט. — יעך אין די אין נאָך אזוינע יידן, עלן זיך גיין שלאָגן מיט שמאי בעקער אין זיין חבריא! ביזט מטורף, אבע? זעסט נישט, אז די פּאָלי־ציע לאָזט זיי טאָן, וואָס זיי ווילן? עסטי זיי שטערן? על יעך זיי שטערן?

נישט נאָר אבעלע, אויך אנדערע חברה־קדישא לייט, זענען אריינגעקר־מען איבערשמועסן מכוח דעם ענין. יידן האָבן זיך געקאָכט, מען האָט געקלאַפּט אין טיש אריין, דערביי האָבן זיי געזופט די הייסע טיי, וואָס די אַלטע, ר׳ אהרנ׳ס ווייב האָט דערלאנגט אין גלעזער פון א מעשענעם סאַמאָוואר. פאר־שוויצטע, מיט נאסע וואַנסעס, אָפּגעטונקענע אין די טיי, האָבן יידן געפּיפּקעט ליולקעס, געראויכערט געוויקלטע פאפּיראָסן אין ציגאַר־שפּיצן און דערביי ארויסגערויכערט ס׳ביסל הילפלאָזיקייט:

— א וועלט א ביסל — האָבן זיי געקרעכצט.

נאָר בעת דאָ האָט די חברה־קדישא געקרעכצט, האָט דערווייל דאָרטן ס׳מאָדזשיצער ייִנגוואַרג געמאכט א לוויה, וואָס קיינמאָל פריער האָט מאָ־דזשיץ אזעלכעס נישט געזען. אייגנטלעך גאָרנישט קיין לוויה נאָר א גויאיש־קער פּאָגזשעב איז דאָס געווען. ברענענדיקע שטורקאצן און פלאַטערנדיקע פענער און ס׳מת האָבן זיי געטראָגן אויף א מיטה צוגעדעקט מיט א רויטער פאָן, מיט שווערע פראַנדזן. ס׳ייִנגוואַרג איז נאָכגעגאנגען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ און זיי האָבן געזונגען לידער, ווי גויים ביי א קלויסטער־פּראָצעסיע. אין מיטן מארק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, ארומגערינגלט די מיטה. די רויטע פענער האָבן געפלאַטערט איבער די קעפּ, די שטורקאצן האָבן געברענט און וועלוועלע. יכבד׳ל די קצב׳טעס זינדל, האָט געדרשנ׳ט. דערנאָך איז די פּראָ־צעסיע אוועק צום בית עולם.

מאָדזשיצער יידן זענען געשטאנען הינטער פאַרהאַנגענע פענצטער און ארויסגעקוקט אויף דעם אויסטערלישן צוג, וואָס האָט געצויגן איבערן שאָסיי. כאָטש אזויפיל שטורקאצן האָבן געלויכטן און עס האָט זיך געדאכט א גייעב־דיקע שריפה ציט ערגעץ אין דער פינצטערער נאכט אריין, האָט מען דאָך דעם איינגעבויגענעם טאטן מיט דער צעבראָכענער מאמען נישט ארויסגעזען

און דאָס קלאָגן זייערס אויף דעם גרויסן בראָך האָט מען נישט אַרויסגעהערט.

ערשט אויפן בית עולם, נאָך אלע רעדעס און נאָך אלע לידער, ווען מען האָט שוין אָנגעהויבן ווארפן לאָפּעטעס ערד אין אָפענעם קבר אריין, האָט זי, די מאמע, פון דער פינצטער ארויס, זיך דורכגעשטופּט דורך דעם צונויפגעדרענגטן עולם און געטאָן א פאל אויף דעם בארג פרישע ערד און גענומען קלאָגן אין קבר־אריין:

— י צ ח ק!

אויף דער איינגעבויגענער טאטע האָט זיך פון דער פינצטער ארויסגעשארט. מיט ציטעריקע קני האָט ער זיך צוגעשלייכט צום אָפענעם קבר, זיך אויסגעגלייכט, פארקנעפּלט די צוויי פאָלעס פון צעפאָרענעם כאלאטל און אויסגעבראָכן אין א געוויין:

— יתגדל ויתקדש שמה רבא...

ארום איז געוואָרן שטיל. די ביימער האָבן אימה׳דיק געראַשט. די פאָנען האָבן פאַרכטיק געפלאטערט. די שטורקאצן האָבן שטיל געברענט. ערגעץ, אין דער ארומיקער פינצטערניש, האָט א סאָווע געטאָן א פאטש מיט די פליגל און זיך הילכיק צעלאכט.

קאַפּיטל דרייסיק

שמחה פּוטערפּליאַס איז צוריקגעקומען קיין מאַדזשיץ צוזאַמען מיט דער קאָנסטיטוציע, נאָר מיט איין חילוק וואָס זי, די קאָנסטיטוציע, איז געקר־מען אָנצופּליען ווי א גאָלדענער שמעטערלינג, א לייכט, פאַרביק פלאַטערל אין א שפּעט־זומערדיקן טאָג און אים, שמחה'לען, האָט מירעלע, ס'ווייב זיינס, אהיימגעבראַכט אָן אייגנגעוויקלטן אין ווייסע באַנדאַזשן, ווי א נישט־באַוועגלע־כן שניי־מענטש, מיט בלויז איין אָפּן־געלאָזן אויג, וואָס האָט, ווי א טויטע, שוואַרצע גליאָוונע אַרויסגעגלאָצט פון באַרג מיט ווייסקייט.

שמאַי'לע בעקער האָט געהאַלטן וואָרט, ער האָט ערלעך באַצאָלט דעם חוב. צומאַרגנס, נאָך יצחק'לס לוויה, איז ער אַוועק קיין וואַרשע און געגומען לויערן אויף שמחה'לען ביז ער האָט אים איינמאָל אין א פאַרנאַכט געפאַקט אין ווינקל פון דזשיקע און געגשע גאַסן און אים דאָרטן מקיים פסק געווען. דאָס קעטשל פון דער גיכער־הילף האָט אים שפּעטער צוגענומען מיט א צע־שונדן געזיכט און עטלעכע מעסער־שטעכן אין די זייטן. איצט האָט אים דאָס מירעלע צוריקגעבראַכט קיין מאַדזשיץ אין זעלבן טאָג, ווען ס'איז אָנגעקומען די בשורה, אַז דער רוסישער קיסר האָט אין זיין גרויס גנעדיקייט געשאָנקען זיין אונטערטעניק פאָלק א קאָנסטיטוציע.

וואָס דאָס איז אַזעלכעס א קאָנסטיטוציע, האָבן מאַדזשיצער לייט נישט געוווּסט. זיי האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זיין עפּעס גאָר א גוטע זאַך. אַז נישט וואָלט מען זיך דאָך נישט אַזוי געממית'ט איבער איר און דאָס יינגוואַרג וואָלט זיך איצט נישט אַזוי צעהוליעט, גלייך עס וואָלט געווען שמחת תורה אין שטאָט. זיי ווערן דאָך הייזעריק פון שרייען הורא! און איצט דאָס קושעניש! קוש־וואָך איז דאָך ביי זיי געוואָרן! אַלע ווילע כאַפּט מען זיך אויפסניי אַרום מיט א גוי, מיט א גויע, אפילו מיט די זעלנער, וואָס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן וויזן אין שטאָט אריין און העלפן מיט שרייען:

— הורא, זאָל לעבן די פרייהייט!

נאָר כאָטש א שטאָט מיט מענטשן האָט זיך געפרייט מיט דער קאָנסטיטוצי־ציע, איז אָבער יערמע דוד'ן די דאָזיקע פרייד נישט איינגעגאַנגען. אַז וואָס פריילעכער עס איז געוואָרן דער הורא אין מאַרק, אַלץ טרויעריקער איז גע־וואָרן ביי אים אין קעשענע. און טאָמער איז דאָס ווינציק, זענען נאָך אונטער־געקומען די יום־טובים און עס גייט א לאַנגער ווינטער און חנה לאה ריכט זיך אין בעט אריין. וואָס וועט זיין?

אַ פאַרטראַכטער איז יערמע דוד אַריינגעקומען אין שטוב. נאָך גייענדיק האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה: דער קליינער איז נאָך טאַקע אַ קינד. קוים ניין יאָר. אָבער פאַרט? אַזוינע ביטערע צייטן! אַן איבעריק מויל, דערצו נאָך שכר־לימוד! מילא, מ׳זאָגט כאָטש אַ יינג האָט אַן עול פון חדר. איז דאָס אויף נישט! גאַנצע טעג וואַלגערט ער זיך אַרום. פריער איז דאָס געווען קאַזשמינסקיס הויף. איצט איז עס שמחה׳לע פוטערפליאַמס שטאַל. פריער א הונט, איצט אַ פערד! ווען אָבער ער גיט דעם יינג אוועק צום הויכן אייזיק וואָלט ער דאָס אַלץ פטור געוואָרן. נישט נאָר ס׳עסן. דער יינג וואָלט זיך נאָך פאַרדינט אַ מלבוש׳ל אויף יום־טוב. וואָסי, ער האָט געמעגט צו ניין יאָר זיך שלעפן מיטן טאַטן אויפן פערד און וואָגן הינטערוועגנס?

— ווי איז ער שוין ווידער, דער קדיש דיינער? — האָט ער בייז א פרעג געטאָן אין דער אָפענער שטוב אַריין.

חנה לאה, וואָס האָט ווי תמיד, זיך געפּאָרעט ביי דער פּליטע, אַרום די טעפּ, האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט ער נתן חיימ׳לען. וואָרום דער קליינער איז דאָך טאַקע ווי אַ ווינטש־פינגערל. אָט איז ער דאָ און שוין ווערט ער פאַרלוירן אויף גאַנצע טעג:

— כ׳ווייס? — האָט זי בכיוון געמאַכט צו קליינגעלט דאָס וואָס דאָס יינגל איז גראָד נישט אין שטוב, — ער עט מסתמא באַלד אַריינקומען.

— די מיט דאַאַנע ריידעלעך! — האָט יערמע דוד שוין מיט כעס אַ ברום געטאָן. — מיינסט יעך ווייס נישט פין זאַאַן נייעם אָפּלאָג? ניש־קשה, יעך על באלד מאכן א סוף צי זאַאַן וואַלגערן זיך מיטן שייגעץ אין די שטאַלן. נאָך דעם חול המועד על יעך אים אַראַאַנגעבן פאר אַ שנאַאַדער צים הויכן אַאַזעק!

— וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט אין יענע נאַכט זאָל אָפּגיין צי מאַאַנע שונאים׳ס קעפּ, — האָט חנה לאה גיך געטאָן אַ מאָל אָפּ דעם שפּרוך און מיט פאַרלייגטע הענט חידושדיק געקוקט אויף דעם מאַן אירן.

— אַ קינד פין נאַאַן יאָר גיט מען צאַ׳בעל מלאָכה?

— אַ קינד איז ער? — האָט יערמע דוד שוין גענומען אויסלאָזן וואָס אויף זיין ביטער הארץ האָט זיך אָנגעקליבן. — אַ גוי איז ער! אַ גוי און נאָך אַ גנב דערצי!

כאָטש חנה לאה האָט געזאָגט ניין, איז דאָך יערמע דוד, דעם ערשטן טאָג חול־המועד, אַוועק מיט נתן חיימ׳ען צום הויכן אייזיק.

גראָד איז דענצמאָל געווען אַ וואַרעמער סוכות מיט גאָלדענע טעג און בלוי־לאַשטשענדיקע נעכט. עס האָט געשמעקט מיט צייטיק אויבסט און עקזאַלטירטע פרייד פון זיג. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַר־שיכורט.

אויך דער הויכער אייזיק, כאָטש מיט־מאַרשירן און מיט־שרייען הוראַ האָט ער ביי זיך נישט געקאָנט פועלן, פלעגט ער אין די וואַרעמע חול־המועד־טעג זיצן פאַר דער טיר און הנאה האָבן, וואָס די געזעלן פרייען זיך דאָרטן אין מיטן מאַרק מיט עפּעס אַ קאָנסטיטוציע, ווי להבדיל יידן מיט דער תורה. איז מילא, אבי נאָר שמחות! וואָס דען עצבות, חלילה? קומט גאָר אין מיטן דערינען יערמיע דוד מיטן תכשיט זיינעם!

דער הויכער ייד, מיטן נאַקעטן, אָן באָרדיקן פּנים, אין וואטענעם שפּענצער מיטן געוואַטעוועם קאַשקעט פאַררוקט הויך איבערן שטערן, האָט כלומרשט אין גרויס ערנסט זיך צוגעהערט צו יערמיע דודס פּזמון, נאָר אָנשטאָט פּאַטאַקעווען האָט ער גאָר אַ הויב־געטאָן די דאַרע אַקסלען:

— וואָס א ייד קאָן אַלץ אַאיינפאַלן! אַ נאַאן יאַריקער שנאַאַדער גאָר צו מאַאַנע צרות!

— וואָס דען זאָגסטי, אַאַזעק? — האָט יערמיע דוד זיך ממש ביי אים געבעטן. — דער יינג פאַרקערצט מיר די יאָרן! האָסט כאָטש געהערט די מעשה מיט די שטיוול?

נאָר דער הויכער אייזיק, אָנשטאָט נתפעל צו ווערן פון יערמיע דוד׳ס התנצלות, האָט זיך גאָר אויפגעשטעלט, אַרויסגעבערענגט פון שטוב אַ טאַבורעט און אַ טעלער מיט גרויסע, זאַפטיקע, מיט טוי־באַדעקטע פלוימען און, אַליין זיך צוריקזעצנדיק, האָט ער אָנגעוויזן יערמיע דודן אויף דער אַנדערער טאַבורעט:

— זיץ. און אַ פלאָאָם מעגסטי אויך טועם זאַאַן — האָט ער אים אונ־טערגעטראָגן דעם פולן טעלער, — ניש־קשה, די וועלט גייט חלילה נישט אינטער. אין די, — האָט ער זיך פלוצים דערמאָנט אָן דעם קליינעם נתן חיים׳ען, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען שטיל, ווי א סטאַטיקל, — מעגסט אויך נעמען א פלאָאָם. — באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אז אייגנטלעך איז דאָך חול־המועד! ער האָט אַריינגעשטעקט די צוויי פינגער אין שפּענ־צער־קעשנקעלע, אַרויסגעגראַבלט אַ קופּערנעם צווייער און דערלאַנגט דעם יינגל — נאַ, גיי שפּיל אין ניס. עסט נאָך צאַאַט האָבן צי זאַאַן אַ שנאַאַדער!

איצט ערשט האָט זיך דער הויכער אייזיק אָנגעבויגן צו יערמיע דוד׳ן:

— זאָג מיר נאָר, די באַ דאַאַן טאַטן האָסט קיינמאָל גאָרנישט גע־גנב׳עט? יעך האָב יאָ געלקח׳נט באַ מאַאַן טאַטן און בין חלילה נישט געוואָרן קאַ גנב. פאָלג מיך, גיב דאָס יינגל אַראַאַן צו שבתי מלמד. וואָס שבתי וועט באַ אים פועלן מיט גיטן, וועסטי נישט פועלן מיט צען פּאַסקעס און שכר לימוד וועט דער אויבערשטער אויך העלפן!

איז גאָר יענעם חול־המועד סוכות, נתן חיים, אָנשטאָט אַ שניידער־געזעלן ביים הויכן אייזיק, גאָר געוואָרן א תלמיד ביים לאָמען שבתי.

און דער הויכער אייזיק איז געווען גערעכט. שבתין האָבן די תּלמידים געפּאָלגט, מער נאָך, זיי האָבן אים ליב געהאַט מיט אַ גרויסער ליבשאַפט. וואָרום כאָטש אַ לאָמער און נאָך דערצו מיט שוואַכע לונגען און אַ קראַנק, הייזעריק קול, וואָס וואָלט אים באַדאַרפט מאַכן בייז און פאַרביטערט און פול מיט קנאה צו אַלע, וואָס קאָנען טומלען, שרייען, גיין אויף ביידע פיס, איז ער גאָר געווען פונקט דער היפוך, תּמיד פול מיט גוטסקייט, שטענדיק מיט איינזען און פאַרגעבן. גראָד ווייל ער האָט פון זיין יונג־בחורשאַפט אָן נישט געקאָנט האָבן די פרייד פון שטיפן, פון געזונטן לאַכן, פון לוסטיקן, זאָרגלאָז אַרומשפּרינגען אויף ביידע פיס, האָט ער געוואָלט אַז אַנדערע, און קודם קינדער, זאָלן פון דער פרייד נישט באַ־רויבט ווערן.

דער שבתי חוץ וואָס ער האָט געקאָנט גוט לערנען, איז ער אויך געווען אַן איידעלער ייד, וואָס האָט געשטאַמט פון סאַמע יחוס. צום מלומדות האָט ער זיך גענומען צוליבן אומגליק, וואָס מ׳האָט אים נאָך בחור־ווייז געמוזט אַראָפּנעמען דעם לינקן פוס ביזן דיך און זיין קרענקען יאָרן לאַנג האָט די משפּחה געלאָזן אין איין העמד.

אין דעם מלומדות אַריין האָט שבתי מיטגעבראַכט נישט נאָר אַ לויטערע גוטסקייט, אַן איידעלע, שטילע מעלאַנכאָליע, וואָס האָט אין אים אַנגעווייעט אין די אַלע יאָרן קראַנק זיין, נאָר אויך אַ סך וויסן, וואָס וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין די דאָזיקע יאָרן פון ליגן אין די וואַרשעווער שפּיטעלער, ווו די דאָקטוירים, צוליב זיין לויטערער איידלקייט און גרויס למדנות, פלעגן ליב האָבן צו פירן מיט אים לאַנגע וויכוחים איבער ענינים וואָס זיי האָבן מיטגעבערנגט פון די שקאָלעס און דיקע ביכער.

דער לאָמער שבתי האָט דעריבער געוווסט, אַז נישט נאָר דאַרפן קינ־דער לערנען, נאָר זיי דאַרפן אויך שטיפן. און נישט נאָר אין חדר האָט ער זיי געלאָזן זיך שפּילן, נאָר ער האָט אויך, בעת טייל האָבן געלערנט, די אַנדערע אַרויסגעלאָזט דרויסן, זומער אויף דער לאָנקע און ווינטער אויף דער גליטש. און כדי די טאַטעס, וואָס האָבן נישט געהאַלטן פון אזוינע דרכים, זאָלן פון דעם נישט וויסן און די יינגלעך זאָלן נישט מיינען, אַז דאָס לערנט ער זיי נאָרן די טאַטעס, האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס שטיפן דרויסן איז נייטיק צום לערנען, וואָרום מיט אַ לויטערן קאָפּ און געזונטע אברים, באַנעמט מען בעסער גאָטס תּורה.

אויך מיטן דאַווענען האָט דער שבתי געהאַט זיין דרך. פונקט ווי ער אַליין, כאָטש ס׳איז אים אָנגעקומען מיט גרויסע יסורים דאָס גיין אויפן האָלצערנעם פוס, איז ער דאָך, יעדן אינדערפרי, זומער און ווינטער, געגאַנגען אין בית מדרש אַריין, כאָטש איין שעה אין טאָג זיין צוזאַמען

מיט יידן און דאַוונען בציבור, אזוי האָט ער געזען, אז אויך זיינע תלמידים זאָלן זיך איינגעוווינען אין דער דאָזיקער מידה.

יערמע דוד׳ן האָט אפילו אַזאַ פירונג נישט געשמעקט. נישט האָבנדיק קיין צוטרוי צו קינדער, בפרט צו אזא תכשיט ווי נתן חיים, האָט ער דעם לאָמען שבתי איבערגעפרעגט:

— עך זאָלט מיר געזינט זאַאַן, ר׳ שבתי, פין וואַנען ווייסט עך, אַז דער יינג דאַוונט?

— ר׳ יערמע דוד — האָט אים שבתי בארויקט — קינדער דארף מען געטרויען, אַז מ׳פאַרלאָזט זיך אויף אַ יינגל, האָט ער מער אחריות.

און נתן חיים האָט גראָד ליב געהאַט מ׳זאָל זיך אויף אים פאַרלאָזן. מ׳זאָל איבער אים האָבן וואָס ווינציקער השגחה, בפרט אין בית מדרש, ווו דער טאַטע גיט אים טיילמאָל א שטורך, א ריס, א פאַטש. דאָ פארן פארקוקן זיך, אָט גאָר פארן גראַבלען אין דער נאָז, אין אַ מינוט ארום פאַרן צולייגן אַן אויער צו אַ געזעמל צו הערן וואָס יידן שמועסן.

און גראָד דענצמאָל איז געווען וואָס צו הערן אין בית מדרש. יידן, אין מיטן דאַוונען, אין די טליתים און תפילין, האָבן זיך געאַמפּערט, געקריגט, איבערגעשפּאַרט איינער דעם אַנדערן און אַלץ נישט געקאָנט מושווה ווערן, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ קאָנסטיטוציע. אַלעמאָל האָט זיך געיאָוועט אַן אַנדער פּאַרשוין, וואָס האָט אָפּגעפרעגט יחיאל שניידערס פירוש. און יחיאל שניידער, בערעלע שטריקס טאַטע, דאָס איינגעדאַרטע יידל מיטן גרויען קאָזשע בערדל, איז דוקא באַשטאַנען אויף זיינס:

— אַ קאָנסטיטוציע איז אַ זאַקאָן! עך הערט, יידן, אַ זאַקאָן! אַזוי זאָגט בפירוש מאַאַן בערל!

— זאַאַן בערל! אר־וואַ, א קלייניקייט — איז אים שיעלע מעל־קרעמער, אין מיטן דאַוונען, געטאָן א פאָר אַריין אין די רייד. — אַ יונג בעבעט און דער טאַטע בעבעט נאָך! עך האָט שוין געהערט, יידן? דער קיסר אין פּייטערבארג וועט זיך קימען פרעגן ביי יחיאל שנאַדערס בן אין מאָדזשיץ, וואָס ער זאָל טיען אין זאַאַן מדינה. אז נישט וועט בערעלע מיט די צעריסענע הויזן נישט באשטיין!

יחיאל שניידער, וואָס האָט, זינט בערעלעס קומען אהיים א גאנצער מאָכער ביי די סטרייקערס, געהאַט אַ סך תקיפות, איז שוין גרייט געווען צו געבן פעטש:

— אַזאַ עזות מחוצף! מאַאַן בערל גייט אין צעריסענע הויזן? לאָזט מיך נאָר צו, יידן!

איין פרימאָרגן, אין מיטן אַזאַ געטומל, האָט זיך אין בית מדרש אומגעריכט אריינגעיאָוועט נח לערער. צוליבן יאָרצייט איז ער, ווי אלע פראָסטע יידן, געקומען זאָגן קדיש. א הויכער, א שטאַלטענער, אין גאָלד־

געראַמטע ברילן, מיט אַ טונקל־בלאָנד זאַראָסטל, ווי אַ שמאָל רעמעלע אַרום בלאַסן פּנים. אַ ווינטערדיקער, אין טוליפּ מיטן טכויערנעם קאָלנער און הויכן היטל, דאָס קליינע טלית־זעקל אונטערן אָרעם, איז ער אַריינ־געקומען אין בית מדרש אַן אויסגעווייקטער פון דראָבנעם יעשען־רעגן, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו גיין טעג דורכאַנאַנד. ער האָט אַראָפּ־גענומען די ברילן, וואָס זענען אים פאַרלאָפן געוואָרן ביים אַריינקומען אין וואַרעמען בית מדרש און זיך אַרומגעקוקט אויף די קרענצלעך יידן, וואָס אַמפּערן זיך, טומלען, שלעפּן אַלע ווילע צוריק אַרויף די טליתים, וואָס גליטשן זיך זיי אַראָפּ פון די קעפּ, פון די אַקסלען און הערן נישט אַ וואָרט, וואָס דער ייד, דאָרטן, ביים עמוד, מאָלט אַזוי גיך און אַזוי איינטאָניק פון וואָכעדיקן דאַווענען אַרויס.

— ווייסט עץ גאָר וואָס — האָט שיעלע מעל־קרעמער, דערזעענדיק דעם לערער, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, — אָט איז ר׳ נח! ער ווייסט דאָך שוין. אָ! לאָמירזשע הערן צי יעך בין טאקע אזוי אָסן וועג?

נח לערער, בטבע אַ געלאַסענער, האָט זיך גאָרנישט געאיילט צו ענט־פערן. כאָטש אַרומגערינגלט מיט אַ קלומפּ יידן, ווי אין אַן אָפּגעשלאָסענעם רינג, וואָס לאָזן אים שוין נישט אַרויס, קוקן אים מיט נייגער אין די אויגן, האָט ער זיך דאָך נישט אָפּגעשטעלט אין מיטן בית מדרש, נאָר זיך געשאַרט צוזאַמען מיטן קרענצל אַרויף, אויבן אָן, צו דער שטאָט זיינער, אויף דער מזרח־וואַנט, וואָס ער האָט גע׳ירש׳נט פון טאַטן זיינעם. נאָך וועמען ער גייט דאָס באַלד זאָגן קדיש. ערשט דאָרטן, האָט ער פריער אוועקגעלייגט דאָס טלית־זעקל אויפן טיש, אויסגעטאָן דעם טוליפּ, אויפסניי אויסגעווישט די ברילן און זיך אוועקגעשטעלט פאַר די יידן, אַ שטייגער ער וואָלט דאָ געשטאַנען פאַר אַ קלאַס שילער אין דער שקאָלע זיינער:

— אַ קאָנסטיטוציע, — האָט ער אָנגעהויבן — מיינט אַ סטאַטוט מיט תקנות...

מער האָט שוין יחיאל שניידער נישט באַדאַרפט. כאָטש וואָס אַ סטאַטוט איז האָט ער נישט געוווסט, פון דעם וואָרט תקנות אָבער האָט ער פאַר־שטאַנען אַז ער איז גערעכט!

— ני, יידן, וואָס האָב יעך געזאָגט? — האָט ער געטאָן אַ שפּרונג אויף, גרייט זיך צו וואַרפן אויף שיעלע מעל־קרעמער, — אַזאַ פאַרכאַטש! ער וועט מיר פאַרוואַרפן צעריסענע הויזן? יעך על אים צעפּאַטשן די צורה! לאָזט מיך נאָר צו, יידן!

נתן חיים האָט אין דער מיחיה גאָר פאַרגעסן אָן סידורל און אָן דאַווענען. אים איז שטאַרק געפעלן, וואָס יידן מיט בערד שפּרינגען ווי הענער איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריין. חוץ דעם האָט ער סתם ליב געהאַט אַריינצו־שטעקן ס׳קעפּל אין די קרענצלעך צו הערן וואָס יידן שמועסן. דערצו נאָך

איז ער געווען פארכאפט פון נח לערער׳ס טלית׳ל, א שמאַלס, ווי א האנטוך, וואָס האָט אים קוים פארדעקט די אקסלען און די קליינינקע תפילין! אָט אַזעלכע תפילינ׳דלעך וואָלט ער געוואָלט האָבן, נישט ווי דעם טאטנס, וואָס זענען גרויס ווי די קעסטלעך. אויך דעם לערער האָט ער ליב געהאט נאָך פון דענצמאָל, ווען ער פלעגט קומען צו פסח מלמד אין חדר לערנען מיט די יינגלעך דעם קיסר׳ס טיטל. ער האָט קיינמאָל נישט געשריגן און נישט געקלאפט מיט קיין שטעקן אין שטענדער, ווי מרדכילע לערער. אוי וואָלט ער געוואָלט גיין אין זיין שקאָלע אריין!

ווי אלעמאָל, ווען אין זיין קעפל האָבן זיך גענומען פלאָנטערן פראגעס, איז אויך איצט נתן חיים געווען א פארגאפיטער, גלייך ער וואָלט גאָר דאָ נישט געווען. ער האָט שוין נישט געהערט דאָס טומלען פון די יידן, זייער שפרינגען איינער דעם אנדערן אין די פנימער. ער האָט גאָר געזען חנה׳טשען און גאָר געטראכט פון דעם, וואָס זי וויל אים נישט פאר קיין מאַן, ווייל ער קאָן נישט שרייבן. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן שמועס מיט דער מאמען יענעם ביינאכט. אז דער טאטע דינגט אָן, האָט די מאמע געזאָגט, צאָלט ער. ווי זשע א שטייגער, ווען ער זאָל זאָגן נח לערער: דער טאטע האָט אייך געבעטן זיך מטריח זיין, ער וויל מיך אָנדינגען אין אייער שקאָלע אריין? דער טאטע וואָלט זיך שוין געשעמט דעם לערער אָפּצוזאָגן און ער וואָלט זיך געלערנט פויליש, רוסיש און דאאטש, אוודאי דאאטש! חנה׳טשע לערנט זיך אויך דאאטש!

מיטן סידורל אין האנט, דער קאשקעט פאררוקט אהינטער, איז נתן חיים צוגעגאנגען צו דעם בלאסן יינגן־מאן און אָפּגעמאָלט א ליגן מיט אזא דרייסטקייט, גלייך ער אליין וואָלט געגלייבט אין דעם, אז דאָס האָט אים דער טאטע אהער־געשיקט רופן דעם לערער.

נח לערער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין דעם פארשוין:

ווער איז דיין טאטע, יינגעלע? — האָט ער אים אָנגענומען פאר א הענטל און אים צוגעצויגן צו זיך.

— יעך בין ירמע דוד׳ס, לייבל משה׳ס ברידער, — האָט נתן חיים בכיון דערמאָנט דעם גרויסן ברודער זיינעם. ער געדענקט גאנץ גוט, ווי דער לערער פלעגט זיך איינשטעלן פאר אים, ווען נאָר דער טאטע האָט אים געוואָלט ארויסנעמען פון שקאָלע.

— אָ, ירמע דוד׳ס יינגל? — האָט נח לערער איבערגעחזרט דעם נאָמען, ווי ער וואָלט געזאָגט: אָהאָ, שוין איינמאָל א טאטע! — דיין טאטע וויל דיך אָנדינגען צו מיר אין שקאָלע? — האָט ער איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט נישט געגלייבט דאָס זאָל מעגלעך זיין.

— יאָ, — האָט נתן חיים אים פאַרזיכערט, — אפילו נישט רויט ווע־רענדיק.

— ני, גיט, האָט נח לערער אָפּגעלאָזט דעם ייִנגל׳ס האַנט, — זאָג דעם טאַטן, אַז נאָכן דאַוונען וועל איך דאָרטן אָפּטרעטן.

ערשט איצט, אַוועקגייענדיק פון נח לערער, האָט נתן חיים דערפילט אַ היץ אין פּנים. אָן צו פאַרענדיקן ס׳דאַוונען איז ער אַרויס פון בית מדרש און גענומען לויפן, גלייך די גאַנצע שטאָט וואָלט זיך נאָך אים געיאָגט. מיט זיין גאַנץ ווֹעזן האָט דאָס ייִנגל איצט באַנומען וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן. דער טאַטע וועט זיכער פרעגן דעם לערער: „וואָס, יעך האָב געשיקט נאָך אַך? ווער האָט עס אַך געזאָגט?״

נתן חיים האָט חלילה נישט מורא געהאַט פאַרן פּסק, וואָס ער וועט צוליב דער מעשה כאַפּן פון טאַטן. צו דעם איז ער שוין געוווינט. אים איז גאָר געגאַנגען אין דעם, וואָס נח לערער וועט טראַכטן, אַז ער איז אַ ליגנער און טאָמער וועט ער אים צוליב דעם נישט וועלן אַריינעמען אין שקאָלע, ווען אפילו די מאַמע זאָל שפּעטער פועלן מ׳זאָל אים אַריינגעבן.

ווי אַלעמאָל האָט נתן חיים אויך איצט געטראַכט פון אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך. דער ייִנגלשער נייגיר אָבער, צו זען צי דער לערער וועט טאַקע קומען, איז ביי אים געווען שטאַרקער, האָט ער דעריבער באַהאַלטן דאָס סידורל אין קעשענע און, אָנשטאָט גיין אין חדר, זיך גאָר פאַרקליבן הינטער דער ברייטער טיר פון לאַנגן פעדער־הויז, וואָס יעדער מוז דורכ־גיין, אויב מען וויל אַריינקומען צו זיי אין הויף.

אַ הונגעריקער איז ער געשטאַנען, נתן חיימל, און געגאַפּיעט דורך דער שפּאַרע אויף דעם כמורנעם דרויסן און דעם דין־עסנדיקן רעגנדל, וואָס האָט אַזוי נודנע געקאַפּעט. אַלע ווײַלע האָט ער געזען עמעצן קומען אָנצוקריכן, נאַס און איינגעבויגן. אויף דעם טאַטן זיינעם האָט ער געזען קומען אַן איינגעקורטשעטן. ער מוז אוודאי גיין פון ווייט, דער טאַטע. ס׳פּליושענע ווינטער־היטל און די רויטע באָרד זענען אים פּיטש־נאַס. ער וועט איצט זיין בייז, דער טאַטע, האָט נתן חיים געטראַכט און אַ מורא צוזאַמען מיט אַ נאָגענדער חרטה האָבן אים אַרומגענומען.

אין מיטן דעם טראַכטן איז דערווייל נח לערער אָנגעקומען. ווי שטענ־דיק איז ער אויך איצט, אין רעגן, געגאַנגען פּאַוואָליע און גלייך. כאָטש נח לערער האָט נתן חיים׳לען נישט געזען, האָט זיך דאָך דאָס ייִנגל, דער־זעענדיק אים אָנקומען, אַראָפּגעלאָזט, דאָרטן, הינטער דער טיר, טשיפּקעס, ווי ער וואָלט געוואָלט איינזינקען, איינשרומפּן פון חרפּה, וואָס ער האָט דאָ געברענגט אויף דעם איידעלען לערער.

ווען נח לערער איז אַריינגעקומען צו נתן חיימען אין שטוב, איז דער טאַטע זיינער, יערמע דוד, געזעסן ביים טיש לעבן אַ טעלער פאַרעדיקע

גריץ און א האלב שווארץ ברויט. דערזעענדיק אזא געהויבענעם גאסט, האָט ירמיע דוד אוועקגעלייגט דעם לעפל און זיך געטאָן א הויב פון טיש. און זי, די מאמע, האָט, פון גרויס פארלוירנקייט, זיך גענומען טאפּן די קאָפּקע, צי דאָס רויטע טשיפּעקל איז איר נישט אמאָל פאררוקט אויף א זייט.

— גוט מאָרגן — האָט נח לערער געזאָגט און זיך גענומען ווישן די פאר־לאָפּענע ברילן.

— גיט מאָרגן, גיט יאָר — האָבן ירמיע דוד און חנה לאה צוזאמען געענטפערט, אָנקוקנדיק זיך איינער די אנדערער, וואָס אזא וויזיט קאָן דאָ מיינען.

— עסט, עסט, — האָט נח לערער אָנגעוויזן ירמיע דוד׳ן אויפן טעלער גריץ, — מיט עסן שעמט מען זיך נישט.

— קימץ טאקע מיט עסן, — האָט ירמיע דוד זיך דערמאָנט צו פאר־בעטן דעם גאסט, ווי געוועגלעך, ס׳איז אָנגענומען ביי לייטן. — וואָס עט עץ זאָגן גיטס, ר׳ נח?

נח לערער, מיט די ברילן אין איין האנט און דאָס ווייסע טיכעלע אין דער צווייטער, האָט זיי אָנגעקוקט מיט די נאקעטע, א ביסל קורצזיכטיקע אויגן, זייער פארחידושט, ווי ער וואָלט אָן ווערטער געפרעגט: איר האָט דען נישט געשיקט נאָך מיר?

א רגע האָבן אזוי די דריי לייט זיך אָנגעקוקט. באלד איז אָבער דעם גאסט איינגעפאלן, אז דאָס מוז זיין א שפּיצל. ווארום דאָס וואָס דער קליינער פּענדריק איז דאָ נישטאָ איז דער בעסטער סימן. געוויינלעך וואָלט אים אזא מעשה פארדראָסן, דאָ אָבער איז עס אים געפעלן. אויך דער עלטע־רער, לייבל משה, פלעגט אָנווענדן כלערליי שפּיצלעך דער טאטע זאָל אים האלטן אין שקאָלע:

— כ׳האָב זיך מטריח געווען צוליב אייער יינגל — האָט נח לערער זיך דערמאָנט צוריק אָנצוטאָן די גלעזער אויף דער בלאס־איידעלער נאָז. — כ׳מיין ס׳וואָלט גלייך געווען איר זאָלט אָנדינגען דעם קליינעם אייערן אין שקאָלע אריין. כ׳ווייס דאָך ווי אייערע יינגלעך רייסן זיך צו קענען!

נח לערער האָט דאָ בכיוון אויסגעמיטן צו דערמאָנען, אז דאָס האָט אים נתן חיים אזוי אָפּגענארט. צו וואָס זאָל נאָך דאָס יינגל קריגן געשלאָגן? אדרבא, ער איז גאָר גרייט זיך איינצושטעלן פאר אים, ווי ער האָט זיך איינגעשטעלט פארן גרעסערן:

— איז ווי מיינט איר, ר׳ ירמיע דוד? — האָט זיך דער לערער ברייטלעך אוועקגעזעצטביים טיש.

ירמיע דוד האָט אים אָנגעקוקט ווי שטום. שוין ווידער שקאָלע? און

פאר וועמען? פאר דעם קליינעם שמאדאלניק? מער פעלט אים נישט! לאָז אים גיין אין שקאָלע וועט ער זיך נאָך שמדן:

— וואָס פאלט אאך עפעס אאן, ר׳ נח? — האָט יערמע דוד זיך אָנגעגומען מיט קוראזש און דערביי זייטיק א קוק געטאָן צו חנה לאהן, וואָס איז עפעס געשטאנען אזוי שטיל גאָרנישט ווי איר טבע. שטעקט נישט דאָ אמאָל איר קעפעלע? האָט זי נישט אמאָל אונטערגעשיקט דעם לערער? זי גייט אים, הייסט עס, אויפס קאָפּ, וועט ער איר ווייזן:

— יעך דארף נישט קא שקאָלעס, — האָט ער שוין בייז א זאָג געטאָן.

— פארוואָס? — האָט נח לערער זיך צוגערוקט נענטער, גרייט זיך צו פארהערן מיט דעם ייד.

— ווייל אזוי — האָט יערמע דוד געענטפערט, ווי אן איינגעשפארט יינגל, וואָס וויל נישט קיין פארהערן זיך. ערשט אין א ווײלע ארום האָט ער צו־געגעבן: — יעך האָב געניג, אז מאאן לייבל משה איז א שקאָלע־מענטש.

— ס׳אָבער א שאָד, ר׳ יערמע דוד! אייערע יינגלעך האָבן גוטע קעפּ.

— גיטע קעפּ, — האָט יערמע דוד ווי נאָכגעשפּעט, — יעך וויל בעסער גיטע יידן!

— ווי איז דען מעגלעך גוטע יידן אָן גוטע קעפּ? — האָט נח לערער שטיל און פּאוואָליע געוואָלט ווייטער ציען דעם פארהער. יערמע דוד אָבער האָט דאָס געטאָן א האק אָפּ:

— יעך בין אאך מוחל א י י ע ר ע גיטע יידן מיט זייערער גיטע קעפּ. יעך וויל נישט קא יידן מיט שווארצע העמדלעך אין רויטע פענדלעך. דער פּורים־סוחר האָט געוואָלט אזא זינדל, נישט יעך!

חנה לאה איז געשטאנען ביי דער פּליטע, אריינגעקוקט אין אלקער און פשוט געשטוינט. קיינמאָל וואָלט זי נישט געגלויבט יערמע דוד זאָל קריגן אזא מענה לשון צו נח לערער. זי האָט זיך געוואָלט אריינמישן, כאָטש אביסל פארריכטן דעם מאנס מערכה, זי האָט אָבער מורא געהאט צו זאָגן א וואָרט. יערמע דוד קאָן זיך אָפּרייסן אויף איר, כאָטש נח לערער איז דאָ דערביי.

נח לערער האָט איינגעזען, אז ער וועט שוין דעם ייד נישט איבער־רעדן. צו זיין אמאָליקער מורא פאר שקאָלעס, זענען נאָך צוגעקומען די אומרועען און גראָד שקאָלע־יינגען פירן ס׳רעדל. ער איז אויפגעשטאנען. אויך יערמע דוד האָט זיך, אויס דרך־ארץ, אויפגעשטעלט. שטיל האָט ער באגלייט דעם גאַסט, נאָר ביי דער טיר האָט ער ווי זיך פארענטפערט:

— האָטס נישט קא פאריבל, ר׳ נח. יעך בין א פּראָסטער ייד. יעך האָב מורא פאר איבערגעשפּיצטע לאָאט.

— חלילה — האָט נח לערער געשמייכלט, איך האָב בלויז געמיינט, איך ווייס?

קאפּיטל איין-און-דרייסיק

וואָכן נאָכן איבערפאַל האָט שמחה׳לע פּוטערפליאַם געשוועבט צווישן לעבן און טויט. איינגעוויקלט אין א בארג באנדאזשן איז ער געלעגן באוועגלאָז, שטיל, ווי אָן אָטעם. נישט געווען צו זען אין דעם ווייסן בארג קיין סימן פון קיין פּנים, פון קיין לייב און לעבן. בלויז אין אויבערשטן קנויל, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער קאָפּ פון א שניי־מענטש, האָט ארויס־געגלאָצט אַן אויג, דאָס לינקע, שטאר און פארגלייזט, ווי אַן אויסגעלאָשענע גליאָווע.

דאָקטאר סאָכאַצקי און זיין אייביקער געהילף, אהרן פעלדשער, פלעגן קומען, באטראכטן דעם הרוג, זיך איינהערן צו זיין אָטעם, צומאָל, איבער־וויקלען אים אין פרישע באנדאזשן און אוועקגיין. אין שטוב פלעגט נאָך דעם בלייבן א ריח פון כלאָראָפאָרם און יאָד און א שטילקייט, וואָס האָט געוואָרגן אין האלדז. מענטשן זענען כסדר ארומגעגאנגען אויף די שפּיץ־פינגער. די ראָלעטן זענען געווען אראָפּגעצויגן און, אין דער האלב־ טונקל־קייט האָט זיך געדאכט, אז דאָרטן, אין ברוין־פּאָליטורטן בעט, ליגט נישט קיין מענטש, נאָר א ווייסער בר־מנן.

ווי ארום הרוג איז געווען שטיל, אזוי איז אין די אנדערע שטובן געווען יום־כפּור. די קינדער האָבן געוויינט, מירעלע האָט ספּאזמירט, אָרע־מע קרובים, אָנגעלאָפענע, האָבן געראטעוועט, געווען פול אין אלע סאליעס און פאר איין וועג, זייטיקלעך, געפּרווט די טירלעך פון א קרעדענץ, צי מ׳קאָן נישט עפּעס מיטנעמען פאר די אייגענע קינדער. וואָרום ס׳פעלט דען דאָ, חלילה? אין א ווילע ארום איז מען ווידער געזעסן צעזעצט אין אלע ווינקעלעך, שטאר, געגאַפּיעט ווי די סאָוועס און באלד זיך אויפסניי צעוויגט הין און צוריק, ווי די אומרוס פון זייגערס און געמינטערט די וויינענדיקע קינדער:

— וויינטס קינדער, וויינטס! צ׳אָט אָף וואָס צ׳וויינען! אזא גאָלד, אזא בארליאנטן הארץ!

אין מיטן אזא קלאָגעריי פלעגט מירעלע זיך טאָן א הויב פון דער אָטאָמאנקע, ווי זי וואָלט פלוצים דערפילט א ברי אין סאמע ווענן און טאָן א שוועב אריין אין שלאָף־שטוב. א רגע איז זי געבליבן שטיין מיט דער פלייצע ביי דער טיר, געקוקט אויפן בארג באנדאזשן, שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ, דערנאָך פלעגט זי זיך צושלייכן צום בעט, זיך איבערבייגן און אריינרעדן אין דעם שטארן, פארגלייזטן אויג אריין:

— שמחה׳שי, זעסט מיך כאַטש? הערסט כאַטש, אז איך רעד צו דיר?

נאָר דאָס אויג האָט אפילו קיין פינטל נישט געטאָן. טאָג און נאכט האָט עס שטאר געגלאָצט ארויף צום סופיט. מירעלען פלעגט דאן באפאלן א פחד. איר האָט זיך געדאכט, אז דאָס אויג זעט מער גאָרנישט, אז דער קאָפּ, הינטער דעם בארג באנדאזשן, טראכט מער נישט, אז אלץ איז דאָרטן אויסגעלאָשן.

דאָס איז אָבער נאָר געווען אויבן־אויף. אינדער׳אמת׳ן האָט שמחה׳לע פּוטערפּליאם אין יענע טעג א סך געטראכט. און דאָס איינציק אָפענע אויג האָט אפשר געזען מער ווי פריער ביידע אויגן. טיילמאָל האָט ער אפילו אין גרויס ווייטיק געפּרווּוט דורך דער מויל־עפענונג, אין דעם בארג באנ־דאזשן, ארויסשטאמלען וואָס אין אים גייט אָן. ער האָט אָבער איינגעזען אז מירעלע כאפּט נישט וואָס ער זאָגט, אז פון גרויס אָנשטרענגונג איס צו פארשטיין, פארקרימט זיך אזש איר פנים אין א ווייטיקדיקער גרימאַסע און די אויגן ווערן איר אויפסניי פארלאָפן מיט טרערן, האָט ער אויפגעגע־הערט דאָס שטאמלען און געבליבן צוריק פארגליווערט, שטיל.

געווען טעג ווען שמחה׳לען האָט עס געוואָרפן פון היץ אין קעלט און פארקערט. צומאָל פלעגט אים אין קאָפּ אָנשטיין א טומאן. גאָרנישט האָט ער געזען, גאָרנישט האָט ער געדענקט, ווי אלץ, ס׳גאנצע אָפּגעלעבטע לעבן, וואָלט פלוצים פארווישט געוואָרן. דערנאָך פלעגט אים פונקט אזוי פלוצים אויפהעלן הינטערן שטערן, גלייך א ליכט וואָלט זיך דאָרטן אָנ־געצונדן. איבערגעלעבטע געשעענישן און בילדער האָבן זיך אים ווידער גע־נומען ווינקלען פארן אויג. דער לאנגסטיקער אמאָל און דער נעכטיקער איצט האָבן זיך אים צונויפגעפלאָנטערט אין מוח און ער האָט ווידער און אָבער איבערגעלעבט יענעם פארנאכט, אין וואַרשע, ווען שמאי׳לע מיט א חברה יינגען זענען אים געטאָן א וואקס אויס פאר די אויגן. איידער ער האָט זיך אומגעקוקט איז ער געווען ארומגערינגלט, ווי אין א פייערדיקן רינג. שמאי׳לע האָט אים געלאכט אין פנים אריין:

— הא, שמחה? האָסט געמיינט מ׳וועט דיך אין וואַרשע נישט געפינען?

נאָך איצט בלענדט אים פארן אויג דער ווייסער בליאסק פון שמאי׳לעס לאַכענדיקע ציין. נאָך איצט גליווערט אין אים ס׳בלוט פאר פחד און א כוואליע פון האס ברויזט אויף אין אים. נישט נאָר שמאי׳לען, די גאנצע חברותא וואָלט מען געדארפט אויסרויכערן, ווי מען רויכערט אויס ווערים פון א פארוואָרלאָזט הויז.

טעג נאָכאנאנד האָט אזוי אין אים אָנגעהאלטן דאָס האָס־געפיל. אין יענע טעג איז ער גרייט געווען, ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט אראָפּ פון בעט, אליין צו גיין מיט די זשאנדארן און אוועקשלעפן די יינגען ביי די לייזיקע פאָלקעס, ווי הינט־שלעגער שלעפן אוועק הינט. דערנאָך האָט

אָבער דאָס געפיל גענומען אויסוועפן, צעגייט ווי עס צעגייט א כמאַרע און פונקט ווי נאָך א צעגאַנגענער כמאַרע לויכט אויף דער לויטערער בלוי פון הימל, אַזוי האָט אין אים אָנגעהויבן אויפלייכטן דאָס לויטערע געפיל פון מילדן חסד, דאָס דערהויבענע מענטשלעכע פאַרשטיין און נאָך מער מענטשלעכע פאַרגעבן.

געקומען איז אָבער דאָס לויטערע געפיל ערשט נאָך לאַנגע חדשים ליגן אין בארג באַנדאַזשן, נאָך טיפע יסורים און פּיין, ווען ער האָט זיך נישט געקאָנט איבערדרייען נישט רעכטס און נישט לינקס, נאָר ליגן אומענד־לעכע טעג און נעכט און גלאָצן מיטן איינציק אָפענעם אויג אין זעלבן קליינעם שטח׳ל אויפן פּוסטן, ווייסן סופיט. אָט דענצמאָל האָט דאָס שמחה׳לע פּוטערפליאַם אָנגעהויבן זען זאַכן אַנדערש. דאָס גאַנצע מענטש־לעכע לעבן, נישט נאָר זיין אייגן לעבן, האָט אָנגעהויבן צו קריגן ביי אים אַן אַנדער פּנים.

וואָס, אומשטיינסגעזאָגט, איז עס דען דאָס מענטשלעכע לעבן? צו וואָס דאָס גאַנצע געיעג? און אַז מ׳האָט שוין נאָך א הויז? מירעלע איז דאָך גערעכט געווען. צו וואָס האָט ער געדאַרפט לאָזן האַקן דעם סאָד? זיך איינרייסן מיט א שטאָט יידן? ווער ווייסט? אפשר זענען זייערע קללות איצט אים מקוים געוואָרן? און אַלץ פאַרוואָס? ווייל ער האָט געוואָלט די פּאַטשט מיט די אָפּיצינעס לעבן זיין פריערדיקער קאַמעניצע, כדי וואָס? כדי די גאַס זאָל ווערן די הויפּט אין שטאָט און זיין אַלטע קאַמעניצע זאָל צוליב דעם ווערט זיין מער. איז אָט האָט ער שוין איצט מער! שטייט זי, די אָנגעהויבענע קאַמעניצע, אָן א דאַך, אָן טיר און פענצטער. אַלץ ווייקט זיך און פוילט אין ווילגאָטש! אַך, ווען ער קאָן דאָס אַלץ כאַטש איבעררעדן מיט מירעלען, זי אַרומנעמען און זי צודריקן צו זיך און איר דערציילן ווי טיף ער האָט איצט חרטה אויף אַלץ! אפילו יצחק׳ס טויט שניידט אים ביים האַרץ און אויפן טאַטן, דעם פריינט זיינעם, דעם בלאַסן און קראַנקן פּורים־סוחר, אויף אים איז גאָר נעבעך א רחמנות! וואָס האָט ער דען געוואָלט דער טאַטע? מאַכן דעם זון מיט לייטן גלייך. נאָר אפשר איז אַבעלע גערעכט? אפשר טאָרן יידן נישט זיין ווי לייטן? אפשר טאָרן זיך יידן גאָרנישט פאַרנעמען אויף גויאישע וועגן?

איצט זעט ער ערשט ווי פאַרנאַרט ער איז געווען, ווי ער האָט אַליין איבערגעגעבן דעם טייוול די זעל. וואָרום נאָך וואָס האָט ער זיך געיאָגט? געלט, א הויז, נאָך א הויז! אָט, ווי אַמאָל, נאָר פרעסן און זויפן און נואָפ׳ן! איצט זעט ער ערשט, אַז די נקבות האָבן איבער אים געהאַט מער שליטה איידער דער טאַטע. אַנשטאָט פאָלגן דעם טאַטן און אַריינקוקן אין א ספר׳ל, האָט ער זיך גאָר אַרומגעוואַלגערט אין נפקה־בית און ער האָט אפילו נישט א טראַכט געטאָן וועגן דער בושה און האַרץ־קלעמעניש, וואָס ער פאַר־

שאפט דערמיט דעם טאטן מיט דער מאמען. אך, ווי פארנארט דער מענטש איז, ווען ער איז יונג!

שמחה׳לע פוטערפליאם האָט געפילט ווי די חרטה ווערגט אים אין האלדז, ווי טרערן רינען אים פון דעם איינציק אָפענעם אויג און אפילו דאָס פארמאכטע אויג, אונטער דער וואטע און מעדיצינען, נעמט אויך נעצן און די נאסע זאלציקייט צערינט איבער דער צעשווּנדענער באק און ברענט און שרפה׳ט די נישט פארהיילטע ווונדן:

גרויסער גאָט! ווען ער קאָן כאָטש פארריכטן די שאָדנס, וואָס ער האָט אָנגעטאָן!

שמחה׳לע פוטערפליאם האָט געטראכט פון תשובה. אויב דער אויבער־שטער וועט אים נאָר העלפן און ער וועט בשלום ארויס פון בעט צוריק א געזונטער, וועט ער זיך באלד אָפשיידן פון דער חברה מיט זייער ליטוויש מלמדל, פון פורים־סוחר מיט זיינע גאזעטן! ווי קומט ער צו זיי? דער טאטע זיינער איז געווען א פרומער ייד, האָט געלערנט א פרק משניות, געטאָן צדקה, דארף ער אויך אזוי טאָן. ער וועט אָבער טאָן נאָך עפּעס, וואָס דער טאטע זיינער האָט עס נישט געקאָנט טאָן. אז זיין ליבער נאָמען וועט אים נאָר העלפן, ער וועט בשלום פארענדיקן ס׳הויז און די פּאָטשט וועט זיך ענדלעך ארייננקלייבן, וועט ער זיך לאָזן שרייבן א ספר־תורה.

פון בלויזן געדאנק איז שוין שמחה׳לען ליכטיקער געוואָרן אויפן גע־מיט. אין זיין איצטיקער שטומקייט, אין זיין נישט קאָנען זיך טיילן מיט קיינעם מיט א וואָרט, פלעגט ער ליגן טעג און נעכט און זיך נערן און זיך שפּילן מיט דעם חלום, ווי א קראנק קינד מיט א געשאָנקען שפּילכל. ער האָט פארגעסן אָן די יסורים, אָן די באנדאזשן, אָן דער אומענדלעכער שטומקייט זיינער און גאָר געטראכט פון דעם נחת, וואָס ער וועט האָבן און זיך טאקע שוין געזען שטיין אויפן באלעמער, ארומגערינגלט מיט יידן אין טליתים, וואָס הערן זיך צו ווי דער בעל קורא לייענט די סדרה און ער קוקט זייטיקלעך אריין אין דער תורה און טראכט דערביי: „דאָס איז מיין תורה, דאָס האָב איך געשענקט דעם בית־מדרש״! באלד אָבער איז אים איינגעפאלן: „צו וואָס אין בית־מדרש? פארוואָס נישט אין אן אייגן שול־כל?״ וועט ער פארשפּאָרן מאָדזשיצער שיינע לייט זאָלן טייטלן אויף אים מיט די פינגער און בויען וועט ער עס דאָרט, ווו ער האָט געהאקט דעם סאָד, זאָל אים נאָר דער אויבערשטער העלפן ער זאָל קאָנען אראָפּ פון בעט!״

די טעג זענען דערווייל געגאנגען. דער ווינטער איז אוועק. א נייער פרילינג איז אָנגעשטאנען. דער הימל איז ווידער געווען בלוי און לויטער. די לופט האָט געשמעקט מיט יונגן צוויט און דורך די צעעפנטע פענצטער האָבן פרישע ווינטלעך געבלאָזן און זיך געשפּילט מיט די לייכט־פלאַטערנ־דיקע גארדינען. די זון האָט געשיינט דורך אלע פענצטער און שמחה׳לע

פּוטערפּליאַם האָט געהאַט אַ געפיל ווי ער וואָלט געוועזן ניי־געבוירן.

ביסלעכווייז האָט אים דאָקטאָר סאַכאַצקי ארויסגעוויקלט פון בארג באנדאזשן. צום ערשט האָבן זיך פון קנויל מיט ווייסקייט אנטפּלעקט שטיק־לעך שטערן, בינטלעך שווארצע, פארקאַלטנטע האָר, דערנאָך האָט מען דערזען די צעשוואָלענע באַק, אַ רויטלעך־בלויע, פול מיט נאַסן געשווילעכץ. די פּארביַיטע שניטן האָבן געגליט און דערמאָנט אָן אַ צלם, אַ בולטער צלם, וואָס איז אים געלאָפן פון אונטערן אויג אַראָפּ צום קין און פון נאָז־ווינקל ביז שיעור ניִשט צום אויער.

ביז איצט האָט ניִשט ער און ניִשט עמעץ אנדערש אין שטוב, געזען ווי צעשוואָלן זיַין פּנים איז געווען און ווי צעלעכערט עס איז געווען זיַין פּלייצע און לינקע זייט. סאַכאַצקי פּלעגט קיינעם ניִשט צולאָזן ביים היילן און איבערוויקלען די ווונדן. איצט, דערזעענדיק דאָס פּנים, האָט מירעלע געטאָן אַ קוויטש און ער אליין, שמחה פּוטערפּליאַם, איז גיך אוועק פון שפּיגל, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין בעט־געוואַנט און זיך הויך צעוויינט.

וואָכן נאָכדעם איז ער געזעסן אויפן בעט פארשעמט און דערשלאָגן. פּונקט ווי ער האָט זיך פריער ניִשט געקאָנט דערוואַרטן דער דאָקטאָר זאָל שוין ענדלעך אַראָפּנעמען די באנדאזשן, אזוי האָט ער איצט בשום אופן ניִשט געוואָלט לאָזן די באַק אָפּגעדעקט. ס׳האָט ניִשט געהאָלפן מירע־לעס טרייסטן אים, אז ער דאַרף דאָך דאנקען גאָט. וואָרום ס׳האָט דאָך געפעלט אַ האָר מ׳זאָל אים געווען האָבן געלעכערט די ניר און ס׳אויג איז דאָך אויך ממש געפּונען! וויפל האָט דען געפעלט ס׳מעסער זאָל גרייכן ס׳אויג? איצט, אז גאָט האָט געהאָלפן, ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט געזונט און מיט ביידע אויגן, טויג ווידער ניִשט! באַשר אַ צייכן?

— אָבער מירעלע — האָט ער זיך אויפסניי צעוויינט און באַגראָבן ס׳פּנים אין די הענט: — אַ צלם? אַ צלם אויפן פּנים! ווי וועל איך זיך גאָר קאָנען וויַיזן פאַר מענטשן? כ׳וועל אפשר גאָרניִשט טאָרן מער אָנטאָן טלית און תפילין!

ווי אַ מאמע לעבן אַ קראַנק קינד, האָט זיך מירעלע אוועקגעזעצט לעבן איר מאַן און אים ארומגענומען. כאָטש ס׳הארץ האָט אין איר אליין געוויינט, האָט זי געזוכט דעם מאַן אויסצורעדן:

— שמחה, וואָס רעדסטו, ס׳איז דען חלילה דאָאָן שילד?

כאָטש ער האָט עס איר ניִשט געזאָגט, האָט ער אָבער אין דער שטיל געטראַכט:

— וועמענס דען שולד? צו וואָס האָט ער געדאַרפט איינרייסן מיט שמאַי־לען? זיך שטעלן קעגן יצחק׳ן? דאָס אומגליק האָט דאָך געטראָפן אַ וועלט אַ גאַנצע, האָט ער געדאַרפט ארויסשפּרינגען?

מירעלע האָט אים אָבער נישט געלאָזט טראַכטן. מיט כוח האָט זי אים צוגעשלעפּט צום שפּיגל און אים געוויזן:

— זעסט, שמחה, — האָט זי אים געצייגט די שיטער־שפּראָצנדיקע הערעלעך ארום בלויען געשווילעכץ — אז וועסט נישט גאָלן ס׳פּנים, וועט א האלבער צייכן פארוואקסן ווערן און ס׳וועט זיין אויס צלם!

לכתחילה האָט מירעלעס אויסרעדן און טרייסטן אים נישט גערירט. ביסלעכווייז, אָבער, האָט ער אָנגעהויבן איינזען, אז זי איז גערעכט. מיט יעדן טאָג האָבן אלץ מער שווארצע הערעלעך זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם געשווילעכץ און גענומען פארדעקן די פארבייטע שניטן. א פריידיקער פלעגט ער דאן שטיין ביים שפּיגל און ממש ציילן די ניי־וואקסנדיקע הע־רעלעך אויפן איבערשטן טייל קין. מיט יעדן ניי־אויפגעשפּראָצטע הערעלע איז זיין געמיט געוואָרן ליכטיקער און הייטערער און ער האָט געוואגט ארויס־צווייזן ס׳פּנים דרויסן און זיך ארומקוקן וואָס עס טוט זיך אין הויז און הויף.

פון דעם וואָס ער האָט געזען דרויסן איז אים געוואָרן זייער טרויעריק אויפן הארצן. אין דעם אָנגעשטאנענעם שטורעם, איז נישט נאָר ער אליין שיעור אומגעקומען, נאָר זיין גאנץ פארמעג ווערט ממש פארשוועכט. דעם הויף האָט ער געפונען אָפּגעלאָזן, בערגלעך פערד־מיסט ווו נאָר ס׳אויג פאלט, די שטאל — אויפגעפּראלט און פראנטשישעקלס שייגעץ און יערמע דוד׳ס בן זענען די גאנצע באלעבאטיש!

דאָס פערד איז גאָר געווען א רחמנות אָנצוקוקן. אָפּגעצערט, פאר־קאָלטנט, די גריווע און דער ווידל פול מיט פערדן־מיסט און שטויב. שטום און פול מיט צער האָבן דעם פערדס סאמעט־ווייכע, קלוג־פארשטייענדיקע אויגן געקוקט אויפן באלעבאָס, ווי זיי, די גרויסע, פערדישע אויגן וואָלטן גאָר באדויערט אים, וואָס פון אים איז דורך דער לאנגער צייט געוואָרן, ווי־דאר און אָפּגעפּאָרן ער קוקט איצט אויס פול מיט צערטלעכקייט האָט דער באלעבאָס געגלעט דאָס שטומע באשעפעניש איבערן רוקן און מיט נישט ווייניקער צערטלעכקייט האָט דאָס פערד געטוליעט דעם קאָפּ צום באלע־באָס אקסלען:

— א שיין פּנים האָבן מירביידע, — האָט שמחה׳לע געזאָגט און איז ארויס פון שטאל.

א שטילער, א פארטראכטער איז שמחה׳לע פוטערפליאַם געגאנגען איבערן הויף. דערנאָך האָט ער אריבערגעשפּאנט דעם אויפגעבראָכענעם פלויט צום אָנגעהויבענעם געביי. ערשט דאָ האָט עס געווייעט מיט אומעט, מיט פארלאָזנקייט. דאָס שטאָלצע הויז, די גרעסטע קאמעניצע אין שטאָט, האָט אויסגעזען עלנד און שפל׳דיק. די לעכער, ווו ס׳האָבן געדארפט זיין טיר און פענצטער, האָבן געקוקט אויף אים ווי בלינדע, אויסגערונענע אויגן.

די בערג מיט ציגל און בוידוואַרגן, וואָס א סך דערפון איז צעגנב׳עט געוואָרן, זענען געווען שוואַרץ, נאָס פון ווילגאַטש און אינעווייניק, אין די רויט־ציגלנע אָפּטיילונגען, וואָס לויטן קאָנטראַקט, האָבן שוין איצט באַדאַרפט געווען צו זיין שטיבער און מענטשן האָבן שוין באַדאַרפט אין זיי וווינען, זענען גאָר געווען פול מיט פאַרצויגענע שפּין־געוועבן און פייגל־נעסטן.

וואָס לענגער שמחה׳לע פּוטערפליאַם איז אַרומגעקראָכן איבער זיין פאַרוואָרלאָזטן הויז און הויף, אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע אָפּגעלאָזנקייט, די נישט פאַרענדיקטע ווענט, די אָפענע פענצטער־לעכער, די קופּעס מיט ציגל, אַלץ רופט צו אים, שרייט׃

— וואָס שטייט ער? אויף וואָס וואַרט ער?

שמחה׳לע פּוטערפליאַם איז מיט אימפּעט צוריק אַריין צו זיך אין הויף. ער איז צו צו דער שטאַל, אַרויסגעפירט דאָס פערד, עס אַריינגעשטופּט צווישן די האָלאָבליעס און געשווינד איינגעשפּאַנט עס אין דער ברישקע. דערנאָך איז ער מיט די דראָבנע טריטלעך געלאָפן גיך, גיך אַרויף אין שטוב.

מירעלע, דערזעענדיק דעם מאַן צוריק אין שטוב, האָט אים נישט דער־קאָנט. די אמאָליקע אומרו האָט ווידער געבראַוזט אין אים און אויך זי אָנגעשטעקט. אַליין נישט באַמערקנדיק האָט זי גענומען מיט־האַוועון איבער די שטובן מיטן מאַן אירן, וואָס האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טער־קישן שלאָף־ראָק מיט די ווייכע שטעק־שיך און גענומען אַרויפציען דאָס אַנטועכץ, וואָס מירעלע האָט אים דערלאַנגט און וואָס איז איצט געווען ברייט און גרויס און געהאָנגען אויף זיין אָפּגעצערט לייב ווי פּרעמדע בגדים. אין גרויס איילעניש האָט ער א קוש געטאָן די מזוזה, וואָס ער האָט קיינמאָל פריער נישט געטאָן און געשווינד אַראָפּ די טרעפּ, אַרויס אויפן הויף.

פּרום, ווי להבדל, א פרומער ייד נעמט דעם לולב אין איין האַנט און דעם אתרוג אין דער אַנדערער, אַזוי האָט איצט שמחה׳לע פּוטערפליאַם גענומען די בייטש און לייצעס אין זיינע אויסגעהונגערטע הענט און פלינק געטאָן א שפּרינג אַרויף אויף דער ברישקע׃

— אין א מזל׳דיקע שעה, — האָט אים ס׳ווייב צוגעווונטשן.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן. אויפן באַלקאָן איז געשטאַנען מירעלע, לעבן איר די צוויי מיידלעך׃

— אין א מזל׳דיקער שעה, טאַטעשי האָבן די צוויי קינדער אים אַראָפּ־געווונטשן.

— אמן, — האָט ער מיט ליבשאַפט זיי צוריק אַרויפגעענטפערט און געטאָן א לייכטן פּאַך מיט דער בייטש איבערן פערדס אָפּגעצערטן רוקן.

ס׳פערד האָט א צי געטאָן. די ברישקע האָט גערירט. באַלד האָט דאָס

פערד זיך צעהאָצקעט און די פאַרראָסטעטע רעדער האָבן זיך גענומען קאָלערן איבערן ברוקירטן הויף און ארויס אין גאס. שכנים האָבן זיך גע־וויזן אין די אָפענע פענצטער און געוועלבניקעס אין די צעפּראַלטע קראָם־טירן. מיט אויפגעריסענע אויגן האָבן זיי נאָכגעקוקט די פאַרבייפאָרנדיקע בריטשקע:

— שמחה'לע פּוטערפליאַם שטייט קריק אויף די פיס!

— וואָס דען? א גביר האָט נישט נאָר מזל! ער האָט אויך צען הויטן, — האָבן אנדערע מיט קנאה אָפּגעענטפערט.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

נישט יערמע דוד׳ן און נישט דעם הויכן אייזיק איז זיכער נישט איינגעפאלן, אז נתן חיים וועט זיין ביי שבתי מלמד דער איינציקער קבצן אין א חדר פון נגידים. פונקט ווי נתן חיים איז שטענדיק געווען זשעדנע אין א גראָשן. אזוי האָבן די אנדערע יינגלעך תמיד געהאט אויף אלערליי נאשערייען, וואָס זייערע טאַטעס און מאַמעס, די געוועלבניקעס, האָבן זיי געגעבן.

שוין אין די ערשטע ווינטער־פרימאָרגנס פון זיין לערנען אין חדר, האָט דאָס נתן חיים דערפילט. טאָג נאָך טאָג, נאָכן אָפּדאַווענען אין בית מדרש, זענען שבתי מלמד׳ס תלמידים אַוועק צו וועלוועלע ביק אין האלב־איינגעפאלענעם שטיבל, זיך פונדעווען פרישע זיידעלעך און באָבעלעך, וואָס די ביקעכע, א יידענע, ווי אן איבערגעיוירן טייג, פלעגט באקן פון רעטשענע מעל און וועלוועלע, א רונדיק יידעלע אין אַכצן קאַפּאָטעס, א פלינקס, א זשוואַוועס, מיט א קאָלירלאָז קאָזשע־בערדל, פלעגט זיי ארומטראָגן צו פארקויפן אין א גרויסער, שווארצער בלעך, איבערגעדעקט מיט א בארג מעל־זעק, שרייענדיק אין קאַלטן, כמורנעם פרימאָרגן אריין:

— הייסע באָבעלעך, זיידעלעך, קויפטס!

נאָר אָנשטאָט קויפן די האלב־אָפּגעקילטע סחורה ביים ארומלויפנדיקן יידעלע, זענען שבתי מלמד׳ס תלמידים בעסער אַוועק צו אים אהיים, זיך אויסגעזעצט ביים נאקעטן, האָלצערנעם טיש, ווי דערוואַקסענע לייט און די ביקעכע, א פאַרשמייעטע צוליב די סך קונים, אן אויסגעמעליקטע, האָט גיך געבומען מיט זשעפּאַק־אייל אונטערשמירן פון זייערטוועגן פלאכע פענדלעך און טיפע קוגל־שערבלעך, זיי אָנפילן מיט שיטערע ראָשטשינע און זיי אריינגערוקט אין אויסגעפלאַמטן אויוון, וואָס האָט באלויכטן זי און דאָס ווינטערדיק פארכמורעטע שטיבל מיט א רויטלעכן, לוסטיקן שיין.

באלד האָט דער אייל אין די פענדלעך גענומען קנאַקן און זידן און א מחיה׳דיקער ריח האָט זיך צעשפּרייט איבער דעם נידעריקן שטיבל. ביי די הונגעריקע יינגלעך האָבן די מיילער גענומען וואַסערן. פריילעכע, אומרואיקע האָבן זיי זיך געשטויסן, געטומלט, זיך געשלאָגן מיט די סידור׳ימלעך איבער די קעפּ ביז, ענדלעך, די ביקעכע, א פאררויטלטע פון אויוון־אוועק, האָט לעבן זיי צעשטעלט טעלער און מיטן פארטוך גענומען צוברעגגען און איבערקערן אין די טעלער אריין, די ברייענדיקע בעקעלעך און קוגל־שערבעלעך פון וואנען ס׳זענען ארויסגעפאלן פעטע, אויסגע־

ברוינטע, פלאַכע זיידעלעך און הויכע, רונדיקע באַבעלעך אויף וועלכע דער זודיקער אייל האָט זיך נאָך געבלעזלט און די בלעזלעך, ווי קליינע באַלאָנדלעך, האָבן געשימערירט מיט אלע פארבן פון א רעגן־בויגן.

נאָר בעת די יינגלעך האָבן אינעווייניק געשלונגען די הייסע, באַ־טעמ׳טע זיידעלעך און באַבעלעך און פון גרויס הנאה געוואָרן צעפלאַמט און געקראָגן רויטע באַקן, איז נתן חיים געשטאַנען אין קאַלטן דרויסן, הינטער דעם האלב אײַנגעזונקענעם פענצטערל, ווי אן ארויסגעוואָרפן הינטל און געשלונגען די אייגענע, ניכטערנע סלינע.

און נישט נאָר אינדערפרי, אויך בייטאָג, אין חדר, האָט נתן חיים מקנא געווען די אנדערע יינגלעך. זיין מאַמע האָט אים קיינמאָל נישט געברענגט קיין שיטער איי מיט פריש ברויט מיט פּוטער און קריגעלעך קאַווע מיט שמאנט, ווי אנדערע מאַמעס אָדער דינסט־מיידלעך האָבן געברענגט די אנדערע יינגלעך אויף ווארעמעס אין חדר אריין. מער ווי א שטיקל אלט־געבאַקן, שווארץ ברויט אָנגעריבן מיט א ציינדל קנאָבל, אָדער באַשמירט מיט א ביסל אייל און באַזאַלצן מיט זאַלץ, האָט אים די מאַמע נישט געהאַט צו געבן.

אָבער מער פון אלץ איז נתן חיים געווען באַזאָרגט וואָס ער וועט נישט האָבן אויף דער סעודה, וואָס דאָס חדר מאַכט יעדן פאר פּסח, ווען מ׳הערט אויף צו לערנען ביינאַכט.

ווי יעדעס יינגל, האָט נתן חיים אלעמאָל געהאָפט צו לערנען אין א חדר, וואָס מאַכט סעודות. ביז איצט האָט ער אזא זכיה נישט געהאַט. פּסח איז געווען א דרדקי־מלמד. אויך ביי לייבל וואַטע־מאַכער זענען די תלמידים געווען צו קליין. שבתי מלמד האָט אָבער געהאַט א חדר פון סאַמע גמרא־בחורים, צען און עלף־יאָריקע יינגען! זיין חדר האָט דעריבער קיינ־מאָל נישט פאַרפעלט צו מאַכן א סעודה לכבוד דעם אויפהערן לערנען ביינאַכט. שוין אין מיטן ווינטער האָבן די יינגלעך אָנגעהויבן צו זאַמלען ביים רבין צווייערס ביז אויף יעדנס חשבון האָט זיך אָנגעקליבן א פער־ציקער. א וואָך־פריער האָט זיך שוין די רביצן געפּאָרעט מיטן קויפן און גרייטן און אין טאָג פון דער סעודה האָט זי געקאָכט און געבאַקן, ווי אין ערב יום־טוב. פאַרנאַכט האָבן די יינגלעך געדווענט אין חדר מנחה־מעריב מיט מנין. כאָטש אין חדר זענען געווען פּאָטערס, וואָס זענען געקומען קלייבן נחת, איז א יינגל געווען דער בעל תפילה און די יידן מיט די בערד האָבן נאָר געזאָגט ברוך הוא וברוך שמו, אמן, פונקט, ווי זיי זאָגן נאָך דעם חזן אין בית מדרש. דערנאָך האָט מען אָנגעצונדן דעם גרויסן לאָמפּ, געדעקט דעם טיש מיט א ווייס טישטוך און געשטעלט לייכטער מיט גע־צונדענע ליכט, ווי שבת. דער רבי, כאָטש ער האָט ביי דער סעודה גאָרנישט טועם געווען, מ׳זאָל נישט זאָגן: ער מאַכט די סעודה, כדי צו האָבן א גוטע

וועטשערע, האָט אָנגעטאָן די אַטלאַסענע קאַפּאָטע מיטן סאַמעטענעם היטל און זיך געזעצט צום טיש, אויבן אָן. איןביידע זייטן האָבן זיך אויסגעזעצט די תּלמידים, שטילע, דרך־ארץ׳דיקע, ווי טאַטעס און ווי טאַטעס האָבן זיי נאָך יעדן מאכל, וואָס די רביצין האָט דערלאַנגט, געזונגען זמירות, וואָס שבתי מלמד האָט אָנגעוויזן, אַשטייגער ווי אַ קאַפּעל־מייסטער זיין קאַפּעלע. אָט האָט איין ייִנגל אויפגעזונגען אַ מאָדזשיצער ניגון. באַלד האָט ער אַן אַנדערן אויפגערופן צו זינגען אַ שטיקעלע „אָז ישיר" און אַ דריטער האָט גאָר געזונגען דעם מאָדזשיצער׳ס „על זאת שיבחו אהובים".

וואָס־זשע וועט ער, נתן חיים, טאָן? ווו וועט ער נעמען אַ פּערציקער צו קאָנען זיין אויף דער סעודה? דער טאַטע וועט דאָך אים נישט געבן. נאָך איידער וואָס־ווען, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז פאַר אַ פּערציקער קאָן די מאַמע אָפּקאָכן צוויי וועטשערעס פאַר דער גאַנצער שטוב. אמת, ער ווייסט, דער רבי האָט בפירוש געזאָגט, אַז ייִנגלעך, וואָס קאָנען נישט צו־שטייערגעבן, וועלן אויך קאָנען זיין אויף דער סעודה. ווייל ער אָבער נישט זיין דער איינציקער אויסנאַם, בפרט אַז דאָס האָט טאַקע דער רבי געמיינט אים, וואָרום ער זעט דאָך, אַז אַלע ייִנגלעך זאַמלען געלט אויף דער סעודה, נאָר ער איינער האָט נישט וואָס צו זאַמלען. וואָס־זשע זאָל ער טאָן? פון טאַטנס טייסטערל וועט ער נישט רירן. פאַרקויפן עפּעס פון שטוב וועט ער אויך מער נישט. ער געדענקט נאָך די מעשה מיטן גיין פאַרקויפן די שטיוול. ביי דער מאַמען וואָלט ער אַפילו יאָ זיך אונטער־געשטעלט עפּעס אַרויסצוציען, האָט זי אָבער תּמיד אַ ליידיקע קעשענע.

וואָס נעענטער צו פּסח אַלץ טרויעריקער איז נתן חיים געוואָרן. ער האָט אַפילו געטראַכט פּורים זיך צו פאַרשטעלן מיט אברהם יאַנקלען אַלס פּורים־שפּילער. האָט ער אָבער מורא פאַרן טאַטן. ער געדענקט נאָך ווי דער טאַטע האָט פאַראַיאָרן צעריסן די מאַסקעס מיט די הויכע היטלען, וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט פון גרין פּאַפּיר מיט גאָלדענע מגן־דוד׳לעך. דער טאַטע זאָגט, ער וויל נישט זיינע ייִנגלעך זאָלן אַרומגיין ווי פּורים־שפּילער איבער די הייזער קלייבן נדבות. אויך פון שלח־מנות געלט קאָן ער גאָרנישט האָבן. אַ העלפט קומט אברהם יאַנקלען. די אַנדערע העלפט נעמט דער טאַטע צו ווי אַ צושטייער אויף די שטיוועלעך, וואָס ער קלייבט זיך אים צו לאָזן אונטערנייען אויף פּסח. סיידן ער זאָל פאַרדינען געלט דער טאַטע זאָל דערפון נישט וויסן. אָבער ביי וואָס קאָן ער, נתן חיים, פאַרדינען? אפשר ביי כאַפּיראָסן?

דער איינפאַל איז נתן חיים׳ען געקומען פאַרבייגייענדיק לייזער פּאַפּי־ראָשניק׳ס פענצטער. ווי זיין טבע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צוגעלייגט ס׳פּנים מיטן נעזל האַרט צו דער שויב און לאַנג געגאַפּיעט דורכן שמאָלן שפּעלטעלע, צווישן די פאַרצויגענע פויערהענגלעך.

אינוווייניק, ביי אַ נאַקעטן טיש, איז געזעסן לייזער פּאַפּיראָשניק, אַ ייד מיט אַ שיטערער, גרויליכער באָרד, אַ בלאַסער, מיט איינגעפאַלענע באַקן, ווי ביי אַ סוכאָטניק. אויפן טיש, ביי זיין רעכטער האַנט, איז געווען אַ בערגל מיט ברוין־גאָלדענעם טיטון, ביי דער לינקער — אַ שטויס מיט ווייסע גילזעס, אין מיטן — אַ הויפן פריש־אָנגעשטופּטע, נאָך נישט באַ־שוירענע פּאַפּיראָסן.

ווי אַן אומרו פון אַ זייגער האָט זיך דער דאַרער, בלייכער ייד, מיט דער גרויער באָרד געוויגט הין און צוריק צווישן די אָנגעוואָרפענע בערג־לעך. זיינע שמאָלע, ביינעריקע הענט, זענען אַרומגעלאָפן איבערן טיש ווי צוויי ווייסע, אומרואיקע, פיל־פינגערדיקע באַשעפענישן. אָט האָבן די דינע פינגער אַ כאַפּ געטאָן אַ הויפעלע טיטון, געטאָן מיט דעם אַ פּיל אָן דאָס גלאַנציק־מעשענע רערעלע, וואָס איז צעעפנט אין דער העלפט, ווי אַן אייביק הונגעריק מויל, עס גיך פאַרמאַכט, געטאָן אַ שאַר אָפּ די נאָכהענגענדיקע צויטלעך, אַ כאַפּ אַ גילז, אַ שטעל־צו דאָס רעדעלע, אַ שטופּ מיטן אייזערנעם שטופּערל און שוין פאַלט אויפן הויפן נאָך אַ פּאַפּיראָס און אַזוי איינער נאָכן אַנדערן, אָן אַ סוף און אָן אַ אָפּשטעל!

נתן חיים האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט אויך געקאָנט מאַכן אַזוינע פּאַפּיראָסן. אַלץ וואָס ער דאַרף איז אַ קעסטעלע מיט גילזן. אַ מאַשינקעלע וועט ער קאָנען לייען ביי זרח בעקער, וואָס שטופּט זיך אַליין אָן פּאַפּיראָסן צום רויכערן. טיטון דאַרף ער לחלוטין נישט קויפן. אין פּאַטשט, אויף דער פּאָדלאָגע און אין די זאַמד־קעסטלעך, וואָס אויף אַריינצושפּייען, וואַלגערן זיך בערג מיט האַלב אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן, וואָס די טשיגאָווניקעס וואַרפן אַוועק. ער מיט באַלעקן וועלן די פּאַפּיראָסן אויפ־קלייבן, זיי איבערשיטן, וועט ער האָבן גענוג טיטון. און פאַרקויפן די פּאַפּיראָסן וועט אויך נישט זיין שווער. אַז ער וועט געבן דריי פּאַפּיראָסן פאַר אַ גראָשן, וועט מען ביי אים גיכער קויפן איידער ביי לייזער פּאַפּי־ראָשניק, וואָס גיט נאָר צוויי פאַר אַ גראָשן.

ווי תמיד איז אויך איצט ביי נתן חיימען געווען גערעדט און געטאָן. ווידער האָט מען געזען די צוויי חברים׳לעך, שטאַרק פאַרטאָענע, זיך טראָגן איבערן מאָדזשיצער מאַרק. נתן חיים, אין לאַנגן פּאַלטן, מיט די צעפלויגענע פּאָלעס און פאַרדרייטן קאַשקעט פאַראויס און באַלעק, אין באַראַנקאָוון ווינטער־היטל, מיט אַ רויט, נאַס נעזל, אין פראַנטשישעקל׳ס סוויטקע, מיט די לאַנגע אַרבל — הינטער אים.

קיינער זאָל נישט אַריינקוקן און נישט זען דעם באַרג מיט האַלב־אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן, וואָס זיי האָבן אָנגעשלעפּט און אויפגעשאָטן אויף דער פראַנטשישקאָוועס איבערגעקערטער באַליע, האָבן זיי, פּונקט ווי דער פּאַפּיראָשניק, צונויפגערוקט די פויערהענגלעך פון פענצטערל

און פונקט ווי דער אויסגעבליכטער ייד, האָט נתן חיים גענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און געמאַכט אַ שפריי־רעגן איבערן בערגעלע אויסגעשיילטן טיטון, וואָס איז געווען פול מיט אַש און שטיקלעך האַלב־פאַרברענטע גילזן.

— און צו וואָס שפּריצסטו? — האָט באַלעק אין גרויס חידוש געפרעגט.

— דער פּאַפּיראָשניק טוט אויך אַזוי, — האָט נתן חיים אומגעדול־דיק אים געענטפערט, און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

נאָכן אָנשטאָפּן די ערשטע פּאַפּיראָסן, האָבן די שותפים קודם זיי אַליין פאַררויכערט. מעשה דערוואַקסענע, האָבן זיי זיך באַמיט צו פאַר־ציען דעם רויך און אים אַרויסלאָזן דורך דער נאָז. זיי האָבן זיך אָבער שטאַרק פאַרהוסט און אַוועקגעוואָרפן די פּאַפּיראָסן.

שפּעטער, האָבנדיק אָנגעשטאָפּט אַ היבש בערגעלע מיט פּאַפּיראָסן, האָבן זיך די צוויי לייט אַרויסגעלאָזט אין מאַרק זוכן קונים. דער ערשטער קינד זייערער איז געווען אַ קליין גוי׳קעלע מיט גרויסע, אָפּגעבליאַקע־ווטע וואָנסעס. ער איז געשטאַנען אין כמורנעם, ווינטערדיקן דרויסן, לעבן אַ פאַרלאָזט שטעלכל פון אַ חזיר׳ניק. דאָס גוי׳קעלע, אין אַ שמוישן היטל איבער די אויערן, אין אַן אַלט, פאַרדאַרט פעלצל מיט אַ ברייטן, לעדערנעם רימען אַרומגעגאַרטלט, איז געשטאַנען מיט אַ בלאַנקער האַק אונטערן אָרעם און געהיט דעם מאַרק, טאָמער וועט אים עמעץ רופן צעהאַקן אַ פורל האָלץ, ער זאָל האָבן מיט־אַהיים־צו־קויפן אַ הערינג, אַ קוואַטירל נאַפט, אַ האַלב ברויט.

— טשלאָוויעקו — האָט נתן חיים אים שטילערהייט איינגערוימט, ווי ער וואָלט זיך געהיט עמעץ זאָל זיך חלילה נישט אונטערהערן, אַז ער טוט געשעפט אָן אַן אַקציז, — פּאַפּיראָסן קויפּסטו?

דאָס גוי׳קעלע האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר קליינע, וואַסער־דיק־גרויע, פאַרדעכטיקטע אייגעלעך:

— פּאַפּיראָסן? — האָט ער איבערגעפרעגט, — אַנו, ווייז!

נתן חיים האָט פּאַוואָליע אַרויסגענומען דאָס פּויסטעלע פון קעשענע. אָנשטאָט פּאַפּיראָסן, האָט ער געהאַלטן האַלב־ליידיקע גילזן אין האַנט. דער אַלטער צעדריוולטער טיטון, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט צונויפ־האַלטן, איז געווען אויסגעשאָטן.

— אָט אַן אָפּנאַרער! — האָט דאָס גוי׳קעלע געזאָגט, — שוין רוף איך דעם סטראַזשניק!

דערשראָקן אויף טויט, האָבן די צוויי חברים׳לעך גענומען לויפן מיט אַלע כוחות. ערשט ביי קאַזשמינסקין אויפן הויף, זענען זיי געבליבן שטיין, אָפּגעיאָגטע, ווי אָן אָטעם.

— אין וואָס עט מ׳איצט טיען? — האָט באַלעק זיך געגומען שיבערן אין גרויס זאָרג.

— מ׳דאַרף נייעם טיטון. — האָט נתן חיים טרויעריק געזאָגט. — דער אַלטער שיט זיך אויס.

— אין ווי עסטי נעמען נייעם טיטון?

אָט וועגן דעם האָט דאָס נתן חיים איצט געטראַכט. נאָר לאַנג טראַכטן האָט ער נישט געדאַרפט. ער האָט זיך דערמאָנט, אז פאר טוביה בראָזנבערגס סקלאַד שטייען תמיד קאַסטנס מיט אַלערליי סחורות. די קאַסטנס זענען אַזוי שיטער צונויפגעקלאַפּט, אַז ייִנגלשע הענטלעך קאָנען גרינג אַריין צווישן די ברעטלעך. קיין גאַנצע פּעקלעך טיטון קאָן מען טאַקע נישט אַרויסשלעפּן, אָבער לעכערן די פּאַפּירענע פּעקלעך און אַרויסקריגן הויפנס טיטון, קאָן מען גאַנץ לייכט.

נתן חיים האָט זיך קוים דערוואַרט אויף מאָרגן. ווי אַלעמאָל האָט שוין באַלעק אויף אים געוואַרט און ווי נאָר ער האָט אָפּגעלערנט די גמרא, האָט ער זיך שטיל אַרויסגעמאַכט פון חדר און היידאַ צו טוביה בראָזנבערגס סקלאַד. די צוויי פאַרשווינדלעך האָבן זיך דאָרטן אַזוי ממזריש אוועקגעשטעלט לעבן אַ קאַסטן, אז עס האָט זיך געדאַכט זיי שטייען כלומרשט אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעלעך, אַ שטייגער ווי זיי וואָלטן געשטאַנען לעבן אַן אויוון און זיך געוואַרעמט. די הענטלעך זייערע זענען אָבער הינטערוויילעכטס געווען שטאַרק באַשעפטיקט אין גראַבלען צווישן די ווייכע פּעקלעך און שלעפּן דעם טיטון צו זיך אין די קעשענקעלעך אַריין. אָט, נאָך אַביסעלע און נאָך אַביסעלע און זיי וועלן האָבן גענוג טיטון אָנצושטאָפּן ס׳גאַנצע קעסטעלע גילזן. איצט וועלן זיי שוין קאָנען פאַר־קויפן אמתע פּאַפּיראָסן, צוגלייך מיט לייזער פּאַפּיראָשניק! פון בלויזן טראַכטן איז נתן חיים׳ען געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. נישט נאָר אַ פּערציקער אויף דער סעודה. ער וועט האָבן גענוג געלט אויף שטיוול פאַר באַלעקן. אַ רחמנות, אפילו איצט, ווינטער, גייט באַלעק באָרוועס!

ווי אַלעמאָל איז אים אין מיטן דער ליכטיקייט געוואָרן פּלוצים פינצ־טער. ער האָט דערפילט אַ קלעם אין אָרעם און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט האָט ער געכאַפּט אַ פּלאַם אין פּנים אַריין.

עס איז געווען מיכאל, טוביה בראָזנבערגס משרת, אַ ייִד מיט פאַר־שטויבטע שטיוול און אַ פאַרשטויבטער באָרד, חצי טרעגער און האַלבער פאַרקויפער:

— אַזוי גאָר? — האָט דער ייִד געשאָקלט מיטן פאַרשטויבטן קאָפּ, — ירמע דוד׳ס קדישל גנב׳עט גאָר טיטון? קים שוין מיט מיר צים טאַטן, — האָט ער אַ שלעפּ געטאָן דאָס ייִנגל ביי דער האַנט, וואָס האָט נאָך געהאַלטן אַביסעלע טיטון צווישן די פינגער.

אַרום סקלאַד איז דערווייל אָנגעשטאַנען אַ קרענצל פון דורכגייער. עמעץ האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך באַלעקן און ווי שטענדיק, דאָס פלינקע, באַרווּיסע שגצ׳ל נישט געכאַפּט. דערפאַר אָבער האָט דער ייד מיט גרויס פּאַראַד געפירט נתן חיים׳ען און דאָס קרענצל נייגעריקע לייט זענען מיט־געגאַנגען, ווי אויף אַ בייז וווּנדער.

צום גליק איז יערמע דוד נישט געווען אינדערהיים און חנה לאה, דערהערענדיק וואָס דאָ איז געשען, האָט זיך שוין גענומען צאַפּלען דער ייד זאָל חלילה נישט איבערגעבן ס׳יינגל דעם פאָטער אין די הענט אַריין, וואָרום אויף דער הייסער מינוט קאָן ער אים נאָך חלילה ממיתן!

— ווייסט עץ וואָס? — האָט זי זיך געבעטן ביים ייד, — קימטס מיט אים אַראָאַן צו זאַאַן רבין. גלייבטס מיר, שבתי וועט אים שוין באַצאָלן פאַרן טאַטן אויך.

ערשט איצט האָט זיך נתן חיים זיך גענומען ראַנגלען זיך אַרויס־צורייסן פון דעם יידס געזונטע הענט. נישט מחמת מורא פאַר קלעפּ. שבתי שלאָגט נישט קיין יינגלעך. ער וויל בעסער געשלאָגן ווערן פון טאַטן, איידער אויסשטיין די בושה פון אַריינגעבערענגט ווערן אין חדר, אָט אַזוי אָ, ווי אַ גנב:

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט דאָס יינגל זיך געאַמפּערט מיט דעם געזונטן ייד.

— שוין איינמאָל א פויגל, — האָט דער ייד, שלאָגנדיק נתן חיים׳ען איבער די הענט, געזאָגט צו דער בלאַסער, נאָכגייענדיקער מאַמען.

ביי שבתי׳ן אין חדר האָט דאָס אַריינקומען פון דער אומגעווּיינלעכער פּראָצעסיע אָנגעמאַכט אַ רעש. די יינגלעך האָבן אויפגעהערט צו לערנען און געבליבן מיט אָפענע מיילער און אַרויסגעלייגטע אויגן. די אַנדערע תלמידים, וואָס האָבן גראָד נישט געלערנט, האָבן זיך געטאָן אַ לאָז צו דער טיר. שבתי האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. בטבע אַ געלאַסענער, האָט ער קודם פאַרבעטן דעם ייד און די פאַרצוגטע מאמע, זיי זאָלן זיצן. דערנאָך האָט ער אַרויסגעשיקט די תלמידים פון חדר. ס׳גלייכער יינגלעך זאָלן נישט הערן אַזוינע מעשות. אויך נתן חיים׳ען האָט ער אַרויסגעשיקט דרויסן. אַז מ׳וועט דאָס יינגל דאָ נישט האַלטן ווי אַן אַרעסטאַנט, וועלן די יינגלעך נישט שטיין הינטערן פענצטער און דווקא וועלן דערגיין, וואָס אַזוינס עס איז געשען. נאָך דעם אַלעם האָט ער רואיק אויסגעהערט, וואָס דער ייד האָט געהאַט צו דערציילן:

— ני, — האָט ער נאָכן אויסהערן די מעשה, אַ זאָג געטאָן צום ייד, — יעך על שוין דעם ענין חוקר ודורש זאַאַן. קאַ גנבה איז עס חלילה נישט. בלויז יינגלשער שטות!

אַ גאַנצן טאָג האָט שבתי קיין וואָרט נישט גערעדט וועגן דעם

געשעעניש. ערשט ביינאַכט, נאָכן אָפּלאָזן ס׳חדר אַהיים, האָט ער צוגע־רופן נתן חיימען, אים געהייסן זיך זעצן און אים גענומען אויספרעגן.

נתן חיים איז אָבער געזעסן שטום ווי די וואנט, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער וואָלט פאַר ליבער גענומען דעם טאַטנס שלאָגן איידער דעם רבינס שטילע, ווייכע רייד.

— נתן חיים, יעך רעד דאָך צו דיר, — האָט שבתי מלמד אַ בלאָסער, אַ געדולדיקער אים דערמאָנט.

אַנשטאָט ענטפערן האָט זיך נתן חיים צעוויינט. דאָס איז נישט געווען קיין וויינען פון עפּעס אַ קאַפּריזנע קינד. דאָס איז געווען אַ כליפּען פון אַ דערוואַקסענעם, וואָס האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז וואָס ער זאָל נישט נעמען טאָן, זענען די שטרויכלונגען שטאַרקער פון אים. ערשט נאָכן גוט אָפּהעשען זיך, זעענדיק, אַז דער רבי וואַרט געדולדיק אויף אַ תשובה, האָט ער מיט אַ פאַרשטיקט, שולדיק קול געזאָגט:

— יעך האָב געוואָלט האָבן געלט אָף דער סעודה!

— טיט מ׳אַזאַ זאַך? — האָט שבתי מלמד אים אונטערגעהויבן ס׳פאַרוויינטע פּנים און אים שאַרף געקוקט אין די אויגן אַריין. — יעך האָב דאָך בפירוש געזאָגט, אַז ווער ס׳קען נישט צושטייער געבן וועט אויך קענען זיין אָף דער סעודה!

— יעך וויל נישט זאָגן קאַ שנאָרער! — האָט נתן חיים שטיל, אָבער דעצעדירט געזאָגט.

שבתי מלמד איז געבליבן אָן לשון. אוודאי ווייסט ער, אַז ס׳איז נישט רעכט אַזוי, אַז עס דאַרף נישט זיין קיין מיין און דיין אין אַ חברותא. אָבער ווי קאָן ער אַזוינס דערקלערן דעם ייִנגל, אַז ער אַליין און זיין גאַנץ בני בית, כאָטש אַלע אַרבעטן זיך אָן ביי דער סעודה, זענען נישט טועם קיין כזית, כדי קיינער זאָל נישט זאָגן, אַז שבתי מיט דער משפחה האָבן אַ גוטע וועטשערע אויפן חשבון פון חדר!

— פינדעסטוועגן. טיט מ׳אַזאַ זאַך? — האָט שבתי מלמד זיך דער־מאָנט. נאָכן לאַנגן שוויגן איבערצופרעגן דעם תלמיד.

— כ׳על שוין נישט מער, רבי. — האָט נתן חיים אַ שולדיקער געהעשעט.

אויך שבתי מלמד האָט ביי זיך אין האַרץ געזאָגט: כ׳על שוין נישט מער!״ מער וועט ער קיין סעודות נישט מאַכן און נישט שטעלן מער אָרעמע קינדער פאַר קיין נסיון.

קאַפּיטל דריי־און־דרייסיק

נאָך איידער מאַדזשיץ האָט רעכט באַנומען, וואָס דאָס איז אַ קאָנס־טיטוציע, איז שוין געווען אויס מיט דער שמחה. עפּעס האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר וואָס איז געווען אַ חתונה, אָרעמע קרובים האָבן זיך געפרייט, יינגוואַרג האָט געטאַנצט, נאָר פּלוצים האָט ערגעץ ווו אַ בייזער מחותן חרטה געהאַט אויפן שידוך און שוין, אויס חתונה, אויס שמחה, א סוף צו דער קאָנסטיטוציע!

ווי איבערגעבאַכט איז די שטאָט געוואָרן צוריק גרוי און וואָכעדיק. דאָס יום־טובֿ׳דיקע פּאַראַדירן איבערן שאָסיי, אַזוי פראַנק און פריי, האָט מיט איינמאָל אויפגעהערט. אַנשטאָט פריילעך יינגוואַרג מיט שטעקעלעך אין די הענט, האָבן גאָר פּאַראַדירט בייזע זשאַנדאַרן אין לאַנגע שינעלן מיט נאָך לענגערע שווערדן און שווערע פּיסטוילן. עס האָבן זיך אויך קריק געיאָוועט די זעלנערישע פּאַטרולן מיט געלאָדענע ביקסן אויף די אַקסלען און קאָזאַקן מיט שווערע, בליי־באַשלאָגענע נאַגייקעס. ווי לויערנדיקע הינט, אַנגערייצטע, בייזע האָבן זיי געשניפּט מיט די פּאָנישע נעז אין יעדן געסעלע, אין יעדער שטוב, אין יעדן ווינקל. ווי נאָר דריי מענטשן האָבן צוזאַמען אַ וואָרט אויסגערעדט, זענען זיי באַלד אויסגעוואַקסן מיט זייער רציחה׳דיקן: „ראַזאַידיס!" און זיי האָבן נישט געוואַרט מען זאָל זיי פאָלגן און זיך צעגיין, נאָר גלייך האָבן זיי גענומען ציען מיט די בליי־באַשלאָגענע נאַגייקעס איבער די קעפּ, איבער פּלייצעס, וועמען נאָר זיי האָבן געגרייכט.

עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס שמייסן זעלנער, פּאַר אַ ליאַדע קלייניקייט האָבן קאָזאַקן זיי געשלעפּט אויף קאָזשמינסקיס הויף, צום קאָזאַקן־אָפיציר און זיי האָבן דאָרטן געשמיסן מיט ריטער איבערן הוילן לייב. זייערע געשרייען האָבן געגליווערט דאָס בלוט. אין אַ סך שטעט האָבן אויפסניי אויסגעבראָכן פּאָגראָמען. איבערגעטאָענע זשאַנדאַרן און מיליטער־לייט האָבן ראַבירט געשעפטן און געהרג׳עט. לאָזנדיק נאָך זיך פיל טויטע. אין וואַרשע, האָט מען געשמועסט, זענען אָנגעגאַנגען שיסע־רייען אין די גאַסן און די תּפיסות זענען געווען פול מיט אַרעסטירטע.

הערנדיק וואָס אויף דער וועלט טוט זיך אַלץ אָפּ, האָבן מאַדזשיצער לייט שטילערהייט צווישן זיך געמורמלט:

— וואָס דען האָבן זיי געמיינט, די ווילע יינגען? דער רוסישער

קיסר איז עפּעס אַ נעבעכל? ער וועט זיך לאָזן קריכן אויפן קאָפּ?

און די מייַנסטערס האָבן גאָר צוריקגעקראָגן ס׳פּאַרלוירענע לשון:

— ניי? אָפּגעטאַנצט! — האָבן זיי מיט צופרידנקייט באַגעגנט די געזעלן זייערע, וואָס זענען צוריקגעקומען צו דער אַרבעט.

און די געזעלן האָבן געשוויגן. זיי האָבן אויך מער נישט געקוקט אויף קיין זייגערלעך ווען אויפצוהערן, נאָר זענען, ווי אַמאָל, געזעסן ביי די וואַרשטאַטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. מיט איין חילוק בלויז וואָס פריער, איידער די אומרוען זענען אָנגעשטאַנען, האָבן זיי געזונגען ביי דער אַרבעט און געטריבן חלצלעך צוזאַמען מיט די מייַנסטערס, בעת איצט זענען זיי געזעסן שטילע, שווייַגענדיקע, אָפּטמאָל שווייַגענדיק ביז פאַרלעכקייט.

גאָר שווער האָט זיך די וויסטע, נאָגענדיקע וואַכעדיקייט אַראָפּ־געלאָזט אויף די שטובן, וווּ עס זענען געווען די אַראָפּגעקומענע זינדלעך און טעכטערלעך. נאָך די לאַנגע יום טוב טעג פון פוסט און פאַסט פּאַראַ־דירן איבערן שאָסיי, האָבן די טאַטעס און מאַמעס מיטאַיינמאָל דערפילט די לאַסט פון די קינדערס יידיק אַרומגיין. כל זמן אין דער לופט האָט געפלאַטערט אַן אומבאַשטימטע האָפנונג, אַ ליכטיקע דערוואַרטונג אויף עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳האָט זיך נישט געקאָנט קלאָר־מאַכן וואָס דאָס איז, האָבן די אָרעמע יידן געקוקט מיט עקזאַלטירקייט, מיט אַ מין שיכרות אין די אויגן, אויף אַלץ, וואָס דאָ שפּילט זיך אַזוי פראַנק און פריי אָפּ אין מיטן מאַרק. זיי איז גאָרנישט אייַנגעפאַלן צו פרעגן: „וואָס וועט אַרויסקומען פון דער מאַרשירן?” אדרבא, די אָרעמע טאַטע־מאַמע זענען גאָר געוואָרן אַ צד אין דעם פאַרשיכורנדיקן שפּיל. ס׳האָט זיי הנאה געטאָן, וואָס זייערע זין און טעכטער, וואָס ערשט נעכטן זענען זיי אַרומגעלאָפן באָרוועסע, אָפּגעריסענע, זענען מיט איינמאָל, אַראָפּקומענדיק פון די גרויסע שטעט, געוואָרן די באַלעבאַטים אין שטאָט און מאַדזשיצער שיינע יידן חנפענען זיך צו זיי, טראָגן זיי אַקעגן דעם ברייטן גוט־מאָרגן. אין דער עקזאַלטירטקייט האָבן די אָרעמע מענטשן גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם דלות, וואָס צעלייגט זיך אַזוי ברחבה׳דיק אין זייערע שטובן, אָט ווי עס טראַכטן נישט אָרעמע פריילעכע קבצנים אום יום־טוב, וואָס אויף מאָרגן, נאָך יום־טוב וועט זיין.

איצט אָבער, מיט דעם אומגעריכטן קער, וואָס איז פּלוצים אָנגעשטאַנען, האָבן די טאַטעס און מאַמעס מיטאַיינמאָל דערפילט ווי שווער זיי פאַלט די קינדערס יידיק אַרומגיין און זיי האָבן אָנגעהויבן פרעגן די זין און טעכטער:

— וואָס עט זאַאַן דער תכלית? וויפל איז דער שיעור? אַ תהום נעמט זיך דאָך אויך אויס?

דערצו נאָך איז מיט יעדן טאָג געשטיגן דער פחד פאַר די נעכט. אין בעסטן מיטן שלאָף זענען די זשאַנדאַרן געקומען בודק חמץ זיין. יעדן פרימאָרגן האָט מען געקאָנט זען אנדערע טאטע־מאמע, נישט אויסגעשלאָפענע, מיט פאַרבראָכענע הענט אַרומלויפן פאַרלוירענע און קלאָגן:

— ער האָט זיך דאָך גאָרנישט געמישט! ער איז דאָך גאָרנישט שולדיק!

אין די מערסטע פאַלן איז עס טאַקע אמת געווען. אין זייער געיעג נאָך ייִנגוואַרג, האָבן די זשאַנדאַרן פאַרנומען וועמען נאָר זיי האָבן געפונען. און געפונען האָבן זיי מערסטנס אַזוינע, וואָס האָבן זיך אין דער חתונה ווינציק געמישט און דעריבער זיך נישט אויסבאַהאַלטן. זייענדיק זיכער, אַז נישט זיי מיינט מען, זענען זיי געבליבן שלאָפן אין דער היים און אַזוי אַרום אַריינגעפאַלן צו די זשאַנדאַרן, בעת די אמתע רעדלפירער האָבן באַצייטנס עוקר געווען, זיך פארשטעקט אין שטאַלן, אויף בוידעמס, אין פאַרלאָזענע חורבות, וואָס קיינעם וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן דאָרטן צו זוכן. דעם איינציקן פון די העכט, וואָס זיי האָבן יאָ געפאַקט, איז געווען יעקב הערשעלע, משה לייזערס זינדל. אין אַ גרויען פרימאָרגן האָט מען געזען ווי זיי פירן אים ארויס פון קאנצעליאר, א בלאַסן, אין ברייטן, שוואַרצן קאַפעליוש, מיט אַ פּאָר קייטעלעך אויף די הענט, זעצן אים אויף א דראָשקע, ווי א חתן, מיט צוויי זשאנדארן פוןביידע זייטן ווי א באגלייטער און היידא! אוועק אין פעסטונג אריין צום זשאַנדאַרמעריע־נאַטשאַלניק.

מאָדזשיצער לייט זענען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ. פון איין זייט האָבן טאטעס און מאמעס געציטערט, וואָס די זין און טעכטער זענען איבערהיים, בפרט, ווען דער ביסן אין מויל אריין איז, צוליב דעם לאנגן יום טוב פון גאָרנישט טאָן, געוואָרן קארג. פון דער אנדערער זייט האָבן זיי אָבער מורא געהאט די קינדער זאָלן אוועק. ווו זאָלן זיי גיין? אין די גרויסע שטעט טוט זיך חושך! מ׳אַרעסטירט אין מיטן גאַס און וואָס צו טאָן איז נישטאָ. אפילו די פאבריקן, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו גיין, האָבן, צוליב די ארעסטן און די נייע סטרייקן, ווידער זיך אָפּגעשטעלט. דאָך האָט ס׳ייִנגוואַרג עוקר געווען פון שטאָט. ווי נאָר ס׳איז פינצטער געוואָרן, האָבן איינזאַמע שאָטנס זיך אַרויסגעשלייכט פון פעדערהייזער, פון פארלאָזענע קאמערן און אוועקגעשפאנט און דער אומהיימלעכער נאַכט אַריין.

אויך צו יערמע דודן איז מען געקומען זוכן. אין מיטן דער נאַכט האָט מען פלוצים דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר און אַ רייסן די לאָדנס. דערשראָקענע האָט ס׳גאַנצע הויז־געזינד זיך געטאָן אַ זעץ אויף אין די בעטן. יערמע דוד, א באָרוויסער, אין די ארויפגעכאפטע הויזן מיטן פאר־

פעדערטן קאַפּל אויפן קאָפּ, האָט גיך אַרויסגעדרייט ס׳קאָפּטשענדיקע נאַכט־לעמפּל און געעפנט די טיר. דריי זשאַנדאַרן, הויכע, בייזע, מיט קלינגענדיקע שפּאָרן אויף די אָפּצאַסן פון די שטיוול און לאַנגע, זיך נאָכשלעפּנדיקע שווערדן, מיט גרויסע, שווערע רעוואָלווערן ביי דער זייט, זענען אַריין אין שטוב און מיט זיך אַנגעטראָגן אַ קעלט און אַ מורא. וואָס האָט ביי אַלעמען געמאַכט קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. פּונקט ווי דאָ, אין שטוב, אַזוי איז אויפן הויף געבליבן אַ כאַפּטע זייערע, צעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך, צו היטן אויב עמעץ כאַפּט זיך בישט אַרויס פון אַ קאַמער אָדער אַ בוידעם אַראָפּ.

זיי האָבן לאַנג געניסטערט, די זשאַנדאַרן. געזוכט, געהייסן אַלעמען ארויס פון די בעטן און געטאַפּט אין די שטרוי־שעניקעס. דערנאָך האָבן זיי מיטן לעמפּל זיך איינגעבויגן און אַרונטערגעלויכטן אונטער די בעטן, אויפן אויוון, צווישן האָלץ און אונטער דער פּליטע, ווו די שלאָפנדיקע הינער האָבן זיך אויפגעכאַפּט און זיך בייז צעקוואָקעט, וואָס מען שטערט זיי אין זייער הינערישן שלאָף. נאָכן איבערנישטערן אַלע ווינקעלעך, האָט זיך איינער פון די זשאַנדאַרן בייז אַ ווענד געטאָן צו יערמע דודן, וואָס איז, אַ ציטערדיקער פון קעלט און שרעק, זיי נאָכגעגאַנגען מיטן נאַכט־לעמפּל אין די הענט:

— זאָג, זשיד, ווו האָסטו באַהאַלטן דעם זון?

— האַר טייערער, — האָט יערמע דוד פול מיט הכנעה זיך געבויגן פאַר די אומדערוואַרטעטע געסט, — מיין זון איז נישט פון יענע לייט. אַ פיינער איז ער, אַן אָרענטלעכער! ביים מייגסטער שלאָפט ער און ער עסט דאָרטן אויך.

יערמע דוד האָט חלילה קיין ליגן נישט געזאָגט. דאָס האָט חנה לאה, ווי נאָר די זוכענישן האָבן זיך אָנגעהויבן, אַריבערגעפּעקלט לייבל משה׳ן צום מייגסטער, ער זאָל דאָרטן שלאָפן. איר ווייבערישער שכל האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז אויב דער מייגסטער וועט זיך איינשטעלן, אַז דער געזעלן עסט ביי אים און שלאָפט ביי אים, וועלן די זשאַנדאַרן איינזען, אַז ער איז נישט פון יענע לייט, וואָס אַרבעטן אויף דער וואָך און פון שעה צו שעה און אַ ליאַדע וואָס שטרייקן זיי און זיי וועלן דעם בחור, מיט גאָטס הילף, נישט איינזעצן. וואָרום וואָס דאַרף דער קיסר אַזוינע זיידענע קינדער? ער זוכט דאָך נאָר יענע לייט! זי איז אפילו זיכער געווען, אַז מ׳וועט גאָרנישט קומען צו איר זוכן. און טאַקע, פאַרוואָס יאָ? ער האָט זיך דען חלילה געמישט, לייבל משה? דאָס האָט עמעצער פון די גוטע פריינטלעך אוודאי אונטערגעטראָגן אַ מסירה׳לע און די זשאַנדאַרן אַהערגעשיקט. אַז שיקן זאָל מען זיי אין דער ערד אַריין, רבונו של עולם!

די זשאַנדאַרן, נישט געפינענדיק דעם גרויסן, האָבן אָנגעשטעלט די קעשענע־לעמפלעך אויף אברהם יאנקלען, וואָס איז געשטאַנען א באָר־וויסער, אין לאַנגן נאַכט־העמד ביז די קנעכלען, מיטן פאַרפעדערטן קאָפּעלע אויפן קאָפּ און געציטערט אַזש די ציין האָבן אים געקנאַקט, אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— ווי אלט ביזטו? — האָט א זשאנדאר, באטראכטנדיק אים פון אלע זייטן, אים אונטערגעהויבן דאָס דארע, יינגלשע גאָמבעלע און אים געקוקט גלייך אין די דערשראָקענע אויגן אריין.

— צוועלף יאָר, האר לעבן — האָט חנה לאה, אָן איינגעהילטע אין אַן אויפדערגיך ארויפגעכאַפּט ליילעך איבער די אקסלען, זיך געטאָן א רוק צו נאָענט צום יינגל.

— נישט אריינמישן זיך — האָט דער זשאנדאר בייז געטאָן א דריי אויס דעם קאָפּ צו איר.

— ווי אלט ביזטו? — האָט דער זשאנדאר איבערגעחזרט און דערביי א טרייסל געטאָן דעם צעשראָקענעם אברהם יאנקל.

— צוועלף יאָר — האָט דאָס יינגל ענדלעך געזאָגט שטיל, אז מ׳האָט אים קוים געקאָנט הערן.

— און א מיינסטער האָסטו?

— יאָ — האָט אברהם יאנקל שוין דרייסטער געענטפערט.

— און מיט די זשוליקעס, די סטרייקערס, ביזטו מיטגעלאָפן? — האָט דער צווייטער זשאַנדאַר מיט א שעלמיש שמייכעלע זיך אריינגעמישט.

חנה לאה׳ן האָט אָנגעהויבן קלאפן ס׳האַרץ. דער קליינער קאָן נאָך חלילה נעמען פלאָנטערן מיט דער צונג און דערוויל זיך ארויסכאַפּן, אז ער איז געווען ביי דער חברה דערציילן, אז דער מיינסטער שלאָגט אים. מער פעלט דאָך איר נישט! זי האָט דעריבער זיך גיך געטאָן א שטעל אריין צווישן זשאַנדאַר און יינגל, שוין גרייט אים צו שיצן אפילו מיט איר אייגן לייב:

— איר זעט דאָך, טייערע הארן, ער איז א קינד, אינגאנצן צוועלף יאָר. בלויז א לערן־יינגל איז ער, נישט קיין ארבעטער, גאָט באהיט!

קאפיטל פיר־און־דרייסיק

ביי שמחה׳לע פוטערפליאם אין הויז איז געווען ליהודים! די זשעלי־כאָווער קאפעליע האָט געשפּילט, די בליך־לאָמפּן האָבן געלויכטן, אין די זילבערנע שבת׳ניקעס און לייכטער, אויף די ווייס־געדעקטע טישן, האָבן געברענט האָפּערדיק און פריילעך דיקע, סטעארינאָווע ליכט. די גרויסע סאליעס זענען געווען פול מיט יידן, וואָס האָבן גערויכערט, געשמועסט און געטריבן ליצנות. ביי יעדן פרישן ברוך־הבא, וואָס די קאפעליע האָט געטאָן א שפּיל־אויף לכבוד א מאָדזשיצער, ביי־אויפגעקומענעם, שיינעם ייד, וואָס האָט זיך ארייגעוויזן אין דער טיר.

און דער בעל־הבית, שמחה׳לע פוטערפליאם, א פארוויטלטער, אין א סאמעטן קאשקעטל מיט א קאפּל אויפן קאָפּ, אין א נייער, זיידענער קאַפּאָ־טע, א שאָרכלענדיקע ביי יעדן טריט, מיט א דין גארטעלע לויזלעך ארום היבשן בויך, האָט ארומגעהאָוועט צווישן עולם, א פריידיקער, א גליקלע־כער, מיט א האלבן שטאָף בראָנפן אין איין האנט און א זילבערן טעצל מיט קעלישקעלעך אין דער אנדערער. גיסנדיק דעם אָקעוויט אין די גלע־זעלעך האָבן זיינע גרויסע, שווארצע אויגן יעדן איינעם אקעגן־געבליש־טשעט:

— לחיים, יידן! נאָר אויף שמחות!

און גלייך הינטער אים האָט נאָכגעשוועבט זי, מירעלע, א פריש־פּאר־קעמטע אין א הויכן קאָקס אייגענע האָר, ארומגעשטעקט מיט קעמלען און קעמעלעך און פארענדיקט מיט צוויי נאסלעכע פיאה׳לעך, ווי צוויי פראגע־צייכנס לעבןביידע אויערן. א בלאסע פון די שטענדיקע קאָפּ־ווייטיקן, אין א שווארץ־זיידן קלייד מיט א לאנגן שלעפּ און א טיפן דעקאָלט, אָפּדעקנדיק א היפשן, הויכן בוזעם, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געבאָמבלט א שווער גאָלדן זייגערל פון א דיקער, גאָלדענער קייט־אראָפּ, האָט זי מיטשמייכלענדיק אקעגן־געטראָגן יעדן איינעם די זילבערנע טאָץ מיט אָנגעשניטענעם לע־קעך און טאָרט און צוגעוווּנטשן:

— מערטשעם בא ענק אויף שמחות.

יאָ, שמחה׳לע פוטערפליאם האָט געהאלטן וואָרט. אז דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן, ער איז בשלום ארויס פון בעט נאָך דעם איבערפאל, וואָס די סטרייקערס האָבן אויף אים געמאכט און זיי, די סטרייקערס, זענען אויסגעלאָוויעט געוואָרן ווי די מייז, די וועלט איז ווידער וועלט, פעסטונג

צוריק פעסטונג און, דער עיקר, די קאַמעניצע איז אויסגעבויט, האָט שמחה׳לע מקיים געווען דעם נדר, וואָס ער האָט געטאָן בעת דער קרענק און זיך געלאָזט שרייבן א ספר־תורה.

ער, שמחה׳לע, האָט אפילו חשק געהאט צו פראווען א טאָפּלטע שמחה. שונאים אויף צעפּיקעניש האָט ער געוואָלט פראווען א חנוכת־הבית צוזאַמען מיטן סיום הספר. האָט אָבער ר׳ פּעלטע, דער אלטער סופר מיטן טאַבאַק־בערדעלע און אָן־ציינערדיקן מויל געלאַכט אויס אים:

— הע, הע! וואָס מיינט ער, ר׳ שמחה? א ספר־תורה איז, להבדיל, א קאמעניצע? א הויז, אז מען וויל עס גיכער האָבן פארטיק, שטעלט מען אוועק נאָך ערלים צו דער מלאכה און מען יאָגט־אָן! א ספר־תורה אָבער שרייבט דער סופר איינינקער אליין און פריער ווי א יאָר קאָן דער סיום נישט זיין. יאָ, יאָ, ר׳ שמחה׳שי, א גאנץ קאלעכיק יאָר ברויך דער סופר אויף צו שרייבן א ספר־תורה!

איז אָט האָט זיך שמחה׳לע פּוטערפּליאַם דערוואַרט. דורך דעם יאָר איז די גאנצע קאמעניצע ב״ה פארטיק געוואָרן. קאזנא האָט, א דאנק השי״ת דעם קאָנטראַקט נישט געבראָכן. די פּאָטשט מיט אלע טשינאָווניקעס האָבן זיך אריינגעצויגן און איצט, געלויבט זיין ליבן נאָמען, פראוועט ער דעם סיום און עס איז ביי אים ליהודים!

שוין וואָכן ווי עס טומלט זיך ביי אים קיין עין־הרע. אין דער גרויסער קאָך־שטוב שטייט ביי אים כסדר א יאריד. עופות־הענדלער און אייער־פּארקויפערינס, קצבים און פישער, מדינה־גייערס און מעקלערס, אלע דרייען זיך אריין און ארויס, קריגן זיך און שעלטן זיך און טאסקען די פולע קוישן מיט שפע צו מירעלען, וואָס דרייט זיך ארום איבער דער גרויסער קיך א צעמישטע, מיט א שטענדיקן קאָפּ־ווייטיק, אין א לויז קלייד מיט רויטע שטעק־שיכלעך אויף די באָרוועסע פיס:

— גילדענע — בעטן זיך ביי איר די הענדלערס, אונטערטראָגנדיק איר די פולע קוישן — טוטס כאָטש א קוק אויף די אייער, ס׳איז דאָך קוילן, גאנצע באָמבעס, ווי כ׳בין א יידיש קינד! און די עופות? — כאפּט־אונטער אן אנדער יידענע, בלאָזנדיק אויף גיך דער הון אויפן הינטן, — מירעלע איז כאָטש א מבין? דאָס איז דאָך פלוסטער, ריינער פלוסטער!

— פלוסטער־שמוסטער — שפּעט זיי נאָך שיינדעלע, דאָס דינסט־מיידל מיט די רויטע בעקעלעך און נאס־גלאַנציקן גזשיבקעלע איבערן שטערן. — א מילעער אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ. א מושב זיי טראָגן מיר אָן!

ווי אויף אלע רייכע חתונות און שמחות, האָט אויך שמחה׳לע אויף דעם סיום־הספר געדונגען דעם געלן משה, דעם שטאָטישן סארווער, א בידריק,

זשוואַווע יידל מיט אַ גוט געכאַליעט בייכל און אַ פּאַצעטיש־פּאַרשוירן רויטלעך־געל בערדל.

ווי אַ באַלעבאָס, מיט שטעל און זיכערקייט, האָט זיך דער סאַרוועך אַריינגעיאָוועט מיט זיינע סקריפּענדיקע, געמזענע שטיוועלעטן אין מירע־לעס קאָך־שטוב. ווי אַן אַלט־היימישער, האָט ער גיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס דייטשמערישע, שוואַרץ־געהאַקטע סורדוטל, פּאַרוואָרפן אַ ווייס, פריש גע־פּרעסט פּאַרטוכל איבער די שוואַרצע הויזן־וועסט, אָנגעטאָן דאָס לענג־לעכדיקע זיידענע קאַפּל ווי אַ קרוין אויפן ממזרישן רויטן קאָפּ און גלייך גענומען קיניגן איבער דעם קאָך־קעניגרייך.

טעג נאָכאַנאַנד האָט ביי אים די ווייס־קאַכלנע קיך געגליט. דאָס פייער אין באַק־אויוון האָט געפלאַקערט און וויפל האָלץ די צוויי אָרעמע ייִנגלעך, די צוויי חברים׳לעך, דאָס יידישע בתן חיים׳ל און דאָס פּוילישע באָלעקל, האָבן נישט אָנגעטאַסקעט אין דער קיך־אַריין, האָט ער אַלץ געשריגן:

— האָלץ, ממזרים! נאָך האָלץ!

און נישט בלויז דער סאַרוועך, אויך מאַליע, די שטאָטישע קעכין, אַ יידענע מיט ברייטע באַקעס און שווערע, מאַנצבילשע הענט, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין מירעלעס קאָך־שטוב. ווי תמיד, אַן אויסגעמעליגטע פון דער קאַפּקע ביז די צעפּאַרענע, מענערשע שיך אויף אירע פיס, האָט זי געטשאַפּעט צווישן די מולטערס און לאָקשן־ברעטער, געראַשטשעניעט און געקנעטן, געוויקלט און געפלאָכטן בערג מיט קוילישלעך און בולקעס, פּאַרמישט בעקנס מיט טאָרטן און לעקעכער און זיי געשיבט גיך, גיך אין אָנגעהייצטן אויוון־אַריין.

ווי די אויסגעמעליגטע יידענע ביים באַקן, אַזוי האָט זיך די שטענדיק־פּאַררויטלטע שיינדעלע, מיטן נאָסלעכן גזשיבקעלע איבערן שטערנדל, געפּאָרעט אַרום געלן משה׳ס קאָכעריי. אָט האָט זי פּאַר אים געהאַקט בערג מיט פיש און אָט איז זי שוין געווען פּאַרנומען מיט די כשר־געמאַכטע געגנדז און קאַטשקעס, זיי געקנאָבלט און געפּעקלט און געלייגט אין די בראָט־פּאַנען און ער אַליין, דער געלער משה, מיט אַ גרויסן גאָפּל אין איין האַנט און נאָך אַ גרעסערן לעפל אין דער צווייטער, האָט געהאַוועט אַרום דער קיך, איבער די קופּערנע טעפּ און פּאַנען, וואָס האָבן געזעצט מיט פּאַרע, געבולבעט פון זיך די קאָכעדיקע יויכן, וואָס האָבן געשפּריצט אויף דער אָנגעגליטער פּליטע און פּאַרשפּרייט אַ ריח פון זיסלעך, קאָפּ־שווינדל־דיקן אָנגעברענטס. אַ מייַנסטער אין קאָך־פאַך, האָט זיך דער געלער משה נישט פּאַרלאָזט אויף קיין ווייבער נישט מיטן פּילן און נישט מיטן קאָכן די פיש און אויך נישט מיטן שטעלן דעם טעם פון די יויכן און פון גע־בראָטנס, נאָר אַליין, אַלע ווײַלע, אַ שעפּ געטאָן מיטן לעפל פון אַן אַנדער טאָפּ, אַ פּרווו געטאָן אין אַ פּאַן מיטן גאָפּל, פּאַרזוכט, געסמאַקעוועט מיט

די רויטע תאוה־ליפן, זיך גוט צוגעהערט צום טעם און פון גרויס הנאה זייטיקלעך א קניפ געטאָן שיינדעלען אין הינטער־חלק און נישט וויסנדיק מאכנדיק זיך פון שיינדעלעס קוויטש און פון איר שעלטן: „די הענט זאָלן אייך גאָר אָפּדאָרן, רויטעראמי", — האָט ער גאָר, ווי נישט אים מיינט מען, געעפנט דעם בראָט־אויוון, ארויסגערוקט אן אָנגעגליטע בראָט־פאן, פול מיט אייגעלאָפּענע, ברוין־ווערענדיקע קאטשקעלעך, וואָס האָבן זיך געפּרעגלט אין די אייגענע שמאלצן און געמאכט וואסערן ס'מויל ביי אלעמען ארום.

ווי מירעלע, אזוי איז אויך שמחה'לע וואָכן פריער געווען פארנומען מיט זיינע מאנצבילישע הכנות צום סיום. אָנשטאָט באפעלן מיט א געלעגנהייט, איז ער אליין, אין דער אייגענער בריטשקע, מיט די גומענע רעדער, אראָפּגעפאָרן קיין זשעליכאָוו דינגען די קאפעליע. פון ווארשע האָט ער אָנגעברענגט א גאנצן אויסשטייער פון פלושענע און אטלאסענע פרוכת'ן און מענטעלעך, אויסגעשטיקטע און אויסגעהאָפטענע מיט זילבערנע לוחות און גאָלדענע לייבן מיט קרוינען אויף זייערע קעפּ. ער האָט אויך מיטגעברענגט א זילבערנעם כתר מיט גילדענע גלעקעלעך און אן עלפאנטביינערן יד'ל מיט א דין געשניצטן טייטל־פינגער.

צוליב דער שמחה פלעגט ער אָפט פארפעלן צו פאָרן אין פעסטונג ארייַן. נישקשה! קיינער וועט זיך איצט נישט אונטערשטעלן מסיג גבול צו זיין שמחה'לע פּוטערפליאם. רואיק און מיט הרחבה פלעגט ער דרייבער ארומגיין צווישן די אָנגעהויבלטע סטרוזשקעס אין שטיבל. וואָס ער האָט געלאָזט בויען איבערן שפייכלער ווי א שולכל און מיט גרויס הנאה זיך צוקוקן ווי דער טאָקער מייסטערוועט דעם געזימס צום ארון קודש, ווי קונציק ער שניצט אויס די לייבן מיט אויסגעדרייטע קעפּ, וואָס האלטן פון ביידע זייטן מיט זייערע לאַפּעס די אויפגעשטעלטע לוחות, ווי געשיקט דער לאָמער פארבער, אן אָפּגעשפּריצטער מיט פארטריקנטע פלעקן פון כלערליי פארבן, שפּרינגט איבער דעם לייטער און מאָלט מיט דינע פּענזעליקלעך צווישן די פענצטער פון די בלויע ווענט, די הייליקע כלי זמר פון תהילים. אָט האָט ער אויסגעמאָלט צוויי שופרות, אנטקעגן — א פלייט מיט א טראָמפּייט, ווייטער אוועק — א גאָלדענע הארף און נאָך ווייטער — א פּויק מיט טאצן און אונטער די אינסטרומענטן ציקלט ער אויס: הללוהו בתקע שופר, הללוהו בנבל וכנור, הללוהו בתף ומחול.

שמחה'לע פּוטערפלאם האָט געפילט ווי דאָס האַרץ וואַקסט אין אים פון פרייד. א לעבן לאנג זיך געבאָדן אין קויט און אין בלאָטע, געדארפט דורכגיין אזויפיל צרות איידער דער אויבערשטער האָט אים ארויפגעפירט אויפן גלייכן וועג. איצט גייט שוין דאנקען גאט אלץ ווי געוווּנטשן. זענען אָבער דאָ אזויפיל נישט־פארגינער און נישט פארגעסער. און זיין געמיט

ווערט אים אַפּט שווער און טריב. פון אַלע זייטן טראָגט מען אים צו, אַז יידן לאַכן אין די בערד אַריין:

— ווי געפעלט דאָס ענק? אַ בעל תשובה גאָר! אין דער יוגנט אַ נואף, און אויף דער עלטער אַ גבאי און ער מיינט אוודאי, שמחה׳לע, אַז דאָס שרייבן זיך אַ ספר־תורה איז שוין אויף אַלץ מכפּר!

גאַנץ אָפט, אין די נעכט, פלעגט ער זיך אויפכאַפּן און שוין מער נישט קאָנען איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט, אַז די מענטשן זענען גאַלע רשעים. רק מען ווארפט אים אויף אמאָליקע זינד. דאָס וואָס ער האָט היינט חרטה וויל מען אים נישט געדענקען. אָט טאַקע וועגן דעם סיום הספר. ווען אַן אַנדערער וואָלט זיך געלאָזט שרייבן אַ ספר־תורה, וואָלט עס געווען כשר וישר, אים אָבער ווארפט מען אויף:

— הע, ער וויל גאָר אָפּחורש׳ן דעם רבונו־של־עולם!

אַ באַטריבטער פון די טראַכטעניש פלעגט ער נעמען וועקן ס׳ווייב:

—מירעלע, שלאָפסט?

— יאָ, שמחה׳שי, וואָס איז דען?

— ווי מיינסטו, מירעלע, יידן וועלן מיך פאַרשעמען? זיי וועלן נישט קומען אויפן סיום?

— האַ? וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט מירעלע האַלב פאַרשלאָפן אַ געבענץ געטאָן.

— כ׳מיין דעם סיום הספר. ווי מיינסטו, עמעץ וועט קומען צו אונז אויף דער שמחה?

— פאַרוואָס זאָל מען נישט קומען? האָסט חלילה עמעצן באַגנב׳עט?

— ווער שמועסט דען פון גנבה? ווייסט דען נישט וואָס לייטן רעדן?

— מאַלע וואָס לייטן רעדן אַלץ, גיי בעסער שלאָפן. ס׳טאָגט שוין.

שמחה׳לע פּוטערפליאַם איז אָבער נישט געגאַנגען שלאָפן. אַ וואַכער האָט ער געגאַפּיעט אין דער פינצטערניש אַריין און אָבער און ווידער איינ־געזען, אַז מירעלע איז געווען גערעכט. מילא, אַמאָליקע חטאים, דאָס וואָל־גערן זיך אין נפקה־בית... כ׳ווייס, בחור׳שע מעשים טובים, דאָס וואָלטן שוין יאַקבי פאַרגעסן. ער האָט זיך אָבער נישט באַדאַרפט געווען פאַרקריגן מיט אַ שטאָט יידן צוליבן סאַד. יידן האַלטן, אַז מען טאָר נישט האַקן קיין אויבסט־ביימער, האָט ער עס נישט געדאַרפט טאָן. דערצו נאָך דאָס שטעלן זיך קעגן די סטרייקער. וואָס קומט אָבער דעראויס, אַז קריק כאַפּן קאָן מען עס נישט און חרטה העלפט נישט? אָט האָט ער איצט חרטה, אויף אַן אמת חרטה, העלפט עס דען? פאַרקערט, מען לאַכט נאָך מער אויס אים: „באַדיר גאָר, שמחה׳לע אַ בעל תשובה! „עס בלייבט נאָר, זיך אוועקצולייגן און לאָזן אויף זיך טרעטן. איז אָבער שמחה פּוטערפליאַם נישט פון די לייט, וואָס לאָזן אויף זיך טרעטן. יידן ווילן נישט זיין חרטה? האָט ער זיי טיף

טייער! און פארלאָזן זיך אויף ניסים וועט ער אויך נישט. אוודאי ווייסט ער, אז דאָס פארבעט־בריוול, וואָס ער האָט געבערענגט פון ווארשע און עס צעשיקט מיט בערעלע שמש צו א האלבער שטאָט מיט יידן, וועט נאָך נישט העלפן. איז מילא, וועט ער זיך אליין מטריח זיין. א קרענק וועלן זיינע שונאים אין אים דערלעבן אָבער נישט קיין נקמה! אויב מאָדזשיצער שיינע לייט ווילן ליבערשט מבייש זיין די תורה, אדער קומען אים באשיינען די שמחה איז מילא. פראָסטע יידן אָבער וועלן מיט אים נישט טריצן. דאָס וועט ער, שמחה פוטערפליאם, שוין זען!

שמחה׳לע האָט דאָ געמאכט א פשוטן חשבון. פאראן ב״ה אין מאָדזשיץ גענוג באלמעלאָכעס און טרעגער, באלעגאָלעס און הענדלער, וואָס דארפן נאָך זיין לאסקע. יצחק׳ל מיט די סטרייקער, וואָס פלעגן אויפבורען די גע־מיינע לייט, זענען שוין אדאנק זיין ליבן נאָמען נישטאָ. ס׳פעסטונג אָבער איז ב״ה יאָ דאָ! זייער שטיקל ברויט ליגט נאָך דערווייל אין פעסטונג און דאָרטן האָט ער, שמחה פוטערפליאם, די דעה! איז, אדרבה, זאָלן זיי פרווון אים פארשעמען און נישט קומען אויף דער שמחה!

זענען זיי יאָ געקומען. פולע סאליעס מיט יידן זענען געקומען. אין קאָרטענע כאלאטלעך און אין טוכענע און אטלאסענע קאפאָטעס, אין פראָסטע קאשקעטן און אין סאמעטענע היטלען, הארטע עם־הארצים און שיינע, איידעלע יידן, אלע זענען זיי געקומען אויף שמחה׳לע פוטערפליאמ׳ס סיום־הספר. אפילו יערמע דוד איז געקומען! נישט חלילה אויס מורא, טאמער וועט אים שמחה׳לע אָנטאָן א היזק ביי א ליציטאציע אין פעסטונג, אָדער ביי א מסחר׳ל אין מארק. ער איז נישט געקומען אויף דער שמחה צוליב געלט־זאכן. כאָטש אן אָרעמאן, האָבן דאָך געלט־זאכן יערמע דוד׳ן נישט אונטערגעקויפט און אים נישט אָפגעשראָקן. יערמע דוד איז געקומען ווייל ער האָט שוין פון לאנג געוואָלט פטור ווערן פון די שיינע באלעבאטים מיט די זילבערנע עטרות אין מאָדזשיצער בית המדרש, וואָס זיך, נעמען זיי די שענצטע עליות און אים, ווי אנדערע אָרעמע לייט, איז מען מכבד מיט „דזשווינגעניקש״ אָדער „וויקלעניש״, זעלטן אז מען רופט אים אויף צום „רביעית״. שמחה׳לע אָבער האָט אים צוגעזאָגט א לייטישע עליה לפחות איינמאָל א חודש, אויב ער וועט קומען אויפן סיום און דערנאָך דאווענען ביי אים אין שטיבל. איז ער געקומען און, ווי אנדערע יידן, גענומען א קעלישעקל אָקעוויס פון שמחה׳לעס זילבערן טעצל אראָפּ און אים גע־ווונטשן:

— לחיים, שמחה, מערטשעם ביי דער טאָכטער צו דער רעכטער צאַאַט.

יערמע דוד׳ס פלוצימדיק באווייזן זיך אין די סאליעס, האָט גאָר פאר־שטערט דעם קליינעם נתן חיימ׳ען די חתונה. איידער דער טאטע זיינער האָט זיך אים געיאווועט, איז ער דאָ געווען א גאנצער מחותן. וואָסי, ווייניק

האַלץ האָט ער דאָ אין קיך אַריין אָנגעטאַסקעט ? און אַפּהיטן ס׳פערד אין שטאַל זאָל האָבן „אַבראַק״ אין קאָרטעט און עס פירן „אָנפּאַיען״ איז גאָר־נישט ? איז ער דערפאַר דאָ געווען פול אין אַלע ווינקעלעך. צוגלייך מיט שמחה׳לעס 2 יינגלעך, דער עיקר מיט דער קליינער חנה׳טשען, דאָס 9־יעריקע טעכטערל מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן און רויט־אטלאסענער שלייף אין די האָר, האָט ער דאָ געשפּילט אין באַהעלטלעך. ווו א קרענצל יידן, דאַרטן זענען זיי אויסגעוואַקסן. אונטער אַלע טישן, צווישן די האַרטע קני און גרויסע, שווערע שטיול פון די אַרומזיצנדיקע יידן, איז ער געקראָכן אין זיין שפּיל מיט זיי. די כלי זמרים האָט ער גאָר געטאָן אין דער גאַל אַריין. ווי נאָר די קאַפּעליע האָט אויף א רגע אויפגעהערט צו שפּילן און דאָס קליינע יידעלע האָט אָנגעשפּאַרט דעם ריזיקן באַס אָן דער וואַנט, איז ער, נתן חיימל, אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און געטאָן אַזאַ צימבל איבער די סטרונעס, אז דער באַס האָט אַזוש געטאָן א באַק אום אויף דער פאָדלאָגע.

דעם גויאישקן חברל זיינעם, באַלעקן, איז נעבעך אויסגעגאַנגען ס׳חיות מיט־צושפּילן אין די באַהעלטעלעך. מיט קנאה אין די בלוי־וואַסערדיקע אייגעלעך האָט ער צוגעקוקט ווי נתן חיים איז פול אומעטום און ער, כאָטש ער פאַשעט דעם פאַנס פערד און האָלץ האָט ער אויך אָנגעטראָגן מער פון נתן חיימען, מוז ער דאָך שטיין אין קיך ביי דער טיר און נישט טאָרן אַריבערשטעלן א פוס איבער דער שוועל פון דער סאַליע. דאָס האָט אים אַזוי נתן חיימ׳ל אָנגעזאָגט. וואָרום א גוי מעג דען זיין אין א מקום קדוש, ווו עס ליגט א ספר־תורה אויפן טיש, בפרט נאָך א הוילע תורה, אָן א מענטעלע ?

איז דאָס באַרוויסע שייגעצל, אין א ברודיק העמדל, מיט געלאַטעטע הייזקעס און א צעקודלטן קאָפּ האָר געשטאַנען שטיל און הכנעה׳דיק אין א ווינקעלע פון דער יום־טובדיק צעליכטיקטער קיך. מיט זשעדנע אויגן האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם געלן משה, דעם סאַרווער, וואָס האָט אַרומגעשמייעט אין שוואַרצן, געהאַקטן סורדוט ביז די קני און א שווערער, גאָלדענער קייט פון איין וועסטל־קעשנקעלע צום צווייטן. באַלד האָבן זיינע אייגעלעך געגומען נאָכפאָלגן די ווייבער, אויסגעפּוצטע אין שאָרכלענדיקן זייד, מיט בלישטשענדיק צירונג אויף זייערע הענט און העלדזער, ווי זיי פאָרען זיך אַרום פאַנען מיט שמעקעדיק געבראָטנס, ביי פּולמעסאַקס מיט געפּרווירענע פּיקן פיש, ביי בערג מיט פרישע בולקעס, אַזעלכע ברוינינקע, שייניקע, וואָס זיי, די ווייבער, לייגן רייענווייז אויף גרויסע טאַצן און ווערן מיט דעם פאַרשווונדן אהין, אין די גרויסע סאַליעס אַריין

מיט הונגער־סלינע אין מויל האָט דאָס שייגעצל געקוקט אויף די בערג מיט עסנווארגן און כאָטש אַלעמאָל האָט עמעץ אנדערש אים צוגעוואָרפן,

ווי מען ווארפט צו א הינטל, אָדער א קאַץ, דאָ א ווײַדעלע פיש, דאָ א פּריש, קרוכלע הינטנדל פון א געבראָטן קאטשקעלע, האָט ער דאָך מקנה געווען נתן חיימען, וואָס ער מעג אַזוי פרײַ ארומשווימען אין אַלע סאַליעס, בעת ער מוז שטיין, ווי א הונט, בײַ דער קיך טיר.

איז אָט האָט זיך באַלעקל דערלעבט און אויך נתן חיים קאָן מער נישט אַזוי פראַנק און פרײַ ארומלויפן. צוליבן טאטן זײַנעם מיט דער בייזער. זשידאָווסקער, רויטער באָרד, מוז ער אויך שטיין באהאלטן אין א ווינקעלע און פון אונטער א שווערער, גרין־פליושענעם פּויערהאַנג, מיט איין אייגעלע, ווי א קליין גנב׳ל, זיך צוקוקן צו דעם שטופּעניש און האוועניש, וואָס עס גייט דאָ אָן, אין די גרויסע, פול אָנגערײַכערטע שטובן.

דער אָוונט איז דערווייל נישט געשטאנען. שמחה׳לע פּוטערפליאַם מיט מירעלען, נאָכן ארומשווימען צווישן עולם מיט די טאַצן לעקעך און בראָנפן, האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום אויבן אָן טיש, ווו ס׳איז געזעסן ר׳ פעלטע, דער סופר, לעבן דער ספר־תורה, א הוילע, אָן אויפ־געוויקלטע אויף בלויז איין עץ־חיים, מיט דער לעצטער יריעה אָפן, פרײַ־אויסגעשפּרייט. שמחה׳לע האָט זיך אָנגעבויגן צו בערעלע שמש און כאָטש קיינער האָט גאָרנישט געהערט, וואָס ער האָט אים אײַנגערוימט אין אויער, האָט זיך דאָך די שמועה פארשפרייט צווישן עולם און יידן האָבן זיך אָנ־געהויבן שושקען, אַז שמחה׳לע וועט נישט פארקויפן קיין אותיות, ווי מען איז זיך געוויינלעך נוהג בײַ א סיום הספר, נאָר וועט פרײַ מכבד זײַן יידן מיט דער מצוה פון ארײַנשרײַבן אָן אות אין דער תורה. יידן האָבן אין דעם געזען עניוות און זיי האָבן מיט גרויס צופרידנקייט געזאָגט:

— אוודאי, אַז דער אייבערשטער העלפט, מ׳קאָן, פאַרוואָסזשע טאַקע נישט?

אנדערע יידן האָבן, פארקערט, גראָד אין דעם געזען מסחר. ס׳הייסט אפילו מיט דער תורה מסחר׳ט ער, שמחה׳לע!

— אַז מ׳שמועסט א גביר האָט זיך פארלייגט אָפּצוחורש׳ן דעם רבונו של עולם איז דאָך נישט שייך...

אין מיטן די שושקענישן האָט זיך טאַקע דערהערט בערעלע שמש׳ס הייזעריקלעך קול:

— הנגיד, הגביר והמפורסם, ר׳ שמחה בן ר׳ יודל, מכבד ר׳ משה קלונמוס בן ר׳ צבי לכתוב אות בתורה!

ער האָט ווידער געהאַלטן וואָרט, שמחה׳לע פּוטערפליאַם. ער האָט אוודאי געהאַט א פּיל שענערן בעל הבית צווישן עולם, אים מכבד צו זײַן מיטן שרײַבן ס׳ערשטע אות. די „מ״ פון מענה אלהי קדם און אויפגערופן האָט ער משה קלמן, אָן אָרעמער שוסטער, וואָס קאָן נעבעך קוים א ברכה מאכן איבער דער תורה. דאָס האָט ער, שמחה פּוטערפליאַם, זיך גוקם גע־

ווען אַן די מאַדזשיצער שיינע יידן. ווארום כאַטש עטלעכע סקלאַדניקעס, געוועזענע לערנער, האָבן זיך באַרעכנט, אַז ס׳וועט זיין געזינטער יאַ צו קומען צו דעם סיום הספר, איז אָבער דער מאַדזשיצער פּער, מיטן רב, ר׳ כאַסקעלע אַן דער שפּיץ נישט געקומען. ס׳איז זיי, הייסט עס, נישט אָנגע־שטאַנען? האָט ער זיי אין דער אדמה! איז אויס יחסנים! וועט ער מכבד זיין פּראָסטע לייט, וואָס פּראָסטער אַלץ מער יחסן! האָט ער טאַקע מיט דעם „י״, דאָס הייליקע אות פון שם, געהייסן מכבד זיין ירמע דוד׳ן. זאָל ער, דער געוועזענער בהמה־טרייבער, האָבן די גרויסע זכיה אַריינצו־שרייבן אַן אות אין דעם הייליקן וואָרט „אלהי״.

ירמע דוד׳ן האָט גענומען קלאַפּן אַ צאָן אַן אַ צאָן. מיט ציטריקע הענט האָט ער זיך גענומען טאַפּן ביי די קנעפּ פון דער קאַפּאָטע, צו זען צי זי איז פּאַרקנעפּלט. ווארום מ׳טאָר דען גענענען צו אַ ספר־תורה מיט אָפענע צעפּאַרענע פּאָלעס? פּאַוואָליע, לייכט, לייכט האָט ער אָנגערירט מיט זיין שווערער, האַרטער האַנט דעם עק פון דער גענדזענער פעדער, וואָס ר׳ פּעלטע האָט געהאַלטן. דער אַלטער סופר, מיט די קורצזיכטיקע אויגן אויף דער יריעה האָט מיט דער פעדער אַ סקריפּ געטאָן. יידן אַרום און אַרום טיש האָבן געזאָגט ישר כח. שמחה׳לע האָט אים אָנגעגאָסן אַ קעלישעקל בראָנפן. מירעלע האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל טאָרט און ירמע דוד האָט געזאָגט:

— לחיים!

— לחיים! — האָבן יידן אָפּגעענטפערט.

בעת מ׳האָט דאָ געשריבן די אותיות, האָט דערווייל דער געלער משה מיטן שטאַב ווייבער געגרייט די טישן אין דער אַנדערער סאַליע. דער סופר האָט גיך אויף דער תורה אָנגעטאָן דעם אַנדערן עץ חיים. איבער די קעפּ האָט אַ בלענד געטאָן אַ גרין־פּליושן מענטעלע מיט גאָלדענע לייבן און זילבערנע לוחות. יידן האָבן זיך גענומען שטופּן צו די טרעפּ, אַראָפּ אויפן הויף.

עס איז געווען אַ שפּעט זומערדיקע נאַכט. דער הימל איז געווען בלוי און פול מיט פינקלענדיקע שטערן. אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן. עס האָט געשמעקט מיט רייפן האָפּן און מיט צייטיק אויבסט. אין מיטן הויף, איבער די קעפּ פון אַ צונויפגעדריקטן עולם, האָט געפלאַטערט אַ חופה, אַ נייע, אַ רויט־אַטלאַסענע, מיט אַ גאָלדענעם מגן דוד אין דער מיט און מיט זיל־בערנע פרענזעלעך אַרום און אַרום. פיר יונגען האָבן געהאַלטן די חופה אויף פיר נייע, דינע שטאַנגען. אונטער דער חופה — ליידיק! אַרום און אַרום דער חופה — מאַנצלייט און ווייבער, בחורים און מיידלעך מיט קאָלירטע, פלאַקערנדיקע הבדלות און אָנגעצונדענע ליכט.

עס איז געווען שטיל, יענע שטילקייט, וואָס שרייט מיט דערוואַרטונג.

באלד איז די שטילקייט אויפגעריסן געוואָרן. די זשעליכאָוועער קאַפּעליע האָט געטאָן אַ שפּיל אויף. פון שמחה'לע פּוטערפליאַמס פעדער־הויז, טרעפּ־אַראָפּ, האָבן זיך געגומען אַרויסקנוילן בינטן מיט יידן. פון אַלע ווינקעלעך, אין דעם נאַכטיקן הויף, האָבן אויפגעפלאַמט שטורקאַצן. מיט איינמאָל האָט זיך די גאַנצע עדה ווי אָנגעצונדן. אין דער אויפגעפלאַמטער ליכטי־קייט, פון דער געעפנטער טיר אַרויס, האָט זיך באַוויזן שמחה'לע פּוטער־פליאַם מיט דער ספר תורה פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט. פּאַוואָליע איז ער איצט געגאַנגען, מיט קליינע טריטעלעך, ווי עס וואָלט אים געווען אַ שאָד דער גאַנג זאָל זיך ענדיקן. רעכטס פון אים איז געגאַנגען דער אַל־טער ר' פעלטע, דער איינגעבויגענער סופר, מיט דעם קליינעם טאַבאַק־בערדל. לינקס פון אים — מירעלע, אַ בלאַסע, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. פון פאָרנט — די תורה. ווי אַ מלכה, אין גרינעם פּליוש מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ און גאָלדענע לייבן מיט זילבערענע לוחות אויף דער ברוסט, האָט זי געשוועבט פאַר זיי, אין דער אָנגעצונדענער נאַכט אַריין, אונטער דער וואַרטנדיקער חופה אַרונטער.

שמחה פּוטערפליאַם איז געווען בלאַס. ווי אַ חתן ערב חופה, האָט ער אויך היינט געפאַסט אַ גאַנצן טאָג און איצט איז ער געווען בלאַס און בלויע רינגען האָבן אים אַרומגערייפט די שווארצע, איצט אַזוי הכנעה'דיקע אויגן. ניין, נישט מיט קיין זיכערקייט און נישט מיט קיין תקיפות האָט ער איצט געפירט די ספר תורה אין שול אַריין. פול הכנעה און צער האָט ער איצט געדריקט די תורה צו זיין ברוסט. אַלץ אין אים האָט איצט געוויינט. אַלע שטרויכלונגען און אַלע אויסגליטשעניש, אַלע קרומקייטן און אַלע להכעיס'ן פון זיין גאַנץ לעבן האָבן זיך איצט אוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן און געמאָנט, געמאָנט חשבון און געמאָנט תקון.

פּאַוואָליע האָט בערעלע שמש די דריי לייט מיט דער תורה אַרונטער־געפירט אונטער דער חופה. די יונגען האָבן אַ הויב געטאָן די שטאַנגען. די קאַפּעליע האָט העכער אויפגעשפּילט און דער עולם האָט גערירט.

כאָטש דאָס שול'כל מיטן נייעם ארון קודש זענען געווען טאַקע דאָ, אויפן הויף, האָט אָבער שמחה'לע פאַראויס באַשטעלט מיט דער קאַפּעליע צו פירן די ספר־תורה מיט מוזיק איבער דער גאַנצער שטאָט, מאַכן הקפות אַרום בית המדרש און ערשט דערנאָך קריק אַהער, אין אייגענעם שול'כל אַריין.

האָט דאָס איצט, אין דער זומערדיקער נאַכט, געצויגן דער עולם אַרויס פון שמחה'לע פּוטערפליאַמס הויף אין דער אָפענער גאַס אַריין. פאַראויס איז געלאָפן דער קליינער באָלעק, באָרוועס און אין גאָלן קאָפּ. נאָך אים די קאַפּעליע, אַ שפּילנדיקע, אַ שאַלנדיקע, אַרום און אַרום יידן, מיט ווייבער, מיט קינדער, מיט אָנגעצונדענע ליכט, מיט ברענענדיקע

הבדלות און פלאקערנדיקע שטורקאצן און אין מיטן א רויטע חופה איבער דעם בלאסן, הכנעה'דיקן שמחה, א געבויגענעם מיט דער ספר־תורה צוגע־דריקט צום הארצן.

די ליכט־פלעמלעך האבן געציטערט. דער פלאם פון די שטורקאצן האט זיך געבויגן און געצאפלט. דאס פידעלע האט געקלאגט און דער פלייט האט געבעטן. נאר שטילער פון זיי און טיפער פון זיי האט איצט געקלאגט און געבעטן שמחה פוטערפליאמס הארץ.

קאַפּיטל פינף־און־דרייסיק

ביי בערציקן אין דער פאַרמאַכטער, האַלב־טונקעלער שטאַל איז אָפּגעטאָן געוואָרן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נתן חיימ׳ען גאָר צעשמעטערט. אויף דער ערד, אין נאַסן, פון פערדישער השתנה אויסגעווייקטן גנוי און מיסט, איז געלעגן דער אָגער. אויף זיין קאָפּ, אַ געבונדענער מיט שווערע רימענס, איז געזעסן בערציק און געדריקט מיט זיין גאַנצן כוח אויף דעם פערדישן קאַרק, דערביי האָט ער געשאָלטן מיט טויטע קללות זיך און די גאַנצע וועלט. אַראָפּצו, רייטנדיק אויפן פערדישן בויך, איז געזעסן אַברהמ׳לע, דאָס זינדל און כאָטש ס׳האָט אים געאיבלט, ווי דעם טאַטן, און ער האָט געשפּיגן פון זיך די גאַל, האָט ער דאָך מיט די אייזערנע הענט געהאַלטן ביי די פּאָלקעס פון דעם אָגערס אויפגעשטעלטע, מיט געוואַלט צעשפּרייטע פיס, וואָס זענען געווען פאַרפּעסטיקט מיט גראָבע שטריק צו אייזערנע ריגנען אין ביידע זייטן ווענט. לעבן אים, אויפן פערדישן עק, אין סאַמע גנוי, האָט געקניט דער שינדער, אַ ציגיינער מיט שוואַרצע, אַרויפגעדרייטע וואָנסעס און קליינע, פלינקע אייגעלעך. אים האָט נישט געאַרט בקשט דעם אָגערס פּראַכן און סאָפּען און ריטשען און וואַרפן זיך אין ווייטיקדיקע קאָנוווּלסיעס און אויך נישט דאָס איבל׳דיקע שפּייען און שעלטן פון זיינע צוהעלפער. געלאַסן און רואיק האָט ער זיך געראָיעט מיטן שאַרפן, האַלב־רונדיקן, פאַרבלוטיקטן מעסער אין די צעטרייבערטע, אין בלוט־אָפּגייענדיקע געשלעכט־טיילן פון אָגער.

זינט בערציק האָט פון לענטשינער יאַריד געבראַכט דעם אָגער, אַ רויטלעך־געלער קאַשטאַן מיט אַ ווייכער, בלאָנדער גריווע און ווידל און בלאָנדע פּרענזעלעך אַרום די קלאָען, האָט שוין נתן חיים נישט אָפּגעטראָטן פון די שטאַלן. ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט די גמרא, איז ער גלייך נעלם געוואָרן פון חדר און אַוועק צו דעם קאַשטאַן מיט דעם ווייסן שטערנדל צווישן די גרויסע, קלוגע, סאַמעט־ווייכע אויגן, וואָס האָט אים שוין געקאָנט און אים דערוואַרט אַזאַ אומרואיקער, אַזאַ שטאָלצער, אַזאַ הויכער אַזש דער קאָפּ זיינער האָט אים געגרייכט ביזן בוידעם. צוליב אָט דעם קאַשטאַן האָט נתן חיים געבראָכן דעם נדר און ווידער גענומען גנב׳נען אין שטוב. וווּ די מאַמע זאָל נישט האָבן באַהאַלטן דאָס קעסטעלע מיט די עטלעכע שטיקלעך צוקער, האָט ער עס געפונען, אַראָפּגע׳גנב׳עט אַ שטיקל און עס אַוועקגעטראָגן צום אָגער אין דער קילער, האַלב־טונקעלער שטאַל אַריין.

דאָרטן, טיף אין הויף, אין דער וווּנדערלעכער שטילקייט, אין געזשום פֿון די מחנות גרין־גלאַנציקע פֿליגן, איז נתן חיים אַרויפֿגעקראָכן אויף דער קאַרעטע מיטן קלעצעלע צוקער אויף דער אויסגעשטרעקטער דלאָניע. דער אָגער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים מיט אַזויפֿיל ליבשאַפֿט. דערנאָך האָט ער צוגעבויגן די מאָרדע און פֿאַוואָליע, צאַרט, ער זאָל אים חלילה קיין קראַצעלע נישט טאָן, האָט ער מיט די נאַסלעכע, האָריקע ליפּן, אַראָפּגעלעקט דאָס קלעצעלע צוקער פֿון דער דלאָניע און עס געגומען כראָמשקען אין גרויס הנאה מיט די געזונטע, פֿערדישע ציין און באַלד, פֿון גרויס דאַנקבאַרקייט, זיך צעהירזשעט מיט זײַן גאַנצן, מאַנצבילישן כּוח, אַזש ס'האָט זיך געדאַכט די ווענט פֿון בערציקס שטאַלן וועלן אײַנפֿאַלן און די שקאַפּעס פֿון גאַנצן אַרום וועלן זיך אַרויסרײַסן פֿון זייערע געשפּאַנען און זיך קומען אָנצולויפֿן אַהער, צו מעכטיקן זכר.

איז נתן חיים'ען באַשערט געווען צו זײַן מיט באַלעקן אויפֿן הייבוידעם און זיך צוזען וואָס בערציק מיטן שינדער האָבן אונטן, אין דער האַלב־טונקלקייט פֿון שטאַל, אָפּגעטאָן איבער דעם קאַשטאַן. און כאָטש טעג זענען פֿאַרבײַ, ווײַל נאָך אַלץ דאָס בלוטיקע געשפּענסט נישט פֿאַרשווינדן פֿון זײַנע אויגן. נישט ער קאָן עסן, נישט ער קאָן שלאָפֿן און נישט ער האָט חשק צו גיין מער אין חדר לערנען תורה און גאָטס געבאָטן. בײַטאָג און בײַנאַכט, רק ער זעט דעם קאַשטאַן. אָט נאָר־וואָס איז ער געווען אַזאַ הויכער, אַזאַ גלאַנציקער, אַזאַ פֿריידיק־צעהירזשעטער, אַזאַ שטאָלצער, מיט אַזאַ פֿאַריסענעם קאָפּ און אָט איז דאָס שוין אַ מיד, דערשלאָגן פֿערד, מיט אַ מאַטער פֿעל, מיט צעווייטיקטע אויגן, פֿול מיט פֿאָרוואורף צו אים, נתן חיים'מען, וואָס האָט אַלץ צוגעזען און געשוויגן און אַפֿילו קיין איין געשריי נישט געטאָן: פֿאַרוואָס!

נאָכן היצעלס אויפֿכאַפּן וואַצושן, דאָס קליינע, רויטלעכע הינטל, איז דאָס געווען דער צווייטער פֿאַרוואָס, וואָס דאָס ייִנגל האָט געוואָרפֿן אין פּנים אַרײַן גאָט און זײַן וועלט: פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס אַזעלכע רציחות?!

גאַנצע נעכט איז נתן חיים געלעגן אויפֿן געלעגערל אַ וואַכער. גלײַך עס וואָלט גאָר קיין שלאָף אויף דער וועלט נישט געווען. אָבער און ווידער האָט ער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ צו די פֿענצטער, נאָר די נאַכט האָט אַלץ נישט געוואָלט אויסרינען. דאָס פֿלעמל אין קליינעם נאַכט־לעמפּל האָט גאָרנישט געלויכטן, נאָר געוואָרפֿן ציטערדיקע, אויסגעצויגענע, אומהיימלעכע שאָטנס אויף די ווענט, איבערן סופיט. די שטוב איז געווען פֿול מיט אַ שנאָרכן און פֿײַפֿן, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון די בעטן. בלויז פֿון טאַטנס בעט האָט געוויעט אַ דריקנדיקע שטילקייט, אַ סימן אַז אויך ער, דער טאַטע, ליגט דאָרט אַ וואַכער, די אויגן אײַנגעגעסן אין סופיט און טראַכט אוודאי אויך, ווי ער, פֿון דער מעשה אין שטאַל. וואָרום כאָטש קיינער

האָט ירמע דוד'ן נישט דערציילט, אַז נתן חיים איז יענעם פרימאָרגן נישט געווען אין חדר, האָט ער זיך דאָך דערוווּסט, אַז דער קדיש האָט אים געבאַרט, אַז אָנשטאָט לערנען איז ער גאָר מיטן שייגעץ אָפּגעלעגן ביזן האַלבן טאָג ביי בערציקן אויפן היי־בוידעם און זיך צוגעקוקט ווי דער שינדער האָט קאַסטרירט דעם אָגער.

זינט ער האָט זיך דערוווּסט פון דער מעשה איז ירמע דוד אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. דאָס שטענדיקע, אומקלאָרע פּחד־געפיל איבערן גורל פון דעם ייִנגל, האָט אים איצט געגנאָגט שטאַרקער און פּיינלעכער. אַרויפגנבֿ'ענען זיך אויפן היי־בוידעם, כּדי צו זען ווי מען שניידט אויס אַן אָגער איז שוין נישט דאָס אייגענע וואָס שפּילן זיך מיט אַ הונט אָדער כאַפּן פייגל.

דער טאַטע האָט דאָ אָנגעהויבן אַנען, אַז די מעשה שמעקט נישט בלויז מיט קינדישן נייגער. נתן חיימ'ל איז שוין געוואָרן צוועלף יאָר. איצט ציט אים צו זען ווי דער שינדער שניידט אויס אַן אָגער, מאָרגן וועט ער זיך פאַר'גנבֿ'נען הינטערן פּלויט פון נפקה־בית און זיך צוקוקן וואָס די זעלנער טוען דאָרטן אָפּ מיט די נקבֿות...

אָבער וואָס זאָל ער טאָן? איבערשמועסן מיטן ייִנגל? וועלכער טאַטע וועט זיך נעמען אויסטענה'ן מיט אַזאַ סמאַרק? בפרט נאָך וועגן אַזוינע זאַכן! ווידער זיך מתנצל זיין פאַרן הויכן אייזיק, צו פאַר אַן אַנדער ייִד? איז, ערשטנס, לייגט זיך אים בכלל נישט די צונג צום רעדן. ס'אַנדערע, ווי קאָן מען גאָר וועגן אַזאַ מעשה רעדן מיט מענטשן? ס'איז דאָך אַ בזיון אַזוינס גאָר צו ברענגען פאַרן מויל! מיט חנה לאה'ן וואָלט ער אפשר יאָ געדאַרפט די זאַך איבערשמועסן. איז אָבער די צרה וואָס ביי איר איז קיין שענערס און בעסערס פון אירע זינדלעך גאָרנישטאָ.

אַמאָל, וואָס אַן אמת, וואָלט ער אפילו נישט געטראַכט וועגן שמועסן. ער וואָלט פּראָסט און פּשוט געפאַלן איבער דעם ייִנג און אים אַזוי מקיים פּסק געווען, אַז ער וואָלט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן אין די שטאַלן נישט צו קריכן. היינט אָבער לייגן זיך אים נישט די הענט צום שלאָגן. חוץ דעם, עס העלפט דען? קאָן מען דען מיט שלאָגן אויסגלייכן אַ בוים, וואָס וואַקסט קרום? דערצו נאָך איז ער אַליין דערשלאָגן. זינט מ'האָט לייבל משה'ן צוגענומען צו די זעלנער, איז ער שוין גאָר אויס מענטש. אַז ס'האָט נעבעך נישט געהאָלפן נישט זיין תהילים־זאָגן און נישט דעם בחור'ס פאַסטן און צערן־זיך. אַנדערע ייִנגן, וואָס פרעסן טרפֿות, שאַדט גאָרנישט. זיי דינען אָפּ און קומען אַהיים געזינטער נאָך און שטאַרקער. לייבל משה אָבער, וועט דאָרטן ווערן אויס מענטש. ער געדענקט דאָך נאָך זיין אייגענע דינסט. צוליבן היטן כּשרות האָט ער געלעבט כּמעט אויף ברויט מיט טיי און אַהיימגעקומען מיט איבערגעפּירטע געדערעם און עד היום איז ער אַ חרוב'ער מענטש.

און נישט בלויז צוליב לייבל משה׳ן. אויך דער קלענערער אברהם יאַנקל, האָט נעבעך געמוזט אוועק פון דער היים. די פּליוקעס האָבן זיך דערוואַרט אויף זייערס. ווי נאָר דער קיסר האָט זיך א נעם געטאָן צו די סטרייקערס, האָבן זיי דאָס ייִנגל ארויסגעטריבן פון שטוב. זיי האָבן זיך נישט חלילה צופרידנגעשטעלט מיטן בלויזן אָפּזאָגן אים פון אָרט, ווי אנדערע מייַנסטער האָבן דאָס געטאָן מיט זייערע געזעלן, וואָס האָבן זיך געמישט אין די אומ־רוען. זיי האָבן נאָך דאָס ייִנגל גוט אָנגעבויקערט. דער אַלטער פּליוק האָט אים געשלאָגן מיטן שוסטערישן רימען און די זינדלעך האָבן אים מכבד געווען מיט די פויסטן. ערשט דערנאָך האָבן זיי אים אריבערגעצויגן דאָס כאַלאַטל איבערן קאָפּ, געעפנט די טיר און הערשעלע, דער בכור, האָט אברהם יאַנקלען געטאָן א קאָפּ ארויס מיטן שטיוול. און דאָס מאַמעלע, די פּליוקעכע, מיטן איינגעשרומפּענעם פּנימ׳ל, ווי ר׳ צדוק׳ס פייג, איז דערביי געשטאַנען און אָנגעקוואָלן, קייענדיק, ווי א מכשפה, מיטן ציינלאָזן פּיס־קעלע: א שיינע, ריינע כפּרה!

אויך זי, חנה לאה, איז געווען דערשלאָגן פון דער מעשה. כאָטש זי האָט יאָ געהאַט לשון און זי וואָלט יאָ געקאָנט אראָפּרעדן די מורא און דעם אומרו, וואָס האָבן געגריזשעט, סיי זי און סיי יערמע דוד׳ן, האָט זי דאָך געשוויגן. וואָרום מיט וועמען זאָל זי רעדן? מיט יערמע דוד׳ן? אז איבער א ליאַדע קלייניקייט כאַפּט ער זיך שלאָגן, ווער שמועסט נאָך איבער אַזאַ זאַך? פאר ווייבער, קאָן זי אוודאי אַזוינס נישט דאַכטן. מער פעלט איר נישט נאָר מען זאָל נאָך מאַכן דעם ייִנגל א שם אז ער וואַקסט חלילה א וואָס אין די קאָרט. ס׳גלייכסטע וואָלט אוודאי געווען אריבערצוגיין צו ר׳ שבתי׳ן. ער איז דאָך פאָרט דעם ייִנגלס רבי. ווי אָבער קאָן זי, א ייִדענע, זיך אונטערשטעלן צו רעדן וועגן אַזוינע זאַכן מיט א מאַנצביל, דערצו נאָך מיט ר׳ שבתי׳ן? פאר א טאַטן פּאַסט דאָס, אָבער א מאַמע? האָט זי געשוויגן און זיך נישט געקאָנט קיין עצה־געבן.

יערמע דוד אָבער, האָט זיך שטילערהייט יאָ דערטראַכט צו אן עצה. ער האָט דאָך פון אָנהויב אָן געטענה׳ט אז שבתי מיט זיין הפקר־פּעט־רישקע איז נישט קיין מלמד פאר נתן חיימ׳לען. ווען דער רבי וואָלט גע־האַט געהעריקע השגחה איבער די תלמידים, וואָלט דער תכשיט זיך נישט געקאָנט ארויס׳גנב׳נען פון חדר און אָפּליגן מיטן שייגעץ ביז נאָך קריעת־שמע ביי בערציקן אויפן בוידעם. חוץ דעם, פריער איז דאָך געווען געבוג שלעכט, נאָר זינט ער לערנט ביי שבתי׳ן איז שוין גאָרנישט אויסצוהאַלטן. מען קאָן ביי דעם ייִנג גאָרנישט פועל׳ן. רעדן צו אים איז ווי רעדן צו דער וואַנט. וויפל ער בעט זיך נישט ביי נתן חיימ׳לען: „דאַוון הויך. לאָמיך הערן אז דו קאָנסט א ייִדיש וואָרט. וואָס טויג מיר וואָס שבתי קומט שבת נאָכן שלאָף דיך פאַרהערן אין די גמרות וואָס יעד פאַרשטייט גאָרנישט.

זאָג בעסער א קאַפּיטל תהילים הויך, וועל יעך וויסן אז פאר מיין שווער פאַרהאַרעוועט געלט קאָנסטו ווי געהעריק עברי און, איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, ווען וועסט נאָך מיר קדיש־זאָגן, וועלן יידן נישט לאַכן אין די פויסטן אריין, אז יערמע דוד׳ס זון זעצט עברי, ווי א בעקער בייגל״, הערט ער דעם אים?

מילא, פריער, האָט ער, יערמע דוד, זיך אָפּגעווישט ס׳מויל. חנה לאה׳לע האָט גע׳טענה׳ט און דער הויכער אייזיק האָט אונטערגעהאָלפן: „א פייער־דיק קעפּל״! איצט זעט מען שוין וווהין דאָס האָט געפירט. איז וואָס וועט ער נאָך וואַרטן? כל זמן דאָס ביימל איז יינג קאָן מען עס נאָך אפשר בייגן. איז ער באַלד אינדערפרי אויפגעשטאַנען אָפּגעדאַוונט און, נישט דאַכטנ־דיק קיין וואָרט, אוועק צו שבתי מלמד און אָפּגענומען נתן חיים׳ען.

דער לאָמער שבתי איז געבליבן זיצן ווייס ווי קאַלך:

— ר׳ יערמע דוד, ס׳טייטש? אין מיטן זמן? ס׳איז אייך חלילה שווער דער שכר־לימוד? איז רעכט אזוי אויך. אן עברה זאָג איך אייך. ס׳יינגל האָט בפירוש א גוטן קאָפּ.

פונקט ווי דער לאָמער שבתי איז פון דעם אומדערוואַרטן וויזיט געוואָרן בלאַס, אזוי איז יערמע דוד׳ס פּנים געוואָרן רויט, רויט ווי די רויטע באָרד זיינע. קיין ליגן קאָן ער נישט זאָגן. ווידער זאָגן דעם אמת, ער נעמט ארויס דאָס יינגל ווייל ער, ר׳ שבתי, האָט קנאַפּ השגחה, אָדער גאָר אז ער גייט דעם בחור קריק אריינגעבן צו א קליינעם מלמד, ווייל ער האָט מורא אז, נאָך אלע גמרות, קאָן דער יינג נישט קיין עברי, פּאַסט דאָך אויך עפּעס נישט, האָט ער גלאַט געשטאַמעלט:

— חלילה, עץ ווייסט דאָך אז יעך צאָל דאַנקען גאָט מלומד־געלט בתשועת חן.

— וואָסזשע דען?

— זאָגן ענק דעם אמת? — האָט יערמע דוד געטאָן א פּאַר ארויס, — יעך האָב מורא פאַר גמרא־קעפּ!

דער לאָמער שבתי איז געבליבן מיט אן אָפן מויל. ער האָט געהויבן די שמאָלע אַקסלען, דאַכט זיך א שכל׳דיקער ייד, דער יערמע דוד, און דאָך עפּעס גאָר א פּרא־אדם! שטום און פאַר׳חידוש׳ט, ווי די תלמידים ארום טיש און די רבי׳צין ביי דער פּליטע, איז ער געזעסן און געקוקט ווי דער ייד מיט דער לאַנגער, רויטער באָרד, נעמט נתן חיים׳ען ביי דער האַנט, נישט ווי א צוועלף־יאָריקן גמרא־בחור, נאָר ווי ער וואָלט געווען א קינד, וואָס מען פירט ס׳ערשטע מאָל אין חדר אריין.

געגאַנגען איבער דעם זומערדיקן פרימאָרגן מאַרק זענען ביידע, דער טאַטע מיטן זון, שטילע, שווייגנדיקע. יערמע דוד פאָראויס און נתן חיים נאָך אים. נישט דאָס יינגל האָט געוווּסט וווהין דער טאַטע פירט אים און

נישט עס וואָלט אים געאַרט ווען ער ווייסט. נאָכדעם וואָס עס איז פאָר־געקומען אין דער האלב־טונקעלער שטאַל, האָט שוין נתן חיים׳ען גאָר־נישט געאַרט. אפּאַטיש, גלייכגילטיק און מיט אַן אראָפּגעלאָזענער קאָפּ, ווי דער קאַשטאַן אין בערציקס געשפאַן, איז ער נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן אַרויף אויף די טרעפּלעך, צו הערשעלע מלמד אין חדר־אַריין.

אין דעם חדר איז איצט, אין פרימאָרגן, שוין געשטאַנען אַ טשאַד פון אויסגעלאָפענער גריץ און אַ טומל פון אַ פולער שטוב מיט פינף און זעקס־יעריקע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך קנוילן־ווייז געטאָרליערט אויף דער פּאָדלאָגע, אין אַכט־קאַנטיקע היטעלעך און צו־לאַנגע מייטקעס מיט אָפענע סטענער, פון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעשטעקט ווייַדעלעך פון די העמדלעך, ווי עקלעך ביי הינער. צוליב דער רבי׳צינס אייביקן אַרומ־שלעפּן זיך אויף די יאַרידים מיטן ביסל סיץ און סטענגעס און קנעפּלעך, איז הערשעלע, דאָס מלמד׳ל, אַ קורץ, רונדיק יידל, מיט אַ שוואַרץ בערדל, אין אַ פאַרפעדערט קאַפּל, מיט אַ גרויסן טלית־קטן און לאַנגע ציצית ביז איבער די שטיוול, געשטאַנען אַליין ביי דער פאַררויכערטער פּליטע און זיך דאַרטן געפּאָרעט ביים טעפּל מיט גריץ אויפן אָנבייסן. דערזעענדיק יערמע דוד׳ן מיטן נייעם תלמיד, האָט ער גיך אוועקגעלייגט דעם האָל־צערנעם קאָך־לעפל, גענומען גיין אַקעגן צו דער אויפגעפּראַלטער טיר און גענומען טשמאָקען מיט די ליפּן, גלייך ער וואָלט פון נעכטן אָן, ווען יערמע דוד האָט אים צו מנחה־מעריב, אין בית מדרש אָנפאַרטרויט די מעשה נורא, פון עפּעס אַנדערש נישט געטראַכט:

— אַז וואַ, וואַ, אַזוינס איז נאָכנישט געהערט געוואָרן! ר׳ שבתי׳ס אַ תלמיד זאָל נישט קאָנען קיין עברי!

נתן חיים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן דאָ אויף הערשעלען און באַלד אויפן טאַטן. עפּעס ווי אַ שאַרפער שניט וואָלט דורכ־געריסן די אַפּאַטישקייט זיינע. אים האָט געגומען קלאָר ווערן צו וואָס דער טאַטע האָט אים דאָ אַהער געפירט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער דאָ אויפ־געשפּילט די אמתע חתונה. אַרויסנעמען אים פון שבתי׳ן ווו ער לערנט גמרא מיט אַלע מפרשים און אים אַריינגעבן אין אַ חדר צווישן קינדער, וואָס לערנען קוים סידור? ניין, אַזאַ פאַרשעמונג וואָלט נתן חיים נישט אַרונטערגעשלונגען. איצט אָבער האָט ער מער ווי אַ זייטיקן בליק נישט געטאָן, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט גאָר מיט אים קיין שייכות נישט געהאַט.

פונקט ווי דער זון אויפן טאַטן, אַזוי האָט דער טאַטע אויפן זון אַ זייטיקן קוק געטאָן. אים האָט געשראָקן נתן חיים׳ס פאָלגעוודיקייט. עפּעס גאָרנישט זיין טבע. און אַהערגייענדיק האָט ער זיך דאָך געריכט אויף אַ מלחמה. צום סוף־גאָר, שאַ־שטיל, איז עס נישט אַמאָל אַ סימן, אַז ער איז געערכט? אפילו נתן חיים קומט צום שכל. אויך ער זעט שוין איין, אַז דער

טאַטע איז געראָכטס. קאָנען ווי געהעריק עברי איז בילכער איידער לערנען גמרא...

חנה לאה אָבער, די מאמע, וואָס האָט איר נתן חיים׳לען בעסער גע־קאָנט, איז צו דעם שכל נישט געקומען. דערהערנדיק וואָס ער, דער טאַטע, האָט דאָ אָפּגעטאָן, איז זי געבליבן שטיין ווי באַטויבט. פאַר א היבשע ווײַלע איז זי געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, געקוקט אויפן מאַן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט זי שטיל און מיט א פאַרשטיקט קול געפרעגט:

— יערמע דוד, ביזט חלילה חסור דעה? נעמסט און פאַרשעמסט אזוי א ייִנגל? גאָט ווייסט צו וואָס דאָס וועט אים חלילה טרייבן.

קאפיטל זעקס-און-דרייסיק

הערשעלע מלמד איז זיכער נישט געגאנגען אין די גוי׳אישע שקאָלעס און די הײַנט־מאָדישע תורות ווי אזוי זיך יאָ אומצוגיין מיט א תלמיד און ווי אזוי זיך נישט מיט אים אומצוגיין, האָט ער אוודאי נישט געלערנט. פונדעסטוועגן האָט ער מיט זיין פשוט׳ן שכל פארשטאנען, אז עס וועט נישט טויגן פלוצים א רוף צו־טאָן דעם נתן חיים׳ען: נו, בחורל, קום נאָר אָקאָרשט אהער, לאָמיר הערן וואס דו קאָנסט. אזא דרך, האָט ער גלייך איינגעזעען, וועט אינערגעץ נישט פירן. דער תכשיט איז קאפאבל אים איבערצולאָזן מיטן טייטל אין האנט און — משה זוך מיך! — האָט ער זיך נעבעך א גאנצן פרימאָרגן געשלאָגן מיט דער דעה און אלץ נישט געוווסט ווי אזוי ער וועט דאָ איינבייסן דעם נייעם תלמיד, וואס איז שוין באלד א בר־מצוה־בחור, איז ווי קאָן ער אים טאָן א זעץ־אוועק אויף איין באנק מיט זעקס־יעריקע קינדער?

אויך נתן חיים האָט נישט געוווסט וואס ער זאָל דאָ טאָן מיט זיך. גלייך ווי דער טאַטע איז אוועקגעגאַנגען און אים איבערגעלאָזן ביי דעם הערשעלען אין חדר, האָט ער געהאַט אַ געפיל זיך אויפצוהייבן און אויך אַוועקגיין, נישט אַנטלויפן, ווי ער פלעגט עס טאָן, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, נאָר ווי אַ דערוואַקסענער מענטש זיך אויפהייבן און אַוועק־גיין, ווי מען גייט אַוועק פון עפעס, וואס איז נידעריקער אפילו פון באַ־ליידיקונג. אויב ער האָט עס נישט געטאָן איז דאָס געווען בלויז, ווייל מער ווי אַ שוואַך געפיל איז דאָס נישט געווען. דער שטענדיק־שטאַרקער ווילן זיינער, איז נאָך אַלץ געווען ביי אים שטאַר און טעמפּ. דער שוידער פון שטאַל, האָט נאָך אַלץ געהויערט איבער אים און געיוירן אין אים און געהאַלטן פּאַראַליזירט זיין מינדסטן ווילן און חשק.

איז ער דעם גאַנצן פרימאָרגן געשטאַנען אין אַ ווינקעלע, אַ גלייכגיל־טיקער און באַטראַכט די תלמידים, וואָס טייל פון זיי, די גרעסערע, האָבן זיך געקליבן און אַרומגעשטעלט אַרום אים, געדליבעט מיט די פינגער אין די נעז, געביסן די נעגל און געקוקט אויף אים מיט גרויס אַפּשיי און בייגיר, וואָס ער טראָגט שוין האלבע הויזן מיט שעלקעס, בעת זיי גייען נאָך אין גאַנצע מייטקעס, מיט אָפענע סטענער, און אַרויסגעשטעקטע ווידעלעך. אַז ער איז מיד געוואָרן פון זיי, האָט ער זיך פאַרגאַפּיעט אויפן רבי׳לע, וואָס איז געזעסן אויבן־אָן טיש, אין אַ צעקנעפּלט העמד מיט א גרויסן טלית־קטן, אַן אַריבערגעבויגענער איבער אַ שיסל און געזופּט די

מילך־גריץ מיט אַזאַ אַפּעטיט און הנאה, אַז ס'האָט זיך געדאַכט אַ שוואַר־צער קאָטער כלעפּטשעט זיך דאָרטן אין דער שיסל מיט מילך.

ערשט שפּעט נאָך וואַרעמעס, ווען הערשעלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער בייער תּלמיד האָט זיך שוין אַ ביסל איינגעהיימישט, האָט ער זיך אונטערגעשטעלט און אים אַ רוף געטאָן:

— הער נאָר דו, נתן חיים, קום נאָר אַהער!

נתן חיים האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געקוקט אויף דעם ייד, ווי ער וואָלט ניט זיכער געווען, צי ער מיינט דאָס אים. דערנאָך האָט ער גענומען, צוגיין, פּאַוואָליע, גלייכגילטיק און געבליבן שטיין אַפּגערוקט פון טיש אויף גוטע צוויי טריט.

— זעץ דיך, — האָט הערשעלע אים אָנגעוויזן אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש, — ס'וועט דיר חלילה גאָרנישט אָפּקומען.

נתן חיים האָט זיך אָנגעזעצט זייטיקלעך, אַן אַ וואָרט.

דעם יינגלס שוויגן, זיין שטילע פאַלגעוודיקייט, האָט הערשעלען אונטערגעגעבן מוט:

— נו, ווי מיינסטו, וועסט וועלן לערנען ביי מיר?

נתן חיים האָט אַ הויב געטאָן די פּלייצעס. ס'איז, הייסט עס, רעכט יאָ און ס'איז רעכט נישט.

איז דאָך חלילה נישט קיין סכנות־נפשות, האָט הערשעלע אַ טראַכט געטאָן. אָט, אַ יינגל ווי אַלע יינגלעך. דאַרף מען זיך נישט שעמען און טאַקע אַ פּרווו טאָן.

דאָס מלמד'ל האָט אויסגעשטרעקט אַ האַריקע האַנט מיט אַ באַק־ענגענדיקן, אויפגעקנעפּלטן העמד־אַרבל, געעפנט אַ סידור און אים אָוועקגעלייגט לעבן נתן חיימען:

— דער טאַטע דיינער זאָגט אַז וואָסי, אַז דו ביסט עפּעס גאָרנישט שוה־בשוה מיט דער עברי. איז דאָס אמת? לאָמיר־זשע אָקאָרשט הערן.

נתן חיים האָט זייטיקלעך געוואָרפן אַ בליק אויפן אויפגעמישטן בלעטל. עס איז געווען דאָס זייטל פון ישתבח. גרויסע, פעטע אותיות, אַקוראַט פאַר דרדקי־קינדער. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם רבי'לע, ווי ער וואָלט מיטן בלויזן בליק אים געפרעגט צי ער מיינט דאָס טאַקע אויף אַן אמת, מיט אים, נתן חיימ'ען, גייט ער לערנען סידור?

הערשעלע אָבער האָט דעם יינגלס שטומען בליק אויסגעטייטשט פאַרקערט. ס'הייסט אַז דער קליינער צעגערט, ער איז נעבעך נישט זיכער מיט זיך, איז דאָך יערמע דוד גערעכט. אָפּגעהאַלטן אַ יינגל אין די גרעסטע חדרים, קאָן ער ערשט רעכט קיין עברי נישט!

— שעם זיך נישט, זאָג, — האָט דאָס רבי'לע אַ מינטער געטאָן דעם תּלמיד ביים אַקסל. — ס'שטייט בפירוש, ולא הביקשן למד!

אַט דאָס ווייכע פּאַטערלעכע רירעלע, האָט נתן חיימען אַ ברי געטאָן שטאַרקער ווי דער פייערדיקסטער פּאַטש. עס האָט אים מיט איינמאָל ווי אויפגעוועקט און אים אַרויסגעהויבן פון דער אַפּאַטיע און גלייכגילט. אויף אַ רגע האָט דער שטיפער אין אים זיך געטאָן אַ ריר און ער איז שוין גרייט געווען זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט דעם יידעלע אין קאַץ און מויז, זיך מאַכן ווי ער קאָן נעבעך נישט אַרויסברענגען קיין רעכט יידיש וואָרט. דאָס האָט אָבער געדויערט נישט מער ווי אַ רגע און דער אויפבליץ האָט זיך אויסגעלאָשן. ווידער איז ער אַרומגענומען געוואָרן פון דעם טעמפּן גלייכגילט און ער האָט אָנגעהויבן זאָגן די עברי שטיל, מאָנאָטאָן, אָן יעדן חשק.

הערשעלען האָט וויזט אויס נישט געאַרט דעם יינגלס געמיט, ער האָט זיך נאָר צוגעהערט צו דער עברי און שוין פון דער ערשטער שורה האָט ער איינגעזען, אַז נישט נאָר זאָגט דער בחור עברי קלאָר, מיט התוך־הדבור, נאָר אויך מיט געהעריקן אָפּשטעל, אַ סימן, אַז דער תנה־באַרע פאַרשטייט גאָר נישקשהדיק פּרוש־המלות.

דאָס רבי׳לע האָט פאַרמאַכט דעם סידור. ער וואָלט שוין אייגנטלעך געמעגט האָבן געגנוג פאַרהערעניש. נאָר אַז דער בחור זיצט שוין, אַלץ איינס ביים טיש, שאַדט נישט אויך א פּרווו צו טאָן מיט אים א שטיקל חומש.

כאָטש געזאָגט האָט הערשעלע גאָרנישט. ער האָט בלויז פאַרמאַכט דעם סידור און געעפנט אַ חומש. אָבער אין דעם בלויזן אָוועקלייגן איין ספר און נעמען דאָס צווייטע, האָט נתן חיים גלייך געזען, אַז עס איז שוין נישט דאָס אייגענע רבי׳לע. עפּעס איז ער מיט איינמאָל געוואָרן אַראָפּ־געפאַלן ביי זיך. גלייך ער וואָלט איינגעשרומפּן און געוואָרן נאָך קלענער ווי ער איז.

גראָד דעם רבינס אַראָפּגעפאַלנקייט האָט נתן חיימען, דעם תלמיד, שוין גאָר אויסגעטשוכעט. עפּעס איז אים צוריק געוואָרן ליכטיק אין קאָפּ. ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעשיילט פון אַ טומאַנעם רויך. עס איז צוריק אין אים אויפגעגאַנגען דער שטענדיקער שטאָלץ זיינער, וואָס איז אַזוי אייגן יינגלעך, וויל־לערנער, בפרט ווען עמעץ, אַ ליאַדע ווער, גייט זיי נעמען פאַרהערן. אַנשטאָט דעם פריערדיקן טעמפּן גלייכגילט, האָט איצט אַ קלוג, ביטול־שמייכעלע זיך צעשפּילט אין זיינע אויגן און ארום די מויל־ווינקלען. פול מיט ביטול האָט ער געקוקט סיי אויף דעם אויפגעמישטן חומש און סיי אויף דעם יידעלע. נאָר אַנשטאָט ווי תמיד, להכעיס דעם טאַטן, האָט ער נישט געוואָלט לאָזן הערן קיין יידיש וואָרט פון זיין מויל, האָט ער גראָד איצט שוין גאָר געוואָלט ווייזן דעם יידעלע, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט ר׳ שבתי׳ס אַ תלמיד און נישט עפּעס מיט אַ דרדקי־

יינגעלע. אַנשטאָט צו נעמען זאָגן עברי פון חומש'ל, ווי פריער פון סידור, האָט ער גאָר געטאָן אַ זינג אויף, האַפּערדיק און מיטן טראָפּ, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויפן באַלעמער, שבת אין בית־מדרש און גענומען לייענען די תורה פאַר אַן עדה יידן:

— ראה אנכי נתן לפניכם היום ברכה וקללה!

קיין גמרא האָט שוין הערשעלע נתן חיימען נישט פאַרהערט. צו וואָס? דער קליינער קאָן אפשר בעסער לערנען פון אים! וואָרום, וואָס איז ער דען, אַ ר' שבתי? נאָר קשה איז אים די מעשה יאָ געוואָרן. וואָס זאָל דאָ דער יערמע דוד האָבן אויסן געווען מיטן אריינבהעַנגען דעם בחור גראָד צו אים? זאָל ער האָבן געוואָלט טרייבן מיט אים ליצנות? עפּעס לייגט עס זיך נישט אויפן שכל.

אַ שטילער, עפּעס ווי אַ פאַרשעמטער, איז הערשעלע אויפגעשטאַנען פון טיש, אָנגעצויגן דעם כאַלאַט, אַרויפגעזעצט דעם פאַרפּעצטן קאַשקעט אויפן קאָפּל, געלאָזן דאָס חדר מיט די זשומענדיקע תלמידים אויף הפקר און זיך פאַרנומען אַרויס, אין מאַרק אַריין, זיך זען מיט דעם יערמע דודן און אים פרעגן: היתכן? ווי פאַלט אים איין צו נעמען אַ יינגל, וואָס איז אוודאי ראוי צו זיין דעם רב'ס אַ תלמיד און אים אריינגעבן צו אים, צו הערשעלען אין חדר?

אוודאי וואָלט דער טאַטע, יערמע דוד, געדאַרפט האָבן נחת פון הערשעלעס פּזמון. געהאָט האָט ער אָבער סאַמע האַרצווייטיק מיט קרענ־קונג. דער יינג קאָן, הייסט עס, יאָ — וואָס־זשע רייצט ער זיך מיט אים? וואָס שפּילט ער מיט אים אין קאַץ און מויז? טוט ער דאָס אַלץ כדי צו מאַכן דעם טאַטן צום נאַר?

כאָטש יערמע דוד האָט געהאַט אַ געפיל שוין אַריבערצוגיין און דעם יינג מקיים־פּסק זיין, האָט ער דאָך איינגעהאַלטן דעם כעס און איז נישט געגאַנגען. דאָס שטענדיקע געפיל, אַז דער קליינער איבערוועלטיקט אים, האָט אים איצט געמאַכט איינגאַנצן אָפּהענטיק. אפשר איז דער הויכער אייזיק דאָך גערעכט? אפשר טאָר מען טאַקע נישט מיט אַזאַ יינגל גיין מיט בייזן? אפשר? האָט ער אַראָפּגעשלונגען דעם כעס, זאָל שוין הייסט עס גיין ווי עס גייט!

נתן חיים אָבער, האָט זיין פאַרדרוס און כעס נישט געקאָנט אַרונטער־שלינגען. וואָס מער די אַפּאַטיע האָט זיך אין אים אויסגעוועפּט, אַלץ מער איז אין אים דער פאַרדרוס געשטיגן. מיט יעדן טאָג האָט זיין יונג ווערן אַלץ מער און מער דערפילט די קרענקונג און פאַרשעמונג, וואָס דער טאַטע האָט אים דאָ גורם געווען, מיטן אַרויסנעמען אים פון העכסטן גמרא־מלמד און אים אריינגעבן אין אַ דרדקי־חדר. און טאָמער וואָלט ער דאָס שוין יאָ געוואָלט פאַרגעסן, האָבן זיינע געוועזענע חברים, פון שבתי'ס חדר

און אויך יינגלעך פון אַנדערע חדרים, אים דאָס נישט געלאָזט. ווו נאָר ער איז געגאַנגען, איז מען אים נאָכגעלאָפן און אים נאָכגעשריגן: פּויער! פאַרשטאָפּטער קאָפּ! הערשעלעס תלמיד! כאָטש ס'איז געווען קעגן זיין טבע זיך צו שלאָגן, האָט ער דאָך געמוזט פאַרפירן געשלעגן מיט די יינגלעך און ווער עס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען האָט ער חוץ באַלעקן, קיינעם נישט געהאַט. נישט איינמאָל זענען זיי ביידע אַרויס פון די מלחמות מיט אויפגעשאַרפּעטע העמדער, צעריסענע הויזן און אַן אַ היטל אויפן קאָפּ.

פון קרענקונג און בושה, האָט נתן חיים אויפגעהערט צו קומען אין בית מדרש. אויך די גאַס פלעגט ער אויסמיידן. אַנשטאָט זיין אין שטאָט, ווי אַלע יידישע יינגלעך, פלעגט ער מיט באַלעקן גאַנצע טעג אַרומבלאָנקען אויף די פעלדער, פאַרקריכן צום טייך וויעפּרזש, אָדער גאָר ליגן אויף די לאָנקעס, ביים קליינעם באַן־סטאַציעלע און נאָכקוקן די אַנלויפנדיקע צוגן, וואָס פלעגן דורכשוועבן מיט געפייף און געקלאַפּ און גיך פאַרשווינדן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך ווינט און רויך און אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט אין זיין קינדיש האַרץ.

אין שטוב האָט אים קיינער גאָרנישט געזאָגט, גלייך די שטייף איינגעצויגענע לייצעס וואָלטן מיט איינמאָל געפּלאַצט. פּונקט ווי פריער האָט מען אים כסדר געהאַלטן אויפן אויג, אַזוי איז ער איצט געווען אַן השגחה. דער טאַטע האָט זיך עפּעס ווי געשעמט און אים אויסגעמיטן. אויך די מאַמע האָט זיך געמאַכט גלייך זי זעט נישט וואָס ער טוט.

בעת נתן חיים איז נישט געווען אין שטוב, האָט חנה לאה גראָד נישט געשוויגן. אין אירע תרעומות הלמאי, ער, דער טאַטע, האָט אַזוי פאַרשעמט ס'יינגל, האָט זי שוין פאַר איין וועגס, ווי תמיד, אויך געזוכט צו הייבן נתן חיימ'ס מערכה. אויב זיין לערנען אין חדר האָט זיך אַזוי אומגליקלעך געענדיקט, האָט זי געוואָלט פּועלן ביים מאַן ער זאָל לאָזן דאָס יינגל לערנען אין בית מדרש. פון לייבל משה'ן איז געוואָרן אַ בעל מלאכה. אמת אַן איידעלע מלאכה, אָבער דאָך נישט מער ווי אַ בעל מלאכה. אברהם יאנקל איז געוואָרן אַ שוסטער און ער וואָלגערט זיך שוין, אַזוי יונג נעבעך, אין דער פרעמד. טאָ זאָל כאָטש פון נתן חיימ'ען ווערן אַ שטיקל לייט. מ'זאָגט דאָך פאָרט, אַז ער האָט אַ גוט קעפּל!

נתן חיים האָט אָבער נישט געטראַכט פון לערנען אין בית מדרש און אוודאי נישט פון ווערן אַ רב, ווי די מאַמע וואָלט דאָס געוואָלט. ווי תמיד קינדער, וואָס ווערן געלאָזן אויף אייגענעם באַראַט, האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן פילן אחריות פאַר אייגענע טואונגען. טאַקע ווייל קיינער האָט אים גאָרנישט געזאָגט, איז אים גיך דאָס הפקר'דיקע פּוסט־און־פּאַסעווען געוואָרן נמאס. מיט יעדן טאָג האָט ער אַלץ מער איינגעזען, אַז ס'איז

נישט קיין תכלית צו ליגן אויף די לאַנקעס און גאַפּיען אין הימל אריין.

וואָס אָפּטער נתן חיים איז געקומען צום באַן־סטאַציעלע, אַלץ שטאַר־קער איז אין אים געוואָרן דער חשק צו אַנטלויפן, די בענקשאַפט צו פאָרן, אָט, ווי אברהם יאַנקל איז איינמאָל, שטילערהייט, אוועקגעפאָרן. צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט צו פאָרן איז אין נתן חיימ׳ען געשטיגן די פיינטשאַפט צו דער שטאָט, צו דער היים, צום טאַטן, וואָס א גאַנץ לעבן שלאָגט ער זיך מיט אים אַרום. אַלע קלעפּ, אַלע יאָגענישן, אַלע בזיונות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיין יונג לעבן, זענען איצט אין א ים אויפגעגאַנגען און געגנאָגט און געמאָנט און געטריבן, אוועק! אוועק פון דער היים! אוועק פון דער שטאָט, אוועק פון דעם גאַנצן אַרום!

ווי אברהם יאַנקל נאָך פסח, אַזוי האָט ער אין מיטן זומער, זיך געגנבֿ־עט גרייטן אוועקצופאָרן פון דער היים, אין דער פרעמד אריין, זיך לאָזן אויף אייגענעם באַראָט און אייגענער אחריות. ווי אברהם יאַנקל האָט ער אויך אויסגעקליבן נעלם צו ווערן אום שבת. און ווי אברהם יאַנקל האָט ער אויך זיין טלומיקל געמאַכט אין א נאָז־טיכל. בגנבה האָט ער זיך פאַרפּאַקט צוויי העמדלעך, א טלית־קטן, אַניצקעס אין די שטיוול אריין און דאָס קליינע סידור׳ל, וואָס ער האָט זיך געקויפט פאַר אייגן געלט ביים מוכר־ספרים. ער האָט אויך מיטגענומען דעם טאַטנס תפילין אין בלוי־סאַמעטענעם זעקל. ער דאַרף נאָך אפילו נישט די תפילין. ער איז נאָך נישט בר־מצוה, ער וועט זיי אָבער אינגיכן דאַרפן און ס׳איז נישט גלייך זיך צו לאָזן אין וועג־אריין אָן א פאָר תפילין. בלויז אין געלט האָט ער נישט געקענט נאָכטאָן אברהם יאַנקלען. דער עלטערער ברודער איז שוין געווען א געזעלן און ער האָט געהאַט אייגן געלט. ער אָבער, נתן חיים, האָט געמוזט בגנבה זיך צוקריגן צו דער מאַמעס וואָכעדיקער ספּודניצע און פון דער קעשענע אַרויסנעמען צוואַנציק גראָשן, די איינציקע צוויי קופּערנע צענערס, וואָס זענען איר געבליבן פון שבת־מאַכן און מיט דעם, אָן א זיי־געזונט, זיך אַרויסשלייכן פון שטוב, פון הויף, פון דער שטאָט!

עס איז דענצמאָל געווען א פאַרנעֶר שבת פאַרנאַכט. אין די טונקעלע שטיבער, ביי שלוש־סעודות׳דיקע טישן, איבער געבליבענע ושטיקלעך קוילעטש מיט א ווײַדעלע הערינג, זענען געזעסן יידן און דבקות׳דיק גע־זונגען: יהון הכא, בהאי תכא, דבא מלכה בגלופין. אין די קיכן, שטילע, מיט טרויעריקע געזיכטער צום בין השמשות׳דיקן דרויסן, זענען געזעסן מאַמעס און באָבעס, געטוליעט צו זיך די קליינע קינדער און געפּרעפּלט: גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב. הינטער דער שטאָט, אויפן ברייטן שאָסיי, האָבן שטיל און פאַרטראַכט געשפּאַצירט יונגע פּאָרלעך און מיט בענקשאַפט אַרויסבאַגלייט די מלכה שבת אין אירע וואָכעדיקע וואָג־לענישן אריין. ביים זייט פון וועג איז געשטאַנען דער צלם, א צעפוילטער

פון רעגן, א געבויגענער פון ווינט. מיט א פארוואָרפענעם קאָפּ און צע־שפּרייטע הענט איז געהאָנגען דאָס יויזל. שטאָר און מיטן בערדל ארויף האָט ער געבליקט אין דער פארנאכטיקער בלויקייט, ווו א וואָכעדיקער שטערן האָט אויפגעבלינצלט אויף דעם שטיל־פאר׳חלום׳טן, שבת׳דיקן הימל. הימל.

נתן חיים האָט געצויגן פון שטאָט גיך און זייטיקלעך, ווי א גנב׳ל, וואָס היט זיך נישט באמערקט צו ווערן. אונטערן קאפּאָטקעלע האָט ער געהאלטן דאָס טלומיקל. ער איז געגאנגען גיך און מיט אימפּעט און אלע ווײַלע זיך אומגעקוקט צי באָלעק, דאָס חבר׳ל זײַנס, דער איינציקער, וואָס האָט געוווּסט פון זײַן נעלם ווערן, קומט נקשט אונטער. ערשט אין מיטן וועג, א שטיקל נאָכן צלם, האָט דאָס שגצ׳ל אָנגעיאָגט. דאָס באָרוויסע ייִנגל, אין בלויזן קאָפּ, איז געווען פארשוויצט פון לויפן און ער האָט שווער געאָטעמט. נתן חיים, אין די אייביק צו־גרויסע שטיוול, האָט פארהאלטן דעם טראָט. די צוויי חברים האָבן זיך אויסגעגלייכט, אקסל צו אקסל און גענומען גיין צוזאמען, שטיל, אָן א וואָרט.

ביים סטאציעלע זענען ביידע געבליבן שטיין. באָלעק האָט געהאט טרערן אין די אויגן. שטיקנדיק דאָס געוויין אין זיך, האָט ער נתן חיים׳ען געבעטן:

— פאָר נישט, איך בעט דיך, נאָסקע, פאָר נישט.

נתן חיים האָט נישט געענטפערט. ער האָט געקוקט אוועק, אין דער טונקעלער בלויקייט, אויף די צונויפגעטוליעטע ביימער, אויף די שטיל־איינגעשלאָפענע קאָרן־פעלדער, אויף די קאלטע, גלאנציקע, איינזאמע רעלסן, וואָס ציען אין א האלב־רונד אוועק, ווייט, ווייט!

א נאָגנדיקע הוילקייט אין נתן חיים׳ען אָנגעשטאנען אונטערן לעפעלע. זײַן קינדיש הארץ האָט געוויינט צוזאמען מיט דער גריל אין די טיפע, אייגענע גראָזן, צוזאמען מיט דער זשאבע פון היימישן וואסערל ארויס.

ס׳איז געוואָרן נאכט. אין דער ווייט האָט אויפגעלויכטן א פייערדיק אויג. די לופט איז געוואָרן פול מיט סיקען און פרייכן פון אָנקומענדיקן לאָקאָמאָטיוו. נתן חיים האָט זיך געטאָן א שטרעק־אויס די האנט:

— זײַ געזונט, באָלעק!

— פאָר מיט גאָט, — האָט דאָס חבר׳ל אים געענטפערט און זיך אוועק־געדרייט, ער זאָל נישט אויסברעכן אין א געוויין.

די באן האָט זיך אָפּגעשטעלט. די וואגאָנען האָבן זיך צונויפגעקלאפּט. לאנג און באנג האָבן נאָכקלאנגען פון די קלעפּלעך זיך געטראָגן אין שטילן, נאכטיקן ארום. אָפן זענען געשטאנען די ברייטע רוק־טירן פון די רויט־לעך־געפארבטע פראכט־וואגאָנען, טונקעלע, שבת־ליידיקע פערטע קלאס וואגאָנען.

נתן חיים האָט זיך געטאָן א צי אויף א טרעפּל. דער צוג האָט געטאָן א פּייף און געגומען גיין. צום ערשט פּאַוואָליע און באַלד גיך און גיכער. אין דער אויפגערוקטער טיר האָט נאָך נתן חיים געזען באַלעקן, ווי ער שטייט דאָרטן און פאָכעט אים נאָך מיט דער האַנט. באַלד איז ער פאַר־שוואונדן און ביימער האָבן זיך גענומען דרייען, די ערד איז געלאָפן אויף קריק, אהינטער, אהינטער! די רעדער האָבן נאָגנדיק געקלאַפּט. טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! נתן חיים איז פארקראָכן אונטער א באַנק און זיך ביטער צעוויינט.

מיינע דעמבלינער לאנדסלייט — די בני שאולכל
און אויך מיינע נאענטע פריינט — אלע אין
פאריז, מיין דאנק פאר זייער מיט-הילף אין
ארויסגעבן דאס דאזיקע בוך

ב. דעמבלין

ביכער פון זעלבן מחבר:

אויפן שוועל, פארלאג קולטור ליגע, ווארשע 1933
וועסט־סאיד, מאקס נ. מייזיל, ניו־יאָרק 1938
וועסט־סאיד אין עברית־איבערזעצונג פארלאג „דעת" ת"א 1954
צוויי און א דריטער, „מתנות", ניו־יאָרק 1943